STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04653

BOSTON

Upton Sinclair

Permanent preservation of this book was made possible
by Eliyana R. Adler, Stephen E. Bickel and Rana & Maya Bickel
in memory of
Shlomo & Yetta Bickel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אײפּטאָן סינקלער

באסטאן

(די טראַגעדיע פון סאַקאָ און וואַנצעטי)

ראָמאַן

איבערגעזעצט:

מארק פאָגעלמאַן

רעדאַגירט: שמואל זאַראָמב.

פאַרלאַג י. א. צוקער, וואַרשע

1930

Upton Sinclair
Boston

Printed in Poland

Upton Sinclair — Boston

Wyd. Sz. Cukier Warszawa, Dzielna 18

Druk „Di Welt" Warszawa, Nowolipie 7

באָסטאָן / ערשטער בוך

אינהאַלט פון ערשטן בוך

פאָרוואָרט 7

קאַפּ.

I דער באָבעס אַנטלויפן 11

II דער פּלימוט-פעלז 66

III דער רויטער דאַגאָ 120

IV יונג-אַמעריקע 158

V די רעטנדיקע מינדערהייט 219

VI ווייסער טעראָר 268

VII די טעג פון גרוש 317

הקדמה

דעם באַשלוס צו שרייבן דעמדאָזיקן ראָמאַן האָב איך אָנגענומען דעם 22־טן אויגוסט 1927 ניין אַ זייגער מיט פופצן מינוט אין אָוונט (פּאַציפישע צייט). די אָנרעגונג דערצו איז געווען די טעלעפאָנישע ידיעה פון אַ רעדאַקציע, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי זענען טויט. דער מחבר האָט געהאַלטן, אַז די וועלט וועט וועלן וויסן דעם אמת וועגן דערדאָזיקער געשעעניש, און זיין השערה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק: פון פינף וועלט־טיילן האָט אַ שטראָם געטון איבער אים אַ מבול פון טעלעגראַמען און בריוו, מיט דער פאָדערונג צו טון דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן.

אַ „היסטאָרישער ראָמאַן פון דער קעגנוועדטיקער צייט" איז אַן אומגעוויינלעכע קונסט־פאָרם און נויטיקט זיך געוויס אין אַן ערקלערונג. וואָס שייך די צוויי הויפּט־העלדן פון דעם ראָמאַן, ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי, איז דאָס דאָזיקע בוך נישט קיין שום ערפינדונג, נאָר גיכער אַ פּרווו צו שרייבן געשיכטע; אַלצדינג, וואָס זיי טוען און האַנדלען אין דעם דאָזיקן ווערק האָבן דידאָזיקעביידע העלדן ווירקלעך געטון און געהאַנדלט. אַלץ וואָס זיי האָבן זיך דאָ אויסגעדריקט איז אַרויס־

גענומען פון די בריוו*) פון זייער אייגענער האַנט אָדער פון די ידיעות פון זײַרע פריינט און נאָענטע. דידאָזיקע פריינט און נאָענטע טרעטן אַרויס אין עטלעכע העלדן אונטער זייערע אמתע נעמען.

די גאַנצע האַנדלונג, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די קרייזן פון מסחר און פינאַנסן און באַגלייט די געשעעניש פון סאַקאָ און וואַנצעטי אין משך פון דעם גאַנצן בוך, איז אַן אויסשניט פון דער געגנוואַרטיקער געשיכטע פון באָסטאָן. זי האָט אַ שייכות מיט אַ באַרימטער אַפערע, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק באַשעפטיקט דעם געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די העלדן אָבער, וואָס שפּילן אַ ראָל אין אָט דעם טייל פון דער דערציילונג, אויך אַלע אָנגעהעריקע צו דער פאַמיליע טאָרנוועל — זענען אויסגעטראַכט, אָדער אַזוי צוזאַמענגעמישט און פאַרדרייט זייערע כאַראַקטער־שטריכן, זייערע אויסערלעכע סמנים און זייער פאַמיליענגעשיכטע, אַז קיינער וועט זיך נישט קענען פילן באַליידיקט.

אין משך פון די לעצטע פינפאונצוואַנציק יאָר האָט דער מחבר באַזוכט פון צייט צו צייט באָסטאָן. זיין ערשטע נסיעה אין דערדאָזיקער שטאָט האָט געהאַט אַ שייכות מיט דעם ראָמאַן „שקלאַפעריי", און האָט געפירט צו דער באַגעגעניש מיט די העלדן פון באָסטאָנס פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ שטייגער טאָמאַס ווענטוואָרט הידזשיסאָן, פראַנק ב. מ. סענבאָרן, יוליאַ וואָרד האָווע. שפּעטערדיקע באַזוכן אין באָסטאָן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט די ווערק „מעשענער צייכן", „גענזן־טריט" און „פּעטראָלעום".

---

*) אַלע ציטירטע בריוו פון סאַקאָ און וואַנצעטי זענען עכט. זיי זענען בלויז אַדרעסירט צו אַנדערע פּערזאָנען, ווי אין ראָמאַן.

האָבן געענדערט אַ סך אָנגעגעבענע געשיכטלעכע השערות, און דאָס וועט פאַר מענטשן, וואָס זענען קענער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, נישט זיין אָן אינטערעס. איך מוז אָבער באַלד ביים אָנהייב זאָגן, אַז אַלצדינג אין באָסטאָן, וואָס איז באמת גרויס און איידל, געפינט אין דעמדאָזיקן בוך זיין פולע אָנערקענונג. דידאָזיקע שטאָט האָט איר רום אויף קיין פאַל נישט צו פאַרדאַנקען אירע הערשער, נאָר אַ „ראַטעווענדיקע מינדערהייט״ פון אידעאַליסטן ; דידאָזיקע מינדערהייט לעבט נאָך דאָרט ביזן היינטיקן טאָג און איז בשום אופן נישט אומטעטיק.

דער ראָמאַן איז נישט אונטערגענומען געוואָרן אין צו־שטאַנד פון פאַרביטערונג ; פאַרקערט, דער מחבר געדענקט גאַנץ גוט, מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און הנאה, יענע באָסטאָנער באַאַמטע, וואָס האָבן געמאַכט אַזאַ שיינע רעקלאַמע פאַר „פעט־ראָלעום״, אַז זי האָט אַרומגעקרייזט עטלעכע מאָל די וועלט. זיי, דאַרף מען עס צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז נישט שולדיק קיין געלט זיינע דרוקער, — צום ערשטן מאָל אין די פינפאונ־צוואַנציק יאָר, זינט ער מוז זיין זיין אייגענער פאַרלעגער. דאָ איז געמאַכט געוואָרן אַן ענלעכער פרווו, פאַרצושטעלן געגנוי אַ קאָמ־פליצירטע געזעלשאַפט, ווי זי איז. די דערציילונג פאַרמאָגט נאָר איין העלד : דעם אמת ; די העלדינס זענען צוויי פרויען, איינע אַן אַלטע, די צווייטע אַ יונגע,ביידע פול מיט דער גליענדיקער שטרעבונג נאָך דעם אמת. איך מוז אפשר צוגעבן, אַז קאָרנעליע, די העלדין פון דער דערציילונג אין דער אמתן אַ זעקסאונ־אַכציק־יעריקע דאַמע, איז זינט אַ סך יאָרן באַפריינדעט מיט מיר ; אין עלטער פון זעכציק יאָר איז זי אַנטלאָפן פון איר פאַמיליע, ווי איך האָב עס באַשריבן אין דעם בוך. פונדעסט־וועגן האָט דידאָזיקע פרוי נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן

געשעעניש פון סאַקאָ און וואַנזעטי, זעצט די דאַמען, וואָס האָבן זיך ווירקלעך יאָ אַריינגעמישט אין דעם פאַל מיט סאַקאָ און וואַנצעטי, קענען נישט אויפווייזן קיין שום ענלעכקייט מיט קאָרנעליען, וואָס איך באַשרייב דאָ.

וואָס שייך צו מיין באַהאַנדלונג פון דער סאַקאָ־ און וואַנצעטי־געשעעניש גופא, האָב איך נישט נאָר פאַרגליכן אַלע דאַטן מיט די דערגרייכבאַרע דאָקומענטן, נאָר איך האָב געלאָזט קאָנטראָלירן דעם כתב־יד פון אַ גאַנצן טוץ פערזאָנען, וואָס האָבן שטודירט די געשעניש אין משך פון די לעצטע אַכט יאָר. אַלצדינג, וועגן וואָס עס קען נאָך זיין אַ געוויסער ספק, האָב איך פאָרגעשטעלט אין דעמדאָזיקן זין, אַזוי, אַז מיין שילדערונג קען נישט ליידן פון קיין שום באַדייטנדיקן חסרון.

איפּטאָן סינקלער

קאַפּיטל I

דער באָבעס אַנטלויפן

I

דאָס שטוב־מיידל האָט געטראָפן אינדערפרי דעם אַלטן יהושע, זיצנדיק ביי זיין שרייב־טיש. זיין קאָפּ איז פאַרזונקען געווען אין די הענט. מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער דרימלט. זיין מיטאָג־אָנצוג האָט עדות געזאָגט, אַז דער אַלטער האָט זיך גאָרנישט געלייגט שלאָפן. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און שטילערהייט אים אָנגערופן ביים נאָמען. דאַן איז זי פּלוצלונג אַוועקגעלאָפן צו עדיקסן, דעם אַלטן דינער, וואָס האָט געהאַט די זכיה, אַריינצוגיין צו זיין הער אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש. ער האָט אַ טאַפּ געטון די האַנט פון זיין באַלעבאָס און פעסטגעשטעלט, אַז זי איז קאַלט. מ'האָט באַלד אויפגעוועקט קאָרנעליען און איר אָנגעזאָגט איר דערליידזונג.

שוין אַ סך יאָרן, ווי זי האָט דאָס רעכט צו וואַרטן אויף דעם. איצט, אַז ס'איז געשען, איז עס איר אויסגעקומען צו שפּעט. ס'האָט זי אַרומגענומען אַ פּחד, אַן אומבאַשרייבלעך געפיל פון איינזאַמקייט. ווי אַזוי וועט זי דורכמאַכן דאָס לעבן אָן אַ מאַן, וואָס דיקטירט? וואָס וועלן אירע אייניקלעך אָנהייבן צו טון אָן יהושען, וועלכער האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די אַלטע טאָרנוועל־טראַדיציע?

אָבער זי האָט נישט געוואָלט פאַרראַטן אירע געפילן

פאַר דער דינערשאַפט. זי האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך איר שלאָפראָק און גיך אַראָפּגעגאַנגען אין איר מאַנס קאַבינעט.

— רופט דעם דאָקטאָר מאָרו! — האָט זי באַפוילן דעם דינער — און גיט צו וויסן דעם הער דזשעמס אָדער דער פרוי קלאַרע.

איר יונגסטע טאָכטער, די פרוי פון דזשעמס סקאָטער־ברידזש, האָט געוווינט אויף אַ נחלה. די ווילע האָט מען גע־קענט זען פונדערווייטנס צווישן די בוימער. אין דערדאָזיקער שעה איז מסתמא קלאַרע פאַרנומען מיט איר זיבן קעפּיק בני־בית, און דזשעמס טוט זיך אָן, צו גיין אין דער שפּינערײַ צו דער אַרבעט. ביידע האָבן איצט געלאָזט אַלצדינג שטיין און זענען געקומען צולויפן, כּדי פאַרלייכטערן קאָרנעליען די ערשטע זאָרג.

אין משך פון דריי פיר מינוט איז שוין די טאָכטער געווען אין שטוב; ווי תּמיד, איז זי געווען אומגעווײנלעך איבערגענומען פון געפיל. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען איינע פון אירע זיבן קינדער. זי האָט תּמיד אויסגעפּילט דעם חלל, ווי איר קליינוואַרג. זי האָט נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען, ווי זיי, און אירע געדאַנקען זענען, פּונקט ווי בײַ זיי, איבערגעשפּרונ־גען פון איין קליינעם ענין צום אַנדערן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט זי געהאַט אַן אויס־געשפּראָכן געפיל פאַר טאַקט און זי איז געווען געטראָפן דער־פון, וואָס זי האָט נישט געפונען קיין טרערן אין איר מוטערס אויגן.

דזשעמס סקאָטערברידזש איז מיטגעקומען מיט איר. ער האָט געהייסן דעם מת איבערטראָגן אין די אויבערשטע צימערן, טעלעפאָנירט צו זײַנע ביידע שוואָגערס און זיי צו וויסן געטון פון דעם אומגליק; דאַן איז ער צו צו קאָרנעליען.

— דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן וועגן דער לוויה, מאַמע, מיר וועלן שוין אַלצדינג זען, אַז ס'זאָל זײַן אין אָרדענונג.

דזשעמס איז געווען אַ סאָלידער מענטש, אינערלעך און אויסערלעך אַ סוחר, אַ פּשוטער מענטש מיט פּשוטע געדאַנקען, פרײַ פון דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן קאַפּריזן. ער האָט אָנ־געפירט מיט די גרויסע שפּינערײַען אונטן אין טאָל. און אַזאַ

ליינע געקשעעניש, ווי אַ קבורה, איז לחלוטין נישט געווען פאַר אים קיין טרחה.

איך וועל זיך פאַרשטענדיקן מיט האָבסאָנס לוויה-אינסטיטוט. מען וועט זיך שוין אויך מוזן זאָרגן וועגן דער פרעסע.

ער האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, און קלאַראַ האָט, אויסווישנדיק זיך די טרערן, אָפּגעווענדט דעם שמועס אויף דער שניידערין, וועגן די טרויער-קליידער פאַר איר און פאַר איר מוטער.

קאָרנעליע האָט איינגעזען, אַז מען מוז שמועסן וועגן די זאַכן:

— אָבער קלאַרע, איך האָב נישט בדעה צו טראָגן אַ שלייער.

— אָך מאַמע, צי האָט מען שוין דען געהערט אַזעלכעס?

קלאַרעס גרויסע, כינעזישע, פאָרצעליי-בלויע אויגן זענען געוואָרן נאָך גרעסער און קיילעכדיקער, ווי פריער:

— איך וויל נישט זיין קיין אינדישע אלמנה און שפּרינ-גען אויפן שייטערהויפן.

— מאַמע, מאַך נישט אויף ביי מענטשן די מיילער. דו טאָרסט זיך בשום אופן נישט דערלויבן צו זיין אַזוי עקסצענ-טריש!

— פאַרוואָס, ליב קינד?

— ווייל די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז דו ביסט נישט גע-ווען גליקלעך מיטן טאַטן. דו האָסט אים נישט ליב געהאַט.

— און צי דערפאַר, וואָס איך האָב אים נישט ליב געהאַט, מוז איך טון אַזוי, ווי איך וואָלט אים יאָ ליב געהאַט?

— אָבער מאַמע, מיר ווילן דאָך נישט, אַז מענטשן זאָלן וועגן אונז רעדן. דעמדאָזיקן לעצטן חסד ביסטו אים נאָך באמת שולדיק.

אין קאָרנעליעס צימער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. איר עלטסטע טאָכטער דבורה האָט גערעדט:

— מאַמע! העני און איך קומען תיכף צו גיין. אין אַ שעה אַרום זענען מיר ביי דיר. איך וויל נאָר זיכער זיין,

אַז דערווייל וועט מען נישט אָפּטון אַלצדינג אָן אונז.

— וואָס מיינסטו דערמיט, מיין קינד?

— איך מיין, די לוויה.

— דזשעמס וויל זיך פאַרשטענדיקן מיט האָבסאָנען.

— אַך, מאַמע, ווי שרעקלעך, צי ווייסטו דען נישט, אַז קיינער גייט נישט צו האָבסאָנען?

— איך ווייס וועגן דעם גאָרנישט, טייערע דבורה.

— יאָ, איך ערלויב מיר, אַרויסצוזאָגן זיך, אַז מיר דאַרפן איינאָרדענען די לוויה, אָן דער אַריינמישונג פון אונזערע הערן שוואָגערס. קלאַרע האָט נישט קיין פּיצל געשמאַק, זי הערט זיך צו צו יעדער זאַך, וואָס דזשעמס זאָגט, און זי פירט דערצו, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אויף אונזער גאַנץ לעבן דעם שטעמפּל פון זיין גראָבקייט. זיי אַזוי גוט און זע, אַז דידאָזיקע האָבּסאָנס זאָלן נישט אַריינקומען צו אונז אין שטוב.

— טייער קינד, — האָט געזאָגט קאָרנעליע — איך וועל טון ווי אַלעמאָל, און אין אַ מחלוקת צווישן מיינע קינדער וועל איך מיך נישט אַריינמישן.

און זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן-טרייבל.

עס איז איר געווען קלאָר, אַז דאָ האָט זיך נישט גע-האַנדלט אויסשליסלעך וועגן דעם יחוס פון דעם לוויה-באַזאָרגער. צווישן אירע קינדער האָט געהערשט אַ פאַרביטערטער, טיפער קאַמף, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט ענדיקן. דבורה און אַליקס, ביידע עלטערע קינדער האָבן געהאַלטן, אַז קלאַרעס מאַן האָט זיי באַשווינדלט אין זייער ירושה-טייל, און האָבן אויסגעפונען, אַז קלאַרע האָט אַליין מיטגעהאָלפן צו דעמדאָזיקן פאַרראַט, כדי צו ראַטעווען איר מאַן פון אונטערגאַנג. די טאָרנוועלער טעקסטיל-פאַבריק האָט אַמאָל אָנגעהערט בלויז צו די טאָרנוועלס: זי איז געגרינדעט געוואָרן פון יהושעס פאָטער און פאַר-ברייטערט געוואָרן דורכן זון. דזשעמס סקאָטערברידזש איז דאָרט געווען אַ קליינער אָנגעשטעלטער. אָבער דזשעמס האָט זיך אַרויפ-געאַרבעט, און בעת דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון 1907, ווען ס'איז נויטיק געווען אַ רעאָרגאַניזאַציע, איז ער געווען דער, וואָס

האָט פאַרדינט דעם צוטרוי פון די דירעקטאָרן און באַנקירן, אַזוי, אַז איצט איז אַ גרויסער טייל אַקציעס, וואָס האָט געדאַרפט געהערן צו דער גאַנצער פאַמיליע, געלעגן באַהאַלטן אין זיין פּריוואַטער קאַסע.

דער אַמאָליקער אָנגעשטעלטער האָט דעמדאָזיקן ענין נישט נאָר נישט געבּרענגט אין אָרדענונג, נאָר האָט נאָך חתונה געהאַט מיט יהושעס יונגסטער טאָכטער. עס איז געווען אַ סקאַנדאַל, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען. נאָך אין דריי דורות אַרום וועט מען הערן רעדן שטילערהייט אין דער באָסטאָנער געזעלשאַפט:

— אָבער מיינע ליבע, איר האָט נאָך נישט געהערט וועגן דער געשיכטע? דערדאָזיקער סקאָטערבּרידזש איז פריער געווען אַ קליין שרייבערל. אין זייער פאַבריק אָבער האָט ער דאָס גאַנצע פאַרמעגן אַזוי געשלעפּט צו זיך, אַז מען האָט אים געמוזט נעמען פאַר אַן איידעם, כּדי דאָס גוטס זאָל פערבּלייבּן אין דער משפּחה!

די איבעריקע ביידע איידימס האָבּן אַפּנים נישט געוואָלט רייך ווערן אויף אַזאַ אופן. רופּערט אַלווין איז געווען אַ באַנקיר וואָס, אויב זיין פאַרמעגן איז נישט געוואַקסן מיט אַ מיליאָן אין, אַ יאָר, האָט ער עס געהאַלטן פאַר היזק; און קאָרנעליע האָט געהערט, ווי העגרי קאַבאָט ווינטערס, דער אַדוואָקאַט, האָט זיך באַרימט, אַז די סומע פון די געווונענע פּראָצעסן אין זיין ביוראָ באַטרעפט קיינמאָל נישט ווייניקער, ווי פינפאונצוואַנציק מיליאָן. אָבער דערדאָזיקער געיעג נאָך געלט איז מסתמא געווען אַ ספּאָרט, מיט וועלכן מען קען זיך נישט אָנזעטיקן. רופּערט און העגרי, ביידע צוזאַמען, וואָלטן גערן מיט איינמאָל איינ-געשלונגען זשערי וואָלקערס פּילץ-פאַבריק, צוזאַמען מיט דער טאָרנוועלער טעקסטיל-פאַבריק; זיי האָבּן געהאַט שטעקן זייערע פינגער אין אַ ריזיקער צאָל אונטערנעמונגען, וואָס קאָרנעליע האָט גאָרנישט געקאָנט אויסרעכענען; זייערע נעמען זענען געווען פאַר איר, ווי די נעמען פון די שלאַכט פעלדער, פון וועלכע

זי האָט תּמיד געהערט דערציילן, אָבער זי האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזוכט אויף דער לאַנד־קאַרטע.

II

דר. מאָרו איז אַריינגעקומען, אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע, מיט אַ ראָזן פּנים, זילבער־ווייסע האָר, מיט שאַרף־צוגעשוירענע עלעגאַנטע, ווייסע וואָנסעס, מיט אַ בלימל אין לאַץ; זיין אַריינקומען האָט אַלעמען איבערצייגט, אַז אַ גוטע דערציונג האַלט אָפּ אַ נצחון איבער מאָראַלישער אונטער־שטעליקייט. ער איז צוגעגאַנגען צום גרויסן הימל־בעט, געטאַפּט די קאַלטע הענט, צוגעהערט זיך צום האַרצן, וואָס האָט שוין נישט געקלאַפּט, און דאַן זיך געווענדעט צו דער אַלמנה:

— נו, פרוי קאָרנעליע, דער גוטער יהושע האָט געלעבט פערצען יאָר לענגער, ווי די ביבל האָט אים צוגעזאָגט. מיר דאַרפן זיך, הייסט עס, נישט באַקלאָגן.

דר. מאָרו האָט געוווּסט, אַז זיי ביידע האָבן זיך נישט ליב געהאַט.

קוים האָט דער ענערגישער דזשעמס באַקומען די פאַר־זיכערונג פון זיין שווערס טויט, האָט ער שוין צווויסן געטון יהושעס סעקרעטאַר, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דער פרעסע. טייל צייטונגען ווערן זייער פרי געדרוקט און ס׳האָט נעדאַרפט דויערן אַ שטיקל צייט, דידאָזיקע וויכטיקע געשעעניש פאַרצו־שטעלן אויף אַן אָרענטלעכן אופן. דער סעקרעטאַר האָט געזאָלט אָנהויבן מיט דעם „טראַנסקריפּט“, דער לייב־אָרגאַן, פון אַלע פאַמיליעס, וואָס מ׳האָט זיך גערעכנט מיט זיי אין מאַסאַטשוסעטס. ביידע צינגער האָבן געשמועסט, אַז די שטערבלעכקייט פאַר־גרעסערט זיך זייער שטאַרק אין די פרייטיקן, און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל די אויסדערוויילטע פון דער געזעלשאַפט ווילן האָבן זייערע נעקראָלאָגן דווקא אין דעם שבתדיקן נומער פון דער צייטונג.

דערווייל האָט דער ענערגישער דזשעמס מיט דעם נישט

ווייניקער ענערגישן שעף פון דעם האָבסאָנישן לוויה־אַנשטאַלט, פאַרשלאָסן זיך אין יהושעס קאַבינעט און ביידע הערן האָבן שוין געהאַלטן ביים דורכקומען: מען מוז מאַכן אַ גרויסאַרטיקע לוויה, מיט דער גאַנצע פּאָמפּע און אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל ברענגען כּבוד און אָנזען דער געזעלשאַפט, וואָס דער טויטער איז געווען איר מיטגליד. די פאַמיליע איז גענוג רייך, אַז זי זאָל זיך קענען פאַרגינען דאָס טייערסטע. אָבער מען מוז נעמען אין אַכט, אַז זי מוז וויסן, פאַרוואָס זי צאָלט. הער האָבסאָן האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און פאַרזיכערט, אַז ער באַגרייפט דורכ־אויס הער סקאָטערברידזשס שטאַנדפּונקט. ער קען נישט איינזען, פאַרוואָס מ׳זאָל נישט באַהאַנדלען אַ לוויה, ווי יעדער אַנדער געשעפטלעכן ענין. פאַרשטייט זיך, אַז זיין פירמע פאַרשטייט די באַדייטונג פון געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש פון דער טאָרנוועל־פאַמיליע, און זי איז גרייט זיך צוצופּאַסן צו אירע פאַרלאַנגען. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ קאַטאַלאָג מיט מוסטער־צייכענונגען פון טרומנעס, און ער האָט אים דערקלערט, אַז קינסטלעריש־מאָדע־לירטע טרומנעס פון פאַלירטן בראָנז זענען זייער דויערהאַפטיק, מען קען זיי באַקומען פאַר אַן ערך פון אַ פינפאונצוואַנציק טויזנט דאָלאַר. דזשעמס סקאָטערברידזש האָט אַזש אַ ציטער געטון, ער האָט זיך אָבער באַלד געפּאַסט און זיין פּנים האָט לחלוטין גאָרנישט פאַרראַטן פון זיין פלעבעישער איבעררא͏ַשונג.

דערווייל איז דבורה טאָרנוועל אַליין אַרויסגעקומען פון איר לימוזינע, ווי תּמיד, אויסגעפּוצט צו דער לוויה, וואָרום זי פלעגט זיך שטענדיק אָנטון אין שוואַרצן, אַ חוץ אַ ווייסן שטרייף אַרום איר האַלז און אין צוויי שניר ווייסע פּערל. זי האָט פאַרמאָגט די מאָגערע שטרענגע שטריכן פון איר פאָטער, און זי איז געווען זיין פאַרטרעטערין, תּמיד ווען מען האָט געדאַרפט טראָגן הויך די פאַמיליען־טראַדיציע. גלייך ווי זי איז אַריינגעקומען, האָט זי תּיכּף שטילערהייט, מיט אַ פליסטערדיקע שטים אָנגעהויבן צו מאַכן באַמערקונגען; עס איז אַריינגעקומען איר שוועסטער אַליס, די פאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן דעם שונא סקאָטערברידזש.

— ווער האָט געגעבן דזשעמסן די דערלויבעניש אַריינ־

צולאָזן אַהער דידאָזיקע אָרדינערע האָבסאָנס ? ווען מען האָט שטעקט עס אין דעם, וואָס מ'האָט די גאַנצע פאַמיליע אַזוי לייכטזיניק איבערגעגעבן דער פרעסע, צו באַשרייבן אונז אויף עפעס, גאָט ווייס וואָס פאַר אַ ווולגאַרן, סענסאַציאָנעלן אופן ?

— מאַמע, — האָט דבורה געפרעגט — צי ווייסטו עפעס וועגן דעם טאַטנס צוואָה ?

— גאָרנישט, מיין קינד ; ר'האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט מיט מיר וועגן דעם.

— מיר מוזן זיין גרייט, אַז דאָסדאָזיקע הויז און דער באָדן זאָל געהערן צו דזשעמסן. דו ווייסט דאָך, אַז ער האָט אָפּגעצאָלט פאַרן טאַטן דעם היפּאָטעק־חוב, דאַן ווען ער האָט פאַרלוירן זיין געלט ביי דער מפּלה פון דער נוי־האַווען־אייזנבאַן.

— איך וויל דיך דערמאָנען אָן דעם, מאַמע, — האָט אַליס אַריינגעוואָרפן — אַז דער טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט, אַוועקצושענקען דאָס טייערע מעבל ; ער האָט געוווּסט, אַז איך בין די איינציקע, וואָס ווייס, ווי עס אָפּצושאַצן. ער פלעגט דאָס שטענדיק זאָגן.

— יאָ מיין קינד, איך האָף, אַז ער האָט עס פאַרשריבן אין זיין צוואה.

— איך קען נאָר זאָגן איין זאַך, מאַמע : אויב דזשעמס און קלאַרע נעמען צו די מאַיפלאָווער־וויג 1) וואָס מ'האָט מיך געוויגט אין איר, מעגן זיי מיך גלייך באַגראָבן.

דאָס פּנים פון דער שיינער בלאָנדער אַליס טאָרנוועל ווינטערס האָט אָנגענומען אַן אויסדריק, מיט וועלכע די מבינים אויף שיינקייט, וואָס וואָלטן דערזען די שאַרפע קנייטשן אַרום איר מויל, וואָלטן געוועזן שטאַרק אומצופרידן. אַליס איז געווען די ראָמאַנטיקערין פון דער פאַמיליע. זי האָט געהאַט טייערע קולטור־

---

1) דער נאָמען פון אַ שיף, אויף וועלכן די וואַנדערנדיקע עלטערזיידעס פון ענגלאַנד זענען אין 1620 צוגעשווומען אין דער געגנט פון דעם שפּעטערדיקן באָסטאָן. דידאָזיקע געשעעניש האַלט מען פאַר דעם אָנהויב פון דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

באַדערפעניש! און פלעגט איינלאַדן צו זיך אין הויז דיכטער, קינסטלער און סתם מענטשן פון אַ צווייפלהאַפטער פּראָפעסיע. מ׳האָט זי נישט איינמאָל געמאָלט, אויסגעהאָנגען אירע פּאָרטרעטן אויף פאַרשי־דענע אויסשטעלונגען און זי האָט זיך אַליין אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר אַ קונסטווערק. דער פאַקט, וואָס זי האָט פאַר־שטאַנען צו פאַרהייליקן די אַלטע פאַמיליען־אוצרות, האָט געקאָנט זיין אַ סיבה פון אַן ערנסטן פאַמיליען־סכסוך, און אַזעלכע מאָטיוון דאַרף מען האָבן אין באָסטאָן, ווען מען וויל אָנהויבן עפּעס אַ מחלוקת.

III

וואָלט קאָרנעליע טאָרענוועל געוווּסט אין יענער נאַכט, אַז זי הערט שוין די לעצטע ווערטער פון איר מאַן, וואָלט זי אים אָן שום ספק געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט. אין די לעצטע ווערטער פאַרן טויט ליגט אַ געוויסער יראת־הכבוד, אפילו דאַן, ווען זיי קומען פון אַ מענטשן, וואָס האָט פערציק יאָר אָפּגעהיט זיין אייגענעם איך, און יעדן געדאַנק זיינעם האָט מען געוווּסט פאָרויס.

קאָרנעליע האָט דעם זעלבן אָוונט גראָד געלייענט וועגן דער צעשטערונג פון דער קאַטעדראַלע אין ריימס. צווישן די קונסטווערק, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר חתונה־רייזע, האָט זיך געדאַרפט געפינען אַ שטיך־צייכענונג, וואָס האָט פאָר־געשטעלט די קאַטעדראַלע, זי איז אַראָפּגעגאַנגען אין איר מאַנס קאַבינעט, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ סאָפע אין אָנגעהויבן צו נישטערן אין אַ שופלאָד, וואָס האָט געהערט נאָך דעם עלטער־עלטער־זיידע טאָרנוועל, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ האַנדלס־פלאָט אויף די מזרח־אינדישע וואַסערן. אין שופלאָד איז געלעגן אַ פאָרטפעל מיט אַן אויפשריפט פון אָפּגעריבענע גאָלדענע אותיות "Seenixe„ ער איז געווען פול מיט צייכענונגען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און דורכגעבלעטערט אים אין משך פון אַ שעה אָדער צוויי.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך יהושע באַראַטן מיט רופערט אַלווין, זיין עלטסטן איידעם. זיי ביידע האָבן איר נישט געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט, ווי זי וואָלט געווען אַ מויז. זיי האָבן גערעדט פון זשערי וואָלקער און זיינע פילץ־פאַבריקן; קאָרנעליעס געדאַנק איז געווען באַשעפטיקט מיט דער קאַטע־דראַלע און זי האָט נישט ווילנדיק אויפגעכאַפּט שטיקלעך פון זייער שמועס. זשערי וואָלקער איז אַמאָל געווען אַ שיק־ייִנגל אין אַן אַנשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען אונטער קאָרנעליעס השגחה; און איצט האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו מאָנאָפּאָליזירן די פילץ־פאַבריקאַציע פון ניי־ענגלאַנד. רופערט אַלווין, דער לייטער פון דער פילגער־נאַציאָנאַל־באַנק, האָט באַקעמפט די מאָנאָפּאָלן — אויב זיי זענען געווען אין די הענט פון אַנדערע מענטשן — און געטענהט, אַז זשערי איז געפערלעך מיט זיין אויפגעקומענער עשירות; ער האָט דערוואָרבן די אַטלאַס־הוט־פאַבריק פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר, בעת רופערט האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַשלאָסן, צי די פירמע איז פעיק אויף אַ קליינעם קרעדיט.

קאָרנעליע האָט אַ קוק געטון אויף איר איידעם, וואָס איז, ווי אַלעמאָל, געזעסן אַ שטייפער אויף דער גרויסער לעדערנער שטול. זיין סמאָקינג איז ווייט אָפּגעשטאַנען, די שטייפע העמד־ברוסט האָט אַרויסגעסטאַרטשעט, אַז ער האָט אויס־געזען ווי אַן איבערגעשראָקענע שוואַרץ־ווייסע טויב. רופערטס פּנים איז געווען פול מיט פאַלדן; אויף זיין שטערן האָט זיך אָפּגעצייכנט איין טיפער רויטער קנייטש, צוויי קלענערע קנייטשן אַרום די אויגן. אין זיינע באַקן זענען געווען אַ האַלבער טוץ קליינע קנייטשן, דער נאַקן און דער קין איז געווען א מאַסע פון בלוט רויטע קנייטשן, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּנים. קאָרנעליען האָט געווילט זיין אויפרעגונג, וואָס אַן אַנדערער האָט זיך ערלויבט אַביסל שנעלער צו אָריענטירן איידער ער. אָבער דאָסדאָזיקע געפיל האָט געהערט צו די, וואָס קאָרנעליע האָט אין די לעצטע פערציק יאָר אויסגעלערנט צו באַהאַלטן ביי זיך אַליין.

מיט זיין זקנהשן סקריפּנדיקן קול, האָט יהושע אַרויס־

געזאָגט זיין מיינונג: זשערי וואָלקער קען סוף־כל־סוף ברעכן האַלדז־און־נאַקן, אָבער נישט אַצינד, איצט לעבט מען אין אַ צייט, וואָס מען מוז יעדער זאַך קויפן, נישט געקוקט אויף דעם פרייז. היטלען דאַרף האָבן די אַרמעע, און פילץ־פּאַנטאָפל טראָגט מען אין די שפּיטאָלן. און דאָ זענען זיי אַרויף אויף דער טעמע, וואָס האָט אין יענער צייט, אין 1915, נישט אויפגעהערט צו באַשעפטיקן דער סוחרישער וועלט. יהושע האָט ווידער אַרויס־געזאָגט זיין שטענדיקע מיינונג, אַז די מלחמה וועט זיך לאַנג פאַרציען, און אַז יעדער קלוגער מענטש דאַרף זיך האַלטן ביי דעם איינציקן געבאָט: קויפן און תמיד קויפן. קאָרנעליע איז געזעסן דערביי און פאַרגעשטעלט זיך די חרובע מענטשלעכע לעבנס, בעת דאָ האָט מען כּסדר גערעדט פון געלט.

רופּערט איז געווען ביי דער מיינונג, אַז די מלחמה וועט שוין נישט לענגער דויערן, ווי דאָס יאָר. ווייל די מלחמה־פירנדיקע פעלקער האַלטן פאַר אַ באַנקראָט. אָבער יהושע האָט אים געראַטן, ער זאָל זיך נישט שטאַרק נעמען צום האַרצן: מיר וועלן זיי באָרגן דאָס געלט, מיט דעם תּנאי, אַז זיי זאָלן עס אויסגעבן אויף אונזערע סחורות. — און ווי אַזוי וועלן מיר צוריקבאַקומען דאָס געלט? — מיר מוזן עס גאָרנישט צוריק באַקומען, — האָט יהושע געענטפערט — עס וועט זיין פּונקט ווי מיט זשערי וואָלקערס פילץ־פאַבריק:

— ווען זשערי וועט נישט קענען צאָלן, וואָס ער וועט אונז זיין שולדיק, וועלן מיר דאַן איבערנעמען זיין פאַבריק.

קאָרנעליע האָט זיך אויפגעהויבן, און מיטגענומען די שטיק־צייכענונג.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט.

ביידע האָבן איר מעכאַניש געענטפערט.

דערמיט וואָלט שוין אייגנטלעך אַלצדינג געווען פאַרענדיקט, ווען זי זאָל זיין אַ פרוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט אָבער נישט געקענט באַקעמפן אַן אינערלעכן געפיל; זי האָט זיך אָפּ־געשטעלט פאַר איר איידעם און באַמערקט:

— ס׳וואָלט געווען הערלעך, רופּערט, ווען מיר זאָלן אייראָפּע קענען מאָדערניזירן.

רופּערט, ווי ער איז נישט געווען פּראַקטיש געשטימט, האָט ער איר געגעבן גערעכט; און קאָרנעליע האָט אויפגע-הויבן הויך דאָס בילד פון דער קאַטעדראַלע:

— מיר וואָלטן געקענט דעמאָלט אויפבויען דעמדאָזיקן מלאכים-טורעם און פאַרוואַנדלען אים אין אַן אָפּטיילונג פון זשעריס וואָלקערס פּילץ-פאַבריק.

זינט פערציק יאָר, אַפילו אין משך פון די פיר יאָר, ווען יהושע קווינסי טאָרנוועל איז געווען גובערנאַטאָר, האָט קאָרנעליע גערעדט אויף אַזאַ אופן, און אַ סך האָבן עס גע-האַלטן פאַר אַ וויץ. אָבער יהושע קיינמאָל נישט. ער פלעגט פאַרקנייטשן דעם שטערן, און פונקט ווי איצט, פלעגט ער איר באַמערקן:

— דיין וויץ איז לחלוטין נישט אויפן אָרט, קאָרנעליע.

זי האָט לייכט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין ווייסן קאָפּ האָר און געזאָגט:

— צי וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען דו וועסט מיר זאָגן, מיין מאַן, אַז מיין וויץ האָט יאָ אַן אָרט?

און זי איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, די קליינע אַלטע דאַמע, וואָס האָט זיך אין דעמדאָזיקן גרויסן הויז צוגעזען אַזוי פיל לעכערלעכעס, אַז די קנייטשן אַרום אירע אויגן האָבן גע-שאַפן אַ מוסטער, און צוגעגעבן איר אַ תמיד שמייכלדיקן אויסזען. נישט די צעשטערונג פון דער קאַטעדראַלע אין ריימס, און נישט דער געדאַנק וועגן די פויערן-יונגן אין די שוץ-גראָבנס, האָט נישט געקאָנט אָפּטויטן איר צופרידנהייט, וואָס ס׳האָט אויפ-געוועקט אין איר די באָסטאָנער מאָראַל, וועלכע האָט גורם געווען, אַז רופּערט אַליין זאָל זיך אויפרעגן און אַריינפאַלן אין צאָרן אויף זשערי וואָלקערס, צוליב זיין פּילץ-פאַבריק אָדער אויפן מצב און די פינאַנסן פון אייראָפּע. לסוף האָט זי אַ טראַכט

געטון : ער וועט שוין באַזאָרגן בײדע זאַכן. און ער האָט טאַקע
באַזאָרגט בײדע זאַכן.

IV

אין די רעדאַקציע־צימערן פון אַ האַלבן טוץ אָוונט־צײַטונגען
האָבן די רעדאַקטאָרן אױסגעגראָבן פון די שופלאָדן די גרײטע
בעקראָלאָגן פון אײנעם אָדער צװײ דרוק־שפּאַלטן, װאָס זענען
שוין דרײסיק יאָר געלעגן און געוואַרט אויף דערדאָזיקער שעה,
צו באַװײַזן זיך אויף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג. אַזאַ
געלעגנהײט איז געקומען אײנמאָל אָדער צװײמאָל אין יאָר...
אויבן האָבן זײ אויסגעזעצט די ידיעה, אַז יהושע קווינסי
טאָרנוועל, גרויס־אינדוסטריעלער און פילאַנטראָפּ, וואָס איז שוין
צוואַנציק יאָר מיטגליד אין דעם רעפּובליקאַנישן קאָמיטעט און
צװײ מאָל געװען גובערנאַטאָר פון דעם שטאַט מאַסאַטשוסעט, איז
הײַנט אינדערפרי געפונען געוואָרן אַ טויטער בײַ זײַן שרײַב־
טיש בײַ זיך אין הויז, אין דער טאָרנוועל־שטאָט, משמעות פון
אַ האַרץ־שלאַג. די צײַטונגען, וואָס האָבן זיך מער געיאָגט נאָך
סענסאַציעס האָבן אַ חוץ דעם געשילדערט, ווי דער מת איז
אַנטדעקט געוואָרן דורכן שטוב־מײדל. און אָט פאַר אַזאַ ידיעה
האָט טאַקע דבורה געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דזשעמס סקאָטער־
ברידזש. ווײַטער האָט די צײַטונג מודיע געווען, אַז די קבורה־
צערמאָניע וועט פאָרקומען פון דער באָרטאָנער דרײַ־אײניקײט־
קירך, בעת דבורה און אַליס האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער
מײנונג, אַז די צערמאָניע זאָל פאָרקומען אין שטוב, כּדי צו
קענען האַלטן פון דערווײַטנס די אומגעוואונטשענע געסט.

אויבן, אין די זאַלן פון עקס־גובערנאַטאָר האָבן מיסטער
האָבסאָנס מענטשן אין די העמדער, אָן די רעקלעך אויסגע־
שפּרײט גומענע לײַלעכער, אַװעקגעשטעלט צװײ טישן אײנער
נעבן אַנדערן און אויסגעהערט דערבײַ זײער שעף, וואָס האָט
אויסגעדריקט זײַן איבערצײַגונג, אַז נײַנציק פּראָצענט פון דער־
דאָזיקער אונטערנעמונג שטיצט זיך אויף פּסיכאָלאָגיע.

— אויב מען באַגעגנט אַמאָל אַזאַ מין הייס־געבאָדענעם פאַרשוין, ווי דער וואָס דאָ אונטן, דאַרף מען אים רויק לאָזן אויסרעדן זיך ביזן סוף, דאַן פאַרשעמט ער זיך און מען קען מיט אים מאַכן, וואָס מען וויל. וואָס פאַרשטייט ער דען פון לוויות, אָדער אַ שטייגער פון דעם, ווי אַזוי מען אָרדנט איין אַ קבורה אויף אַן איידעלען אופן?

אין דערזעלביקער צייט האָבן זיך אין קאָרנעליעס צימער דבורה און אַליס געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס מ'זאָל טון מיט דעם פּערסישן שאַכס טעפּיך.

— ער געהער אין דער אמתן צו מיר — האָט דבורה געזאָגט — איך לאָז אים נאָר דאָ איבער אין שטוב, ווייל איך ווייס, אַז דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז אַלע זאַכן פון דער פאַמיליע־ירושה זאָלן בלייבן צוזאַמען. זינט לאַנגע יאָרן גיב איך אויף אים אַכטונג און יעדן פרילינג שיק איך אַ דינער, ער זאָל אים איינפּאַקן, דו ווייסט עס גאַנץ גוט.

— אָ, אַוודאי, — האָט אַליס געזאָגט.

— און אויב דזשעמס און קלאַרע מיינען, אַז זיי וועלן זיך אַריינציען אַהערצוצו און לאָזן אַרומטרעטן די קינדער אויף אים...

קאָרנעליע איז אַרונטערגעגאַנגען און אָנגעטראָפן דעם עלטער־פעטער אַבנר, יהושעס יונגסטער ברודער; אבנר קווינסי טאָרנוועל, אַ הויכער שווערער מאַן מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, איז געווען אַ ביסל שוואַך אין דער שמועה. פונקט ווי פיל פון זיינע חברים מיט דעם זעלביקן פעלער, האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק צו הערן זיין אייגענער שטימע:

— יאָ, קאָרנעליע — האָט ער געברומט — יאָ, יאָ. דאָס האָט סוף־כּל־סוף געמוזט געשען. אַ שווערן טאָג האָסטו היינט, איך ווייס! צי האָב איך עפּעס צו טון?

אַן אויסדרוק פון צער איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף זיין זאַנפטן ראָזן פּנים, דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט ביי אים, ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין שאַך־שפּיל און געקאָנט אָפּזיצן גאַנצע שעהן איבער איין צוג.

קלאַרע איז אַריינגעקומען אין באַגריסט דעם פעטער. ווען ער האָט זי געפרעגט, צי ער קען זיי מיט עפּעס העלפן, האָט זי אים אַ געשריי געטון אין אויער אַריין:

— פועל אויס ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל אָנטון אַ שלייער!

— אַ שלייער? — האָט אבנר געזאָגט — אוודאי וועט זי אָנטון אַ שלייער. פאַר וועמען דען מאַכט מען שלייערס, אויב נישט פאַר אלמנות?

— דער מאַמען אַרט עס נישט. זי וויל ווייזן דער וועלט, אַז זי טרויערט נישט. איך גלויב נישט, אַז זי האָט שוין געלאָזט איין טרער.

קאָרנעליע האָט געזאָגט:

— כ'האָב געלייענט, אַז פילם־שוישפילערינס מאַכן זיך טרערן פון גליצערינע. אפשר קען איך עס מיר אויך באַזאָרגן פאַר דער קבורה.

— אָך, מאַמע, ווי אַזוי קענסטו רעדן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן!

קלאַרע ווישט זיך די אמתע טרערן פון דער נאָז, און איר פעטער קוקט מיט דער אומבאַהאָלפנקייט פון אַ טויבן פון איינעם צום אַנדערן.

— גליצערין? — פרעגט ער איבער — איך האָב געהערט, אַז ס'היילט ראַק, אָבער איך ווייס נישט, צי עס איז אמת.

— פון וואָס איז יהושע געשטאָרבן?

— דר. מאָרו רופט עס אָן אַ האַרץ־שלאַג.

— אַ האַרץ־שלאַג? האַ? דאָס איז זייער אַ בכבודיקער טויט. וווּ איז ער ערשט? אין דער הויף, אין זיין צימער? איך וויל וויסן, וואָס די מקברים טוען מיט אים.

ער איז פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען אין דער הויף.

קאָרנעליע באַמערקט, אַז מ' פירט זי אין דער ביבליאָטעק צו אַ פאָרמעלן שמועס מיט דזשעמס סקאָטערברידזש. דערדאָזיקער איידעם האָט נישט בדעה געהאַט צו באַהאַלטן זיינע כוונות צוליב אָרנטלעכקייט און מענטשנס רייד, ער האָט גיכער געמוזט גיין אויף אַ גלייכן וועג צו זיין ציל. ער איז געווען בלויז אַ סוחר.

— מאַמע, דו האָלסט נאָך נישט דערביי, אַז דו זאָלסט דאַרפן טראַכטן וועגן דיין צוקונפט. אָבער איך וויל דיר דער ערשטער זאָגן, אַז דו װאָלסט געװען זייער אָנגעלייגט ביי אונז. ווען דו וואָלסט זיך געוואָלט אַריינציען צו מיר און צו קלאַרען, זיין שום זאַך וועט אונז נישט פאַרשאַפן קיין גרעסערן נחת־רוח. און מיר וועלן טון אַלצדינג, וואָס וועט נאָר מעגלעך קיין, כדי צו פירן דאָס הויז. אַלץ וועט זיין דיין אייגנס. אַלץ וועט געהערן צו דיר. עס וועט אַלץ בלייבן אַזוי, ווי דער גובערנאַטאָר האָט געוואָלט.

די באַדייטונג פון דידאָזיקע ווערטער איז געווען גענוג קלאָר. דבורה און אַליס זענען געווען גערעכט מיט זייער מורא.

— דאָסדאָזיקע הויז — האָט זי געזאָגט — וועט שוין, הייסט עס, זיין דיינס?

—עס געהערט שוין מיר, מוטער. דער גובערנאַטאָר האָט עס מיר שוין מיט יאָרן צוריק אָפּגעשריבן. דו ווייסט דאָך, ווי זיין גאַנץ פאַרמעגן איז חרוב געוואָרן אין דער נויהעזון, און דאָס געלט, וואָס איך האָב אים דעמאָלט געליען איז געווען מער, ווי די נחלה איז ווערט. איך בין נענטער צו דעם גובערנאַטאָר, ווי אַלע אַנדערע, ווייל איך בין דאָך געווען מיט אים ענג פאַרבינדן מיט דער פאַבריק.

— יאָ, זיכער, דזשעמס, אָבער די מיידלעך וועט עס דאָך זייער וויי טון. צי האָבן די דאָקומענטן אַ שייכות אויך צום מעבל?

— יאָ, מאַמע, קלאַרע און איך ווילן אָבער טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך, מען זאָל די איבעריקע נישט טון קיין עוולה. דיר וויל איך פריער פאַר אַלץ קלאָר מאַכן, אַז דאָסדאָזיקע הויז בלייבט דיין היים. עס זאָל דיר נישט קומען אויפן געדאַנק, אַז ס׳איז געוואָרן עפּעס אַנדערש.

— ס׳איז זייער פיין פון דיר, דזשעמס — האָבן אירע ליפּן געמורמלט, אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען איר געדאַנק. קלאַרע וועט ברענגען איר געזונדל פון זיבן נפשות, אין דעמדאָזיקן קעניגלעכן אַלטן הויז און וועט זיך דאָ באַזעצן. זי

געווען מער ווי צופרידן, ווען די ציסט זיך אַריין צו אונז. מיר ווען טון אַלצדינג, וואָס ליגט נאָר אין אונזערע כוחות, אַז די זאָלסט זיך פילן גליקלעך.

— אַ דאַנק, רופערט. איך קען נאָך באמת גאָרנישט זאָגן וועגן דעם. איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין צייט צו קומען צו זיך.

אירע געדאַנקען אָבער זענען שנעל געפלויגן, און זענען געווען פאַרנומען, פאָרצושטעלן זיך דאָס לעבן ביי דבורהן און רופערטן. זיי האָבן געהאַט אַ גרויס הויז אין דער קאָמענוועלט־עוועניו. זיי האָבן דאָרטן געוווינט דריי חדשים אין יאָר; אין דער איבעריקער צייט האָבן זיי באַוווינט אַ שלאָס אין די פעלזן אויפן צפון־ברעג. דבורה האָט פאַרמאָגט איר פאָטערס מאָגער פנים, זיין דינע נאָז און זיין שטייפע האַלטונג; פאַר איר זענען באַשאַפן געוואָרן יענער מין שטולן, וואָס זייערע אָנלעגנען גייען גלייך אַרויף אין דער הויך. אַזוינע שטולן מאַכט מען פאַרן קלער אין די עפיסקאָפּאַלע קירכן. איר אויפגאַבע איז געווען, זי זאָל אָפּהיטן און היילִיק־האַלטן די טאָרנוועל־טראַדיציע, ווי אַ טרייע יורשטע פון איר פאָטער. זי האָט אַוועקגעשענקט איר פרייע צייט, אויף צו פאַרוואַלטן מיט וווילטעטיקע אַנשטאַלטן פון אַ באַזונדער מין און נישט געקענט פאַרטראָגן, אויב אַנדערע מענטשן זענען געקומען מיט נדבות, און געוואָלט זיך אַריינמישן אין דער פאַרוואַלטונג ווייל זי האָט זיך נישט געוואָלט טיילן מיטן כבוד. זי האָט זיך שטענדיק באַקלאָגט, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו באַקומען ענערגישע כוחות צו דער אַרבעט, און ס'איז אוממעגלעך צו פאַרלאָזן זיך אויף אַן אַנדערן. מחמת דעם האָט זי אַלצדינג געמוזט טון אַליין.

רופערט איז געווען דער שעף פון דער גרויסער באַנק, וואָס האָט קאָנטראָלירט אַ גאַנצע ריי מים אינדוסטריעס, און אַ גרויסן טייל פון זיי ביסלעכווייז איינגאַנצן איבערגענומען אין די הענט אַריין. אין דער ליידיקער צייט האָט ער צוגעהאָלפן זיין ווייב אין איר פילאַנטראָפּישער טעטיקייט און אין פאַר־

שידענע רעליגיעזע אונטערנעמונגען. זיין שוואַכקייט איז געווען קירכן־אַרכיטעקטור; די גלחים פון די געמיינדעס אין מזרח־מאַסאַטשוסעטס פלעגן זיך אָפּט באַראַטן מיט אים וועגן אַ נייעם קירכע־פּלאַן. קאָרנעליע האָט איינגעזען, אַז אין דער אמתן וועט זי זיך פילן ביי זיי, ווי „אין דער היים"; מען וועט איר דיקטירן, וואָס זי זאָל טון, פונקט אַזוי, ווי ווען יהושע אַליין וואָלט נאָך געלעבט.

מ'האָט גערופן רופּערטן; ער האָט געדאַרפט צו העלפן זיין פרוי איבערצוקוקן די רשימה פון די איינגעלאַדענע געסט, און קאָרנעליע איז אַריינגעגאַנגען אין מוזיק־צימער, ווו מ'האָט געזאָלט אָפּריכטן די תפילה. אָבער זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דידאָזיקע פיר גובערנאַטאָרן אין דער נאַטירלעכער גרויס, אַלע מיט די זעלביקע מאָגערע פּנימער, מיט די פעסט־פאַרמאַכטע ליפּן און מיט דער פאַרשפּיצטער נאָז. זי איז אַריינגעגאַנגען אין ווינטערגאָרטן מיט די וווּנדערלעכע בליענדיקע פלאַנצן און בענק פאַר יונגע, געליבטע פּאָרלעך, וואָס קענען דאָרטן זיצן און זיך צוהערן צו דער מוזיק — יאָ, אַפילו אין דעם ווילי קוואַרטל פון באָסטאָן איז עס פאַראַן. קאָרנעליעס קינדער זענען דאָ אויפגעוואַקסן, און איצט זענען אירע אייניקלעך אין דעמדאָזיקן ליבע־עלטער. פונדעסטוועגן האָט זיך קאָרנעליע נישט געפילט גוט אין דעמדאָזיקן הויז; זי איז קיינמאָל נישט געווען בכח אויסצופירן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט; עס האָט עקזיסטירט בלויז איין אײנציקער ווילן און ער האָט געהייסן טאָרנוועל. די עפנטלעכע קאַריערע איז פאַר יהושען נישט גענוג געווען; ער האָט זיך באַמיט אָנצופירן מיט דער פאַמיליע און מיטן הויז און זיינע ברידער און שוועסטער האָבן אים צוגעהאָלפן. זיי זענען געווען, אַ גאַנצע מחנה פון אָרנטלעכע פרומע לייט. די מומע דבורה האָט אויך ביז איר סאַמע טויט, ערשט נישט לאַנג, געלעבט אין דעמדאָזיקן הויז, און זי איז געווען די אייגנטלעכע הערשערין פון דער פאַמיליע; איינע פון אירע אויפגאַבעס איז געווען, צו לערנען די מיידלעך, וואָס טאָרנוועלער טעכטער דאַרפן וויסן און וואָס זיי דאַרפן טראַכטן.

קאָרנעליע האָט זיך פאַרנומען מיט אַביסל מוזיק, אַביסל מאַלעריי, זי האָט געהאַט אַ רויזן־גאָרטן, אַ פּאָר ביכער, עטלעכע עלטערע פריינט, פון צייט צו צייט האָט זי באַזוכט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג און אַ סימפאָנישן קאָנצערט. ביסלעכווייז האָט זיך די פאַמיליע צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זיי קענען פון איר גאָר, נישט דערוואַרטן — אַז זי קען נישט באַהאַלטן פאַר דער וועלט די לעכערלעכקייט, וואָס זי זעט אין זייערע געזונטע טראַדיציעס. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען איר שמייכל, און ס׳איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, צו וועלן זי בכלל פאַרשטיין. באָסטאָן איז געווען פאַר זיי אַלץ. זיי איז קיינמאָל נישט געקומען אויפן רעיון, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אויסער באָסטאָן, וואָס איז אויך ווערט מ׳זאָל וויסן וועגן דעם. קאָרנעליעס פאָטער איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון אַ קליינער אוניווערזיטעט, דאָס האָט מען נאָך געקענט מוחל זיין, אָבער איר זיידע איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער איינוואַנדערער; און נאָך אין דריי דורות אַרום, ווען מען זיך לוסטיק מאַכן אין דער באָסטאָנער געזעלשאַפט:

— יאָ, גאַנץ פיין, מיינע ליבע, אָבער איר זיידע איז געקומען צופאָרן אין צווישן־דעק; מ׳זאָגט, אַז ער איז געווען אַן אירלענדער; יעדנפאַלס האָט ער אַן אירלענדישן נאָמען.

צו זיין דעם גובערנאַטאָרס אַ פרוי איז אויך נישט געווען קיין פאַרגעניגן — זאָלן עס פּרובירן די, וואָס בענקן נאָך רום און פּריווילעגיעס. מ׳האָט געמוזט אויסהערן לאַנגע רעדעס, שמועסן מיט לאַנגווייליקע מענטשן, עסן אומדערטרעגלעכע מיטאָגן. עס האָט באַדייט די אוממעגלעקייט, אויסצורעדן אַ מאָל מיט עמעצן אַ נאַטירלעך וואָרט אָדער צו לאַכן פריילעך און אומגעשטערט; אַלצדינג איז געווען מיושב, אויסגערעכנט, אַלצדינג איז געווען אַ פראַגע פון פּאָליטיק, געהאַט אַ שייכות מיט דער קאַריערע, וואָס די פרוי איז צוליב לאָיאַליטעט געווען מחויב צו גלויבן אין איר. קאָרנעליע האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן, בכדי נישט צוצוהערן זיך צו די באַגייסטערטע געשרייען פון המון, נאָכדעם ווי מ׳האָט, בעת די וואַלן אויסגעקליבן איר מאַן; און נאָך איצט האָט זי געהערט די פאָנפעוואַטע

פאַרזשאַווערטע שטימע, וואָס האָט זיך בעמיט, צו דערוועקן באַ־גייסטערונגביים פּובליקום:

— בירגער פון דער שטאָט, צוליב אָט דער פייערלעכער געלעגנהייט, ווען איר האָט מיר אָנגעטון דעם כבוד — א. א. וו.

אין ערגעץ איז נישט געווען קיין שום לייכטקייט, אין ערגעץ נישט קיין הומאָר, קיין סימן פון איינפאַכקייט! קיין שום זאַך, אַ חוץ אָנשטעלן און אַ שווערער לאַנגווייליקער ספּעקטאַקל פון וויג ביזן קבר.

אַפילו איצט, דאָ אין דעם פאַרטונקלטן צימער, ווו מיסטער האָבסאָן דער פּסיכאָלאָג האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן חסד דעם טויטן.

— ווי אַזוי זאָל איך מאַכן, אַז דער פּאַרוק זאָל ליגן דעם אַלטן אויפן קאָפּ? — האָט געפרעגט דער געהילף — צי קען איך בעטן עמעצן, מ׳זאָל מיר ברענגען קליי?

און דער אַלטער פּסיכאָלאָג האָט געענטפערט:

— ניין, אין אַזאַ הויז קען מען נישט פאַרלאַנגען קיין קליי. וואָס וועלן מענטשן זאָגן? טו אַ קוק דאָ אין שופלאָד, אפשר וועסטו געפונען אַ פּאָר זיכערנאָדלען.

VII

די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט, דער טעלעפאָן קלינגט. עס קומען אָן קאָנדאָלענץ בריוו, — מ׳הערט נישט אויף צו גיין און צו שעפּטשען אין דעם הויז פון טרויער. די שניידערין איז געקומען צו באַראַטן זיך מיט קאָרנעליען וועגן איר טרויער־קלייד; אויך די אַלטע דאַמע, די הוטן פּוצערין, וואָס מ׳קויפט ביי איר צוליב רחמנות. קאָרנעליע האָט געוואָלט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ גוט האַרציקע און קויפן אַ הוט. אָבער קלאַרע נוצט אויס די אַלטע דאַמע, זי זאָל איבערצייגן קאָרנעליען אין דער נויטווענדיקייט, צו טראָגן אַ שלייער. אַ רייע פון פאַר־שידענע ענינים: ווער זאָל קויפן בלומען און וואָס פאַראַ בלומען? וועלכע מוזיקער, און וואָס זאָלן זיי שפּילן? ווער וועט אויס־

שרייבן די איינלאַדונגען און וואָס זאָל מען שרייבן. צי זאָל מען צולאָזן די פאַבריק־אַרבעטער, זיי זאָלן אָנקוקן דאָס פּנים פון זייער ברויט־געבער, און ווי אַזוי זאָל מען עס איינאָרדענען? צווי קלאַווישן פון אָרגל האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין שום טאָן און מ׳האָט זיי געמוזט פאַרריכטן. דידאָזיקע קלייניקייטן האָבן אַביסל אויפגעמונטערט דאָס געמיט אין דער אייַנטאָניקייט.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קרובים: קווינסי טאָרנוועל, דעם פעטער אבנרס אַ זון, אַ פופציק יעריקער קלוב־מענטש, פריצייטיק גרוי, מיט אַ כיטרען, צעקנייטשטן פּנים; ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ פרויען־יעגער, אין די גרענעצן פון באָס־טאָנער סטיל, און קאָרנעליע האָט אים ליב געהאַט, ווייל ער איז נישט געווען אזוי לאַנגווייליק, ווי אַלע אַנדערע, און טיילמאָל האָט ער דערציילט אַ פּאָר פרייל עכע מעשיות פון דער שטאָט. קווינסי איז רייך געוואָרן דערפון, וואָס ער האָט פאַרקויפט אויף דער בערזע אינפאָרמאַציעס פון זיין פאַמיליע. זיינע טעג האָט ער פאַרבראַכט אין עפנטלעכן־זאַל פון די בערזע־מעקלער און צוגע־קוקט זיך צו די קורסן פון די אַקציעס, וואָס זענען נאָטירט געוואָרן מיט קרייד אויף אַ וואַנט־טאַבעלע. דעם אָוונט, וואָס ער האָט נישט באַזוכט קיין דאַמען, האָט ער געשפּילט מיט זיין אַלטן טויבן פאָטער אין ברידזש אָדער אין שאַך. זיי זענען געווען אויסגעצייכנטע חברים. זיי האָבן גערעדט אַ צייט לאַנג וועגן יהושען נעבעך, און דאַן האָט זיך אבנר אומגעקערט צו זיין באַליבטער טעמע; ער האָט געשריגן הויך אויפן קול:

— דער פאַרשוין, וואָס האָט געוווּנען די לעצטע פאַרטיע, איז אַ ייד. אָבער מענטשן מיינען אַז ער איז אַ פראַנצויז — קאָמיש, האַ, ניין?

דאַן זענען אָנגעקומען פּריסצילליאַ און עליזאַבעט, דבורהס טעכטער. פּריסציליאַ, די עלטערע, איז אינגאַנצן געווען געראָטן אין דער מאַמען; ווען זי איז אַלט געוואָרן פערצען יאָר האָט זי באַשלאָסן צו ווידמענען זיך דער פילאַנטראָפּיע, בעטי, די יונגערע, איז געווען ענלעך צו קאָרנעליען. אַ קיילעכדיק פּנים, אַ פאַריסענע נאָז, זאַנפטע, צאַרט־גלאַנצנדיקע, חנעוודיקע אויגן. ווען

זי האָט געלאַכט, האָט זי באַקומען קליינע חן־גריבלעך. באַשיידן און ערנסט איז זי געזעסן צווישן די ווייבער, ווי ס׳האָט געפּאַסט פאַר אַ מיידל פון זעכצן יאָר, וואָס מישט זיך נישט אַריין אין דעם שמועס פון עלטערע. ווען קאָרנעליע האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, איז זי איר נאָכגעגאַנגען.

— באָבע, איך וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן צו קריגן.

— דאָס וויל איך אויך, בעטי.

— פּריסצילאַ איז אינגאַנצן אויסער זיך צוליב דעם טעפּיך פון דעם פּערסישן שאַך. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז זייער אינטערעסאַנט, וואָס דער זיידע איז אַרומגעפאָרן אין פּערסיע און דער שאַך האָט אים געשאָנקען מתנות, אָבער סוף־כּל־סוף קען מען דאָך קריגן אַ סך טעפּיכער. די מאַמע זאָגט, אַז אויב די מומע קלאַרע וועט אונז נישט איבערלאָזן דעם טעפּיך, וועט זי שוין קיינמאָל נישט רעדן מיט איר קיין וואָרט. צי מיינסטו, אַז זי מיינט עס ערנסט?

— אַזאַ מעשה האָט שוין פּאַסירט אַמאָל, מיין ליב קינד. דיין פאָטער אַחאַב האָט פופציק יאָר נישט גערעדט קיין איין וואָרט צו דיין פעטער אבנר.

— באָבע, וואָס פאַר אַ מאָדנע זאַכן ס׳קומען פאָר אין אונזער משפּחה. צי וועט דער פעטער אַחאַב קומען צו דער לוויה?

— אַוודאי וועט ער קומען.

— און ער וועט נישט רעדן מיטן פעטער אבנר?

— יאָ, אָבער פאַר מענטשן. אבנר האָט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל, וואָס אַחאַב האָט ליב געהאַט. און אַזוי אַרום איז אַחאַב געבליבן דאָס גאַנצע לעבן אַ בחור. צי געדענקסטו נישט דאָס גרויסע הויז אונטן ביים ברעג, וואָס זיי האָבן זיך צעטיילט דערמיט אויף דער העלפט?

— אַזוי, דאָס איז געווען דערפאַר?

— זיי האָבן זיך צעקריגט און איינגעטיילט זיך דערמיט

אויף גלייכע חלקים. און אבער האָט אַריבערגעפירט זיין העלפט אויף דער אַנדערער זייט שטאָט.

און בעטי האָט גערעדט ווייטער:

— איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ווילסט זיך נישט איינהילן אין אַ גרויסן שוואַרצן שלייער — האָט זי געזאָגט — עס וועט דיר גאָרנישט אַזוי שטאַרק קליידן, און איך פריי זיך, וואָס דו צווינגסט זיך נישט צו וויינען. איך מיין, אַז דו דאַרפסט טון, וואָס דו ווילסט.

— איך דאַנק דיר, בעטי, מיין ליב קינד.

— ס'איז דאָך אמת, אַז דער זיידע איז קיינמאָל נישט געווען גוט צו אַנדערע — לפחות האָט ער עס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן — פאַרוואָס זאָלן עס אַנדערע מענטשן אַרויסווייזן? — בעטי האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן, דאַן האָט זי אַ כאַפּ געטון איר באָבעס האַנט: — באָבע איצט ווײַנסטו, איך האָב דיר אָנגעטון עגמת-נפש.

— ניין, קינד, נישט דאָס איז עס. איך האָב זיך נאָר פאַרטראַכט, וויפיל אומגליק איך וואָלט מיר געווען פאַרשפּאָרט, ווען ס'וואָלט געווען שיין צו זאָגן דאָס, וואָס מען טראַכט.

— יאָ. די מאַמע איז נישט מסכים מיט מיר. זי זאָגט, אַז זי קען מיך לחלוטין נישט פאַרשטיין, און אַז איך בין אַן אומגעראָטן קינד. מיינסטו אויך אַזוי?

— ניין, טייער קינד — קאָרנעליע האָט געלאַכט דורך די טרערן — צווינג מיך נישט, אַז — איך זאָל רעדן וועגן דעם. איך קען זיך באמת פאַנאַנדערוויינען. ס'איז זייער שווער צו צעברעכן אַ געוווינהייט פון גאַנצע פערציק יאָר וואָסערע זי זאָל נישט זיין.

— טייערע באָבע, איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט וווינען ביי אונז און אויפוועקן אַביסל די פאַמיליע. איך וואָלט געוואָלט, די מאַמע זאָל נישט זיין אַזוי מוראדיק שטרענג צו מיר! איך וואָלט געוואָלט האָבן אַן אויטאָמאָביל פאַר מיר אַליין. אָך גאָט — האָט בעטי אויסגעשריגן — וויפיל פאַרלאַנגען איך האָב!

לסוף איז געקומען צו גיין העברי ווינטערס, אַליסעס מאַן, ער איז געקומען שפּעט, ווייל ער איז פאַרנומען געווען אין געריכט. מ׳איז זיך אפילו נישט נוהג, אַז מ׳זאָל צוליבן טויט פון אַ שוועך אָפּלייגן די געריכטלעכע ענינים, אָבער אויב דער־דאָזיקער שווער איז דער גובערנאַטאָר טאָרנוועל, איז עס לחלוטין אַנדערש. העברי האָט געוווּסט, אַז זיין ביטע, מ׳זאָל אָפּלייגן די פּראָצעסן וועט זייער שטאַרק אויסנעמען. און דער ריכטער האָט געוואוסט, אַז ער וועט אויך זייער שטאַרק אויסנעמען, אויב ער וועט נאָכגעבן העבריס ביטע און אַזוי אַרום אויסדרוקן כבוד פאַר דעם באַרימטן נפטר.

אויב אַליס טאָרנוועל ווינטערס איז געווען אַ מוסטער פון געזעלשאַפטלעכער עלעגאַנץ, איז העברי קאַבאָט ווינטערס געווען אַ מוסטער פון אַ פלינקן און באַוועגלעכן אַדוואָקאַט, אַ וועלט־לעכער מענטש. פיר יאָר אויפן האַרוואַרדער אוניווערזיטעט און דריי יאָר אויף דעם פאַקולטעט פאַר רעכט, האָבן נישט געקענט דערשטיקן זיין הומאָר, דעריבער איז ער קאָרנעליען געווען נענטער, ווי די איבעריקע איידימס, ער איז געווען שלאַנק, אַ טונקל בלאָנדער. געהאַט אַ גוטן אויסזען און איז געווען אָנגעטון נאָך דער לעצטער מאָדע. זיינע פּריצייטיק־גרויע האָר האָבן זיך געלאָקט מאַלעריש. פאַר זיינע ידיעות וועגן די אינטימע פינאַנס־אַפערעס פון ניי־ענגלאַנד האָט ער באַקומען גרויסע האָנאָראַרן. און נאָך די ביורא־שעהן האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפטלעכן מענטש, אַ קלוב־מענטש, אַ יעגער, ספּאָרט־מאַן, און אַ באַליבטער טענצער. ער איז געקומען אין די רייכסטע קרייזן, און ער האָט עס אויסגענוצט, צו ברענגען קליענטן דעם געשעפט; די גאַנצע שווערע, לאַנגווייליקע אַרבעט פון זוכן פאַראַגראַפן אָפּהיטן פּראָצעסן און געווינען זיי — האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיינע שותפים.

איצט אָבער האָט זיך העברי געמוזט אָפּזאָגן פון אַלצדינג. באַלד ביים אַריינקומען, האָט ער געמוזט אויסהערן אַ שעפּטשענ־

דיקע זידלעריי פון זיין ווייב, וועגן דער ירושה־וויג. באַלד דערנאָך האָט אים זיין שוועגערן דבורה אָפּגעשטעלט אין אַ זייטיק צימער:

— הענרי, עס איז געשען אַזוינס, וואָס עמעצער פון דער פאַמיליע מוז אומבאַדינגט מיט דיר איבערערעדן. איך האָף, אַז דו וועסט עס נישט אָננעמען אַזוי ווי איך וואָלט מיר געוואָלט אַריינמישן אין דיינע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן, אָבער איך האָב שוין גערעדט מיט אַליסן, און עס דוכט זיך, אַז איך קען ביי איר גאָרנישט פועלן — זי איז דורכאויס פאַרעקשנט, אַז דזשוזיס עדגערטאָן זאָל זיך באַטייליקן אין דער לוויה, אויב ער וועט וועלן.

— פאַרוואָס דען נישט?

— הענרי, אייערע פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, גייען מיר בכלל נישט אָן...

— פאַרשטייט זיך, דבורה!

— כל זמן מ׳דאַרף נישט קיין מורא האָבן פאַר קיין עפנטלעכן סקאַנדאַל. זאָלסט מיך נישט פאַרשטיין שלעכט. איך צווייפל נישט אין מיין שוועסטערס אָרנטלעכקייט, זי פאַרזיכערט מיר, אַז אירע באַציונגען מיט דזשוזיס עדגערטאָן טראָגן אַן אומשולדיקן כאַראַקטער; אפשר איז עס אמת, — אָבער עס איז פאַראַן אַ גרענעץ פאַר מענטשלעכן צוטרוי, און אפילו אויב אַליס פאַראינטריגירט אַלעמאָל אַן אַנדער מענטשן, און טוישט זיי אַזוי גיך... צום טייוול, דו ווייסט שוין וואָס איך מיין, הענרי! ס׳קען זיין, אַז דזשוזיס עדגערטאָן איז טאַקע אַ גרויסער דיכטער, אדער אפשר וועט ער איצט ווערן, גאַנץ שיין, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, דוכט זיך מיר, אַז איצט, דאָס איינע מאָל, האָט די פאַמיליע אויך אַ רעכט צו פאָדערן, אַז ער זאָל אָפּהיטן די הייליקייט פון טרויער, און מיר האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון דיר, אַז דו זאָלסט זען ווירקן מיט דיין אויטאָריטעט, אַז דזשוזיס עדגערטאָן זאָל געפינען עפּעס אַן אַנדער זאַך, צו אַמוזירן זיך פּרייטיק נאָכמיטאָג. עס וועט אים געוויס נישט זיין שווער, אויסצוזוכן זיך עפּעס אַן אומפאַרהייראַטע פרוי, וואָס

זאָל פאַרברענגען אַביסל מיט אים, — נאָר דעם איינעם טאָג, מצוי פאַרלאַנג איך נישט.

און אַזוי ווייטער — ביז העברי קאַבאָט ווינטערס איז אויפגעשטאַנען, זיך אַנטשולדיקט, און אַנטלאָפן אויבן אין זיין שוויגערס זוניקע צימערן, ווו מ׳האָט נאָך נישט אַראָפּגענומען די גאַרדינען. דאָרט האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול און זיך צעלאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז קאָרנעליע האָט שוין געוווּסט פון דער גאַנצער געשיכטע; דבורה האָט נישט פאַרזוימט צו דערציילן איר די גאַנצע מעשה. זי האָט אַ ווײַלע דיסקוסירט און העברי האָט באַמערקט, אַז אַליס פאַרדינט אַ סך מער פאַרערונג, ווי עס קען האָבן פאַר איר בלויז איין מאַן. דאַן האָט ער געהאַלטן די קורצע רעדע, וואָס זי האָט שוין אויסגעהערט פון די איבעריקע איידימס: אַ הויז אין שטאָט, אַ נחלה אין דער אומגעגנט און אַ ווילע ביי אַן אָזערע אין נוי-עמפּליר. זיי האָבן געהאַט בלויז אייניאייניקן זון, וואָס האָט זיך צוגעגרייט אַריינצוטרעטן אין דער סאַנט מאַרקוס-שול. קאָרנעליע וואָלט, הייסט עס, ביי זיי געהאַט אַ סך אָרט און פולשטענדיקע פרייהייט. זי אָבער, זי האָט געלאַכט ביים געדאַנק, וועגן ווינען ביי העברין; וואָס וועט זי טון אין דער געזעלשאַפט פון דזשוּיִס עדגערטאָן און פון דעם יונגנמאַן, וואָס קומט פאַר אים אָדער דעם, וואָס קומט נאָך אים?

אַוודאי האָט אַליס געהאַט אַ פאַרענטפערונג פאַר אירע מעשים: כמעט יעדער האָט געוווּסט, אַז העברי האַלט אויס אַ געליבטע און אַ וווינונג אויף פענוועי. אַליס איז געווען „אָרנטלעך" — אויף אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך קיינמאָל נישט איבערגעגעבן אירע פאַרערער. אָבער צו לעבן מיט אַליסען אין איין שטוב, הייסט, אַז מען דאַרף זיך באַקענען געניי מיט אַלע געשעענישן אין איר ליבע. אָט למשל קומט אַ יונגער זשעני און געפינט אין אַליסעס נשמה עפעס אויסערגעוויינלעכעס, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלע דערגרייכבאַרע מיידלעך, איבער וועלכע ס׳האָט נאָך נישט געברויזט קיין שום שטורם פון דערפאַרונג, — מ׳וואָלט באַדאַרפט וויסן, צי אַזאַ יונגער זשעני איז

גליקלעך אָדער אומגליקלעך, צי ער הויבט איצט אָן אָדער ער האָט שוין אויפגעהערט צו ליבן, און נאָכן איבעררייסן, וואָלט קאָרנעליע געמוזט וויסן, פאַרוואָס אַליס האָט זיך אַנטוישט אין אים, פאַרוואָס האָט ער אַזוי געמיין אויסגענוצט דעם צוטרוי, וואָס זי האָט אים געגעבן.

— העגרי — האָט קאָרנעליע ענדלעך געזאָגט — איך מיין, אַז פון יהושעס פאַרמעגן וועט נאָך עפּעס בלייבן פאַר מיר אויך.

— איך גלויב.

— כ'מיין, אַז דזשעמס וועט עס מיר זאָגן אין דער ריכטיקער צייט. אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז פאַר מיר איז געבליבן אַ גרעסערע סומע, וועסטו מיר העלפן דינגען אַ וווינונג אין פענסווער, דאָרט דוכט מיר, וואוינען נישט קיין מענטשן „פון דער געזעלשאַפט".

העגרי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט—ער האָט געמוזט לאַכן. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך געפילט געטראָפן. וואָס קען די שוויגער וויסן וועגן די זאַכן ? צי זאָל ער זיך מודה זיין, אַז ער פאַרשטייט וואָס זי מיינט ? אינסטינקטיוו האָט ער אַ קוק געטון אין דער אָפענער טיר פאַר זיך, וואָרום ס'וואָלט דאָך געווען אַ שרעקלעכער סקאַנדל, ווען עמעץ גייט גראָד פאַרביי און הערט אַ געלעכטער, אַ געלעכטער אין אַ הויז, וווּ ס'ליגט אַ מת אפילו נאָך נישט אַנגעטון.

— העגרי — האָט קאָרנעליע פּלוצים געזאָגט — איך שעם מיך, וואָס דאָ קומט פאַר אין אונזער פאַמיליע. דו ווייסט, אַז די טאָרנוועלס זענען קיינמאָל נישט געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן צעלאָזענע מענטשן.

— ניין — האָט העגרי אָפּגעענטפערט — זיי זענען געווען „גרויסע" לייט.

— דאָס הייסט — האָט קאָרנעליע פאַרענדיקט — אַז זיי זענען געווען גיריק און נאָך פאַרמאָגט אַלס אַ צולאָג אַביסל משוגעת.

IX

דער הימל, וואָס האָט גענומען אין אַכט דעם ראַנג און די חשיבות פון דעם פאַרשטאָרבענעם גובערנאַטאָר, האָט אַראָפּגעשיקט אין דער נאַכט פאַר דער לוויה אַ רעגן, וואָס האָט אָפּגעריינקט די לופט און אָפּגעוואַשן יעדעס גרעזל. די זון איז גאַנץ פרי אַרויסגעקומען און פאַריאָגט דיר וואָלקן, אַ חוץ עטלעכע איינצלנע וואָלקנדלעך, וואָס זענען אַרומגעשוואומען אין דעם טיפן בלוי פון הימל. די אויסגעשפרייטע פעלדער אַרום הילוויצוו זענען געווען גלאַנציקער און זויבערער און שענער, ווי יעדער טעפּיך אין דער וועלט, אפילו ווי דער טעפּיך פון פערסישן שאַך. אונטער די ריזיקע טונקעלע דעמבעס האָט זיך געפּאַשעט אַ סטאַדע שעפּסן און הינטער אַ דראָטענעם פּאַרקאַן — אַ סטאַדע הירשן. אויף דעם באַרג קעגנאיבער האָבן געגלאַנצט אין דער ווייטקייט די ווייסע זיילן פון פּאַלאַץ סקאָטערברירזש, לעבן זיי איז געשטאַנען דאָס הייזל פון אַרענדאַר, וואָס האָט באַאַרבעט טויזנט אַקער לאַנד. אין מזרח זייט, אונטער דער נאָר-וואָס אויפגעגאַנגענער זון, האָבן געלויכטן די קאָנטורן פון די גרויסע פאַבריקן, רויטע ציגל-מויערן שוואַרץ פון רויך, וואָס האָט זיך געקנוילט פון די הויכע קוימענס, דער טייך האָט געגלאַנצט צווישן די בוימער, דאָס וואַסער האָט גערוישט בייטאָג און ביינאַכט, לויפנדיק צווישן די גרעבליעס.

פון פאָרנט האָבן זיך אויפגעהויבן הויכע זיילן, דערגרייכט ביז דעם צווייטן שטאָק און אַרומגענומען די וואַרענדע און דעם הויף, וואָס איז אויסגעשיט געווען מיט געמאָלענע שטיינדלעך. דאָס הויז איז געווען געמאָלט אויף ווייס. פון ביידע זייטן איז געווען צוגעמויערט פליגל, פון הינטן איז געווען דאָס מוזיק-צימער און הינטער דעם איז געווען דער ווינטער גאָרטן. קיין שום זאַך איז נישט געווען רעגלמעסיק איינגעאָרדנט, ווייל די אַרכיטעקטן האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט די אולם-בוימער, וואָס זענען געוואַקסן אַרום הויז.

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט מען געקענט הערן קלאַפּן די

רעדער פון וועגענער איבער דעם אַריינפאָר. שילוחים און ליווירדטע שאָפערן האָבן אָן אויפהער געקלונגען אין גלאָק און געבראַכט קרענץ און בוקעטן. „זאָלן די בלומען רעדן" איז געווען דער דעוויז. און יעדער קראַנץ איז געווען פאַרזען מיט אַ קאַרטע, כדי מען זאָל וויסן, ווער ס'האָט אים געשיקט: בלומען פון שטאַט-גובערנאַטאָר און זיין פרוי; פון בישאָף, פון דיָעציז און זיין פרוי; פון די קאָמיטעט-מיטגלידער, פון דער רעפּובליקאַנישער לאַנד-פאַרטיי; פון דער געזעלשאַפט „זין פון דעם הייליקן אַנדריי"; פון דעם אַכט און פופציקסטן סעמינאַריום פון דעם האַרוואַרדער אוניווערזיטעט; פון די אָנגעשטעלטע פון דער „פּילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק; פון דער פאַרוואַלטונג און אַרבעטער אין דער טאָרנוועלער טעקסטיל-פאַבריק, פון דער באָסטאָנער האַנדלס-קאַמער, פון דער האַנדלס-אָפּטיילונג אין דער טאָרנוועל-שטאָט און אַ לאַנגע שורה אַנדערע. עדיקס, דער אויס-געצייכנטער דינער, האָט צוגענומען יעדן קראַנץ מיט אַ פייער-לעכן דאַנק, האָט אַוועקגעלייגט די קאַרטן אויף אַ זילבערנע טאַץ און איבערגעגעבן די בלומען דעם לאָקיי; וואָס האָט זיי אַוועקגעטראָגן אין מוזיק-זאַל און דאָרטן אויסגעשטעלט זיי לויט דבורהס אָנווייזונגען.

דער זאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קירכע, ער איז גאָר געווען גרויאַרטיק. ס'איז געשטאַנען אַן אַלטאַר מיט אַ גרויסן צלם פון ווייסע רויזן. פון יעדער זייט אַ זיבן רעריקער לייכטער מיט אַ הויכע ברענענדיקע ליכט. די טרומנע איז שוין געשטאַנען אויף איר פּלאַץ מיט יהושעס טויטן קערפּער. זיין פנים איז אין דידאָזיקע לעצטע פאָר שעה געווען אויסגעדרייט קעגן דער ליכט, און די לאַנגע דינע נאָז האָט אויסגעזען נאָך לענגער און דינער, ווי זי איז געווען ביים לעבן. די הויט איז געווען בלייך, און געל ווי וואַקס, עטוואָס צוגעשמירט, — מיסטער האָבסאָן איז געווען נישט נאָר אַ פּסיכאָלאָג נאָר אויך אַ קאָסמעטיקער; אין זיינע רעקלאַמעס האָט ער געזאָגט: „יעדער לוויה איז מיין לוויה!" דערפאַר טאַקע האָט אים דבורה געהאַלטן פאַר אַ וווּלגאַרן

מענטשן. באָסטאָן, דאָס אמתע באָסטאָן, פאַרלאַנגט נישט אַזעלכע „זאַפטיקע״ רעקלאַמעס.

די דריי רעפּאָרטערן און דער הער פון „טראַנסקריפּט״ זענען ווידער געקומען. דאָס מאָל איז שוין געווען אַ פּאָר־שטענדעניש צווישן דזשעמסן מיט די שוועגערינס. זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך דבורהן און דזשעמסן. דזשעמס האָט פון דער זילבערנער טאַץ אַראָפּגענומען די קאַרטן און פּאָר־געלייענט די נעמען פון די, וואָס האָבן געשיקט קרענץ. דבורה האָט פון צייט צו צייט באַמערקט: — כ׳בעט דיך לאָז אַ דורך די נעמען, — נישט יעדער האָט געהאַט די זכיה, צו לייגן אַ קראַנץ אויף טאָרנוועלס טרומנע.

ווען דער אָרגאַניסט פון דער הייליקער לוקאַס־קירך איז אַריינגעקומען, האָט שוין עדיקס געוווּסט, וואָס ער דאַרף זאָגן:

— דאָ אַרום, זייט אַזוי גוט, מיין הער. דער כאָר וועט זיך צונויפקומען אין דעם קליינעם צימער, הינטער דעם גובער־נאַטאָרס קאַבינעט. די צערמאָניע הויבט זיך אָן פּינקטלעך צוויי אַ זייגער.

אָנגעטון אין אַ דין ווייס קלייד, האָט דער גאַסט אָנ־געהויבן פּרוּוון דעם אָרגל. און וווּנדערבאַרע קלאַנגען האָבן אָנגעהויבן צו קריכן איבערן סופיט אַרויף און אַראָפּ. „יעזוס, דו ליבסטער פון מיין נשמה, לאָז מיך צעגיין אויף דיין האַרץ״ האָבן געפּליסטערט די ווענט און דער סופיט. און פּונקט אין דער זעלביקער צייט איז געשטאַנען דבורה טאָרנוועל אַלוין מיט צענויפגעביילטע פויסטן קעגן קלאַרע טאָרנוועל סקאָטער־ברידזש און געזאָגט:

— איך זאָג אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך האַלט אַ דריטל פון די ירושה־זאַכן פאַר מיין אייגנס. און אויב עמעצער וועט עס מיר צונעמען דורך עפּעס אַן היפּאָטעק, וועל איך אים דאָס גאַנצע לעבן האַלטן פאַר אַ פּשוטן גנב —

X

די קרובים זענען זיך צונויפגעקומען. די דאַמען זענען אַרויפגעגאַנגען אויבן, כּדי צו פֿאַרריכטן זייערע טואַלעטן און די מענער זענען דערווײַל געשטאַנען אַרום דעם מת און זיך איבערגעשמועסט שטילערהייט: אַ הערלעכער טאָג, פּונקט ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דערדאָזיקער פֿייערונג.

— אַ שיינער לייטאַרטיקל, דער וואָס אין „טראַנסקריפּט".

די פּרעסע האָט זיך אויסגעדריקט מיט דער גאַנצער אָנערקענונג; אַ גרויסער מאַן איז אַוועק פֿון אונז, נאָך אַזעלכע מענער האָבן מיר שוין נישט, — די פּאַרטיי האָט אָפּגעדרוקט זייער אַ שרייענדיקן נעקראָלאָג; אָ, נישט אַזוי גיך וועלן זיי געפֿינען נאָך איינעם, ווי ער. — גלויב מיר, די דייטשן, קענען נאָך נעמען דעם קאַנאַל; מאָדנע, ווי די האָסע אויף דער בערזע נעמט גאָר קיין סוף נישט.

דזשאָן קווינסי טאָרנוועל, אבנרס צווייטער זון, איז געקומען צוגיין. מיט זיין שווערן קערפּער האָט ער דערמאָנט זיין פֿאָטער. מיט דער לאַנגער נאָז האָט ער אויסגעזען ווי זיין פֿעטער, ער האָט געהאַט אַ פֿאַרשטיקטע שטימע, אַ גרויסן פֿליך אויפֿן קאָפּ. ער איז געווען פּרעזידענט פֿון דער „פֿיפֿט נאַציאָנאַל־באַנק". און דער זיידע פּאָרטער אַליין איז געקומען רופּערטס פֿאָטער, זיין יונגערער זון, אַנדרו אַ פּאָלאָ־שפּילער, בכלל אַ ספּאָרטלער, אָפּגעבערענט פֿון דער זון, ווי אַ מולאַט; ער האָט געטראָגן אַ דיקן געקעסטלטן קראַוואַט און יעדע האָר פֿון זיין שוואַרצן קאָפּ איז געלעגן געניי אויף זיין אָרט. ער איז געשטאַנען אין דער טיר פֿון ביבליאָטעק־צימער און זיך צוגעהערט, ווי דער פֿעטער אבנר שרייט:

— ווער וועט איצט לייענען יהושעס ביכער?

אַנדרו האָט אַ קוק געטון אויף די אָנגעשטעלטע פּאָליצעס מיט שווערע ביכער וועגן פּאָליטיק און געשיכטע, נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און רעכט־וויסנשאַפֿט, און ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז ע ר וועט זיי נישט לייענען.

צוויי אויטאָמאָבילן האָבן געבּרענגט זעקס פּאָר כּאַר־יינגלעך, וואָס האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, אָבער די לעבּעדיקייט האָט אַרויסגעשיינט פון זייערע אויגן. דער חשובער עדעמס קווינסי טאָרנוועל האָט זיי אַריינגעפירט אין גאַרדעראָבּ־צימער און אַליין אַוועק צוגעגרייטן זיך צו דער צערמאָניע. דערדאָזיקער פּעטער איז געווען גרויס, געהאַט פלאַטפיס, געטראָגן גרויסע, ברייטע שטיוול און אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ פלאַכן, שוואַרצן הוט, ווי אַן ענגלישער וויקאַר. פאַר דעם הוט האָט מען אים געקענט מוחל זיין צוליב זיין ריטועלע באַדייטונג. דאַן איז געקומען דער גייסטלעכער מיט זיין פרוי. רעווערענד ד״ר דזשעמס לאָוול וואָלפערהאַמפּטאָן, וואָס מ׳רעדט אַרויס: וואָלטאָן.

דבורה האָט אים געגעבּן די לעצטע אָנווייזונגען:

— די פאַמיליע וועט אַראָפּקומען אונטן פינף מינוט צו צוויי.

דער גלח איז דאַן אַריין אין יהושעס אַרבעט־צימער, כּדי מכין צו זיין זיין אַ סיסטעמע צו דער הייליקער עבודה.

— צום ערשטן וועל איך זינגען: „גאָט לאָז מיך וויסן, ווען כ׳וועל שטאַרבּן״ און איר וועט מיר ענטפערן. דער כּאָר וועט זינגען: „האַר, דו באַשיצער אונזערער״. און פאַר דעם מוסר פון הייליקן פּאַולס תפילות וועלן מיר צוזאַמען זינגען דעם הימן.

— איך וועל, הייסט עס, דאַרפן האָבן ביידע ביכער? — האָט אים איבערגעריסן דער חשובער טאָרנוועל.

— ניין, ניין, איר פאַרשטייט מיך נישט — און מיט אמת קריסטלעכן געדולד האָט דער גייסטלעכער איבערגעחזרט זיינע אינסטרוקציעס, נאָר אַ סך פּאַמעלעכער און ציילענדיק די ווערטער. ער האָט געהאַט חשק צוצוגעבּן דאָס וואָרט „שוטה״, אָבער עס וואָלט נישט געווען קריסטלעך צו זאָגן אַזאַ זאַך צום גובער־נאַטאָרס אַ קוזין.

און אָט זענען געקומען די געסט. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער וועראַנדע, און די שאָפערן האָבן איינגעשטעלט זייערע אויטאָמאָבילן אין אַ לאַנגע שורה פאַרן אַריינפאָר. דריי פאָליציאַנטן אין זייערע בלויע אוניפאָרמען זענען געשטאַנען ביי דער טיר, אָבער ביי דערדאָזיקער גוט-דערצויגענער מאַסע האָבן זיי בלויז פאָרגעשטעלט מיט זיך באַאַמטע. די געסט האָבן נישט געפלוידערט צווישן זיך, האָבן קוים געמורמלט בלויז עטלעכע ווערטער, זיך באַגריסט, און אַריין אין דעם מוזיק-צימער, ווו אַלע האָבן זיך פערזענלעך געקענט. זיי זענען געגאַנגען פאָרזיכטיק אויף די שפיץ-פינגער, און האָבן מורא געהאַט אפילו אַרומצוקוקן זיך. על-פי-רוב זענען עס געווען אַלטע לייט; ווייסע קעפ, גרויע קעפ מיט פלייש-פאַרביקע אָדער ראָזע פנימער, אָנגעטון אין פיינע שוואַרצע אָנצוגן, עטלעכע מיט שוואַרצע פאַסן ביי די הויזן. די דאַמען זענען אויך געגאַנגען אין שוואַרצן, מיט אַראָפּגעלאָזטע שלייערס, און נישט געקוקט אויף דעם שיינעם זומערדיקן טאָג האָבן טייל געטראָגן פוטער-קראַגנס אַרום דעם האַלז. די פנימער פון די דאַמען זענען געווען צעקנייטש און די עלטערע האָבן געהאַט אַראָפּהענגענדיקע מיילער; זיי זענען פאָרזיכטיק געגאַנגען אויף די דריי פראָטעצירטע טרעפ אין מוזיק-צימער און פאַרנומען זייערע פלעצער; זיי האָבן נישט אויפגעהויבן די אויגן, נאָר געקוקט פאַר זיך, געזעסן אַזוי פיל, וויפל מ'האָט נאָר געקענט זען קוקנדיק אין איין אָרט אויף דעם דיל.

דער זאַל איז געווען געראַם און לופטיק, פול מיט זונליכט. ער איז צעטיילט געווען אויף פיר טיילן. און פוןביידע זייטן זענען גרויסע טירן געווען ווייט אָפן. אונטער די ווענט זענען געשטאַנען גרויסע דאָרישע זיילן, אין די נישן זענען געשטאַנען בילדער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די פרומע געשטאַלטן פון די אָבות. די הויכע פענסטער זענען פאַרהאָנגען געווען מיט טונקל-רויטע פאָרהאַנגען און די פאַראַטעטן זענען

באַשלאָגן געווען מיט רויטן סאַמעט. פון פּאָרנט און אינמיטן זענען פאַנאַנדערגעשטעלט געווען בלומען, און דאָרטן, ווו ס׳האָבן זיך געקרייצט די גענג איז געשטאַנען די טרומנע מיטן מת פון דעם גרויסן מאַן. ביי זיין קאָפּ זענען געלעגן ווייסע כריזאַנטעמען און ביי זיינע פיס ווייסע רויזן. די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום און האָבן געקוקט דורכן גלאָז, האָבן געזען זיין דינע נאָז פון וואַקס־קאָליר און זיין ווייסן פּאַרוק, וואָס איז באַפעסטיקט געווען צום שאַרבן; מ׳האָט נישט אַרויסגעזען אַפּילו קיין שפור פון די זיכער־נאָדלען.

אַ פורפור־רויטער שנור האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם גאַנג און אָנגעוויזן די רעזערווירטע ערטער פאַר דער פאַמיליע און דער הויז־דינערשאַפט. דער אונטערשייד פון קלאַסן איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דערדאָזיקער פייערלעכער שעה. עס זענען נאָר געווען — פון „טאָרנוועל־הויז" — אָדער „נישט פון טאָרנוועל־הויז". אַן אויסנאַם האָט מען נאָר געמאַכט פאַר דעם אָנוועזנדיקן שטאָט־גובערנאַטאָר און זיין ווייב — קיין שום אַנדערע איז נישט ראוי געווען דערצו, אַלע זענען געזעסן אויף די ערטער פאַר די געסט, — אפילו דעם גובערנאַטאָרס שטעלפאַרטרעטער מיט זיין ווייב, דער סענאַטאָר, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם שטאַט אין וואַשינגטאָן; עפּעס אַ „געלערנטער דיפּלאָמאַט" מיט זייער אַ באַרימטן נאָמען, — אַ קליינער פלינקער דזשענטלמען מיט קורץ געשוירענע וואָנסעלעך. אויב דו האָסט געקענט די אַלע בלוי־בלוטיקע לייט — האָסטו געקענט באַמערקן צווישן זיי גרויסע באַנקירן, אַדוואָקאַטן, רעקטאָרן פון צוויי אוניווערזיטעטן און סתם עטלעכע געלערנטע באַרימטהייטן. פרעמד האָבן דיר נאָר געקענט זיין די עטלעכע שטילע עלטערע דאַמען אין די אָפּגעטראָגענע שוואַרצע קליידער, וואָס זענען אויסגעשטיגן פון די עקיפּאַזשן ווייט פון פּאַלאַץ און זענען געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, כדי נישט אָנצוקומען צו פרי. דאָס זענען געווען די אָרעמע קרובים, וואָס האָבן באַקומען אונטערשטיצונג פון יהושען און איצט געציטערט פאַר מורא, ביים עפענען די צוואָה.

ווען דער זייטיקער טיר האָט זיך געעפֿנט א המון פֿון באַשיידענע מענטשן. זיי זענען געשטאַנען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט זיי קוים געקענט אונטערשיידן מיטן בליק. דאָס זענען געווען די טוריזנט אָדער מער אַרבעטער פֿון דער שפּינערײַ, וואָס ס׳איז פֿאַרמאַכט געוואָרן אויף דעם גאַנצן הייַנטיקן נאָכמיטאָג. זיי זענען געקומען צוגיין מיט די הינטער־געסלעך און געמאַכט א רירנדיקן איינדרוק אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים. זיי זענען געשטאַנען א שעה, צוויי שעה, אויסגעהערט די קלאַנגען פֿון אָרגל און געוואַרט געדולדיק אויף דער ריי, אַדורכצוגיין פֿאַרביי דעם מת. זיי האָבן געהאַט א זעלטענע געלעגנהייט; אַנדערע האָבן געקענט אַרבעטן אין דער שפּינערײַ דאָס גאַנצע לעבן, קוקן אויף דעם ווייס־געמאָלטן פּאַלאַץ, וואָס איז פֿאַר־שטעלט געווען אַרום מיט בוימער און קיינמאָל נישט אַרויפֿטרעטן אויפֿן וועג, כּדי פֿון דער נאָענט צו באַגייסטערן זיך פֿון זיין שיינקייט. די איבעריקע באַפֿעלקערונג פֿון שטעטל, וואָס האָט נישט געאַרבעט אין דער שפּינערײַ, האָט פֿאַרפֿלייצט דעם וועג, געקוקט אויף די בלישטשנדיקע לימוזינעס און אויף זייערע חשובֿע באַלעבאַטים. דאָס איז געווען דער פֿעודאַליזם אין סורדוטן.

דער פֿירשטלעכער זייגער איבער די שטיגן האָט געוויזן פֿינף מינוט צו איינס. דער אָרגל האָט פֿאַרשפּרייט הערלעכע, שווערע קלאַנגען איבערן פּאַלאַץ.

אין דעמדאָזיקן פֿייערלעכן מאָמענט, אונטער די הערלעכע קלאַנגען פֿון אָרגל, איז אַליס טאָרנוועל ווינטערס, אָנגעטון אין שוואַרצן, מיט א בלייך פּנים, שטיין געבליבן פֿאַר קלאַרע טאָרנוועלס קאָטערברידזש און געפֿרעגט:

— צום לעצטן מאָל פֿרעג איך דיך, צו ביסטו מודה, אַז די מאַיפֿלאָווער־וויג געהער צו מיר?

און קלאַרע האָט געענטפֿערט:

— איך מיין, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט איז שטאַרק נישט כּדאַי צו רעדן וועגן דעם.

— אַליס זאָגט:

— קיין פּאַסיקערער מאָמענט קען שוין נישט זיין. איך זע שוין איין, אַז אונזער פאַמיליע וועט צעריסן ווערן, אויב דו וועסט זיך באַשליסן אויף אַזאַ זאַך. די מאיפּלאָזער־וויג איז די וויג פון אונזער שיקזאַל, דער סימבאָל פון אונזער געזעלשאַפטלעכע שטעלונג. איך האָב זיך געוויגט אין איר און גאַנצע דורות פאַר מיר. איך האָב געבוירן דעם ערשטן יורש.

און קלאַראַ האָט געענטפערט:

— און איך האָב געבוירן פינף, איז וואָס?

אליס האָט ווייטער געזאָגט:

— דער טאַטע האָט מיר עס פייערלעך צוגעזאָגט און דאַרויף שטיץ איך מיך. זאָג מיר איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

קלאַרע האָט איר געענטפערט:

— אָט דעם ענין מוז דערצידירן דזשעמס.

— דו האָסט געהאַט גענוג צייט, זיך צו באַראַטן מיט דזשעמסן און דו האָסט עס שוין געטון. אויב דו וועסט מיר נישט ענטפערן אויף מיין פראַגע, וועל איך האַלטן, אַז דו זאָגסט מיר אָפּ.

דער זייגער האָט זיך אַ רוק געטון מיט אַ מינוט און קאָרנעליע איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און געזאָגט:

— צייט אַראָפּצוגיין אונטן. איך האָף, אַז מיינע קינדער האָבן נישט בדעה, אָנצוטון חרפּות אונזער פאַמיליע.

XII

דער צוג פון מענער און פרויען און קינדער האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג און האָט זיך פּראָצעסיע אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. פאָרויס איז געגאַנגען קאָרנעליע, איר פּנים איז נישט פאַרשטעלט געווען מיט קיין שלייער און אירע צאַרטע אויגן זענען געווען טרוקן, אָן טרערן. אירע גרויע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט, און דאָס קליינע קיילעכדיקע מויל האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרן, פייערלעכן אויסדריק. די קליינע נאָז איז געווען פאַרריסן אין דער הויך און איר בליק

איז פאַרזונקען געווען אין ליידיקן חלל. זי איז געגאַנגען געאָרעמט מיטן פעטער אבנר און אונטער זיי איז געגאַנגען דער פעטער אַחאָב און געפירט די מומע פּריסצילליע. דאַן איז געגאַנגען דבורה, דעם פאַרשטאָרבענעמס עלטסטע טאָכטער מיט איר מאַן רופערט אַלווין, נאָך זיי — אַליס, די צווייטע טאָכטער, מיט איר מאַן, העגרי קאַבאָט ווינטערס, דערנאָך קלאַרע מיט איר מאַן, דזשעמס סקאָטערברידזש, ווייטער אַליסעס זון מיט דבורהס צווייטעכטער, און קלאַרעס זיבן קינדער זענען געגאַנגען פּאָרווייז מיט דער גוווערנאַנטין. אַלערליי מומעס, פעטערס, פּלימעניצעס, פּלימעניקעס און קוזינען האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ אונטער דעם מאַגישן שנור, און לסוף האָט זיך דער צוג פאַרענדיקט מיטן דינער-פּערסאָנאַל: עדיקס מיט זיין גרוי-שוואַרצן אָנצוג, וואָס האָט אין די שטראַלן פון דער זון אויסגעזען עטוואָס גרינלעך, דעם פאַרשטאָרבענעמס פּריוואַט-סעקרעטאַר און זיין לאָקיי, דער נעגער; קאָרנעליעס שטוב-מיידל — אַ נעגערין; אַ דינער, אַ גערטנער, און אַ קוכער. — די אַלע מענטשן האָבן דורכגעלעבט מיט דער פאַמיליע טאָרנוועל אַזוי פיל יאָר, אַז קיינער אַ חוץ זיי, האָט שוין נישט געדענקט דעם טאָג, ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהער.

די זעקס פּאָר ווייס-געקליידעטע כאָר-ייִנגלעך זענען אַריינגעקומען דורך דעם מיטלסטן גאַנג. זייערע כרובים-שטימען האָבן אָנגעזאָגט: „די מי פון דער אַרבעט איז פאַרענדיקט. פאַרביי דער טאָג פון קאַמף". די צוויי לעצטע, די העכסטע, האָבן געטראָגן אַ הויכן צלם באַזעצט מיט איידל-שטיינער. הינטער זיי האָבן געשפּרייזט די ביידע גלחים אין ווייס-שוואַרצע סוטאַנעס. און אָט זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון זייערע פּלעצער, און דער גייסטלעכער האָט אויפגעהויבן די הענט און געזאָגט: „פרידן צו דעם הויז". אָבער די שטאַרקסטע שבועות און ברכות זענען נישט געווען בכוח, צו מאַכן שלום אין דעמדאָזיקן הויז, אין דעם הויז, ווו קלאַראַ סקאָטערברידזש איז געזעסן מיט צונויפגעביילטע פויסטן און געטראַכט: „עס געהערט צו אונז, און מיר'ן עס האָבן", און אַליס ווינטערס האָט

געקוקט ווילד פאַר זיך און געטראַכט: „זיי האָבן עס אויסגע־
נאַרט מיט אַן היפּאָטעק־שווינדל. אַזעלכע גנבים! און פּריסצילי־
אַלווין, דבורהס עלטסטע טאָכטער, האָט צונויפגעביילט די פויסטן
און איינגעקשנט זיך:

— ווען ס׳עט פּאָרקומען דער קאַמף, וועט אפשר די מאַמע
נאָכגעבן אַביסל, איך וועל אָבער גאָרנישט נאָכגעבן.

„איך בין דאָס תחית המתים און דאָס לעבן!״ — האָט
אָנגעזאָגט דער פּריסטער, דאָקטאָר וואָלפּערהאַמפּטאָן; דאַן האָט
ער צוגעגעבן, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געוווסט, וועגן דער
מאיפלאָווער־וויג און דעם פּערסישן שאַכס טעפּיך: — „קיין שום
זאַך האָבן מיר נישט מיטגעבראַכט אין דערדאָזיקער וועלט,
און מחמת דעם וועלן מיר קיין שום זאַך נישט מיטנעמען פון
איר״.

דער כאָר האָט געזונגען:

— גאָט, דו ביסט אונזער באַשיצער, פון דור צו דור.

דאַן האָט דער גייסטלעכער אָנגעהויבן זיין דרשה מיט
אייניקע שטעלן פון דעם פּופצנטן קאַפּיטל פון דעם הייליקן
פּאַאולס בריוו קאָרינט. זי איז געווען זייער לאַנג און
ערטערווייז זייער פּאַרפּלאָנטערט. עס איז בכן נישט געווען קיין
ווונדער, וואָס דאָ און דאָרט האָט עמעצער פון די געסט אָפּ־
געלאָזט אַ ביסל זיין אויפמערקזאַמקייט. בעת רופּערט אַלווין איז
דורכגעגאַנגען דעם מיטלסטן גאַנג, האָט ער באַמערקט דזשערי
וואָלקערס, וואָס איז געזעסן אַביסל אָן אַ זייט. און אַזוי ווי עס
איז פאַר אים אוממעגלעך געווען נישט צו טראַכטן וועגן די
פּילץ־וואַרשטאַטן און די הוט־פאַבריקן, וואָס זשערי האָט פאַרמאָגט,
האָט ער געמוזט טראַכטן, צי זשערי וועט זיין ביכולת אויס־
צופירן זיינע גרויסע התחייבותן, און אויף וויפל די פּילגרים־
נאַציאָנאַל־באַנק וועט אים אונטערשטיצן. דער עלטער־פּעטער
אַבנר, וואָס האָט געדאַרפט ביים נאָענטסטן שפּיל זיך צוזאַמענ־
טרעפן מיט יענעם פראַנצויזישן ייד, האָט געטראַכט וועגן דער
כיטרעקייט פון אָט דעם פאַרשוין. און דער יונגער יהושע
טאָרנוועל ווינטערס, אַליסעס טייערער בן יחיד, וואָס האָט

גצהאַט אַ ראַנדעוווּ מיט אַ מיידל, האָט געטראַכט וועגן דעם, ווען ער וועט שוין קענען פאַרשוואונדן פון דאַנעט. און בעטי אַלווין איז געזעסן לעבן דער באָבן און געטראַכט: ווען זי וואָלט נאָר געוואָלט זיין ביי אונז און אַריינברענגען אַביסל לעבן.

דעם גייסטלעכנס צונג האָט זיך געפלאָנטערט אין דער שווערער פילאָזאָפיע פון דעם אַפּאָסטאָל פאַול: „וואָרום דאָס חרוב־געוואָרענע מוז צוריק באַשאַפן ווערן און דאָס, וואָס איז גע־שטאָרבן וועט אויפשטיין תחית המתים. אָבער ווען דאָס אונטער־גייענדיקע וועט צוריק אויפשטיין און דאָס שטערבלעכע וועט ווערן אומשטערבלעך, דאַן וועט מקוים ווערן דאָס וואָרט וואָס שטייט געשריבן: דער טויט וועט באַזיגט ווערן. קאָרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט: צי קען עס זיין אמת? צי וועל איך נאָך טאַקע זען יהושען, צי לעבט ער נאָך ווייטער און ווייסט וואָס איך טראַכט איצטער? צי בין איך שוין באמת פריי?

אויפן קאַטאַפאַלק, מיט דריי טריט ווייטער, איז געלעגן אין דער טרומנע דער קערפּער פון איר מאַן, וואָס דער הייליקער פאַולוס האָט אָנגערופן „חומר". דריי טאָג צייט האָט מען אים קאָנסערווירט מיט כעמישע מיטלען, אָבער אין צוויי דריי שעה אַרום וועט ער שוין ליגן אין דער ערד. און דאַן וועט זיך אָנהויבן די פּראָצעדור, וועגן וועלכער ס'איז זייער פיינלעך צו טראַכטן. קאָרנעליע האָט געלייענט „פאַבריאַ" און זיך דערמאָנט אַלע פּרטים, וואָס האָבן צערודערט איר געדאַנק:

„דאָסדאָזיקע פאַרגייענדיקע זאָל ווערן אייביק. דידאָזיקע ברואים האָבן נישט מיט וואָס צו בייסן, נאָר זיי מאַכן חרוב, איידער זיי עסן אויף. זיי לאָזן פון זיך אַרויס אַזאַ פליסיקן סם און זויגן עס איין צוריק, פאַרמערנדיק דערביי זייער מין. און אָט וועגן דעם זאָגט דער הייליקער פאַול:

„דאָס וואָס צעפאַלט מוז ווערן דויערהאַפטיק".

דער גייסטלעכער האָט תּפילה געטאָן, און קאָרנעליע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני האָט געשעפּטשעט ווערטער פון איר אייגענער תּפילה: „אָ, גאָט, לאָזן מיינע קינדער זיך אויפהערן אַרומצודרייסן!” דאַן האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט און זי האָט אויסגעהערט דעם הספּד אויף איר גרויסן נפטר: „ווען די מלוכה איז געווען אין געפאַר איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך... ס'איז נישט געווען קיין נויט, סיי אַן אָפענע, סיי אַ באַהאַלטענע, אַז ער זאָל איר נישט לינדערן... אומזיסט וועלן מיר זוכן אין דער צוקונפט נאָך אַזאַ מענטשן... דער גרעסטער מענטש פון זיין דור...” און נאָך אַזעלכע ווערטער, באַסטאַנער לשון אין יעדן וואָרט און טאָן. אָבער קאָרנעליעס געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיטן אמת וועגן דעמדאָזיקן הויז, פאַר וועלכן יהושעס רום איז נישט געווען קיין קולט, נאָר אַ נבלה, וואָס מ'רייסט זיך אַרום צוליב איר. גאַנצע יאָרן האָט קאָרנעליע תּפילה געטאָן: — אָ גאָט, נעם אַוועק די פוסטקייט פון זייערע הערצער, — אָבער איר תּפילה האָט געמוזט זיין פאַלש, ווייל זי איז נישט מקוים געוואָרן.

— די ווייטערדיקע תּפילות וועלן אָפּגעריכט ווערן ביים קבר — האָט צוויסן געטאָן דער גייסטלעכער. די צוועלף כאָריסטן זענען געגאַנגען פאָרוויין און געזונגען: — „אונזער קירך איז אַ פעלז”. די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען. פאַמעלעך זענען זיי געגאַנגען אַהין און צוריק אין ביבליאָטעק, אין זאַל אָדער אויפן גראָז פאַרן הויז, און געוואַרט ביז די אַרבעטער וועלן דורכדעפילירן פאַרן מת. די באַאַמטע פון דער געזעלשאַפט זענען געווען פאַרפליכטעט בייצוואוינען דידאָזיקע צערמאָניע, און אויך קאָרנעליע האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט צו זיין דערביי. און אירע טעכטער האָבן נישט געוואָלט אַדורכלאָזן קיין איין מאָמענט פון דער לוויה און זענען געשטאַנען לעבן דער מוטער.

די אַרבעטער זענען געגאַנגען איינציקווייז איינער נאָכן אַנדערן. פאַמעלעך און אומזיכער מענער און פרויען, אַלטע און

יונגע, ס׳רוב איינוואַנדערער. רירנדיקע מענטשן, נאָך רירנדיקער דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט צו האַלטן זיך לייטיש. ביי דעמדאָזיקן סיסטעם פֿון פּעודאַליזם אין סורדוטן איז זייער זעלטן געשען, אַז דידאָזיקע צוויי מינים מענטשן זאָלן זיך געפֿונען גלייכצייטיק אין איין אָרט. היינט אָבער זענען זיי געשטאַנען נאָענט איינער פֿון אַנדערן אונטער איין דאַך, די הערן זענען געווען גרויס, עלעגאַנט, און די אַרבעטער — שווערע צרהדיקע מענטשן, מיט צעקנייטשטע פּנימער, אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, איינגעבויגענע גופֿים מיט אויסגעדרייטע גלידער פֿון די הענט און צעפֿלאַצטע גראָבע דלאָנעס. זיי זענען געשטאַנען גאַנצע שעהן און געוואַרט, כּדי צו זען די פּראַכט, אָבער איצט, ווען זיי האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט, זענען זיי נישט געווען דרייסט, צוצוגיין און צו באַוווּנדערן. און קוים עטלעכע פֿון די יונגערע האָבן געהאַט דעם מוט, צו קוקן גלייך פֿאַר זיך. עטלעכע פֿון זיי האָבן דערזען קאָרנעליען, אָט דער קאָרנעליען, וואָס האָט זיי באַזוכט, בעת זיי זענען געווען קראַנק — און זיי האָבן זיך דערלויבט אויף אַ קליינע באַגריסונג. זי האָט אָפּגעענטפֿערט.

לסוף זענען אַריינגעגאַנגען די, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרויסטראָגן דעם מת. ס׳איז געווען פֿאַר זיי אַ גרויסער כּבוד, און זייערע נעמען האָט מען דערמאָנט אין די צייטונגען. זיי זענען אַריין איינער הינטער דעם אַנדערן מים גרויס יראַת הכּבוד און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם מת. מ׳האָט אַריינגעדרוקט דעם קאַסטן אין דעם טויטן־וואָגן. די פֿאַמיליע איז איינגעשטיגן אין די אויטאָמאָבילן, דאָס אייגענע האָבן געטון די געסט, און דער לאַנגער שנור עקיפּאַזשען האָט זיך גענומען באַוועגן פּאַמעלעך, מיט צוויי פּאָליציאַנטן אויף מאָטאָציקלען פֿאָרויס און מיטן גאַנצן המון, וואָס האָט געוואַרט שווייגנדיק און מיט יראת־הכּבוד. דער גאַסן־פּאַרקער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַזוי איז מען צוגעקומען צום פֿאַמיליען־קבֿר, ווי דער טייערער בראָנזענער אוהל האָט געוואַרט אויף זיין נייעם איינוואוינער: מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ איז מען געשטאַנען אַרום, די ייִנגלעך האָבן

ווידער געזוזגען, און דער פּאַסטאָר, ד״ר וואָלפערהאַמפּטאָן, האָט אויפגעהויבן זיין גראָב קול: „דער מענטש ווערט געבוירן פון אַ אשה, לעבט קורץ און איז פול מיט זינד". מען האָט אַריינגעשטעלט די טרומנע אין קבר און זי פאַרחתמעט. די טירן פון דעם אוהל האָט מען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, די מלווים האָבן נאָך אויסגעהערט די ברכה פון גייסטלעכן און אַלץ איז געווען געענדיקט. די עגלה האָט זיך אומגעקערט צוריק אין איר שאָפּע און געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן מת. די געסט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַהיים. די משפחה האָט זיך אומגעקערט קיין „הילווו" אויף דער צערעמאָניע, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען בלויז פאַר איר אַליין: מ'איז געגאַנגען פאָרלייענען דעם טויטנס צוואָה.

XIV

די גאַנצע פאַמיליע האָט געוואַרט אין ביבליאָטעק-צימער. אַלע, פון דעם רייכסטן ביז צום אָרעמסטן, פון העכסטן ביזן נידעריקסטן, אַפילו די עלטסטע דינער, זענען געווען זיכער, אַז זייער האַר האָט זיי נישט פאַרגעסן. אַלע זענען געווען, אַ חוץ צוויי. ווען קלאַראַ האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי באַמערקט, אַז איר שוועסטער אַליס איז נישטאָ; ס'האָט זיך פּלוצלינג דערוועקט ביי איר אַ חשד, און זי איז אַראָפּגעגאַנגען אין זאַל אַריין. און ווען זי איז אַראָפּ פון די ברייטע טרעפּ, האָט זי דערזען אַ סצענע, וואָס איז ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען ביי די טאָרנוועלס, זינט יענע צייטן — מיט אַ סך יאָרן צוריק — ווען די אָבות פון די טאָרנוועלס זענען נאָך געווען ים-רויבער. אַליס איז געגאַנגען פאָרויס מיט פעסטע טריט, איר איידל פּנים האָט אויסגעדריקט אַ בייזע עקשנות און אירע טיפע אויגן האָבן געקוקט ווילד פאַר זיך; הינטער איר איז געגאַנגען דאָס פראַנצויזישע דינסטמיידל. ביידע האָבן געטראָגן אַ שטיק מעבל פון ברוין-געפאַרבטן האָלץ, פול מיט צייכנס און ריצן.

קלאַרע איז שטיין געבליבן, ווי פאַרגליווערט.

— אַליס טאַרנוועל, וואָס טוסטו דאָ?

אפנים, קלאַרע האָט נישט געזאָגט געננג הויך, אַז אַליס זאָל דערהערן, און ווען זי האָט געזען, ווי אַליס גייט שווייגנדיק אַוועק, האָט זי אויסגערופן:

— אויב דו וועסט צונעמען דידאָזיקע וויג פון דערהיים, וועל איך דאָס גאַנצע לעבן נישט אַרויסרעדן מיט דיר קיין איין וואָרט.

און דאַן:

— איך וועל שרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דו ביסט אַ גנבטע! — און ווען דידאָזיקע שטאַרקסטע דראָונג האָט נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, איז קלאַרע שטיין געבליבן מיט צונויפגעביילטע פויסטן, מיט אַ בלייך צאָרנדיק פנים און געשריגן אָן אַן אויפהער: אוי! אוי! אוי! אוי!

יענע צוויי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן דורך דער פאָדער־שטער טיר. קלאַרע איז אַריין אין ביבליאָטעק־צימער און אויס־געשריגן צו דער מוטער:

— אַליס האָט אַוועקגעגנבעט די וויג!

קאָרנעליע איז אַרויס פאַרן הויז פונקט אין דער מינוט, ווען מ׳האָט אַרויפגעלאַדעוועט דידאָזיקע טאַרנוועל־ירושה אויף ווינטערס לימוזינע. די וויג האָט נישט געקענט אַריין דורך דער טיר פון אויטאָמאָביל, און צוויי פרויען האָבן זי אַוועקגעשטעלט אויף דער פיס־ברעט פון דער רעכטער זייט. דאָס שטוב־מיידל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן שאָפער און צוגעהאַלטן דורכן פענסטער די וויג מיט איר האַנט, און אַליס איז געזעסן אויפן אונטערשטן גנזעס און צוגעהאַלטן די וויג פון דער אַנדערער זייט. דער אויטאָמאָביל האָט גערירט פון אָרט און איבערגעלאָזט די פאַמיליע טאַרנוועל, ווי אַ צעשטערטע נעסט פון מוראַשקעס.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. אַ מורא־דיקער געדאַנק איז דורכגעפלויגן אין קלאַרעס קאָפּ: זי איז אַריינגעלאָפן אין אונטערשטן זאַל, וואָס די דאַמען פון דער טאַרנוועל־פאַמיליע פלעגן איינאָרדענען אין אים זייערע נאָכ־מיטאָג־טייען, — אינמיטן פון דעמדאָזיקן צימער איז אויפן זעלטן־

באַטרעטענעם דיל געלעגן דער טעפּיך פֿון פּערסישן שאַך. אָבער איצט איז ער שוין דאָרט נישט געווען. קלאַרע האָט געוואָרפֿן אַ שנעלן בליק אויפֿן ליידיקן אָרט און זיך געווענדעט צו דער עלטערער שוועסטער:

— דבורה טאָרנוועל, דו האָסט אַוועקגעגנבעט מיין טעפּיך?

דבורה האָט זיך פֿון גרויס דערשטוינונג אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער גרויס:

— איך האָב מיין טעפּיך נישט אָנגערירט.

— אָבער ער איז דאָך נישטאָ.

— איך האָב אים נישט גענומען.

קלאַרע האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז דבורהס עלטערע טאָכטער פּריסצילאַ איז נישטאָ. זי האָט שוין נישט געפֿרעגט מער קיין איין וואָרט, נאָר תּיכּף זיך געווענדעט צו עדיקסן, דעם אויסגעצייכנטן דינער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל אין זיינע גאַנצע פֿופֿציק יאָר פֿון זיין דינסט־צייט, נישט איבער־געלעבט אַזאַ געשעעניש, און אַפֿילו אין די ערגסטע חלומות איז אים נאָך אַזאַ בייזער חלום נישט צו האַנען געקומען.

— עדיקס, פֿריילין פּריסצילאַ האָט אַוועקגעגנבעט דעם טעפּיך פֿון פּערסישן שאַך. זוכט זי אויף און ברענגט אים צו מיר. לויפֿט גיך!

אין משך פֿון צוויי הונדערט און פֿינפֿאונפֿאַכציק יאָר פֿון דער באָסטאָנער געשיכטע האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געהערט פֿון אַזאַ נישט־באָסטאָנער מעשה. און דערפֿאַר איז בויטיק געווען צו באַנוצן זיך מיט נישט־באָסטאָנער מיטלען. פֿון קלאַרע טאָרנוועל־סקאָטערברידזש איז געוואָרן אַ געוויינלעכע פֿרוי, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין צאָרן. מיט טרערן אין אירע פּאָרצעלאַן־בלויע, כינעזישע אויגן איז זי געקומען זיך קלאָגן פֿאַר איר מאַן, פֿאַר איר מוטער, פֿאַר אירע קינדער און אַפֿילו פֿאַר דער גוווערנאַנטין. די פּרוון פֿון איר מאַן, צו באַרויקן זי זענען געבליבן אָן שום פּעולה. זי איז געלאָפֿן פֿון איין צימער אין דעם אַנדערן, אויפֿגעריסן די טירן, געבישטערט אין די שענק

און געזוכט אונטער די קאַנאַפּעס. דאַן איז איר איינגעפאַלן אַ קוק צו טון אין גאָרטן. זי איז אַרויס דורך דער אונטערשטער טיר, זי איז געווען רויט און געלאָפן אָן אַן אָטעם, זי האָט פאַרגעסן אירע מאַנירן, איר שוואַך האַרץ, אירע אויפגעלאָפענע אָדערן, זי האָט אַפילו פאַרגעסן דאָס, וואָס איז דורך אַזוי פיל דורות פאַרבליבן אומבאַאַרירט — דעם טאָרנוועל־כבוד.

ענדלעך איז פאַרענטפערט געוואָרן דאָס רעטעניש; אַ קלאַנג האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן צווישן דער דינערשאַפט, אַז אַ שאָפער האָט געזען, ווי פריילן פריסציליע האָט געטראָגן דעם טעפיך אויף דער האַנט און געגאַנגען מיט אים אין דעם אויבס־גאָרטן. קלאַרע איז געלאָפן איבער די פעלדער, און הינ־טער איר איז געלאָפן דבורה, ערשט האָט זי פאַרטראָגן איר געזעלשאַפט. די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זענען פלוצים געקומען צום באַשלוס, אַז אַזעלכע סצענעס זענען נישט שיין און מ׳דאַרף זען, אַז דער אַדוואָקאַט זאָל פאָרלייענען די צוואָה.

אונטער אַן אַלטן עפּל־בוים איז געזעסן אַ הויך־געוויקסיק מיידל, פריסציליאַ טאָרנוועל אַליין. זי איז געזעסן ערנסט און פאַרטראַכט אינמיטן אויף דעם פערסישן שאַכס טעפיך.

— פריסציליאַ! — האָט קלאַרע באַפוילן — שטיי אויף!

אַ שטילקייט, אַן אַבסאָלוט און אמהדיק שווייגן.

— פריסציליאַ, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? שטעל דיך אויף און לאָז מיך צונעמען דעם דיוואַן.

ווידעראַמאָל אַ שווייגן, נאָך טיפער ווי פריער. קלאַרע האָט זיך געווענדעט צו איר שוועסטער:

— דבורה, זאָג דיין טאָכטער, זי זאָל מיך פאָלגן.

צי וועט זי דאָס טון? ס׳איז אַריינגעטרעטן אַ שטילקייט, דער גורל פון דער געשיכטע איז געלעגן אויף דער וואָג־שאָל.

— פּריציליאַ, איך פאַראורטייל דיין האַנדלונג, כ׳בעט דיך, שטיי אויף.

דאַן האָט דער ספינקס, וואָס איז געזעסן אויפן דיוואַן, אָנגעהויבן צו רעדן:

— מאַמע, איך וויל האָבן דעם טעפיך, און איך ווייס

שוין, וואָס איך האָב צו טון. כ׳וועל אַזוי לאַנג זיצן אויפן טעפּיך, ביז מ׳וועט נישט לייענען דעם זיידנס צוואָה. אויב ער האָט פאַרשריבן דעם טעפּיך, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, איז אַלץ אין אָרדענונג. אויב נישט, וועט די מומע מוזן רופן פּאָליציי, זי זאָל מיך אַוועקנעמען פון אים. מיט גוטן טרעט איך נישט אָפּ.

— פּריסציליאַ, פאָלג מיך — האָט די מוטער געזאָגט.

אפשר איז איר קול נישט געווען אַזוי אַנטשלאָסן, ווי תמיד, אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז פּריסציליאַ אַלווין ווייטער געזעסן, די אויגן פאַרזונקען אין ליידיקן חלל.

— פאָלג דיין מאַמען, — האָט קלאַרע באַפוילן.

פּריסציליאַ, פאָלג מיך! — האָט דבורה איבערגעחזרט.

מאַמע — האָט אָפּגעענטפערט דאָס פאַרעקשנטע מיידל — יעצט וואָך בין איך אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, איך האָב מיך יורידיש אינפאָרמירט, אַז איך בין נישט געצווונגען קיינעם צו הערן אַ חוץ דעם געזעץ. דאָ בין איך און דאָ וועל איך בלייבן און איך זאָג אייך קאַטעגאָריש, אַז קוים קומט עמעצער, נישט קיין פּאָליצמאַן, מיך צווינגען אַראָפּצוגיין פון טעפּיך, וועל איך נישט אַראָפּגיין אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיר נישט באַווייזן אַ באַפעל, מיך צו אַרעסטירן.

גאָט מיינער! — האָט קלאַרע אויסגעשריגן. — וואָס טוט זיך עס מיט די היינטיקע קינדער?

— מומע קלאַרע — האָט אָפּגעענטפערט די טעפּיך־זיצערין, — דו וועסט זיך פאַרשפּאָרן אַ סך צרות, אויב דו וועסט באַלד זיין אין שטוב און לייענען די צוואה, ווייל פריער וועסטו גאָרנישט אויספירן. זיי רויק, איך וועל זיך נישט רירן פון דאַנעט, ביז די זאַך וועט נישט אויפגעקלערט ווערן. איך וואָלט געקאָנט אַוועקגיין און מיטנעמען מיט זיך דעם טעפּיך, אָבער, צופעליק געפעלט מיר, צו זיצן דאָ אין גאָרטן.

XV

דערווייל איז קאָרנעליע אַרויפגעגאַנגען אינדערהויך און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר אויפן

שליסל, כדי זי זאָל קענען זיין אַליין. אויפגערעגט פון אירע געפילן, האָט זי אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער. מ׳זאָגט, אַז אַ שכורער לעבט איבער נאָכאַמאָל די פּאַסירונגען פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ, זי האָט איבערגעלעבט די אונטערדריקונג פון די גאַנצע פערציק יאָר. אַלע בונטן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט און אַלע אַנטוישונגען, דער גאַנצער יאוש ; די איבערלעבענישן, נאָך וועלכע זי האָט שטענדיק געבענקט און קיינמאָל נישט איבערגעלעבט און וועלכע זי וועט שוין נישט איבערלעבן, ווייל ס׳איז שוין צו שפּעט. זי איז געווען ווי אַ געפאַנגענע, ווילדע, יונגע חיה אין אַ שטייג. זי האָט געלעבט, ווי אַ פאַרברעכער אין אַ תפיסה. די חלומות וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי געמוזט דערשטיקן. זי האָט געהאַט קינדער און געמוזט זיך צוקוקן, ווי מ׳נעמט זיי ביי איר אָפּ און מ׳פאַרפרעמדט זיי. זי איז איינגעשפּאַרט געווען אין די שטייפע פאָרמולן פון איר פאַמיליע. אין דערדאָזיקער אומדורכדרינגלעכער מחנה פון שטאָלענע נאַטורן, שטאָלענע נשמות, מיט אַן אַלץ-צעברעכנדיקן ווילן ; דערדאָזיקער מאַנגל אין געפיל! דערדאָזיקער סקאַנדאַל פּנים אל פּנים מיטן טויט! דאָס איז געווען בלויז — האָט געטראַכט קאָרניעלאַ — אַ צופאַל. קיינמאָל ביז איצט האָבן זיי נאָך נישט געטון אַזאַ מין זאַך, וואָס זאָל זיין אַזוי אומטאַקטיש, אַזוי געמיין, זיי אַליין וועלן נישט וועלן האָבן צו טון דערמיט, מאָרגן וועלן זיי זיך אַליין שעמען דערמיט. דאָס איז נישט געווען „באָסטאָן"! פּאַר קאָרנעליען ווידער, וואָס האָט יאָ געהערט צו „באָסטאָן" איז דאָס געווען אַן אויסברוך פון דערווירקלעכקייט, אַן אויסברוך פון פאַרשטיקטע מעגלעכקייטן. קליינלעכע קנאה, קליינלעכע גיריקייט, פאַרשטעלט מיט אויסערלעכע וויכטיקייט, האָבן געטראָגן דעם צוציענדיקן מאַנטל פון העלדישער טראַדיציע. אַנדערע מענטשן, לעבעדיקע מענטשן קעמפן טאַקע צוליב אמתע זאַכן ; די טאָרנוועלס האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב אַלטע שמאַטעס, רעליקוויעס פון זייערע עלטער-זיידעס.

אַמאָל זענען געווען אמתע מענטשן אין דערדאָזיקער פאַמיליע. דאָס זענען געווען מענער און פרויען, וואָס האָבן געקעמפט

פון מעשים, וואָס האָבן געמוזט טראַכטן פאַר זיך אַליין — און געמוזט זיך זאָרגן וועגן אַנדערע זאַכן איידער אַלטע שמאַטעס. ס'האָבן אויפגעוואַכט אין קאָרנעליען זכרונות וועגן אַנדערע צייטן, די צייטן, ווען די טאָרנוועלס זענען געווען קאָנטראַבאַנדיסטן און ים־רויבער און נישט פאַרשווענדעט קיין צייט אויף געדאַנ־קען וועגן אָנשטענדיקייט! צווישן זיי זענען געווען רעוואָלוציאָ־נערע פירער, — מענער, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס פאָלק אין די שענקען! ס'זענען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן גע־דענקט און געהאַנדלט, אָנשטאָט צו זיין שקלאַפינס פון זייערע מענער. צו פאַרערן זיי דען נישט אַן עלטער־עלטער־באָבע, וואָס איז געווען אַ פּיאָנערין אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי? אַזאַ פּנים האָבן די טראַדיציעס, וואָס זיי היטן אָפּ, אין דער אמתן היטן זיי בלויז אָפּ די אַלטע שמאַטעס און די אומנויטיקע רעשטלעך.

קאָרנעליע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין צימער אַהין און צוריק, האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. פאַרוואָס זענען די פרויען אַזעלכע שקלאַפינס פון זייער שרעק? ווייל זיי האָבן מורא! פאַרוואָס זענען זיי אַזוי פאָלגעוודיק? דערפאַר וואָס זיי זענען פאָלגעוודיק. אויב זיי ווילן שוין אַמאָל עפּעס טון, פעלט זיי דאָס נויטיקע וויסן; און ווען זיי ווייסן שוין יאָ גענוג, זע־נען זיי שוין צו אַלט. ווער קען אָבער זאָגן עמעצן, וואָס וויל נאָך עפּעס טון, אַז ער איז צו אַלט? און קאָרנעליע איז, ציטערנ־דיק פון אויפרעגונג, און אין דער זעלבער צייט מיט אַן אינער־לעכע פעסטקייט, צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, גענומען טינט און פעדער און אָנגעהויבן צו שרייבן:

„מיינע ליבע קינדער!

פערציק יאָר צייט האָב איך כסדר געטון דאָס, וואָס אַנדע־רע האָבן מיר אָנגעוואָרפן. און איך בין קיינמאָל נישט געווען צופרידן. איך מיין, אַז איך האָב געטון אַלץ, וואָס איך האָב געקענט, און ווייטער וועט איר זיך קענען אַן עצה געבן אָן מיר. וואָס שייך מיר, בין איך, גלויב איך שוין צו אַלט, אַז איך זאָל זיך קענען באַגיין אָן פרעמדער הילף, איך גיי אַלזאָ אַוועק פון אייך, און אַזוי לאַנג נישט צוריקקערן, ביז איך אַליין וועל נישט

האָבן קיין חשק דערצו. איך נעם נישט מיט מיט זיך קיין שום זאַך. וואָרום איך האָב געהאַט צופיל זאַכן אין מיין לעבן. און איך מיין, אַז אָן זיי וועל איך אויך קענען זיין גליקלעך. איך וויל אויספּרוּוון זיך אַליין צוליב מיין אייגענער טובה, און זיך איבערצייגן, צי איך וועל זיך קענען אַן עצה געבן אָן עמע-צנס עצה און הילף. איך האָב נאָר צו אייך איין בקשה, איר זאָלט נישט פאַרלירן קיין צייט און קיין געלט, מיך אָפּצוזוכן. דאָס אַלץ וועט מיר אָנטון עגמת נפש און שווער מאַכן מיין לעבן, ווייל, ווי ס'זאָל נישט זיין, וועל איך סיי-ווי-סיי טון דאָס, וואָס איך האָב בדעה צו טון. איך האָב געהערט וועגן קינדער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שטוב, איך וויל זיין אַן אַנטלאָ-פענע באָבע.

איך ווינטש אייך אַלדאָס גוטס

אייער מוטער.

פּ. ס. איך לעג ביי מיין העכסט-אָנשטענדיקן בריוו, וועלכן איר וועט קענען ווייזן אונזערע פריינט.״

אין דעם צווייטן בריוו האָט זי געשריבן:

„מיינע טייערע קינדער!

דער פּלוצלונגער טויט פון אייער פאָטער האָט מיר טיף דורכגענומען, און נאָך דער אָנשטרענגונג פון דער לוויה פיל איך מיך זייער עלנט און איך נויטיק מיך אין רו. אַן אַלטע שול-חברטע, וואָס לאָזט זיך אויף אַ רייזע, האָט מיר טעלעפאָניש גע-בעטן, איך זאָל מיט איר מיטפאָרן. איך מיין, אַז אַזאַ פּולקו-מענע ענדערונג וועט זיין זייער גוט פאַר מיר. איך פאָר אַרויס מיטן נאַכט-צוג און שרייב צו אייך דידאָזיקע ווערטער, כדי איר זאָלט וויסן וועגן מיין אָפּפאָר. איך גרוס אייך פון טיפן האַרצן און ווונטש אייך אַ גליקלעכן זומער.

אייער האַרציקע מוטער

קאָרנעליאַ האָט פאַרחתמעט ביידע בריוו אין אַ קאָנווערט, און אויפגעשריבן אויבן „פאַר דבורה, אַליס און קלאַרע״. דאַן האָט זי זיי אַוועקגעלייגט אויפן מיטן בעט. זי האָט אויסגע-טוישט אירע טרויער-קליידער אויף אַ פשוט שפּאַציר-קלייד,

געגומען אַ ביסל געלט, אויפגעשלאָסן ביידע טירן און אַראָפּ־געשלייכט זיך פון די הינטערשטע טרעפּ, דורך דער הינטער־טיר צו דער הויפּט־גאַס. דאָרט איז זי שטיין געבליבן ביי אַ טראַמוויי־סטאַציע מיטן אויפשריפט „באָסטאָן" און איז גיך אַריין אין וואַגאָן.

דאס צווייטע קאַפּיטל

קאַפּיטל II

דער פּלימוט-פעלז *)

I

דער קליינע באָסטאָנער אויטאָבוס איז אײַלענדיק אַראָפּ פון שאָסיי. אַרײַנקומענדיק אין צפון-פּלימוט איז ער שטיין געבליבן פאַר דעם טויער פון דער שטריק-פאַבריק. אַ קליינע אַלטע דאַמע איז אויסגעשטיגן פון אים, אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שטרויען קוישל, זי איז געווען אָנגעטון אין אַן אָרעם אַרבעטער-קלייד, אַן אָפּגעטראָגן טוך אויפן קאָפּ. פון אונטער דער טוך האָבן אַרויסגעגלאַנצט אַ פּאָר לעבעדיקע טונקעלע אויגן. ווען דער אויטאָבוס איז ווייטער אַוועקגעפאָרן זיין וועג, האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויף דער לאַנדשאַפט.

לענגאויס דעם ברעג פון ים איז געשטאַנען אַ באַשיידענער צוויי-שטאָקיקער מויער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פעסטונג, מיט אַן אײַזערנעם פאַרקאַן און אַ טייך, וואָס האָט דערמאָנט די גראָבנס פון די מיטלאַלטערלעכע פעסטונגען. אויבן אויפן שפּיץ האָט געפלאַטערט די אַמעריקאַנער פאָן און עדות געזאָגט, אַז דאָ איז נישט קיין מיטלאַלטערלעכער ריטערלעכער שלאָס אויפן רהיין, נאָר אַן אינדוסטריע-צענטער אין דעם לאַנד פון די שטאָלצע וואַנדער-אבות. די אַלטע דאַמע איז שטיין געבליבן און נישט

*) פעלזיקער ברעג ביי באָסטאָן, באַרימט אַלס לאַנדונגס-אָרט פון דער שיף „מאַיפלאַוער".

געוואוסט, וואָס מ׳האָט ליב געהאַט צו טאָן. צום סוף איז זי צוגעגאַנגען צום אייזענעם טויער און האָט זיך געפרעגט ביים וועכטער:

— זייט אַזוי גוט, מיין הער, ווו קען מען זיך דאָ ווענדן נאָך אַרבעט?

דער וועכטער האָט איר אָנגעוויזן אויף דער געביידע פון דער אַנדערער זייט גאַס:

— דאָרט איז די אַרבעטער־ביוראָ — האָט ער געזאָגט — אָבער איר זענט געקומען צו שפּעט. אין פינף מינוט אַרום שליסן מיר די פאַבריק. קומט מאָרגן.

די אַלטע דאַמע האָט באַטראַכט די רויטע מויערן און דעם בלויען הימל און די ווייסע וואָלקן און די פלאַטערנדיקע, באַשטערנטע פאָן; דאָס אַלץ איז געווען, פּונקט ווי אויסגעמאָלט אויף אַן אַנזיכט־קאַרטע. די פענסטער פון דער לאַנגער פאַבריק זענען געווען אָפן. זי האָט געהערט די זשומעריי פון די שפּינעריי־מאַשינען און געזען די געשטאַלטן פון מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך באַוועגט אַהין און צוריק. און פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן צו פייפן אַ סירענע, און פּונקט ווי דורך אַ כּישוף, האָבן די פאַרשידענע געביידעס אָנגעהויבן אַרויסצושפּייען מענטשלעכע געשטאַלטן. עס האָט אויסגעזען, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַלע געשטאַנען הינטער די טירן אין איין רייע, ווי די קאָנקורס־לויפער פאַרן סיגנאַל. זיי האָבן זיך געאיילט, פּונקט ווי דאָס הויז וואָלט געשטאַנען אין פלאַמען אָדער וואָלט געווען אָנגעפילט מיט אַ גיפטיקן גאַז. וואָס אַמאָל איז געדיכטער געוואָרן די מחנה פון די אַנטלויפנדיקע, ביז די גאַס איז געוואָרן גרוי און בלוי פון די מענער־בלוזעס און פאַרביקע פרויען־מלבושים. לרוב זענען זיי געווען אויסלענדער: איטאַ־ליענער, פּאָרטוגעזער און אַנדערע טונקל־הויטיקע מענטשען. זיי זענען געווען קליין, פאַרזאָרגט; די עלטערע פון זיי — איינגעהויקערט פון דער אַרבעט. זיי זענען געגאַנגען מעכאַניש פאַר זיך און נישט אומגעקוקט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, די יונגע האָבן געשטיפּט גייענדיק זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט, און פון צייט צו צייט האָט איינער אַ פריינטלעכן שמייכל געטון צו דער אַלטער דאַמע מיט די לעבעדיקע, טונקעלע אויגן אונטער דער טוך.

דורכן טויער זענען אַוודאי דורך צוויי טויזנט מענטשן אָדער מער. דער שטראָם האָט אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער. די אַלטע דאַמע האָט זיך פאַרנומען אויפן שאָסיי און אַריין אין אַ באַשאָטנטער אַלייע. שמאָלע געסלעך זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די זייטן, צווישן קליינע הילצערנע אַרבעטער־הייזלעך פאַר פיר פאַמיליעס, פירקאַנטיקע און פראָסטע מיט אַ שמוציקער, אָפגעריבענער פאַרב אָדער אינגאַנצן אָן פאַרב. די אַלטע דאַמע האָט באַמערקט לעבן איר אַ קליין איטאַליעניש יינגל פון זיבן אָדער אַכט יאָר, אַ מאָגער קינד מיט ליכטיקע, שוואַרצע אויגן; ער האָט זיך פריילעך אונטערגעפייפט און אויסגעזען ריין. די אַלטע דאַמע האָט פאַרפירט אַ שמועס:

— גוט מאָרגן, יינגעלע. ווי הייסטו?

— איך הייס בעלטראַנדאָ — ער האָט גערעדט מיט אַ גוטער ענגלישער אויסשפּראַך.

— צו ווייסטו נישט אַמאָל פון אַ זעלכן, וואָס וויל נעמען עמעצן אויף סטאַנציע? — דאָס יינגל האָט זיך מישב געווען, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— קומט אַריין מיט מיר צו מיין מאַמען.

ער האָט זי דורכגעפירט דורך אַ געסל, וואָס האָט געהייסן סאָסאָ.

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ צוויי שטאָקיק אָפגעטונקעוועטע הויז, זיי זענען אַריין דורך אַן הינטערשטער טיר און קאָרנעליע טאָרנוועל האָט זיך געפונען אין דער קיך פון פרוי ווינצענצאָ בריני.

— איך קום פון באָסטאָן — האָט זי געזאָגט. — איך אַרבעט אויך אין דער שטריק־פאַבריק. צי ווייסט איר נישט אַמאָל פון עמעצן, ביי וועמען איך וואָלט געקענט וווינען?

אַלפאָנסינאַ בריני איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ קליינע, אָבער פעסט געבויט מיט אַ גוטמוטיקן, מוטערלעכן אויסזען און לעבעדיקע, קלוגע אויגן. זי האָט נייגעריק אַ קוק געטון אויף איר גאַסט און געפרעגט:

— איר זענט אַן אַמעריקאַנערין!

— הם, יאָ. — האָט געזאָגט קאָרנעליע טאַרנוועל. אגם־זיסט האָט זי זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר ענגלישע אויסשפּראַך.

— פאַרוואָס רעדט איר, ווי אַן אויסלענדערין?

— נו, איך האָב געמיינט, אַז איר וועט מיך בעסער פאַרשטיין.

איר שמייכל איז געווען אַזוי פריינטלעך, אַז ער האָט זי אינגאַנצן אַנטוואָפנט.

— איך נישט גוט פאַרשטיין — האָט פרוי בריני געזאָגט. — אָט דער, טראַנדאָ וועט רעדן, ווי אַן אמתער אַמעריקאַנער, זאָגט ער מיר.

פרוי בריני איז נאָך געווען אָנגעטאָן אין איר פאַרטוך און נאָך נישט געהאַט אויסגעטון איר טיכל.

— איך קום נאָר־וואָס אַריין אין שטוב. איך אַרבעט אין דער וועבעריי. איר אַרבעט אין דער שטריקעריי?

— איך זוך ערשט אַרבעט — האָט קאָרנעליע געזאָגט — צי מיינט איר, אַז איך וועל באַקומען?

— זיכער. ס׳איז דאָ אַ מאַסע אַרבעט. אַ מאַסע שיפן — ווי זאָגט טראַנדאָ, אַפּאַנדאַטאָ — אַ מאַסע שיפן אונטערגעגאַנגען, מאַכט מען נייע זעגלען, דאַרף מען אַ מאַסע שטריק. אָבער וואָסער אַרבעט אין אַ שטריק־פאַבריק? איר זענט אַ צו אַלטע פרוי פאַר אַזאַ אַרבעט.

— אָ, איך האָב נישט קיין מורא פאַר שווערע אַרבעט — האָט געזאָגט פרוי קאָרנעליע מיט דער נאַיוויטעט פון איינעם, וואָס האָט נישט קיין שום באַגריף וועגן דעם — וויפיל צאָלט מען דאָרטן?

— איר קענט נאָך נישט די אַרבעט. ר׳וועט באַקומען זעקס דאָלאַר אַ וואָך. ווען איר וועט שוין קענען אַביסל, וועט איר באַקומען, קען זיין, אַכט, קען זיין, ניין דאָלאַר אַ וואָך. מיין מאַן אַרבעט אין דער שטריק־פאַבריק, באַקומט צוועלף און אַ האַלב טאָלער.

— וואָס וועט מיך קאָסטן אַ וווינונג?

— קאָסטן אפשר צוויי מיט אַ האַלב, אפשר דריי דאָלאַר

די וואָך. אויב איר ווילט איינשטיין ביי מיר וואָלט איך גע־
האַט דאָס צימער בשותפות מיט מיין גרויסער טאָכטער. איר
וועט מיר געבן צוויי דאָלאַר און אַ פערטל. אויב דאָס קליינע
צימער, וועט איר מיר געבן צוויי און אַ האַלבן דאָלאַר.

— איך דאַנק, איך וויל אַ צימער פאַר זיך אַליין, —
האָט קאָרנעליע געזאָגט אומדרייסט.

פרוי בריני האָט זי אַריינגעפירט אין אַ שטוב אַריין, וואָס
האָט געהאַט אַרום עלף קוואַדראַט־מעטער, איינגעאָרדנט מיט פלושן
מעבל פון יענעם מין, וואָס מ׳רעקלאַמירט אין די געשעפטן אויף
ראַטעס צו 38 דאָלאַר 50 סענט, מ׳שרייבט אונטער אַ פאָרמולאַר
אויף דער פונקטירטער ליניע, און יעדן חודש קומט צו גיין
דער אַגענט און נעמט אָפּ דריי דאָלאַר, וואָס רעכנט זיך אַלס
פּראָצענט פאַר דעם נאָך נישט געצאָלטן חוב. ס׳איז דאָרט אויך
געווען אַ גראַמאָפאָן, גענומען אויף אַזאַ אופן. און קאָרנעליע
איז נאָך נישט געווען קיין האַלבע שעה אין הויז, ווי בעל־
טראַנדאָ האָט אַרויסגענומען די גרויסע, רויטע פליטע, וואָס האָט
געקאָסט אַזוי פיל, וויפל קאָרנעליעס אַ האַלבע וואָך דירה־געלט.
פאַר דערדאָזיקער פאַמיליע איז זי פשוט געווען אַ הייליקטום און
אַן אָפּגאָט.

— הערט אויס קאַרוזאָ! — האָט דער קליינער געזאָגט.

און פרוי בריני האָט אויפגעהערט צו וואַשן דאָס גרינ־
וואַרג צום סאַלאַט, און זיך אַוועקגעשטעלט מיט נאַסע הענט,
מיט אַן אויסדריק פון התפעלות, בעת אַ מעכטיקע שטימע האָט
אויסגעשפרייט אירע פליגל און געטראָגן איר נשמה צו איטאַליע.

II

דאָס צימער, וואָס מ׳האָט פאַרדונגען קאָרנעליען, איז גע־
ווען דריטהאַלבן מעטער די גרויס. מיט אַן אייזערנע בעט און
אַ קאַמאָדע. דאָס קוישל וועט זי קענען אַוועקשטעלן אונטערן בעט און
אירע קליידער אויפהענגען אויף די האָקעס הינטער דער טיר.
די פענצטער זענען געווען באַהאָנגען מיט היימיש־אויסגעאַרבעטע

גאַרדינען און אויף דער קאָמאָדע איז געלעגן אַן אויסגעשטריק־טער טישטוך, אויף אים זענען געשטאַנען צוויי פאַרביקע גלע־זערנע פיגורן, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט אַ פּאַסטוך און זיין גע־ליבטע אין איטאַליענישע קאָסטיומען.

„גאַנץ פיין דאָ — האָט די נייע לאָקאַטאָרין געזאָגט — איך וועל זיך דאָ פילן היימיש.

קאָרנעליע האָט פאַרמאַכט די טיר און שטיין געבליבן אין מיטן פון איר קעניגרייך. זי האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן איר ניי לעבן. זי האָט געוואָלט זיך אָפּוואַשן די הענט און ס׳פּנים, און האָט זיך געגומען צום האַרצן, וואָס זי וועט זיך מוזן באַ־נוצן מיטן באָד־צימער בשותפות מיט נאָך מענטשן. אָן שום ספק וואָלט זי געוואָלט אייננטוישן דעם איטאַליענישן פּאַסטוך מיט זיין געליבטע אויף אַ וואַש־שיסל און אַ קריג וואַסער. אָבער צי וועט זי זיך מיט זעקס דאָלאַר אַ וואָך קענען פאַרגינען אַזאַ לוקסוס ? בפרט, ווען זי האָט נאָך דידאָזיקע זעקס דאָלאַר אויך נישט פאַרדינט, ווען זי האָט נאָך אַפילו נישט קיין אויסזיכט צו פאַרדינען זיי.

זי האָט אַרויסגענומען די זאַכן פון איר קוישל און אַריינ־געלייגט אין שופלאָד. זי האָט זיך באַמיט אַרונטערצורוקן דאָס קוישל אונטערן בעט. אָבער זי האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס אָרט איז פאַרנומען מיט עטלעכע קוישעלעך, אָנגעשטאָפּט מיט בי־כער. פאַרחידושט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אָנ־געהויבן אַריינצוקוקן אין די ביכער. „מאַנזאָני״ איז געווען דער ערשטער נאָמען. אַזאַ נאָמען האָט זי שוין ערגעץ־וואו געהערט; אָבער דער טיטול פון בוך „איל פּראָמיסי ספּאָסי״ האָט מער גאָרנישט געזאָגט. דאָס צווייטע בוך איז געווען פון א. אָ. אָלי־ווער, און געהייסן: „אַציאָנאַ דירעטטאַ ע מעדיאַזיאָנע״. דאָס האָט אויך נישט גערעדט צו איר. דאָס דריטע בוך האָט גע־הייסן „לאַ סקאַלע קלעריקאַל״ און זי האָט זיך משער געווען, אַז דאָס מוז זיין אַ רעליגיעז ווערק; אויך דאָס פערטע „זשע־מאָסט לאַ פעסטע רעליגיאָזאַ״ מוז אויך זיין עפּעס אַזאַ ווערק. אַפּנים, אַז די מענטשן פון דאַנעט מוזן זיין זייער פרום; צי

מיינען זיי, אַז די אַמעריקאַנערין וועט גיין מיט זיי צוזאַמען אין קירכע אַריין? אָבער זי האָט אויך געפונען אַ בוך פון ערנעסט רענאַן „דאָס לעבן פון יעזוס". וועגן דעם בוך האָט זי שוין יאָ עפּעס געהערט. אָבער זי האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז זי האָט דאָ פאַר זיך אַ ווערק פון דער אַגנאָסטישער שולע. זייער פּאַסטאָר האָט אַמאָל געהאַט גערעדט דערפון און דער־ציילט, אַז אין דעם בוך איז יעזוס פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פּשוטער, ריינער מענטש. יעדנפאַלס דאַרפן די מענטשן פון דאַנעט נישט מיינען, אַז זי ווייסט עפּעס וועגן דידאַקטיק מחברים.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר, כּדי איינצוזעטעמען פרישע לופט פון דעם הערלעכן אָוונט. פאַרן הויז איז געלעגן אַ גאָרטן מיט גרינוואַרג, גרין און פריש נאָך דעם נאָר־וואָס אַראָפּגעפאַלענעם רעגן. עפּעס אַ מענטש אָן אַ רעקל האָט גע־אַרבעט אין גאָרטן. ער איז געווען אַ הויכער און בעת ער האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן דאָס מיסט, האָבן זיינע לאַנגע הענט זיך באַ־וועגט אין דער לופטן, ווי אַ ווינט־מיל. קאָרנעליען איז געפעלן געוואָרן זיין חשק צו אַרבעטן. זי איז אַוועק צו אים מיטן שטעגל.

— גוטן אָוונט — האָט זי געזאָגט און שטיין געבליבן לעבן דעם אַרבעטער. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים אַלס פרוי קאָרנעליע און ער האָט זי באַגריסט פאַר „מיס קאָרנעליע".

— איך הייס בריני — האָט געזאָגט דער גערטנער; און קאָרנעליע האָט געזאָגט:

— ס'איז מיר אָנגענעם, זיך צו באַקענען מיט אייך — און זי האָט געזאָגט אמת, ווייל, וואָס שייך אויסלענדער האָט זי געהאַט צו זיי צוטרוי, און בפרט דערדאָזיקער מענטש, איר צוקונפטיקער באַלעבאָס, האָט עס פולשטענדיק פאַרדינט. ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. טיילמאָל האָט זיין פּנים אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג און טיילמאָל הומאָר, אָבער שטענ־דיק איז ער געווען ערלעך. זיינע הענט זענען געווען באַוואַקסן מיט האָר. זיין גרויסער קאָפּ איז אים געזעסן אויף אַ לאַנגן האַלדז.

— איך פּאַרזוי עסנוואַרג. איר האָט ליב מינעסטראָ?

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם גאַנצן גאָרטן אַריינלייגן אין אַ טאָפּ אַריין און איר דערלאַנגען צום אָוונט־ברויט. איך משך פון דער צייט האָט קאָרנעליע באַמערקט, אַז ווינצענצאָ בריני לאָזט נישט אַדורך קיין איין געלעגנהייט צו זשעסטוקולירן. ער מאַכט גאַנצע פּאַנטאָמינעס, כּדי אויסצודריקן די באַדייטונג פון געוויינלעכסטן וואָרט. דערביי האָט זי זיך לחלוטין נישט געשעמט.

— איר האָט ליב קיפּאָלאַ? — האָט ער געפרעגט און אָנגעוויזן אויף אַ בייט.

— ציבעלעס? — האָט זי געפרעגט.

— איר מיר לערנען ענגליש, איך אייך לערנען איטאַליאַנאָ — בריני האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד און ווידער אָנגעוויזן אויף אַ בייט.

— ראַפּאַנעלי,

— רעטעכער — האָט געזאָגט קאָרניעליע.

— ביעטאָלאָ — האָט געזאָגט בריני.

— אַרבעס — האָט געזאָגט קאָרנעליע.

דידאַקטיקע לעקציע האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ דריטער מענטש. עס איז געווען אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון זיין טאָג־אַרבעט. ער האָט געטראָגן אַ רעקל מיט דורכגעשוויצטע אָרעמס און געהאַלטן אַ קוישל פון עסן אין דער האַנט. בריני האָט פאַרגעסן אין זיינע בייטן און אַ רוף געטון:

— האַלאָ באַרטאָ!

ס׳איז געקומען אַ האָגל פון איטאַליענישע ווערטער, וואָס האָבן אַפּנים געהאַט אַ שייכות מיט דער דאַמע.

— דער מיין פריינט באַרטאָ. ער ביי אונז וווינט. זייער לאַנג — האָט בריני געזאָגט.

דער אָנגעקומענער איז געווען הויך־געוויקסיק און אַביסל איינגעבויגן. קאָרנעליע האָט געקוקט אויף אים פאַרחידושט, ער האָט אויסגעזען יונג, הגם זיין פּנים איז געווען פול מיט קנייטשן.

זיינע טונקעלע וואָנסעס, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די ביירע זייטן מויל און צוגעגעבן אים אַן אויסדריק פון אַ שווערן, פריינטלעכן ים־פערד. ער איז געווען אַ לאַנגזאַמער און נישט פאַרמאָגט ברינים האַסטיקייט.

— איך צופרידן אייך קענען — האָט ער געזאָגט — איך רעד שלעכט ענגליש, איך שעם מיך.

— זי דיר לערנען ענגליש — האָט ברינ' געזאָגט. — זי אים לערנען אַ סך, מיס קאָרנעליע. ער לייענט שנעל. ער גרויסער סטודענט. האָט אויך ביכער. ער לייענען גאַנצע טאָג.

— אַזוי, דאָס זענען אייערע ביכער, הייסט עס, וואָס ליגן אונטער מיין בעט! — האָט אויסגערופן קאָרנעליע.

— איך נעמען באַלד אַוועק — האָט געזאָגט דער פרעמדער און זיך גלייך פאַרנומען צום הויז. — מיט איר פרויען־אינסטינקט האָט קאָרנעליע תיכף באַגריפן, אַז דערדאָזיקער יונגער אַרבעטער טראַכט צום ערשטן וועגן אַנדערע, דערנאָך ערשט וועגן זיך אַליין.

— פערמאַ טי! — האָט געמופן בריני — דו נישט גיי אין צימער פון דאַמע. דו וואַרטן! — ער האָט געשמייכלט און געזאָגט צו קאָרנעליען:

— ער נישט ווייס, וואָס ס'איז געשעט. ער לייענען ביכער, מאָלטאָ סטודיאָסטאָ, גאַנצן טאָג. ער קריג אַרבעט, פאַרדינט ביסל געלט, גייט וועק און לייענט ביכער. ער גרויסער מענטש, מיינע אַמיקאָ באַרטאָ — און ברינ' האָט צערטלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין פריינטס אַקסל — ער גוטער מענטש. בעסטער מענטש. איר קען פרעגן אַלע איטאַליאַנאָ אין פּלימוט — זיי אייך זאָגן — קיינמאָל נישט געווען אַזאַ גוטער מענטש אין גאַנץ מאַסאַטשוסעט, ווי מיין פריינט באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי.

111

די פאַמיליע איז געגאַנגען עסן אָוונט־ברויט. די קיך איז נישט געווען גרויס. ס'איז געווען ענג, מ'האָט זיך געשטויסן

איינער דעם אַנדערן אין די עלנבויגנס: טאַטע־בריני איז געזעסן אויבן־אָן, די מאַמע איז געזעסן אינמיטן. אויף איין זייט זענען געזעסן די דריי קינדער און אויף דער אַנדערער זייט — קאָרנעליע מיט איר שכן. זי איז געווען נייגעריק צו זען, וואָס פאַר אַ מאכלים דידאָזיקע מענטשן וועלן איר פאָרלייגן צום עסן. זי האָט דערזען אַ גרויסע שיסל סאַלאַט מיט אַ סך וויין און עסיק, אַ גרויס שטיק פאַרמעזאַן־קעז, אַ לאַבן ברויט אויפן איטאַליענישן שטייגער, געבאַקן ווי אַ H און אַ פלאַש רויטן וויין, פון וועלכן די קינדער האָבן באַקומען אַ פּאָר טראָפּן און די פרויען צו פולע גלעזער. דאָס איבעריקע האָבן מסתמא געדאַרפט אויסטרינקען די מאַנסלייט. וואַנצעטי אָבער האָט נישט געטרונקען קיין וויין; ער האָט זיך אַפּנים אָנגעלייענט אַ סך וועגן היגעניע און וועגעטאַריער. ער האָט געזאָגט צו קאָרנעליען:

— אָרעמע מענטשן, מאָרטאָ פּאָרטונאַטאָ — ווי זאָל איך עס אייך זאָגן, גליקלעך, ווייל זיי האָבן נישט אויף קיין רייכע מאכלים. אַ מענטש וואָס עס איינפאַכע עסנס איז געזונט דאָס גאַנצע לעבן.

טאַטע־בריני האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן, און באַוויזן מיט ווערטער און זשעסטן, אַז וויין טרונקט ער נאָר דעמאָלט, ווען ער איז נאָך נישט שטאַרק. ער האָט פריילעך געלאַכט און דערקלערט קאָרנעליען דאָס פּאָפּולערסטע און וויכטיקסטע איטאַליענישע שפּריכוואָרטל: דאַווינאָ דאַ ווינאָ *).

לויט דעם איטאַליענישן מנהג האַלטן זיך די פרויען, בפרט עלטערע, אין אַ געזעלשאַפט עטוואָס פון דער ווייטנס. אָט די מענטשן אָבער האָבן אַרויסגעוויזן זייער גאַסט אַ באַזונדערן כבוד און אַריינגעצויגן זי אין זייער שמועס. זיי האָבן נעהאַט בלויז איין ווונטש, אַז זי זאָל זיך פילן ביי זיי, ווי ביי זיך אינדערהיים. זיי האָבן זיך געמוזט ראַנגלען מיט פרעמדע ווערטער און רופן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיי אַרויסהעלפן מיט לשון. און קאָרנעליע האָט זיך געוויילט צוקוקנדיק

*) „געטלעכקייט" קומט פון „וויין".

זיך צו די קינדער. די עלטסטע טאָכטער, אַ צען־יעריק שיין מיידל, אַ קליינע מיט טונקעלע אויגן און זייער אַ שטילע. זי האָט געהייסן לאַפּעוורע און גערופן האָט מען זי „פּע". זי איז, פּונקט ווי איר ברודער בעלטראַנדאָ, געגאַנגען אין פאָלקס־שול, און מאָדנע, ווי ביידע קינדער זענען געווען אַמעריקאַניזירט.

ביי דעם שמועס האָט פּע געדינט פאַר אַ ווערטער־בוך. פאַר אַ נישט פולשטענדיק ווערטער־בוך, צוגעפּאַסט, הייסט עס, צו די באַדערפענישן פון דער מינוט. זי האָט געלערנט וואַני־צעטין ענגליש און ער האָט זי געלערנט איטאַליעניש, און טאַקע מיטן טאָסקאַנישן דיאַלעקט, וואָס איז די ליטעראַרישע שפּראַך. די ברינים האָבן אָפּגעשטאַמט פון אומגעגנט אַרום באָלאָניע און זיי האָבן גערעדט מיטן דיאַלעקט, וואָס מ׳האָט זיך דאָרטן באַ־נוצט; וואַנצעטי האָט פריער גערעדט מיט אַ פּיעמאָנטער דיאַ־לעקט, אָבער זינט ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען, האָט ער זיך אויסגעלערנט די קלאַסישע איטאַליענישע שפּראַך, און ער האָט געוואָלט, אַז פּע זאָל אויך אַזוי רעדן. דאָס איז געווען זייער גוט פאַר דעם מיידל, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַמעריקאַנער צייטונגען און מאַגאַזינען — ער האָט איר געגעבן צו לייענען דאַנטען.

קאָרנעליע האָט זיך געפילט צווישן דידאָזיקע אויסלענדער אויסגעצייכנט. אין אירע קרייזן האָט מען תמיד געהאַלטן, אַז די איטאַליענער זענען „וואָפּס"*) און אַז זיי לעבן ווי די חזירים. זי האָט זיך געריכט צו זעען שמוץ, דעגענעראַציע, גראָבקייט, אַפילו פאַרברעכן. צי וואָלט זי דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן? און אָט זיצט זי מיט זיי ביים טיש, עסט מיט זיי סאַלאַט, גוט ברויט, פּוטער און קעז; טרינקט זייער אַ גוטן געטראַנק, שמועסט מיט אַן איטאַליענישן ערד־אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָפּגעוואַשן ריין די הענט און דאָס פּנים, אָנגעטון אַ ריין העמד, און פירט מיט איר אַ שמועס וועגן דער „געטלעכער קאָמעדיע".

קאָרנעליע האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט געלייענט דידאָ־

*) אַ שפּאָט־נאָמען פאַר איטאַליענער אין אַמעריקע.

זיקע פּאָעמע אין דער איבערזעצונג פון לאָנגפעלאָ. און אין דער מינוט אָן זענען זיי געוואָרן גוטע פריינט.

— אַך, וואָס פאַר אַ גרויסער דיכטער ער איז געווען, וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש! — פרוי קאָרנעליע, אויב איר האָט געלייענט דאַנטען, קענט איר די נשמה פון איטאַליען, ווען איר ליב קריגן דאָס איטאַליענישע פאָלק. ער איז געווען אַ פריינט פון פאָלק. ער איז געווען — ווי אַזוי זאָל איך עס אָנרופן — ער איז געווען אַ רעבעלאָ — ער האָט זיך געווענדעט צו דער קליינער פּע, אָבער זי האָט נישט געקענט אַזעלכע שווערע ווערטער און ער האָט איר געמוזט אויפקלערן, וואָס עס איז אַזוינס אַ „רעבעלאָ". ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און געבייזלט די פויסטן — די רייכע לייט, האָבן אים פאַרטריבן, ער האָט לאַנג געלעבט אין גלות, געליטן, ווייל ער האָט געזאָגט דעם אמת. כ'האָב אים נאָך נישט געהאַט געלייענט, איידער כ'בין געקומען קיין אַמעריקע. כ'בין געווען יונג, איך האָב געאַרבעט אין אַ נוי־יאָרקער קלוב, אין זייער אַ גרויסן קלוב. איך האָב געוואַשן ס'געפעס. און דאָרט האָב איך געזען אַזאַ שמוץ, אַז ווען איך זאָל אייך דערציילן, וואָלט אייך פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט צום עסן. דער גרויסער ריזיקער עס־זאַל — מירמלשטיינער, ווי אַזוי רופט מען עס דאָרטן? רייכטום, ליכט, אַ סך מענטשן, אָנגעטון עפּעס אין אַזוינע העמדער, מיט גאָרסן — דער דערציילער האָט געמאַכט אַ זשעסט, אַז קאָרנעליע האָט זיך דערמאָנט אָן איר איידים רופערט אַלווין, וואָס האָט געגעסן תמיד מיטאָגן אין אַזאַ קלוב.

זיי זענען אָנגעטון געווען, ווי אויף אַ באַל — האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן.

— יאָ, יאָ, אַריסטאָקראַטיש, פראַכטפול, און אין שפּייכלער, דאָרט, ווו מ'וואַשט דאָס געפעס — אַזאַ שמוץ! איך האָב געוואוינט אין אַ קליין שטיבל, הויך — פאָווערע. איינמאָל גיי איך אַזוי פאַרביי אַן איטאַליענישע בוכהאַנדלונג, און איך טו אַ קוק: דאַנטעס ווערק, זייער ביליק — פאַר אָרעמע. טו איך אַ זאָג צו מיר: אַ גרויכער דיכטער, אַ חרפה, אַז איך זאָל זיין אַזאַ —

ווי אַזוי זאָל איך עס אָנרופן — איגנאָראַנצאַ. נו, האָב איך מיר איינגעקויפט די ביכער אין שטוב אַריין. איך האָב זיי געלייענט, פאַרגעסן אָן שלאָפן, פאַרגעסן אָן דעם גרויסן קלוב פון רייכע, דאַ פאַדראָנע מאַלעדעראנטע — כ׳האָב געלעבט מיטן גרויסן גייסט פון די אַלטע צייטן. איך האָב געקעמפט מיט די גלחים, מיטן קלער. איך האָב זיי געזען אין גיהנם — זייט מיר מוחל, אויף איטאַליעניש הייסט עס פּאָעטישער: אינפערנאָ.

דער דערציילער האָט איבערגעריסן אַ ווײַלע. ער האָט אָנגעהויבן ווייטער:

— איך זאָג צו פּע: דאָ טראַנדאָ, פאַרגעס נישט אין דעם גרויסן פּאָעט פון אונזער אַמאָליקן פאָטערלאַנד. לייענט, און אייערע נשמות וועלן ווערן גרויס, איר וועט קיינמאָל נישט קיין מורא האָבן, איר וועט קענען אַלצדינג איבערטראָגן — ווי אַזוי זאָגט מען עס — אינפּאָרטוניאָ קאַלאַמיטאַ. איך גיי אין אַן איטאַליענישע בוכהאַנדלונג און זאָג: גיט מיר אַלצדינג, וואָס דאַנטע האָט אָנגעשריבן. איך האָב איבערגעלייענט אַלץ. איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך — נישט די פּאָעמע, ווי אַזוי רופט מען עס —

— פּראָזע?

— „מיל קאָנוויטאָ” דאָס איז עס — אַלע זיצן אַזוי ביים אָוונט־ברויט, ווי מיר אַ שטייגער דאָ — אָבער ביי אַ גוטן אָוונט־ברויט. עס קומען אָן עטלעכע חברים — ס׳הויבט זיך אָן די סעודה.

— אַ באַנקעט? — האָט קאָרנעליע איבערגעפרעגט.

— אַזוי איז עס — האָט וואַנצעטי אָפּגעענטפערט און אָנגעהויבן צו ציטירן עפּעס אַ פראַגמענט. דאַן האָט ער מיט פאַרשידענע הוועיות און מיט אַ געמיש פון ענגלישע און איטאַליענישע ווערטער געגעבן צו פאַרשטיין דער אַמעריקאַנער דאַמע, וואָס דער גרויסער לערער האָט געזאָגט וועגן די רייכע, און די אַלמנה נאָך יהושע קווינסי טאָרנוועל, די מוטער פון דריי מיליאָנערישע ווייבער, האָט זיך דערוואוסט פון גרויסן אַלוועלטלעכן פּאָעט, אַז דאָס זאַמלען עשירות גראָבט אונטער

און רוינירט שטעט און פעלקער, אַז די רייכע האָבן נישט קיין צוטריט צו קיין גוטן מענטשן, אַז זייער געדאַנק איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, אַז דער געזונטער, אמתער, קלוגער מענטש אַנערקענט נישט קיין רייכטום.

— לערנט אייך אויס אַביסל איטאַליעניש, איך וועל אייך צוהעלפן — האָט וואַנצעטי געזאָגט, — אויף ענגליש ווערט עס קיינמאָל נישט אַרויס אַזוי גוט, דער פערז פאַרלירט דעם קלאַנג. צי האָט איר שוין געהערט? הערט מיך אויס, פרוי קאָרנעליע — ער האָט אָנגעהויבן ציטירן, אויסציענדיק אַלע וואָקאַלן לאַנג און ברייט, ווי עס זענען זיך נוהג די איטאַליענער.

„Per me si va nella citta dolente;
Per me si va nell'eterno dolore;
Per me si wa tra la perduta gente.
Giustezia mosse il mio alto fattore“.

— אַ טרויעריקער מענטש — האָט וואַנצעטי געזאָגט — כ'האָב נישט געזען נאָך אַזאַ טרויעריקן מענטשן אויף דער וועלט. ער האָט געמאַכט אַ באַזוך און ל'אינפערנאָ — ווי איר אַמעריקאַנער רופט עס אָן „גיהנם“, אָבער נישט אין דעם זין פון קללות, פרוי קאָרנעליע. איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי מ'לערנט אויס דעם גלח צו מוסרן די שלעכטע מענטשן.

— כ'ווייס.

— אָבער גלויבט נישט אין קיין גלחים. דאָ אויף דער ערד איז דער גיהנם. דאָ איז אַ גיהנם, וואָס די שלעכטע מענטשן האָבן געמאַכט פאַר די אָרעמע, בעת זיי הייסן זיי גיין אויסשחטן זיך אויף מלחמות. ווען איר ווערט לייענען דאַנטען, זאָלט איר נישט טראַכטן וועגן גיהנם, נאָר וועגן איטאַליען, וועגן אַמעריקע, איצטער אין אונזער צייט. אָט דאָס האָט ער געוואָלט ווייזן — און ער האָט מיט גרויס מאַטערניש אויסגעטייטשט דעם איטאַליענישן פערז אויף ענגליש.

דורך מיר איז דער וועג צו דער יסורים־שטאָט,
דורך מיר איז דער וועג צו דער אייביקער פּיין.
דורך מיר איז דער וועג צום אונטערגאַנג פון פאָלק.
איך בין דאָס ווערק פון אַ גרויסער, גערעכטער האַנט.

אַ פאַקט איז, אַז נישט איין גרויסע פּאָעמע איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט דער שפּראַך פון די אָרעמע און פּשוטע. ס׳איז אַ פאַקט, אַז דאַנטעס שפּראַך איז געווען אַזוי, איידער זי איז געוואָרן אַ וועלט־שפּראַך —

אָבער קאָרנעליע האָט נישט געוואוסט וועגן דעם, זי האָט זיך נישט פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס אָט דער איטאַליענישער פויער האָט באַוויזן איבערצוזעצן דעם פערז אַזוי גוט. זי האָט נאָר געזען, ווי שטאַרק ער באַמיט זיך, איר קלאָר צו מאַכן, וויפיל ער איז דורכגענומען מיט זיין גרויסן לערער.

— פערדוטאַ זשענטע, פרוי קאָרנעליע, זענען נישט די, וואָס רייסן אַרונטער די גלחים און שיקן זיי אין גהנים אַריין. דאָס זענען אָרימע און עלנטע מענטשן, וואָס מ׳שיקט זיי געהרגעט צו ווערן און הרגענען אַנדערע אין די גרויסע מלחמות. דאָס זענען פאַרלוירענע מענטשן, פערדוטאַ זשענטע. אויף דעם גורל פון דידאָזיקע מענטשן וויין איך פון טיפן האַרצן.

IV

די פאַמיליע איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. ברייני האָט געאַרבעט אַ שעה צייט אין גאָרטן, איידער ער איז געגאַנגען אין פאַבריק, און זיין פריינט באַרטאָ האָט אים דווקא געוואָלט העלפן. פרוי ברייני האָט צוגעגרייט די קאַווע און „פריטאַטאַ״ צום פרישטיק; זי האָט נישט ערלויבט קאָרנעליען זי זאָל איר צו העלפן, געגעבן עצות:

— איר דאַרפט זיך נישט באַמיען אויסצוזען, ווי אַן אויס־

לענדערין. זיי וועלן זיין צופרידן, אַז אין פאַבריק וועט אַרבעטן אַן עכטע אַמעריקאַנערין! איר דאַרפט זאָגן, אַז אייער מאַן איז געשטאָרבן, פאַרלוירן דאָס פאַרמעגן, און איר מוזט זוכן אַרבעט. האָט נישט קיין מורא. פיל קאָראַגיאָ, ס'איז דאָ גענוג אַרבעט. זאָגט, אַז איר מוזט האָבן אַרבעט בייטאָג, איר זאָלט נישט אָננעמען קיין נאַכט־אַרבעט — היינט איז מלחמה, איז פאַראַן אַ מאַסע אַרבעט! האָט נישט קיין מורא!

וואַנצעטי האָט געאַרבעט אין דער שטריק־פאַבריק, ווו ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אַן אַרבעט פאַר חזרים. ער האָט געגראָבן אַ ראָוו פאַר אַ וואַסער־רער. ס'איז אים אויסגעקומען צו גיין מיט קאָרנעליען און ער האָט איר געגעבן עצות.

ס'וועט זיין פאַר אייך צו שווער, פרוי קאָרנעליע — האָט ער געזאָגט צו איר — אַלטע פרוי, נאָ זשאָוואַנע, מאָלטאָ אַפּוואַטיקוואַטאַ. אַ שווערע אַרבעט. אָבער איר מוזט עס נעמען לייכט. זאָרגט זיך נישט פאַרן פאַבריקאַנט. ער וועט נישט שטאַרבן פאַר הונגער, איר דאַרפט זיך נישט מקרב זיין פאַר אים. דער עיקר אַרבעטן פאַמעלעך, אויפמערקזאַם, נעמט זיך צייט, קוים פאַרלירט איר די שטעלע וועלן מיר אייך אַרויסהעלפן. מירן נישט לאָזן אַ גוטע פרוי זאָל הונגערן.

קאָרנעליע איז דרייסט אַריינגעקומען אין דער אַרבעטער־ביוראָ, אַ קוק געטון דעם באַאַמטן גלייך אין די אויגן און געזאָגט:

— איך זוך אַרבעט.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט זי אָפּגעגעבן איר איך אויפן פאַרקויף און זי האָט דערפילט אַ גאַנץ ניי געפיל, אַז מ'באַקוקט זי ווי אַ סחורה.

— שוין אַמאָל געאַרבעט אין אַ שטריק־פאַבריק?

— ניין.

— וואָס דען?

— געלערנט אין אַ שול, חתונה געהאַט, איצט אַן אַלמנה, כ'מוז פאַרדינען אויף חיונה.

— די אַרבעט איז צו שווער פאַר אַן עלטערע פרוי.

— איך שרעק מיך נישט פאַר קיין שווערע אַרבעט. איך וועל טון אַלץ. אָבער איך וויל אַרבעטן בייטאָג.

—אפשר אַן אַרבעט ביים ווּיקלען? —האָט דער באַאַמ־טער געזאָגט. ער האָט נאָכגעקוקט די אַרבעטער־רשימה. — קיין לעדיק אָרט איז אפילו נישטאָ, אָבער מ'קען עמעצן איבערטראָגן.

— דאַנק אייך — האָט קאָרנעליע געענטפערט — זייט אַזוי גוט, און טוט טאַקע אַזוי. — זי האָט אים געפּרוּווט פאַראינ־טערעסירן מיט איר פּערזאָן און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. ער האָט זי געשטעלט עטלעכע פראַגן און פאַרשריבן אירע ענטפערן אין אַ פראַגע־בויגן. דאַן האָט ער באַפוילן דעם דינער, אריינ־צופירן זי אין דעם הויכן פאַבריק־טויער.

אַ לאַנגער וועג האָט געפירט צום אָרט פון איר אַרבעט. דידאָזיקע שטריק־פאַבריק, די גרעסטע אין דער וועלט, האָט זיך געצויגן דריי פערטל מייל לעגגאַויס דעם ברעג פון ים, צו־זאַמען מיט אַ האַפן, צו וועלכן ס'זענען פאַרפאָרן שיפן מיט טראַנס־פּאָרטן רוי־מאַטעריאַל, וואָס מ'האָט דאָרטן אָפּגעלאָדן. דער פאַב־ריק־שטח האָט פאַרמאָגט אַן אייזנבאַן־ליניע און גאַראַזשן פאַר לאַסט־אויטאָמאָבילן, אויף וועלכע מ'האָט איבערגעפירט די שטריק און די קנוילן פעדעם. פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַ גערויש פון די מאַשינען און די מענטשן האָבן זיך באַוועגט ביי דער אַרבעט, ווי מוראַשקעס. קאָרנעליע האָט זיך געהאַלטן לעבן איר פירער, וואָס האָט געקענט דעם וועג צווישן דעם לאַבאַרינט פון אַרבעט, און געפירט זי זיכער אין איר קליין קעמערל.

די ביידלעך פון דער שפולעריי זענען געווען זייער נידע־ריק. ס'איז נישט געווען קיין פרייער שטח. די קנוילן שטריק האָבן זיך אַרויפגעוויקלט אויף אַן אומענדלעך לאַנגער טאַשמע און די פרויען, זענען געזעסן אין אַ רייע, געניית מיט לאַנגע נאָדלען און שפּאַגאַט אין גראָבע לייוונט. קאָרנעליעס באַ־גלייטער האָט גערעדט מיטן אויפזעער, ער האָט איינע אַ פרוי געהייסן אויפהערן אַרבעטן, אָנגעוויזן קאָרנעליען דעם פּלאַץ און איר געזאָגט, וואָס זי דאַרף טון. זי האָט געדאַרפט די ראָלן שטריק אַ דריי טון נעמען אַן איינגעפעדעמטע נאָדל, צוזאַמענ־

ציען דעם פּאַק־לייוונט און געבן עטלעכע שטעך; דאָס אַלץ האָט מען געמוזט טון אין משך פון עטלעכע מינוט, איידער די באַוועגלעכע טאַשמע ציט אַרויס פון איר דעם קנויל, כדי איר צוצוברענגען אַ פרישן.

אַן אינטעליגענטער מענטש דאַרף האָבן פינף מינוט צייט, כדי זיך אויסצולערנען דאָס אַלץ, וואָס איז געווען נויטיק דאָ צו קענען; דאַן טוט מען שוין כסדר די זעלביקע אַרבעט. צום אָנהויב איז עס נישט געווען אומאָנגענעם. ווען די אַרבעט האָט איר שוין אויסגעזען לייכט, האָט זי אַ קוק געטון אויף די איבעריקע פרויען, וואָס זענען געזעסן מיט איר אין איין ריי, אויף דעם גאַנצן חלל און די מאַשינען. אָבער נאָך אַ צוויי אָדער דריי שעה האָבן זיך אירע נישט צוגעוווינטע נערוון אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן. זי איז מיד געוואָרן און אירע הענט האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. דער שפּאַגאַט איז געווען לאַנג און זי האָט געמוזט הויך אויפהויבן איר האַנט; ווער עס מיינט, אַז ס'איז נישט קיין אָנשטרענגונג, צו מאַכן עטלעכע שעה כסדר אַזעלכע באַוועגונגען, זאָל אַליין אַמאָל פּרובירן. ס'האָט איר אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן, און דער שטריק־קנויל, וואָס האָט זיך פריער געלאָזט אָננעמען לייכט און זיכער, האָט איצט אויסגעזען ווי צוגעוואַקסן צו דער טאַשמע און נישט געלאָזט זיך באַאַרבעטן. קיין צייט האָט זי נישט געהאַט; זי איז געווען אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן חסד פון דער אומגעהויערער מאַשין, וואָס איז געלאָפן ווילד אָן אויפהער, ביז די הענט פון די פרויען זענען געוואָרן ווי אָפּגענומען.

לסוף האָט אַ פייף געטון די סירענע; און איצט האָט קאָרנעליע פאַרשטאַנען אָן שום ווייטערדיקע דיסקוסיעס וועגן סאָציאָלאָגיע, פאַרוואָס די אַרבעטער טוען זיך אַ ריס פון די ערטער און לאָזן זיך צו די טירן. זי אַליין האָט זיך נישט געקענט רירן; איר איינציקער וואונטש איז געווען, אָנצושפּאַרן זיך אָן דער וואַנט, די ציטערנדיקע אויגן־לעדערלעך צוצומאַכן און אַראָפּצולאָזן אירע מידע הענט. אין אַ קליין פּעקעלע האָט זי מיטגעבראַכט איר עסן, אָבער זי האָט נישט געהאַט דערצו קיין שום

חשק. זי האָט נאָר געוואָלט רוען. מיט אַ שוואַכער שטימע האָט זי אָפּגעענטפערט די איבעריקע פרויען, וואָס זענען געזעסן לעבן איר און אויסגעדריקט איר מיטגעפיל. דידאָזיקע פרויען האָבן שוין גוט געוואוסט, ווי אַזוי מ׳פילט זיך צום ערשטן מאָל און זיי האָבן געפרווט אויפצומונטערן זי; שפּעטער וועט ווערן לייכטער — האָבן זיי זי געטרייסט — די פינגער און דער רוקן וועלן זיך צוגעוווינען, הגם, וואָס אַן אמת, זי איז טאַקע צו אַלט פאַר אַזאַ אַרבעט.

יאָ, קאָרנעליע איז געווען אַלט; זי האָט זיך נאָך קיינמאָל אין איר גאַנץ לעבן נישט געפילט אַזוי אַלט ווי איצט. דאָס איז געווען אַ וואַנזיניקער פּלאַן, זי האָט געדאַרפט וויסן, אַז זי וועט נישט קענען איבערהאַלטן. אָבער ביי דידאָזיקע געדאַנקען האָט זי צונויפגעדריקט די פויסטן און פאַרקריצט די ציין: זי האָט זיך איינ־מאָל אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו באַקומען אַן אַרבעט, און דידאָזיקע אַרבט אויסצופירן, מעג זי זיין ווי איידל. נו, און איצט איז געקומען דערצו און ערשט איז די ברירה, אָדער צו אַרבעטן אָדער צו שטאַרבן. אין ניי־ענגלאַנד איז פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס טוען דאָס אייגענע — משנוהדיקע, וואונדער־לעכע, שרעקלעכע זאַכן. זיי טוען אַזוי דערפאַר, ווייל זייער געוויסן טרייבט זיי דערצו, אָדער אַפילו בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך איינמאָל גענומען אין קאָפּ אַריין און זענען צו איינגעשפּאַרט, זיך אָפּצוזאָגן דערפון.

V

די סירענע האָט ווידער אַ פייף געטון און די גרויסע מאַ־שין האָט ווידער אָנגעהויבן צו רוישן. קאָרנעליע האָט אָנגע־נומען די איינגעפעדעמטע נאָדל מיט אַ ציטערנדיקע האַנט און אָנגעהויבן צו מאַכן די פריערדיקע באַוועגונגען, כאָטש איר גאַנץ ווזן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. זי האָט געזען איר צוקונפט אָן אַ שום האָפענונג; יעדן מאָרגן פון זיבן ביז צוועלף וועט זי אַזוי מוזן זיצן דאָ און מאַכן אָן אויפהער די זעלביקע באַוועגונגען,

אָפּרוּען איין שעה און ווידער טון דאָס זעלביקע ביז זעקס פאַרנאַכט. אָט די צען שעה וועלן תּמיד זיין די זעלביקע צען שעה. זי וועט זיי קיין מאָל נישט קענען ענדערן און דעריבער קען דאָ נישט העלפן קיין שום שיינע רייד און קיין שום פילאַנ־טראָפּישע געפילן. קאָרנעליע האָט זיך דערמאָנט, פאַרוואָס זי האָט זיך אויסגעקליבן דווקא די פלייפּלוט־פאַבריק פאַר איר ערשט אַרבעט־אָרט. דער אַלטער הער פּערי — ל. לאָורענץ פּערי, דער דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט — איז געווען אַזאַ פריינטלעכער, אַלטער דזשענטלמען; זי האָט אים געהערט רעדן אַזוי פיל מאָל וועגן זיין וווילטעטיקייט, גוטסקייט, וואָס פאַר אַ שיינע אַרבעט־אינסטיטוציע עס איז די שטריק־פאַבריק און ווי גליקלעך די אַרבעטער לעבן דאָרטן. פאַר קאָרנעליען האָט עס געקלונגען גאַנץ אידיליש און זי האָט געשלונגען די דאָזיקע ווערטער. זי האָט געהערט אַז הער פּערי שטיצט אונטער אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, גיט אַוועק זיין צייט לטובת הכּלל. אַלע מענטשן באַוווּנדערן אים. אַצינד אָבער איז קאָרנעליען ווי אַ בליץ געקומען אויפן באַוווּסטזיין, אַז איר איז אינגאַנצן גלייכגילטיק, וואָס ער טוט מיט דעם געלט, וואָס ער פאַרדינט אין דידאָזיקע שטריק. איר איינציקער וווּנטש איז געווען, אַז די מאַשין זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר מינוט! די גאַנצע ליבע, אַלע סענטימענטן פון דער וועלט האָבן נישט דעם מינ־דעסטן ווערט, אויב מען מוז דאָ זיצן גאַנצע צען שעה אין מעת לעת און מאַכן די זעלביקע באַוועגונג.

עס האָט איר אַפילו נישט געוויילט דאָס, וואָס די שטריק קומען אַרויס זייער ווייס און האָבן עפּעס ראָמאַנטישעס אין זיך צוליב דעם באַוווּסטזיין, אַז זיי ווערן באַנוצט אויף שיפן. אַמאָל האָט זיך קאָרנעליע באַגייסטערט מיט אַזעלכע פּוסטע חלומות. אָבער איצט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זיצנדיק דאָ, וועט זי קיין שיף פאַר די אויגן נישט אָנזען, אַז מיט אירע אַכצן צוואָנציק נאָדל־שטעך האָט זי בכלל נישט צו טון מיט די שטריק. פון דער מינוט, וואָס די סחורה גייט אַוועק פון אירע פינגער, ווייס זי קיין שום זאַך נישט, וואָס עס קומט פאַר מיט דעם. יאָ, זי וועט אַפילו נישט

וויסן, סיידן עמיצער וועט עס איר זאָגן, ווי אַזוי עס איז געשען, וואָס דער שטריק איז געוואָרן ווי ער איז איצט, בעת ער קומט אַריין צו איר אין די הענט. דער העפלעכער, פריינטלעכער, ווייס־האָריקער, אַלטער הער פערי האָט נישט איינגעפירט, אַז מ׳זאָל פירן די אַרבעטער איבער דער פאַבריק און באַעקענען מיט דער פאַבריקאַציע. יעדער איינציקער קומט אַרויף אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ, און דאָ שטייט ער פון דאַן אָן, ווען די סירענע טוט אַ פייף, פינף שעה נאָכאַנאַנד, ביז די סירענע פייפט נאָכאַמאָל. איין אַרבעט איז פּונקט ווי די אַנדערע בלויז מיט אַ קליינעם אונטערשייד: די הויכקייט פון פּרייז, וואָס מ׳קריגט אין דעם צוגעגרייטן קאָנווערט. קאַרנעליע האָט געטראַכט, אַז דאָס אַלץ וועט זי ווען עס איז זאָגן דעם אַלטן הער פערי, און זי האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט דעם פאַרחידושטן, געריריטן בליק פון זיינע גוטע אויגן. דערדאָזיקער געדאַנק האָט איר געטרייסט און איר געהאָלפן עטוואָס צו באַפרייען זיך פון דעם אומדערטרעגלעכן ווייטיק פון אירע מוסקולן און נערוון.

ווען די סירענע האָט לסוף געגעבן דעם צייכן, אַז דער אַרבעט־טאָג איז געענדיקט, האָט איינע פון אירע שכנטעס איר געמוזט העלפן אויפשטיין. זי איז אַרויס פון זאַל די סאַמע לעצטע, די לעצטע איז זי צוגעקומען צום טויער. ברייני און וואַנצעטי האָבן איר אָפּגעוואַרט, מיט די פעסטע הענט האָבן זיי אָנגענומען איר שוואַכן ציטערדיקן קערפּער — און ווי פריינטלעך, ווי ווייכהאַרציק ,ווי איידל, ווי גוט עס האָבן געהאַנדלט דידאָזיקע איטאַליענישע אַרבעטער! זיי האָבן געקענט אַראָפּלייענען אויסגעמאַטערטקייט פון פּנים און זיי האָבן זי כמעט געטראָגן איבער דער גאַס. דעם גאַנצן וועג האָט וואַנצעטי געמורמלט:

— אָרעמע פרוי קאָרנעליע! אַזאַ שווערע אַרבעט פאַר אַן אַלטער פרוי! איר וועט נישט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע אַרבעט.

זיי זענען אַריין אין שטוב, קאָרנעליע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן, זי האָט געהאַט נאָר איין וווּנטש — צו לייגן זיך אויפן בעט. און דערדאָזיקער דאַנטעס פאַרהערער האָט איר צוגעבראַכט אַ גלאָז

מילך און גענייט זי צו טרינקען. אין דער צייט, וואָס ער האָט זי־ אַדינט האָט ער געזאָגט:

— פרוי קאָרנעליע, איר זאָלט שוין מער נישט גיין אין דער שטריק־פאַבריק אַרבעטן! איר וועט זיך פאַרנעמען אַביסל מיט דערווירטשאפט, איר וועט אַביסל העלפן אין שטוב. אָבער איר זאָלט נישט ארבעטן אין פאבריק. איר זענט אן עלטערע פרוי נישט געוווינט צו אַזאַ שווערע ארבעט! איך האָב אביסל געלט אין דער באנק, איך וועל אייך העלפן אַביסל, מירן אייך אלע העלפן. איר וועט געפונען אַ לייכטערע שטעלע ביי אַן אמעריקאנער פאמיליע...

אָבער קאָרנעליע האָט געזאָגט:

— מאָרגן פרי וועט אלצדינג ווידער זיין אין אַרדענונג. איך האָב נישט בדעה אָפּצוזאָגן זיך פון מיין ארבעט.

VI

קאָרנעליע האָט געהאָפט, אַז דעם אַנדערן טאָג וועט איר די אַרבעט זיין לייכטער. אָבער זי האָט זיך אָפּגענאַרט. זי איז שלעכט געשלאָפן, און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָבן איר ווי געטון די פלייצעס און די הענט. ס׳איז געווען אַן אויסער־געוויינלעכע אָנשטרענגונג פון ווילן, כדי צו צווינגען די אָנגע־ווייטאָקטע מוסקולן צו דער אַרבעט; יעדער שעה איז געווען אַ פרישער פיין. ערשט אין אַ סך טעג אַרום האָבן די ווייטיקן פאַ־מעלעך אויפגעהערט, אָבער פון דערדאָזיקער איבערגעלעבטער צו שטאַרקער אָנשטרענגונג איז איר שוין אויפן גאַנצן לעבן גע־בליבן אַ געוויסע עמפינדלעכקייט אין די אַקסלען און אין רוקן. די דאָקטוירים האָבן עס אָנגערופן רעוומאַטיזם פון די געלענקען און זיך געפרייט מיט דעם פיינעם, וויסנשאַפטלעכן נאָמען, מיי־נענדיק, אַז דער פּאַציענט דאַרף זיין צופרידן פון דעם.

קאָרנעליע האָט זיך געקענט פילן שטאָלץ מיט איר געזעל־שאַפטלעכן דערפאָלג אין דעם געסל סאָסאָ. יעדן מאָרגן האָבן איר צוויי הויכע מענער צוגעפירט צו איר אַרבעט. און זייביידע

צוזאַמען מיט אַ קליין יינגל האָבן איר אָוונט צייט אָפּגענו־
מען אַ היים. די גאַנצע פאַמיליע האָט זי געצערטלט, געלייגט זי אין
בעט אַריין, זיי האָבן קאָנקורירט צווישן זיך, ווער ס'זאָל איר
ברענגען דעם אָוונט־ברויט און נישט געלאָזט זי טון אין שטוב
קיין שום זאַך. דעם אָוונט־ברויט האָט זי געגעסן אין בעט. זיי
זענען געזעסן אין קיך און געפּירט מיט איר פון דאָרטן אַ שמועס.
דאָס איז געוואָרן ביי זיי אַ ליבע געוווינהייט, דערביי האָט מען
נישט אויפגעהערט צו לאַכן און שפּאַסן.

פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט? צי איז עס געווען די
איינגעבוירענע גוטסקייט פון אָרעמע לייט? צי וואָלט יעדע אי־
טאַליענישע פאַמיליע געטון דאָס אייגענע פאַר אַן אַלטע, הונגע־
ריקע פרוי? קאָרנעליע האָט געגלויבט, אַז יאָ. אָבער זי האָט
אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אין דעם פאַל זענען פאַראַן גאַנץ באַ־
זונדערע סיבות. זי איז געווען אַן אַמעריקאַנער דאַמע, און דידאָזיקע
דאַמע האָט געוווסט, אַז די הערן פון דעמדאָזיקן פרעמדן לאַנד
האַלטן זיי פאַר „וואָפּס" *). עס האָט געמוזט פאַר זיי קלאָר ווערן,
אַז דידאָזיקע סודותדיקע אַלטע דאַמע מיט איר צאַרטן אויסזען,
ווייכע מוסקולן, פריינטלעכע שטימע און איידעלע געפילן איז צו־
געוווינט צו גאָר אַן אַנדער מין לעבן. צו זעכציק יאָר האָט זי
געמוזט נעמען אויף זיך אַזאַ שווערן יאָך, איינע אַליין, אָן פריינט
קעמפן מיטן גורל. פאַרוואָס? פאַר זיי האָט זי נאָר דערציילט,
אַז זי איז אַן אַלמנה. דאָס איבעריקע האָט זי איבערגעלאָזט פאַר זייער
פאַנטאַזיע: זי איז אַריינגעפאַלן אין נויט; אכזריותדיקע קרובים
האָבן איר באַרויבט די ירושה. זיי האָבן אויסגעטראַכט עפּעס
אַ פּשוטע, נאַיווע מעשה און קאָרנעליע איז געוואָרן פאַר זיי
אַ ראָמאַנטישע פיגור.

וואַנצעטי האָט דאַביי געוואָלט אָנוואַרעמען פאַר קאָרנעליען
אַ גלאָז מילך. דאָס ווירקט אָנגענעם, עס באַרויִקט און איז פאַר

---

*) וואָפּס — שמאַטעס, אַ צונאָמען פאַר איטאַליענער און „גרינע" אין די
פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ מידע, אַלטע דאַמע לייכט צו פאַרדייען. שפּעטער, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט פרוי בריני באַמערקט:

— ער האָט אַזאַ גוט האַרץ, ער קען נישט ליידן, עמעצן טוט וויי. איינמאָל מיר געהאַט אַ קעצעלע. ווי זאָגט מען, קליין קעצעלע, קליין, אָרעם קעצעלע, געווען קראַנק, זייער קראַנק, זאָגט מיין מאַן, נישט ליידן, מוז זיכער שטאַרבן, איך וועל עס הרגענען. ער גענומען און געגאַנגען קלאַפּ טון אין קאָפּ. און באַרטאָ כמעט משוגע: „ניין, גאָט מיינער, ווערסט נישט הרגענען קעצעלע?" בו־טאַלאָ גיו! געזאָגט מיין מאַן. צי מיינסטו איך קען פאַרנעמען מיט קראַנקע קעצעלעך? — דו גיב אים מיר, איך האָב אַ מאַסע צייט, זאָגט באַרטאָ און ער גענומען קעצעלע, מאַכט קליינע שטאַל, ער גיב אים גראָז, אַז קענען גוט ליגן. ער געמאַכט אים בעט, און שטענדיק, ווען ער געקומען אין שטוב אין אָוונט, גיט ער קעצעלע וואַרעמע מילך.

קאָרנעליע האָט געלאַכט.

— איצט ווייס איך, ווו ער האָט זיך עס אויסגעלערנט. איצט בין א י ך זיין קראַנק קעצעלע. — און ווען וואַנצעטי, איז גע־קומען אין שטוב אַריין, האָט זי זיך אַליין אָנגערופן קראַנק קעצל: פּע און טראַנדאָ האָבן שטאַרק געלאַכט. זיי האָבן איר געזאָגט דאָס איטאַליענישע וואָרט אויף אַ „גאַטינאַ", ס'וואָלט געוואָרן איר צונאָמען, ווען די מוטער וואָלט נישט אָנגעשריגן אויף זיי. עס פּאַסט נישט — האָט זי געזאָגט.

קאָרנעליע האָט געוואָלט זיי פאַרטיידיקן און דערציילט, אַז אינדערהיים פלעגט מען זי רופן „גראַניע". זיי האָבן איר געזאָגט דאָס וואָרט אויף איטאַליעניש „נאָנאַ" און מ'האָט זי אָנ־געהויבן צו רופן נאָנאַ. יעדער איינער האָט אין דער פאַמיליע געהאַט זיין צונאָמען, און זיי האָבן געמוזט האָבן פאַר קאָרנע־ליען אַ צונאָמען, כדי זיך צו פילן אינגאַנצן נאָענט מיט איר. אַלפאָנסינאָ בריני האָט געהייסן „ציקאַדעט", וואָס דאָס האָט באַ־דייט, איז קלאָר. דאָס קלענסטע קינד האָט געהייסן „דאָל!" נאָך אַ ליאַלקע, וואָס דאָס קינד האָט זיך אייביק אַרומגעטראָגן מיט איר. וואַנצעטי האָט געהאַט אַ באַזונדער נאָמען פאַר בעלטראַנדאָ,

אַ קליין צאַרט יינגל, וואָס האָט זיך נישט געשפּילט מיט די־קינדער אינדרויסן און תּמיד געוויינט, און כּדי אים צו פאַר־שעמען האָט אים וואַנצעטי אָנגערופן „מאַגאָן", דאָס באַלאָנישע וואָרט פאַר אַ קלאָג־מוטער.

דער טאַטע בריני האָט נישט פאַרשטאַנען זיין פיין פילנ־דיק קינד און דעריבער האָט זיין לאָקאַטאָר גענומען אויף זיך זיין דערציונג. טיילמאָל האָט זיך וואַנצעטי געשפּילט מיט אים, געשפּאַסט מיט אים, און דאַן פלעגט ער אים אין אַן ערנסטן שמועס דערקלערן דעם זין פון דעם לעבן. דאָס יינגל איז גע־ווען איינגעפלאָסן אין אים, איז אים נאָכגעגאַנגען, וואו ער האָט זיך אַ קער געטון און זיך צוגעקוקט צו וואַנצעטיס יעדער באַ־וועגונג. וואַנצעטי האָט ליב געהאַט צו מאַכן נאָכן אָוונט ברויט לאַנגע שפּאַצירן און איבערצוגעבן זיך זיינע רעיונות. בעת אַ שלעכטן וועטער איז ער אַרומגעגאַנגען אין קיך אַהין און צוריק. די קיך האָט געהאַלטן פיר טריט פון זיינע לאַנגע פיס אין דער לענג און פיר טריט אין דער ברייט; דערביי פלעגט ער לחלוטין פאַרגעסן, ווו ער איז אין דער וועלט. און מחמת דעם, וואָס דער שטח איז געווען אַזוי קליין, האָט ער דאָ און דאָרט פאַר־קירצט זיינע טריט, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטאַנצט; און טראַנדאָ פלעגט אים נאָכגיין אַהין און צוריק, נאָכגעמאַכט יעדער באַוועגונג. די איבעריקע פלעגן שמייכלען, אָבער וואַנצעטי האָט משמעות גאָרנישט באַמערקט. וואָס האָט ער געטראַכט אין אַזעלכע מינוטן? וואָס פאַראַ גרויסע אידעען האָט געהאַט דערדאָזיקער מאָדנער איטאַליענער שוואַרצער אַרבעטער?

VII

איינמאָל אין אַן אָוונט איז קאָרנעליע געזעסן אויף די טרעפּלעך פאַר דער טיר. אַ קיל ווינטל האָט לייכט געבלאָזן, די גלי־ווערעמלעך האָבן אַרומגעשוועבט אין דער טונקלקייט, די גרילן האָבן געסווישטשעט אין גראָז. אַ פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין שכנותדיקן

גאָרטן איז צוגעקומען צום פּאַרקאַן און געזאָגט מיט אַ דייטלעכן אירלענדישן דיאַלעקט:

— גוטן אָוונט, שכנטע!

— גוטן אָוונט. — האָט קאָרנעליע געענטפערט העפלעך. צו איר גרויסן חידוש האָט די פרוי אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר.

— צי וואָלט איר נישט געוואָלט אַביסל אַריבערקומען צו מיר, שכנטע? איך האָב אייך עפּעס וואָס צו זאָגן.

קאָרנעליע האָט אויסגעגלייכט אירע שטייפע, פּאַרמאַטערטע אברים און צוגעגאַנגען צום פּאַרקאַן.

— מיין נאָמען איז פרוי אָ'דאָוד — האָט געזאָגט די פרעמדע, און קאָרנעליע האָט געזאָגט:

— איך בין פרוי קאָרנעל.

— זייער אָנגענעם, פרוי קאָרנעל — מיט אַ שטיל קול האָט זי געזאָגט: — איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געזען. און איך ווייס אויף זיכער, אַז איר זענט אַן אַמעריקאַנער דאַמע. איר קענט מסתּמא נישט דידאָזיקע איטאַליענער. און דעריבער, דוכט מיר... נעמט מיר נישט פאַר אומגוט — איז מיין חוב אייך צו וואָרענען.

— פאַר וואָס, פרוי אָ'דאָוד?

— איר האָט דאָך נישט געקענט דידאָזיקע בריניס, איידער איר האָט זיך אַריינצוּויגן צו זיי, וואָס?

— ניין.

— געוויס נישט. איך האָב עס געוווּסט. איך האָב עס געזאָגט מיין מאַן. זיי האָבן אייך געפּאַקט אויפן גאַס אָדער אַזוי ערגעץ־ווו.

— איך האָב געטראָפן דעם קליינעם יינגל אויפן גאַס.

— איך בין איבערצייגט אין דעם. ער איז אַ גוט קינד. מ'קען גאָרנישט האָבן צו אים. ער האָט היינט אַריינגעוואָרפן די פּילקע אין מיין גאָרטן. בקיצור פרוי קאָרנעל, איך מוז אייך זאָגן, אַז איר זענט אַריינגעפאַלן אין אַ געזינדל פון געפערלעכע מענטשן — דאָס זענען די ערגסטע מענטשן אויף דער וועלט, דאָס זענען אַ נ אַ ר כ י ס ט ן. אַ פאַמיליע אַנאַרכיסטן.

— אַנאַרכיסטן ? — האָט קאָרנעליע געזאָגט צעמישט.

— און דאָס איז דער ערגסטער מין אַנאַרכיסטן, דער איטאַליענישער מין : מערדער און באָמבע־וואַרפער.

— אָ, פרוי אָ׳דאָוד ! איר גלויבט אין דער אמתן, אַז זיי זענען אַזעלכע ?

— איך האָב זיי אַפילו קיינמאָל נישט געזען פאַר אַזעלכע, שכנטע, אָבער די שכנים אַרום זאָגן עס. און דער השובער פרעדיקער רעדט אויך תמיד אויף זיי. ער זאָגט, אַז מיר דאַרפן בשום אופן נישט רעדן מיט זיי. עס איז נישט נאָר די באָמבעס, זיי זענען אויך אַטעיסטן, גייען קיינמאָל נישט אין קירכע אַריין, שכנטע, זייערע קינדער זענען קיין איין מאָל נישט געטויפט. און אַלע, וויפיל זיי זענען דאָ פאַראַן, זענען זיי פאַרפאַלענע נשמות.

— פאַרפאַלענע נשמות — האָט געזאָגט קאָרנעליע — ווי שרעקלעך ! פרוי אָ׳דאוד איר ברענגט מיך אַריין אין פאַר־צווייפלונג. די מענטשן זענען אַזוי פריינטלעך צו מיר !

— אַוודאי, אָבער אַ סך מענטשן פון אונז וואָלטן געווען פריינטלעך, ווען מיר וואָלטן נאָר געקענט. אונזערער אַ מענטש דערקענט אַ דאַמע אויפן ערשטן בליק. און אויב ס׳איז איר שלעכט און זי פרוווט גיין אויף איר אייגענעם וועג איז עס גאָרנישט קיין גרויסע זאַך, צו זיין צו איר גוט. אָבער מיר וועלן עס טון בעסער אין גאָטס נאָמען, און עס וועט זיין אַ מצווה אויך.

— גוט — האָט געזאָגט קאָרנעליע — איך דאַנק אייך, יעדנפאַלס בין איך זייער צופרידן, וואָס איך ווייס וועגן דעם.

— איך האָף, איר וועט נישט זאָגן, אַז איך האָב אייך דערציילט וועגן דעם. איך האָב קליינע קינדער, און איך וויל נישט מ׳זאָל מיך דערהרגענען מיט אַ באָמבע.

— איך וועל עס באַשטימט נישט זאָגן — האָט קאָרנעליע פאַרזיכערט. — איך דאַרף האָבן צייט, זיך מישב צו זיין, וואָס צו טון. צום בעסטן וואָלט אפשר געווען, ווען איך זאָל בלייבן ביי זיי און אַרויספירן זיי אויפן גלייכן וועג.

— דאָס וואָלט געווען אַן אמת גוטע זאַך — האָט געזאָגט פרוי אָ׳דאָוד, — ווארום ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר סאָס־ליין, צו האַלטן ביי זיך אַזאַ פאַמיליע. אָבער איר דאַרפט זיין שטאַרק פאָרזיכטיק, שכנטע, אָנשטאָט זיי זאָלן זיין די אַרויפגע־פירטע קאָנט איר זיין די אַראָפּגעפירטע.

— אַזוי געפערלעך זענען זיי?

— יאָ, פרוי קאָרנעל. איך אַליין ווייס נאָך נישט אַזוי פיל, ווייל איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט פון זייער לשון, און וויל גאָרנישט פאַרשטיין. אָבער דער הער אָ׳ברין האָט געזאָגט, אַז ביי זיי אין האַרצן זיצט אַ טייוול, און דעריבער איז אַזוי שווער מלחמה צו האַלטן מיט זיי, און צום בעסטן איז, אַז מ׳איז פאָרזיכטיק.

— איך וועל אַזוי טון, פרוי אָ׳דאָוד. און אויב ס׳וועט נישט זיין פאַר אייך אַ צו גרויסע טרחה, איז טוט תפילה פאַר מיר.

קאָרנעליע האָט זיך ווידער אומגעקערט אויף איר אָרט אויף דער שוועל. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַריין אין שטוב. טאַטע־בריני איז איר אַנטקעגנגעקומען און צוגעוווּנקען מיט די אויגן, זיין גוטמוטיק געזיכט האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

— איר האָט גערעדט מיט דער פרוי אָ׳דאָוד — וואָס האָט זי געזאָגט? זי האָט געזאָגט, איר זאָלט נישט לעבן מיט אַנאַר־כיסטן, זיי זענען שלעכטע לייט, מאַכן באָמבעס, וואַרפן אויף קירכעס — און בריני האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין דער הויך — ווילן צעררייסן די דריי־אייניקייט־קירך און די בענעדעטאָ ווערגיני! — און ער האָט צוגעגעבן זייער שטיל — מאַלטאָ סעקרעטאָ, איר זאָלט אים גאָרנישט זאָגן, ווארום ער קען אונטערלייגן אַ באָמבע אונטערן שטוב. עס וועט אויפרייסן...

אין קאָרנעליעס שמייכל האָט בריני דערקענט, אַז ער האָט פונקט געטראָפן, ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיקן קול:

— האָהאָהאָהאָ! — ר׳זאָלט זאָגן דער פרוי אָ׳דאָוד, אַז וואַנצעטי איז זייער אַ געפערלעכער מענטש, דיאָבאָלאָ — פונפאַטע — ער מאַכט באָמבעס, אַ סך באָמבעס, סיקוראַמענטאָ! באָמבע די צוקערא — און בריני האָט אָפגעלעקט די פינגער,

ווי ער וואָלט געווען אַנטציקט פון דעם זיסן טעם, — באָמבע די פּיסטאַציאָ, די קרעמאַ — באָמבע די זשעלאַטי — ווי זאָגט מען ביי אייך ? אייז-קרעם, לאָדעס די פּאַסטיקעריאַ — אין איטאַליען רופט מען דאָס פּאַשטעטען-קאָך, גרויסאַרטיק, אַ טייערער מאכל!

VIII

ס'איז אָנגעקומען סוף וואָך, און קאָרנעליע האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אָפּצוהיטן דעם זונטיק. עס איז געווען אַ טאָג פון אָפּרו, אין וועלכן מ'האָט זיך געדאַרפט דערמאָנען די ווערטער פון אַלטן הימן, אַז אַמאָל וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע טעג פון דער וואָך וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין שבתים.

אָבער וואַנצעטי איז אַריינגעקומען.

— זייער אַ שיינער טאָג. אַ ווונדערלעכער, זוניקער טאָג. קומט מיט מיר, איך וועל אייך עפּעס ווייזן, איך מאָלטאָ בעלאָ.

— איך האָב מורא צו גיין, איך פיל מיך צו מיד.

— מירן גיין נישט ווייט, אַ קליין שטיקל וועג. איך וועל אייך העלפן. בעלאַ קאַמפּאַגנע וויל איך אייך ווייזן, ס'וועט אייך אַנטציקן. גוטע סענטימענטאָ. קומט, איך וועל אייך טראָגן.

ביים סוף פון סאָס-ליין האָט אַ קליין רונד בערגל פאַרשטעלט די לאַנדשאַפט; עס האָט געהייסן קאַסטל היל און קאָרנעליע האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף דער אַנדערע זייט מוז זיך געפינען די ים-בוכטע. זיי האָבן אויסגעמיטן אַ פּלויט און אַרויף אויף אַ שמאָל שטעגל. וואַנצעטי האָט זי גענומען מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס אונטער דער האַנט און כמעט אַרויפגעטראָגן זי אויפן באַרג. עס זענען געוואַקסן קוסטעס און אַ פּאָר איינזאַמע סאָסנעס, דורך וועלכע מ'האָט אַרויסגעזען די לאַנדשאַפט פון דער הויך.

— אָ, פּראַכטפול! — האָט קאָרנעליע אויסגעשריגן. און וואַנצעטי איז אויך געווען שטאַרק באַגייסטערט:

— באמת, ווונדערבאַר שיין!

אין דער העלער ליכט פון טאָג האָט געגלאַנצט די בוכטע

מיט אַ בלויען גלאַנץ, איינגעצוימט דורך אַ לאַנגער גרעבליע און נטלעכע פעלזיקע אינזעלעך. פונדערווייטנס האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַרנעפּלטער ברעג פון דעם האַלב-אינזל קאַפּ-גאָד *). פון ביידע זייטן האָט זיך אויסגעשפּרייט די שטאָט, מיט ווייס-געפאַרבטע הייזער, וואָס זענען געווען איינגעטונקען אין גרינס. דער ברעג איז געווען איינגאַנצן איינגעשפּאַרט דורך די לאַנגע, רויטע מויערן פון דער שטריק-פאַבריק און אירע הויכע קוימענס האָבן זיך אויפגעהויבן העכער פון דעם באַרג. אויף דער זייט האָט קאָרנעליע נישט לאַנג געקוקט. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער אַנדערער זייט, פון באַרג צו דער לאַנדשאַפט מיט די איבערבלייבעניש פון פּליימוט.

— דאָ ערגעץ נאָענט דאַרף ליגן דער פעלז פּליימוט — האָט קאָרנעליע געזאָגט.

— איך וועל אים אייך ווייזן — האָט וואַנצעטי געענטפערט — און אָנגעוויזן אין דער ווייט אויף אַ געשפּאָלטענעם פעלז. איך האָב דאָרטן אַמאָל געאַרבעט, געלאַדעוועט פיש אויף דער שיף. אַ סך מענטשן קומען אָנקוקן דעם פעלז. אָבער ער זעט אויס ווי אַלע פעלזן.

— איר ווייסט, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען?

— יאָ, איך האָב עס געלייענט אין אַ שול-בוך. פע האָט געהאַט דאָס ביכל. די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען צום פעלז, האָבן געגרינדעט דעם שטאַט מאַסאַטשוסעט.

— דאָס איז אַ מעשה מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. נאָך נישט אַזוי לאַנג, ווי אייער דאַנטעס טויט. אָבער אונז זעט עס אויס גענוג לאַנג.

— יאָ, גענוג לאַנג צו מאַכן געשיכטע — האָט געזאָגט וואַנצעטי — טיילמאָל טראַכט איך, אַז ס׳איז נישט גוט צו לערנען געשיכטע, די מענטשן שטודירן טעמפּע פאַסאַטאַ און זיי ווערן קאָנסערוואַטיוו. טימידאַ, — איר פאַרשטייט?

— יאָ, אָבער עס ווענדט זיך אין דעם, ווי אַזוי מען לערנט

---

*) אין צפון זייט פון באָסטאָן, באַליבט פאַר אַ פאַרוויילונגס אָרט.

וי. דידאָזיקע וואַנדערער זענען באמת געווען וווּנדערלעכע מענטשן. זיי זענען אָנגעקומען אין קליינע שיפֿלעך, זיי זענען געווען אַזוי קליין, אַז ס׳איז ממש שווער צו גלויבן. האָט איר נישט געזען אין פֿליגער־מוזיי דידאָזיקע שיפֿלעך?

— אַוודאי האָב איך זיי געזען.

— דאָ איז נישט געווען מער ווי אַ ווילדער מדבר. פֿול מיט ווילדע אינדיאַנער, די אַמעריקאַנער איינגעבוירענע. איינער אַ פֿאָעט האָט באַשריבן דעמדאָזיקן ווילדן, פֿעלזיקן, וויסטן ברעג; ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער. זיי האָבן אין אײַלעניש געמוזט אויפֿשטעלן ביידלעך, כּדי צו באַשיצן זיך פֿון דער קעלט. זיי האָבן געהאַט ווייניק עסן, בלויז אַביסל תּבֿואה, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, עטלעכע חיות, וואָס זיי האָבן געפֿאַנגען אויפֿן יאַגד און פֿיש. דער ערשטער ווינטער זייערער איז געווען מוראדיק. אַ העלפֿט פֿון זיי איז אויסגעשטאָרבן. די איבעריקע אָבער האָבן אויסגעהאַלטן, ביז ס׳איז אָנגעקומען די צווייטע שיף צום ברעג, און ווען דער זומער איז נאָכאַמאָל אָנגעקומען האָט זיך קיינער פֿון זיי נישט געוואָלט אומקערן צוריק קיין ענגלאַנד. דאָס אַליין באַווייזט, וואָס פֿאַראַ מענטשן דאָס זענען געווען.

— אַוודאי — האָט וואַנצעטי געזאָגט. — גרויסע מענטשן, ריבעלאָ, זיי האָבן באַקעמפֿט די גלחים, זיי האָבן באַקעמפֿט די קעניגן. זענען געקומען שאַפֿן דאָ גערעכטיקייט, פֿרייהייט. אָבער זיי האָבן געשאַפֿן פֿרייהייט פֿאַר זיך אַליין, נישט פֿאַר אַנדערע, נישט געגעבן קיין פֿרייהייט פֿאַר אַנדערע.

— געוויס — האָט קאָרנעליע געענטפֿערט. — אָבער דאָס איז נישט אַזוי לייכט צו פֿאַרווירקלעכן. צי איז מעגלעך צו געבן פֿרייהייט אַלעמען, ווען עס געפֿינען זיך אַזעלכע, וואָס פֿאַרדינען נאָך נישט קיין פֿרייהייט?

— נישטאָ אַזוינע מענטשן, סעניאָראַ.

— צי גלויבט איר, אַז עס זענען נישטאָ קיין שלעכטע מענטשן?

— אמת, פֿאַראַן שלעכטע. אָבער דאָס זענען אומגליקלעכע

מענטשן, קראַנקע. אַזעלכע דאַרף מען העלפן. מען מוז זיי לערנען, אָדער אָפּגעבן זיי — ווי זאָל איך עס אָנרופן — אין שפּיטאָל, אין אַ היילאַנשטאַלט. אָבער די מערהייט מענטשן זענען גוט. זיי ווילן יושר, מ׳דאַרף זיי נאָר געבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן. יאָ, יאָ פּרוי קאָרנעליע — וואַנצעטי איז אַריין אין התפּעלות, ס׳האָט אויפגעוואַכט אין אים דער איטאַליענער. ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די הענט און גערעדט מיט אַן אויפגערעגטן טאָן. די מענטשן האָבן אינדעראמתן אַ גוט האַרץ. נאָר מען לערנט זיי שלעכט. דער סיסטעם איז אַ שלעכטער. שלעכט איז דער געוואַלט, די רעגירונג, שלעכט זענען די גלחים, די קעניגן און די קאַפּיטאַליסטן. פּאַדראָנע, זיי צווינגען די מענטשן צו מלחמות צוליב זייערע אייגענע נוצן.

— דאָס מיינט איר, זענען די סיבות פון דער אייראָפּעישער מלחמה.

— איך מיין נישט, נאָר איך ווייס עס, סעניאָראַ. איך האָב געוווינט אין אייראָפּע, איך האָב געזען, ווי די מלחמה איז געוואָרן צוגעגרייט. איך בין אַוועק אין אַמעריקע, עוויטאַרע — דאָס הייסט, איך בין אַנטלאָפן. דאָס איז געווען אַ מלחמה פאַר די פּאַדראָנע, פאַר די גרויסע האַרן, פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

— צי מיינט איר, אַז די פעלקער האָבן עס נישט געמיינט ערנסט?

— זיכער, פאַרוואָס נישט? דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער שלעכטער לערע אין דער שול. ווער הערשט איבער דער שול? ווער גיט אַרויס די זשורנאַלן און צייטונגען? אַלץ די פּאַדראָנען, זיי הייסן אונז פאַרהערלעכן די מלחמה צוליב זייערע נוצן. זיי פאַרוואַנדלען די מענטשן אין קנעכט, אין מאַשינען. צי זאָרגן זיי פאַרן לעבן פון אַן אַרבעטער? צי גייט זיי עפּעס אָן, וואָס אַן אָרעמע פרוי אַרבעט איבער אירע כּחות אין אַ שטריקפאַבריק? איר לעבט דאָך יאָ צווישן אַרבעטער. קוקט זיך צו צו זייער גורל. טוט אַליין אַ טראַכט וועגן דעם. איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט לייענען דאָס בוך וואָס איך וועל אייך געבן.

און פּלוצלונג האָט זיך קאָרנעליע דערמאָנט אָן דער פרוי אַ׳דאָוד און איר וואָרענונג:

— זייט פּאָרזיכטיק צו די דיסקוסיעס מיט זיי, ווייל זיי קענען אייך אַראָפּפירן פון וועג.

IX

אַ ווייסע זעגל־שיף איז געשווימען לענגאויס דער בוכטע. דער זעגל האָט זיך מאַיעסטעטיש באַוועגט און אָפּגעשפּיגלט זיך אין וואַסער. די קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען און די קליינע פייגעלעך האָבן געסווישטשעט אויף די בוימער און בליענדיקע קוסטעס. דאָ איז געווען שיין און רויק, און קאָרנעליע האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ערגעץ ווייט שעכטן זיך מענטשן אין די טויזנטער, באַנוצן זיך דערביי מיט שרעקלעכע מאַשינען, וואָס גאַנצע דורות גיבן אָפּ זייער צייט, כדי צו בויען זיי. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און שטיל געשעפּטשעט:

— לאָמיר זיך פרייען און זיין גליקלעך כאָטש עטלעכע מינוט.

איר פריינט האָט געענטפערט מיט אַ שטילער האַרציקער שטים:

— איך פאַרשטיי סעניאָראַ. איך זאָג אויך: לאָמיר זיין גליקלעך. נישט טראַכטן וועגן קיין מלחמות, וועגן רעוואָלוציעס, וועגן דער געמיינהייט פון דער פּאָליטיק. לאָמיר רייסן די בלומען. זעט נאָר, וואָס פאַר אַ שיינע בלומען עס וואַקסן דאָ. איר ווייסט, ווי מ׳רופט די בלומען? מאַי־גלעקלעך. נישט נאָר אַ שיף הייסט אַזוי, נאָר אויך בלומען *) איך האָב עס געלערנט, געזוכט זיי. גערופן פע, טראַנדאָ און אַנדערע פּיקאָליס, מיר זענען געגאַנגען באַקוקן די בלומען. אָנגעריסן אַ סך — ווי איר רופט עס אָן — אַ בינטל. כ׳האָב זיי גענומען אַהיים אַוועקגע־געבן אַלפאָסינין. זי איז געווען גליקלעך. זי האָט אויסגעצירט מיט זיי די גאַנצע שטוב. און איר אויך. און איך דעסגלייכן.

*) אין ענגליש מאַי־פלאָוער – אַ מאַי־בלום.

נעמט אַ גוט בוך, אַ דערציילונג, ווי זאָגט מען עס, אַ ראָמאַן. לייענט און איר וועט זיין גליקלעך. איך קום אַ הער יעדן זונטיק אינדערפרי. דאָ איז אַזוי שטיל. מ׳הערט די קירכע־קלאַנגען, דאָ איז זייער גוט צו לייענען, קיינער קומט נישט אַהער. יום טוב קום איך אַהער אויף אַ גאַנצן טאָג. טיילמאָל אַרבעט איך נישט. איך דאַרף נישט קיין סך אַרבעטן, קיין סך פאַרדינען, איך האָב נישט קיינעם — איך בין, ווי מ׳רופט עס, איינזאַם. איך לייען און טראַכט, איך בין געזונט, קרעפטיק, האָב אַ סך צייט, קען אַ סך לאַכן. אין אַמעריקע פילט מען דאָך נישט די מלחמה. איטאַליע גייט דאָך מיר נישט אָן; כ׳קען טראַכטן בלויז וועגן זיך. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, ס׳רוב מענטשן טראַכטן אַזוי.

— טיילמאָל זאָג איך צו זיך אַליין: זיי נישט קיין נאַר, וואַנצעטי, וועסט נישט איבערמאַכן אַ וועלט. נישט דו, וואַנצעטי, האָסט אָנגעהויבן די מלחמה און נישט דו וועסט זי פאַרענדיקן. אָבער, פּרוי קאָרנעליע, מ׳קען נישט אַזוי טראַכטן. איך קען נישט פאַרגעסן. איך טראַכט כסדר וועגן די פּייסן, ווי אַזוי הייסט דאָס, די אויסגעגראָבענע גריבער אין דער ערד צו קעמפן מיטן שונא.

— אָקאָפּעס?

— יאָ. שטענדיק זע איך די אָקאָפּעס. כ׳זע, ווי מענטשן גוססן. אָ ריבילע. פאַרווונדעטע, גוססע. און איך זאָג צו זיך, וואַנצעטי, וועסט גאָרנישט אויפטון. — דו, טראַדיטאָר דו — ווי אַזוי זאָל איך עס אָנרופן, אַזאַ מענטש וואָס אַנטלויפט.

— פאַררעטער...

— פאַררעטער. איך זאָג צו מיר אַליין: זיי נישט קיין פאַררעטער. זאָג דעם אמת, פּראָטעסטיר, אַגיטיר, מאַך מיטינגען, זאַמל צונויף מענטשן און ברענג אַ רעדנער. איך אַליין קען נישט רעדן, פּרוי קאָרנעליע, אַ פּשוטער לאַוואָראַנע, אַרבעטער, מאַלטא איגנאַראַנצאָ. פּאָווערי̈אָ, אָבער מיר קענען דאָך האָבן אַ רעדנער, וואָס זאָל דעמאַסקירן די מלחמה. יאָ, מיר קענען אים האָבן,

אַן איטאַליענישער רעדנער, ער איז דאָ טאַראָן, זשאַלעאַני !
איר קענט אים ?
— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט וועגן אים.
— אַלע איטאַליענער קענען אים. אַן עלטערער מענטש, אַ גרויסער מענטש. ער רעדט צו די אָרעמע. ער פירט פּראָפּאַגאַנדע. איינמאָל האָב איך אים געהאָלפן איינאָרדענען אַ מיטינג אין פּליימוט. מאַלטאָ פּאָפּאָפּאָלעאָ. מיין באָס *) — כ׳האָב דעמאָלט גראָד געאַרבעט ביי אַ קאָנטראַקטאָר **) איז עס אים נישט געפעלן געוואָרן. אַבאַסטאַנצאַ פּאַר אַנאַרכיסטאַ פּראָפּאַגאַנדאַ, נישטאָ ביי מיר קיין אַרבעט, גיי צום טייוול. האָב איך מיר אויסגעזוכט אַן אַנדער אַרבעט. כ׳בין געווען זייער צופרידן וואָס איך האָב געטון פּאַר דער זאַך.
— וואָס איז אייער אויפגאַבע ?
— איך וועל אויסלערנען די מענטשן, איך וויל זיי איבערצייגן, אַז זיי זאָלן אויפהערן אויסצוהרגענען איינער דעם אַנדערן. זיי זאָלן אויפהערן צו קעמפן פּאַר די פּאַדראָנעס, פּאַר די קאַפּיטאַליסטן, איך וויל זאָגן די מענטשן : קעמפט מיטן אמתן שונא. קעמפט מיטן קאַפּיטאַל. זיי מאַכן מלחמות פּאַר זיך, צוליב זייער געלט, פּאַר זייער נוצן. אָבער זאָלן זיי זיך אַליין הרגענען. די אַרבעטער האָבן נישט צוליב וואָס צו קעמפן אין זייערע מלחמות. זשיאַמאַי, קיינמאָל נישט ! ווען די קאַפּיטאַליסטן זאָלן נישט צווינגען די אַרבעטער צו מלחמות, וואָלטן זיי גאָר שנעל געמוזט פּאַרענדיקן. נישט אמת, סעניאָראַ, נישט אַזוי ?
— כ׳ווייס נישט — האָט קאָרנעליע אָפּגעענטפערט אומעטיק — טיילמאָל טראַכט איך, אַז די מענטשן מוזן פיינט האָבן איינער דעם אַנדערן. זיי מוזן האָבן דערביי אַ געוויסן פּאַרגעניגן. די קאַפּיטאַליסטן שיקן זייערע אייגענע זין אין דער מלחמה און זיי קומען אום.
— צי האָבן פּרויען אויך ליב מלחמות ?

*) אויפזעער.

**) אונטערנעמער.

— אַ סך פֿון זיי, געוויס, זיי רייסן זיך צו דעם, זיי זענען פֿול מיט שנאה, אפשר נאָך מער ווי די מענער. פֿאַראַן אַ סך פֿרויען אין באָסטאָן, וואָס קוקן שוין אויס די מינוט אַז אַמעריקע זאָל זיך אָנשליסן אין דער מלחמה און אין דער שטאַרקסטער פֿאָרם.

— דאָס איז דער פּועל יוצא פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, פֿרוי קאָרנעליע. צי וואָלטן מיר נישט געקענט לעבן גליקלעך אין דעמדאָזיקן גרויסן לאַנד? צי דאַרפֿן מיר זיך שלאָגן מיט אַנדערע לענדער? אין איטאַליע קען מען הערן, אַז דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט צופֿיל מענטשן. מ׳דאַרף האָבן מער ערד, פֿאַרגרעסערן דאָס לאַנד. דאַרף מען צונעמען שטיקער ערד ביי אַנדערע פֿעלקער. צי מיינט איר טאַקע, אַז דאָרט זענען פֿאַראַן צופֿיל מענטשן? אַז דאָרטן ווערן געבוירן צופֿיל באָמבינים — הייסט עס, אַז ס׳דאַרף נישט געבוירן ווערן אַזוי פֿיל קינדער! זייט מיר מוחל, סעניאָראַ, איר זענט עלטער, און איך רעד צו אייך פּשוט. איר פֿאַרשטייט, וואָס איך מיין? מ׳דאַרף נישט האָבן אַזויפֿיל קינדער...

— דאָס רופֿן מיר אָן געבורט־קאָנטראָל — האָט קאָרנעליע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— זאָל זיין אַזוי, געבורט־קאָנטראָל. אַוודאי, אָבער פּרוווט עס נאָר זאָגן דער איטאַליענישער פֿרוי, אַז ס׳איז נויטיק געבורט־קאָנטראָל, כדי נישט צו האָבן אַזויפֿיל קינדער, וועט קומען דער גלח און זאָגן: דיאַבאָלאַ, אינפֿערנאָ, איר מוזט האָבן קינדער. אויב איר וועט נישט האָבן קיין קינדער, וועלן אייערע נשמות גיין אין גיהנום אַריין. דער גלח לאָזט די מענטשן נישט עפֿענען די אויגן, וואַרפֿט אַרויס פֿון דער געמיינדע, זעצט איין אין תּפֿיסה, לייגט אַריין אין חרם; ער זאָגט, אַז מ׳טאָר נישט אויסהערן די אפּיקורסים. פֿאַרוואָס? דער גלח זאָגט, אַז ער איז גאָטס שליח, און גאָט, זאָגט ער, הייסט האָבן אַ סך קינדער, אַז זיין פֿאָלק זאָל זיך פֿאַרמערן, און דערנאָך קומט ער צוגיין און דערציילט אַ מעשה, אַז ס׳איז צו ווייניק אָרט, מ׳דאַרף האָבן מער ערד. מ׳דאַרף האַלטן מלחמות! איר פֿאַרשטייט?

— יאָ, איך פאַרשטיי.

— אַזאַ אומזין, פּאָליאַ. מ׳דאַרף פירן מלחמות, כדי צו האָבן אַ סך ערד, און מ׳דאַרף האָבן קינדער, כדי צו באַפעלקערן די ערד. מ׳דאַרף פירן מלחמות כדי צו דערוועררבן ערד פאַר אָט דער גרויסער צאָל קינדער. ע׳לע דאָננאַ — אַ פרוי — וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר זיי אַ פרוי? אַ בריאה צו געבוירן קינדער פאַר זייער אַרמיי — מיליטאַריסטן, זעלנער, וואָס וועלן הרגענען און אַליין געהרגעט ווערן. זיי האַלטן דער פרוי אין קנעכטשאַפט, אין פינסטערניש, פאַר גלחים און פּאָראורטיילן, זיי דאַרפן נאָר, אַז זי זאָל געבוירן אַ סך קינדער פאַר זעלנער. אַזוי איז אין די אייראָפּעישע לענדער און אַזוי אויך אין אַמעריקע, ווו די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַן אומבאַגרענעצטע פרייהייט. אָבער דער אַנאַרכיסט זאָגט: איך וועל דיר נישט געבן דידאָזיקע פרייהייט. דער אַנאַרכיסט זאָגט: זייט נישט קיין זעלנער, קעמפט פאַר די אַרבעטער, פאַר זיך אַליין. דער אַנאַרכיסט זאָגט צו דער פרוי: שטעל זיך אַנטקעגן. האָב נישט קיין מורא פאַרן גלח. ער קען דיר גאָרנישט טון. דער גאָט, וואָס דער גלח דערציילט דיר וועגן אים, איז אינגאַנצן נישטאָ. יאָ, ס׳איז דאָ אַ גאָט. אַ גאָט וואָס האָט ליב דאָס פאָלק, האָט ליב קינדער און הייסט נישט הרגענען איינער דעם אַנדערן אין מלחמות. נישט אמת, סעניאָראַ? צי איז נישטאָ קיין יושר?

קאָרנעליע האָט פאַרשטנען, ווי קלוג עס איז געווען יענע פרוי, די שכנטע אָ׳דאָוד, וועלכע האָט זי געוואָרנט פאַר דער געפאַר, וואָס דראָט איר מצד דעם טייוול. דערדאָזיקער טייוול האָט אַזוי קלוג געפירט דעם שמועס, כדי אַרויסצוברענגען פאַר קאָרנעליען גערעכטע אַרגומענטן. זיין פּראָפּאַגאַנדע האָט נישט אויסגעזען געפערלעך, נאָר, גיכער, אַ טרוים פון אַ נאַאיוון מענטשן, וואָס האָט אַפילו נישט קיין השגה וועגן דער סכנה, וואָס הענגט איבער אים, מצד דעם גרויזאַמען שונא, וואָס קען אים אַוועקשליידערן, ווי דער שטורם ווינט אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטל.

X

מיט דער צייט איז קאָרנעליע געוואָרן אַן אמתער מיטגליד אין דער פֿאַמיליע ברייני, און אַן אויסגעאיבטע אַרבעטערין אין דער פֿליימוטער שטריק-פֿאַבריק. אָפּטמאָל פֿלעגט זי אויפֿהויבן דעם בליק פֿון דער אַרבעט און אַרומקוקן זיך. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו די אַרומיקע מענטשן — זייערע פּנימער, זייערע נעמען, זייער נאַציאָנאַליטעט. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו זייערע שמועסן. בעת דעם מיטאָגאָפּרו פֿלעגט זי פֿלוידערן מיט זיי, אויסגעהערט כּלערליי נאַרישקייטן פֿון זייער טאָג-טעגלעכן לעבן, האָט זיך צוגעהערט צו זייערע האָפֿענונגען, וואָס זיי האָבן געלעבט מיט זיי און די זאָרגן, וואָס האָבן זיי צעבראָכן.

זי האָט זיך באַקענט מיט דער פֿאַבריק, מיט דעם ריזיקן הויז פֿון אַרבעט אין וועלכן זי האָט זיך געפֿונען. זי האָט זיך אויסגעלערנט די נעמען פֿון די פֿאַרשידענע בנינים און געוווּסט, וואָס מ׳טוט דאָרטן, „די קעמערײַ״ די „וועשערײַ״, די אײַנריכטונג פֿון די טאַשמעס, די „שפּינערײַ״ די „שפּולערײַ״ און די „פֿלעכטערײַ״ פֿון די שטריק. די פֿרעמדע טעכנישע אויסדריקן האָבן ביסלעכווייז באַקומען בײַ איר אַ באַדײַטונג. דורך די אָפֿענע טירן פֿון דער שפּינערײַ פֿלעגט זי זען די הונדערטער שווּנג-רעדער און די שפּין-מאַשינען; מעכטיקע, שטריק-וויקלער-מאַשינען, וואָס האָבן פֿאַרשלונגען אין זיך הונדערטער פֿעדעם און צונויפֿגעדרייט זיי אין אַ דיקן, פֿירפֿאַכן שטריק.

וואָסאַמאָל איז קלאָרער געוואָרן פֿאַר איר די קאָמפּליצירטע פֿאַבריקאַציע, אָנגעהויבן בײַ דער אויסלאָדונג פֿון די בינטלעך פֿלאַקס, וואָס זענען געקומען פֿון די פֿיליפּינען און די ריזיקע, אָנגעלאַדעוועטע שיפֿן מיט רוי-מאַטעריאַל פֿון יוקאַטאַן, וואָס מ׳האָט אין דער פֿאַבריק אויסגעאַרבעט אויף פֿאַרשידענע מינים פֿון לײַוונט און שנירלעך — פֿון דינע פּאַק-שטריקלעך ביז צו משא-שטריק און זעכצנצאָליקע ליניעס אויף קריגס-שיפֿן.

די קליינע שרײַפֿלעך אין מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס

האָבן באַוועגט דידאָזיקע אומגעהויערע מאַשין, לפּחות די גאָר קליינע, אונטן, צוזאַמען מיט קאָרנעליען, האָבן זיך זייער שוואַך אָריענטירט אין דערדאָזיקער פּראָצעדור. זיי האָבן געאַרבעט אונטער זייער שווערע באַדינגונגען: אָרעמקייט, פינסטערקייט, נישט געקענט די לאַנד־שפּראַך, משונהדיקע, פרעמדע לעבנס מנהגים. מ׳האָט, וואָס אַן אמת, געגרינדעט אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געזאָלט אויפהויבן דעם גייסטיקן מצב פון די אַרבעטער, ווי למשל, פאָלקס־שולן אָוונט־קורסן, אָבער קאָרנעליען האָט זיך געדוכט, אַז דידאָזיקע באַוועגונג ווערט פּאַראַליזירט דורך אַ סך שטאַרקערע כּוחות, וואָס דערדריקן דאָס פאָלק. הויז־באַלעבאַטים, פּראָצענטניקעס, הענדלער מיט רימל־סחורה, אַגענטן מיט שאַרפע צינגלעך, וואָס רעדן צו די אַרבעטער, אַרייצולייגן זייערע אָפּ־געשפּאָרטע גראָשנס אין אויסגעטראַכטע גאָלד־גרובן אָדער נאַפט־קוואַלן. קוים אַ קליינער טייל אַרבעטער איז געווען, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַרויסצודרייען זיך פון דידאָזיקע שווינדלער.

אָבער דאָס גרעסטע אומגליק איז, פאַרשטייט זיך, געווען די גרויסע ריזיקע פאַבריק אונטער דער לייטונג פון דעם מענטשנפריינט לאָורענץ פּערי. דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער־הייזלעך האָבן געהערט צו דער פאַבריק געזעלשאַפט. צו איר האָט אויך געהערט דער גרעטער טייל פון דעם באָדן, און זי האָט פאַרוואַלטעט מיט דער שטאָט. די אומקוואַליפיצירטע אַרבעטערינס האָבן זיי געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך, די מענער ביין דאָלאַר, און ס׳איז קלאָר אַז אַן אַרבעטער־פאַמיליע האָט מיט אַזאַ געהאַלט נישט געקענט אויסקומען, מחמת דעם האָבן אויך געמוזט אַרבעטן די ווייבער, די קינדער, ווי גיך זיי זענען גאָר אונטערגעוואַקסן. די שטוב איז פאַרבליבן אונטער דער אויפזיכט פון די אַלטע לייט, אינוואַלידן און קאַליקעס. זייערע וווינונגען זענען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. די דאַמען און די הערן, וואָס האָבן אַרויסגעצויגן די פּראָפיטן פון די פאַבריק־אַקציעס, האָבן שפּעטער געמאַכט באַמערקונגען, טייל מיט רחמנות און טייל מיט פאַראַכטונג; אָנגערופן זיי שלעפּער, פּעבל, זיי לעבן, ווי די חזרים, האָבן זיי געזאָגט.

XI

אין יענער צייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קללה איבער די קעפּ פון די אָרעמע טאָג־אַרבעטער אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער די פּליימוטער אַרבעטער האָבן עס נישט געזען. זיי האָבן באָר געזען פּליימוט. די פּרייזן פון אַלע פּראָדוקטן זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די אַליאַנס האָט צוליב זייערע מלחמות געמאַכט הלוואות אין אַמעריקע און פאַר דעמדאָזיקן געלד געקויפט אַמעריקאַנער סחורות. אַלץ איז געווען פּונקט אַזוי ווי יהושע קווינסי האָט פאָרגעזאָגט די לעצטע נאַכט פאַר זיין טויט. די אונטערנעמער און די בייזע שפּעקולאַנטן האָבן געמאַכט ריזיקע, אומגלויבלעכע געשעפטן, אָבער דידאָזיקע געלט־מאַכינאַציעס האָבן אָן אויפהער גורם געווען אַ כּסרדיקן יקרות אויף די אַרטיקלען אין וועלכע ס׳האָבן זיך געניויטיקט די אָרעמע. אָבער די לוינען זענען לגמרי נישט געהעכערט געוואָרן. עס האָט נישט געקלעקט אויף דער באַשיידנסטער חיונה. ס׳האָט נישט עקזיסטירט קיין ספּעציעלע געזעלשאַפט, וואָס זאָל אויסגלייכן דעם יקרות מיט די אַרבעטער־לוינען. די גרויסע פאַבריקן, וואָס האָבן פאַרמאָגט הייזלעך און פאַרדונגען זיי פאַר אַרבעטער, האָבן געהעכערט דאָס דירה־געלט מיט אַ דאָלאַר אָדער צוויי אויפן חודש, און האָבן געזאָגט זייערע לאָקאַטאָרן, אַז זיי מוזן זיך צופּאַסן צו דער צייט, און זיי, האָבן נישט גענומען אין אַכט אַז דער אַרבעטער מוז זיך אויך צופּאַסן צו דער צייט.

די אַרבעטער אין דער שטריק־פאַבריק זענען געווען אָפּגעשטאַנען, אָבער זיי האָבן געוווסט איין זאַך, אַז ווען ס׳קומט סוף וואָך, האָבן זיי שוין נישט קיין פּרוטה אין קעשענע. דאָנערשטיק האָבן זיי באַקומען דאָס געהאַלט און דינסטיק האָבן זיי נאָך קוים געהאַט אויף אַ וויעטשערע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן איינער פאַרן אַנדערן און זיך פאַרטראַכט וועגן זייער גורל. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצורעדן און זיך צו פאַרשטיין, ביז ס׳האָט זיך דערוועקט ביי זיי אַ באַוווסטזיין פון דער גרויסער עוולה. דאָס איז שוין געווען

גאָר אַנדערש, ווי דאָס באַוווסטזיין פון איינצלנע. די אַרבעטער פון דער שטריק-פאַבריק זענען געווען לחלוטין פינסטער, די פאַבריק-פארוואַלטונג האָט זיך געהאַלטן ביים פרינציפּ פון פרייען אויסוואַל, און קולטווירט אַזוי אַרום דעם „אַמעריקאַנער סיסטעם״ אין זיין פולסטער אידעאַלער באַדייטונג. די אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן זייער אומצופרידנקייט, זייערע באַדינגונגען האָט מען לחלוטין נישט גענומען אין אַכט, ווייל אין דעמדאָזיקן, גרויסן בליענדיקן לאַנד איז אוממעגלעך צו זיין אומצופרידן, און ווען עמעצער פון די אַרבעטער איז געקומען זיך באַקלאָגן פאַרן פאַרוואַלטער, האָט עס געהייסן, אַז ער לאַנגווייליקט, און מ׳האָט אים געהייסן, אָפּ־טראָגן זיך מיט זיינע דאגות. ס׳רוב מאָל האָט זיך עס געענדיקט דערמיט, וואָס מ׳האָט דעמדאָזיקן אַרבעטער אָפּגעזאָגט פון דער פאַבריק, נישט געקוקט אויף זיינע פעיקייטן.

קאָרנעליע איז געווען ווייניק באַהאַוונט אין די פאַבריק־פאַרהעלטענישן, אָבער דער געדאַנק, אַז דידאָזיקע שלעכט־באַצאָלטע אַרבעטער דאַרפן זיך אָרגאַניזירן איז געווען פאַר איר נאַטירלעך, זי האָט עס געזאָגט פאַר דער פאַמיליע בריני, און צו איר גרויסן חידוש האָט זי באַמערקט, ווי וואַנצעטי האָט זיך אויפגערעגט פון דעררדאָזיקער דערקלערונג.

רעדט נישט וועגן דעם — האָט ער אויסגעשריגן — די אָרגאַניזאַציע מאַכט די אַרבעטער פאַר שקלאַפן, זי פאַרקויפט זיי פאַר קנעכט. דער פאַריין איז דאָס אייגענע ווי די רעגירונג. די גרויסע קאַרפּן־קעפּ לייגן אַרויף די פיס אויפן טיש, רויכערן זיך טייערע ציגאַרן און שיקן די אַרבעטער צום טייוול.

קאָרנעליע האָט זיך דערמאָנט, אַז וואַנצעטי האָט געאַרבעט ביים לאַדעווען פיש, און ווען זי האָט אויסגעהערט זיין האָגל מיט זשאַר־גאָנישע, אומפאַרשטענלעכע ווערטער, האָט זי נישט געוווסט, וואָס ער מיינט מיטן וואָרט: „די קאַרפּן־קעפּ לייגן אַרויף די פיס אויפן טיש און רויכערן טייערע ציגאַרן״. זי האָט אים געפרעגט, וואָס ער מיינט דערמיט, און די גאַנצע פאַמיליע מיט פע צו־זאַמען האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. און פע האָט איר

לסוף געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט די קאַרפּן־קעפּ האָט באַרטאָ נישט געמיינט די ים־פיש — נאָר די ביוראָקראַטישע פאַריין־פירער, וואָס זענען אין ניי־ענגלאַנד פאַראַן גאַנצע מחנות.

— טאָ וואָס זאָל מען טון? — האָט קאָרנעליע געפרעגט פאַרחידושט.

— מ׳מוז זיי לערנען, די אַרבעטער, צו טראַכטן זעלבסט־שטענדיק, זיי זאָלן זיך קענען באַגיין אָן די באַאַמטע, וואָס טראַכטן פאַר זיי. די אַרבעטער דאַרפן זיך האַלטן סאָלידאַר איינער מיטן אַנדערן, אָבער אָן די „קאַרפּן־קעפּ, אָן די באַצאָלטע פאַריין־באַאַמטע וואָס לעבן פון כאַבאַר.

קאָרנעליע האָט געמיינט, אַז פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, איז אַ גרונט־פּרינציפּ פון אַ באַוועגונג, און יעדערער ראַדיקאַלער מענטש וועט מסכּים זיין דערויף. ווען זי האָט אָבער אַרויס־געזאָגט אירע געדאַנקען, האָט מען זי אויסגעלאַכט און מיט שווערע ווערטער געגעבן איר צו פאַרשטיין, אַז וואַנצעטי איז אַן אַנאַרכיסט און ער אָנערקענט נישט קיין אָרגאַניזאַציעס. ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגערופן אַנאַרכי־קאָמוניסטן, און זיי האָבן שוין יאָ אָנערקענט די רעוואָלוציאָ־נערע אָרגאַניזאַציע, ווי למשל די א. וו. וו. *) און אפילו די עלטערע פאַריינען אין דער צייט פון די שטרייקן. אָבער וואַנצעטי האָט זיך אָנגערופן „אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט״ און נישט געוואָלט אָנערקענען קיין שום אָרגאַניזאַציע, מיטן אויסנאַם פון אַ צייטווייליקן קאָמיטעט, בעת מ׳דאַרף אַדורכפירן אַ שטרייק. אַ קאָמיטעט האָט ביי אים געהייסן אַ פאַראייניקונג פון די שטרייקנדיקע אָן שום אָנגעשטעלטע פונקציאָנאַרן, וואָס דאַרף פאַנאַנדערגעלאָזן ווערן צו יעדער צייט, ווען די שטרייקנדיקע נויטיקן זיך נישט אין זיי.

ס׳איז געווען קענטיק, אַז וואַנצעטי איז געווען שטאַרק אומגליקלעך וואָס זיין פריינדין, וואָס ער האָט אַזוי הויך

*) אינדוסטרי וואָרקערס אָף די וואָרלד — וועלט־אינדוסטרי־אַרבעטער.

געהאַלטן פון איר בילדונג, ווייסט אַזוי ווייניק וועגן דער שעד־לעכקייט פון פאַריינען.

— ווער האָט אייך דערציילט אַזעלכע מעשיות? — האָט ער זי געפרעגט.

און ווען זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז צו דעמדאָזיקן געדאַנק איז זי אַליין געקומען, איז ער נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן, קאָרנעליע האָט געלאַכט, ס׳איז איר אויסגעקומען שרעקלעך קאָמיש. זי האָט אים דערציילט, ווי פרוי אָ׳דאָוד האָט זיך געשראָקן פאַר איר נשמה, וואָס וועט זינדיק ווערן מיט דער בעקאַנטשאַפט פון דידאָזיקע געפערלעכע, נייע אידעען!

פרוי ד׳אָודס וואָרענונג האָט געהאַט, ווי תמיד, אַ פאַר־קערטע ווירקונג, אין קאָרנעליען האָט זיך אויפגעוועקט די ניי־געריקייט. זי האָט עקשנותדיק געפאָדערט פון איר לערער נייע פרטים וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע געפערלעכע מענטשן, וואָס מ׳רופט אָן „רעפאָרמיסטאַס”. דאָס זענען מענטשן, וואָס גלויבן, אַז די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג וועט זיך אַליין ענדערן. דידאָזיקע טעאָריע איז נאָר אַ נעץ פאַר די אַרבעטער, ווייל זי ציט זיי אַריין אין דער פאָליטיק. „פאָליטיקאַ ע און פערדיטעמפאָ!” האָט וואַנצעטי געזאָגט, און לויט דעם, ווי ער האָט עס אַרויס־גערעדט, און לויט דעם אויסדריק אויף זיין פנים האָט מען געקענט זען, אַז דאָס איז עפעס שרעקלעכעס. „רעפאָרמיסטאַ איס טראַדיטאָר” האָט ער איבערגעחזרט. און כדי קלאָר צו מאַכן פאַר איר די באַדייטונג פון זיינע ווערטער, האָט ער איר צוגע־געבן אַן ענגעליש וואָרט, וואָס קאָרנעליע האָט אים אויסגעלערנט: רעפאָרמיסטאַ — דאָס איז אַ פאַרראַט!”.

— פאַררעטער — האָט אים קאָרנעליע אויסגעבעסערט. און וואַנצעטי האָט צוגעגעבן:

— יאָ דאָס איז ער, פאַררעטער! פאַררעטער, דערפאַר וואָס ער קוקט נאָר אויס צו פאַרכאַפּן אַ בענקל, אָבער טון טוט ער גאָרנישט. ער איז זיך אַ באַאַמטער, נעמט זיך געהאַלט, לעבט פון כאַבאַר. זאָגט צו, לייקנט. גייט האַנט ביי האַנט מיט די

קאַפּיטאַליסטן. ניין, ניין, מיין טייערע פריינדין. איך וויל נישט האָבן קיין שום שייכות מיט די „רעפאָרמיסטאַ", מיט די „סאָציאַליסטאַ". — דאָס איז זשאַלא — ווי זאָגט מען עס — אַזאַ קאָליר פון בלומען — נישט רויט, נישט בלוי, ווי זאָל איך עס אָנרופן... גאָלד־רויט, יאָ כ׳ווייס שוין — געל! יאָ, אַ סאָציאַליסט איז געל. זיי זענען שונאים פון אַרבעטער־קלאַס.

X1

קאָרנעליע האָט זיך באַקאַנט מיט איינעם פון די דראָזיקע געפערלעכע מענטשן. אין איינעם אַ שבתדיקן אָוונט איז געקומען אַ גאַסט, ער איז געווען אַ יונגער איטאַליענער, הויך געוויקסיק, גוט געבויט. ער איז געווען אַ שטיינער־העקער. מ׳האָט אים פאָרגע־שטעלט פאַר „קאָמפּאַניאָ" קוליאַ. ער איז געקומען איבערשמועסן זיך מיט די מענער וועגן עפּעס אַן ענין. זיי האָבן גערעדט איטאַליעניש. קאָרנעליע און אַלפאָנסינע זענען געזעסן שטיל און געגעיט. קאָרנעליע האָט עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט די ווערטער: „פּיקאַניק". אָבער זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן ענגליש וואָרט, ביז פרוי בריני האָט איר שטילערהייט געזאָגט, אַז דערדאָזיקער קוליאַ איז איינער פון די סאָציאַליסטן און וויל איינאָרדענען אַ פּיקניק. קאָרנעליע האָט באַמערקט, אַז דער שמועס ווערט וואָס אַמאָל הייסער. די דריי מענער האָבן געמאַכט פאַרשידענע הוועיות, געשריגן הויך אויפן קול, און לסוף האָט זי געהערט דאָס באַקאַנטע וואָרט, דאָס שרעקלעכע וואָרט: „רעפאָרמיסטאַ". וואַנצעטי האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט אין אַן אויפגערעגטן טאָן און קאָמפּאַניע קוליאַ האָט נישט פאַרשטאַנען, צו וועמען עס איז געווענדעט. וואַנצעטי האָט אָנגעוויזן אויף אים און איבערגעחזרט:

— רעפאָרמיסטאַ, ע זשאַלאָ ע טראַדיטאָ!

וואַנצעטי האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט און געשריגן:

— רעפאָרמיסטאַ ע טראַדיטאָרע!

— דיפאַרמאַזאָנע! — האָט קאָמפּאַניאָ קוליאַ פּראָטעסטירט.

— טראַדיטאָרע די לאַוואָראַטאָרי! — האָט וואַנצעטי געשריגן.
זיי האָבן זיך באַגאָסן מיט אַ מבול איטאַליענישע קללות.
די העגט האָבן זיי געהאַלטן אויסגעשטרעקט איינער צום אַנדערן, און זיי וואָלטן זיך, אָן ספק צעשלאָגן, ווען ברינו וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט. זיין געשריי האָט זיי ביידע שטיל געמאַכט. אין דער אויסער רגע איז אַריינגעקומען פרוי ברינו, אָנגעכאַפּט וואַנצעטין פאַר דער האַנט און געזאָגט צו אים: „נאָנאַ"! קאָרנעליע האָט זיך אַ דערשראָקענע אויפגעהויבן פון שטול. זי איז נישט געווען צוגעוואוינט צו די דיסקוסיעס פון די דרום־אייראָפּעישע מענטשן. וואַנצעטי האָט אַ קוק געטון אויף איר, פּלוצלונג אויסגעדרייט זיך און אַרויס פון דער קיך. פרוי ברינו און קוליאַ האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער און קוליאַ איז אַרויס פון שטוב.
וואַנצעטי איז אַריינגעקומען צוריק, אַוועקגעזעצט זיך, אַרומגעקוקט זיך, עטוואָס פאַרלעגן:
— איך שעם מיך פאַר אייך צוליב מיין אויפגערעגטקייט, נאָנאַ! — האָט ער געזאָגט צו קאָרנעליען. שוין אַ לענגערע צייט רופט ער זי ביי דעמדאָזיקן אָפּגעקורצטן נאָמען. זי רופט אים באַרטאָ.
ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס קאָמפּאַנאָ קוליאַ האָט געוואָלט. ער האָט געוואָלט אַ רשימה פון אַלע אַנאַרכיסטן אין שטאָט, כדי צו פאַרבעטן זיי אויף אַ סאָציאַליסטישן פּיקניק. מיט אַ צייט צוריק האָבן די אַנאַרכיסטן איינגעאָרדנט אַזאַ פּיקניק און דאָרטן האָט גערעדט אַ רעדנער אַן אַנאַרכיסט. אַלע סאָציאַליסטן זענען געווען פאַרבעטן און אַ סך פון זיי זענען געקומען. איצטער ווילן זיי אָפּדינען, און זיי זען גאָרנישט דעם אונטערשייד: די סאָציאַליסטן, וואָס זענען רעפאָרמיסטאַס און זשאָליס, דראָט נישט קיין שום געפאַר מצד דער פּאָליציי. אָבער די אַנאַרכיסטן זענען די אמתע און פאַקטישע רעוואָלוציאָנערן און מוזן זיך יעדעס מאָל ריכטן אויף אַ פּאָליצייאישן איבערפאַל. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מ'קען נישט געבן אַ רשימה פון די חברים און סימפּאַטיקער און צו וועמען — אַ זעלכע זשאָליס

רעפּאָרמיסטאָס. דערפאַר איז קאָמפּאַנאָ קוליאַ געווען בייז און געזאָגט, אַז מ'איז חושד זיין פּאַרטיי אין אומערלעכקייט.

איבעריקנס האָט דידאָזיקע מחלוקה געהאַט אַ טיפערע סיבה. די פּליימוטער סאָציאַליסטן האָבן געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען ווי די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן אָנערקענט די אָרגאַניזאַציע און געהאַט אין שטאָט אַ גרויסן, לעבעדיקן פאַריין פון פופציק מיטגלידער, בעת די אַנאַרכיסטן האָבן נישט אָנערקענט אַן אָרגאַניזאַציע און געהאַט צווישן זיך בלויז אַ שוואַכע פאַרבינדונג, אייגנטלעך נישט מער, ווי אַ רשימה פון מיטגלידער. די סאָציאַליסטן האָבן געקענט טון דאָס וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן. זיי האָבן געקענט יעדע וואָך רעגולערער פאַרשפּרייטן זייער ליטעראַטור, ווערבירן מיטגלידער, אָפּציען זיי אפילו פון די אַנאַרכיסטן. וואַנצעטי האָט דאָס אַלץ דערציילט ערנסט, נישט געזען דערביי די לעכערלעכקייט פון זיינע אַרגומענטן, ער איז צעטומלט געוואָרן בעת קאָרנעליע האָט אים געזאָגט מיט פאַרביטערונג, אַז עס זעט אויס, ווי ער וואָלט מודה געווען, אַז די אָרגאַני־זאַציע ברענגט אַ געוויסן נוצן. איר לערער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אָפּגעחוזקט פון זיינע אייגענע אַרגומענטן. פונדעסטוועגן איז ער געשטאַנען שטאָל און אייזן ביי זיין אַנאַרכיסטישע לערע, וואָס איז געווען פאַר אים הייליק, ווי דער אידעאַל, אַראָפּצוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, אַ סוף מאַכן מיט די מלחמות און אַנדערע אומגליקן פון דער מענטשהייט, אין דעם פאַל איז ער געווען אַן עקשנותדיקער פאַנאַטיקער, ער, וואָס האָט אין אַנדערע פאַלן פאַרמאָגט אַ ווייך האַרץ און געווען צו אַלעמען גוט.

דאָס איז געווען שבת אָוונט. צומאָרגנס אינדערפרי איז קאָרנעליע אַרויס אין וועלדל און דאָרטן האָבן זיי געטראָפן פיר קינדער, וואָס האָבן געקליבן בלומען. יעדעס קינד האָט זיי פאָרגעלייגט צו קויפן צו צוויי סענט אַ בינטל. וואַנצעטי האָט אָפּגעקויפט אַלע און פריילעך געמאַכט די קינדער. דאַן האָט ער אַ זאָג געטון:

— געקויפט צופיל בלומען, נעמט אַ בינטל. דאָס צווייטע

— וועל איך נעמען אַ היים פּאַר סיסאַדעטי. מער דאַרף מען נישט!
און די אַנדערע צוויי בינטלעך האָט ער אַריינגעוואָרפן צווישן די קוסטעס.

— צו וואָס האָט איר געקויפט אַזויפיל? — האָט קאָרנעליע געפּערעגט און נייגעריק אָפּגעוואַרט, וואָס ער וועט איר ענטפערן.

וואַנצעטי איז געווען באַליידיקט פון איר משונהדיקע פראַגע.

— כ׳האָב דאָך נישט געקענט קויפן בלויז צוויי בינטלעך און אַנטון יענע קינדער עגמת־נפש. זיי האָבן דאָך געאַרבעט שווער און אַ פּאָר סענט איז דאָך פאַר זיי אַ גאַנצער אוצר.

XIII

די ליכטיקע זומערדיקע טעג זענען אַוועק. עס זענען אָנגעקומען די שווערע בלייערנע האַרבסט־טעג, דער ערשטער אָנזאָג פון דעם מוראדיקן ווינטער. ביי דעמדאָזיקן פעלזיקן שטרענגן ברעג, איז נישט געווען לייכט צו ווינטערן. פון ים זענען אָנגעקומען גרויסע אייז־קריעס און דער שניי איז געלעגן הויך און פאַרשטעלט די גאַסן. דער טערמאָמעטער איז אַראָפּ־געפאַלן אונטערן נול. קאָרנעליע האָט פאַר אירע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס געמוזט קויפן אַ וואַרעמען מלבוש. ס׳איז איר אָבער אין אים נישט געווען צו וואַרעם. זי האָט זיך באַנוצט דערמיט אַ גאַנצן טאָג, אין פאַבריק ביי דער אַרבעט, אין שטוב, און ביינאַכט האָט זי זיך באַנוצט דערמיט פאַר אַן איבערבעט.

עס זענען געווען טעג, וואָס דאָס גיין צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט איז געווען ממש אַ גיהנם און זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם טייל פון דאַנטעס גיהנם, ווו די פאַרלוירענע נשמות, ווערן פאַרפרוירן אין אייז. אין דער פּאַעמע פון דעם גרויסן פּאָעט זענען די גרויסע ענוים פאַרגעקומען אין דער ליכטיקייט, בעת דאָ האָט מען געמוזט אויפשטיין האַלב זעקס אַ זייגער אינדערפרי און אין דער שוואַרצער נאַכט, זיך שלעפּן דורך דעם שניי אין פאַבריק, און אין דער זעלבער שעה, אין

דער פינסטעניש, שלעפן זיך אַ היים. קאָרנעליע האָט זיך ענג איינגעצויגן דעם מאַנטל, אַנגעטון פון אונטן אַ לייבל, דעם קאָפּ און די אויערן האָבן איר די בריניס אַרומגעבונדן מיט אַ טוך, אַז מ׳האָט קוים אַרויסגעזען די נאָז און די אויגן, די הענט, אַנגעטון אין וואָלענע הענטשקעס האָט זי באַהאַלטן אונטערן טוך, און אַזוי, אַנגעשפּאַרט אָן בריניס שטאַרקע אַקסלען האָט זי זיך אָנגעהויבן שלעפּן אין דער פאַבריק. מיט צרות זענען זיי קוים דורכגעקומען די שניי־בערג. זיי האָבן געגליטשט זיך אויפן אייז און געפרוירענעם שניי. אירע הענט זענען שטייף געוואָרן. אָבער זי האָט געמוזט אויסציען זיי, כדי אָנצוכאַפּן זיך אָן בריני, בעת זי איז שיער נישט אומגעפאַלן און צעבראָכן אַ פוס. אַן אומברחמנותדיקער ווינט האָט געבלאָזן, געשטויסן זי און דורכגענומען זי דורך און דורך ביז די ביינער. דער שניי האָט איר שיער נישט בלינד געמאַכט די אויגן. דאָך איז איר אוממעגלעך געווען צו פאַרבלאָנדזשען, ווייל נאָך אַ סך אַזוינע אַרומגעוויקלטע געשטאַלטן האָבן זיך געשלעפּט אויפן וועג. דאָס איז געווען יאַנואַר אין יאָר 1916, אויף דעם שטורמישן אָקעאַן האָט מען אַרויסגעלאָזט שיפן, און מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ סך שטריק, כדי די וועלט זאָל קענען ווייטער פירן די מלחמה. ווען אַ פרוי האָט נישט באַוויזן דורכצומאַכן דעמדאָזיקן וועג צוועלף מאָל די וואָך, האָט זי דאָנערשטיק נישט בקומען דעם קאָנווערט מיט זעקס דאָלאַר. און דאַן, האָט זי נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר עסן, פאַר איר פאַלטן, פאַר איר טוך און וואָלענע הענטשקעס, גומענע שיך, פאַר די רפואות צום הוסט, פאַרן דענטיסט און פאַר דער אָפּעראַציע.

קאָרנעליע האָט נישט געענדערט איר אויסזען און אירע פּערזענלעכע רגילותן. זי האָט שוין איצט נישט גענומען מער יעדן פרימאָרגן אַ באָד פאַרן אָנטון זיך. זי איז אויפגעשטאַנען פופצן מינוט צו זעקס ביי דער ליכט פון אַ נאַפט־לעמפל. אין שטוב האָט מען געזען די פּאַרע, וואָס איז אַרויס פון מויל. זי האָט גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך די וואַרעמע מלבושים, אַרויפבעצויגן איינס אויפן אַנדערן, וויפל זי האָט נאָר געקענט, דאַן

האָט זי געמוזט וואָס גיכער אויסטרינקען די צוויי שעלעכלעך ציקאָריע, וואָס פאַרבײַט בײַ די אָרעמע די קאַווע. שפּעטער האָט זי שוין נישט געהאַט קיין ווילן אויסצוטון זיך די מלבושים און זי האָט זיי געטראָגן ביז זי איז געגאַנגען שלאָפן. און ווען זי האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן, האָט זי נאָך אויך נישט אַראָפּגענומען פון זיך אַלץ, ווייל זי האָט נישט פאַרמאָגט מער, ווי אַ דינע, באַוולנע קאָלדרע, וואָס האָט נישט געוואַרעמט אַפילו מיט דעם גאַנצן באַרג וואַרעמע מלבושים. בײַנאַכט האָט זי אָפטמאָל נישט געקענט שלאָפן פון קעלט. פון צייט צו צייט האָט זי זיך דערמאָנט, ווי די רייכע דאַמען פלעגן זאָגן וועגן די אָרעמע לייט: זיי זענען טאַקע אָרעם, אָבער זיי קענען זיך דאָך האַלטן ריין!

אַמאָל איז געווען בײַ איר אַ וויכטיקער כלל, צו האָבן אַ סך פרישע לופט בײַנאַכט בעתן שלאָף. די דאָקטוירים קענען רעדן לייכט, זיי שלאָפן זיך אין וואַרעמע צימערן אויף ווייכע מאַטראַצן, איבערגעדעקט מיט פערענעס. קאָרנעליע האָט בײַ אירע הייגטיקע באַדינגונגען געמוזט צופּאַסן זיך צו די געוווינ־הייטן פון די אָרעמע לייט. מ׳האָט צוגעשלאָגן די פענסטער אָנהויב ווינטער, און מ׳האָט איינגעאָטעמט די פאַרשטיקטע לופט פון דער ענגער שטוב. און ווען אַזאַ לעבן האָט גורם געווען שווינדזוכט, האָט מען עס אָנגערופן אַ גאָט־זאַך. ס׳איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע עקשנות פון קאָרנעליען, צו לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען. ס׳איז געווען דער איינגעשפּאַרטער ווילן פון אַ פרוי, וואָס האָט זיך איינמאָל אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו זיין זעלבסטשטענדיק און האָט נישט געוווּסט פון קיין וועג צוריק. זי האָט אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, און דאָס האָט געהייסן זיגן אָדער שטאַרבן.

די אַרבעטער פון דער שטריק־פאַבריק האָבן געלעבט אין זייערע פינסטערע נאָרעס, זיי זענען געווען פאַרגעסן פון מענטשן, פון דער וועלט, אַ חוץ דאַן, ווען זיי האָבן באַדאַרפט צאָלן דירה־געלט. זיי האָבן זיך באַקלאָגט און געוויינט אויף זייער גורל, ווייל די פרייזן פון חיונה זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און ווינטער איז געוואָרן נאָך ערגער. ס׳איז נישט געווען קיין פריש גרינס

אין די גערטנער. קיין עפּל און באַרנעס אויף די בוימער, נישט קיין יאַגדעס, וואָס די קינדער פלעגן קלויבן אין נאָענטן וועלדל. מ׳האָט היינט אַלצדינג געמוזט קויפן אין געוועלב. די באַלעבאָסטעס האָבן געמוזט אויסקומען מיט זייערע פאַרדינסטן און איינקאַרגן די אָרעמע שפּייזן, און נישט געקוקט דערויף האָט זיי נישט געקלעקט ביז צום סוף וואָך. וואָס האָבן זיי נעבעך געקענט טון, ווען זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן?

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן פאַר די אונטער־נעמער. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצורעגן. ס׳האָט אָנגעהויבן צו קאָכן, ווי אין אַ קעסל. בריני און וואַנצעטי פלעגן ביינאַכט אַ היימקומען, אָפּעסן שנעל דעם אָרעמען נאַכט־עסן און אַוועק אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי דזשוסעפּין אָדער ביי עמעצן אַנדערש. קאָרנעליע איז עטלעכע מאָל מיטגעגאַנגען אויף די פאַרזאַמלונגען. אַ גרויסע צאָל מענטשן האָט זיך געשטופּט אין ענגן שטיבל און אין קיכל. זיי האָבן גערעדט, זיך באַקלאָגט, געקריגט זיך און געמאַכט פאַרשידענע האַוואַ׳יעס, אַזוי פלעגט עס דויערן אַ שעה אָדער צוויי. וואַנצעטי האָט געזאָגט, אַז מ׳אָר־גאַניזירט אַזוי די אַרבעטער. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קליינע גרופּעס — גרופּי אויטאָנאָמי — האָט ער עס אָנגערופן. יעדע גרופּע האָט געדאַרפט באַשליסן, וואָס זי וויל, און באַשטי־מען איר פאָרשטייערשאַפט, וואָס זאָל זיך צונויפרעדן מיט די פאָרטוגעזער, קאַנאַדישע פראַנצויזן, דייטשן און אירלענדער.

די אָנהענגער פון פּאָליטיק און אָרגאַניזאַציע, די סאָציאַ־ליסטן, האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין זאַלן, ווו ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער טויזנט אַרבעטער. אַן ענגלישער, אַן איטאַליענישער און אַ פאָרטוגעזער רעדנער האָבן גערעדט איינער נאָכן אַנדערן. די, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איינע פון דידאָזיקע שפּראַכן, האָבן פאַרשטאַנען די אויפרעגונג פון זייערע חברים. עס זענען אויך געקומען די א. וו. וו. מיט זייערע רעדנער און אַגיטירט פאַר זייער פּראָגראַם פון אַ באַלדיקער אַקציע און אַז די גאַנצע אינדוסטריע זאָל איבערגענומען ווערן דורך איין אָרגאַניזאַציע: זיי זענען געווען געגוג שטאַרק צווישן

די טעקסטיל־אַרבעטער פון ניי־ענגלאַנד. זיי האָבן געהאַט אונטער זיך אַ נצחון פון אַ שטרייק אין דער לאָורענס־שפּינערײַ, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דריי אָדער פיר יאָר צוריק.

דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט וואַנצעטין מיט זיינע חברים־אַנאַרכיסטן. זיי האָבן אויך געמוזט צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג, זיי האָבן געברענגט זייער פירער זשאַלעאַני, און ער האָט באַדאַרפט באַווייזן די אַרבעטער די געפאַר, וואָס עס דראָט זיי צוליב דער אָרגאַניזאַציע, און וואָס מ׳דאַרף טון, כדי אויסצומיידן אַ קאָמפּראָמיס צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די קאַרפּן־קעפּ פון פאַריין... זיי האָבן צונויפגערופן אַ פערזאַמלונג פון דער „גרופּאָ אויטאָנאָמאַ די פּליימוט״. אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט מען צונויפגענומען געלט צו דינגען אַ זאַל, און אויף דעם, וואָס וואַנצעטי האָט אָנגערופן „עקספּענסי״. וואַנצעטי נופא האָט געשאָנקען צען דאָלאַר. קאָר־נעליען האָט ער דערקלערט, אַז ער קען געבן מער, ווייל ער איז דאָך אַ בחור.

XIV

דידאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דינסטיק ביינאַכט, און אויף צומאָרגנס, אַ טאָג פאַרן אויסצאָל, זענען אויף אַ געהיימניס־פולן אופן אָנגעקומען צוויי הונדערט און פופציק ציווילע פּאָליציאַנטן אין דער שטריק פאַבריק, כדי אָפּצוהיטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. פון וואַנעט האָבן זיי זיך גענומען, דידאָזיקע געדונגענע זעלנער פון די קאַפּיטאַליסטן? ווו האַלטן זיי זיך אויף, בעת זיי האָבן נישט וואָס צו טון? צי איז עס אַזאַ מין וואַנדער־אַרמיי צו דערשטיקן אַרבעטער־אומרוען, צי האָבן די באַלעבאַטים טאַקע שטענדיק מורא פאַר אומרוען, און צי זענען זיי זיכער, אַז זיי וועלן תמיד קענען אויסהאַלטן אַזאַ אַרמיי — דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. זיי זענען געווען שטאַרקע, הויכע מאַנס־לייט, אָנגעטון אין מאַנטלען, מיט פוטערנע הענטשקעס, ריי־מענס אין די הענט. אין גאַרטל ביי זיי האָבן געשטעקט רעוואָלווערן, וואָס מ׳האָט גוט אַרויסגעזען, כדי אָנצוּוואַרפן אַ מורא. —

זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק פאַר די טירן און פאַר די מויערן. מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן דעם בעסטן קלוב אין שטאָט, אַז זיי זאָלן זיך פילן באַקוועם, ווען זיי וועלן נישט האָבן אויף זיך קיין שום פליכטן.

די פאַרשידענע גרופּן זענען געקומען צו אַ הסכם, און אַרויסגעשטעלט איין פאָדערונג: אַכט דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַן אומקוואַליפיצירטער אַרבעטערין און צוועלף דאָלאַר פאַר אַן אַרבעטער. זיי האָבן געהייסן דעם קאָמיטעט, ער זאָל פאָרשטעלן זייער פאָדערונג פאַר דער פאַבריק־פאַרוואַלטונג און צונויפגערופן אַ מיטינג. אָבער די פאַרוואַלטונג האָט געענטפערט, אַז אַן העכערונג פון פינפאונצוואַנציק פּראָצענט וועט דערפירן די געזעלשאַפט צום באַנקראָט און אַלע אַרבעטער וועלן סיי ווי סיי בלייבן אָן אַרבעט. זי האָט פאָרגעלייגט אַ פינף פּראָצענטיקע הוספה, וואָס דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אָפּגעוואָרפן. ס׳איז פאָרגעקומען עטלעכע פאַרזאַמלונגען, דער פאַרזאַמלטער המון איז געשטאַנען און געקלאַפּט מיט די פיס אָן שניי. די זעלנער האָבן באַפוילן, פאַנאַנדערצוגיין זיך; פון המון זענען געפאַלן גראָבע ענטפערן. ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען גענוג זיי זאָלן העכערן די לוינען, וויפיל ס׳קאָסט זיי, אויסצוהאַלטן די פּאָליציי, און ס׳זענען געווען אַפילו אַזעלכע אומדאַנקבאַרע, וואָס האָבן געשריגן, אַז דער גוטער פּערי זאָל אויפהערן צו זיין אַ „בעל טובה" און ווייניקער זאָרגן „פאַרן כלל", און פאַר דעם געלט שפּייזן בעסער די הונגעריקע אַרבעטער־פאַמיליעס.

ווי תמיד אין אַזוינע פאַלן, האָט זיך דידאָזיקע שרפה אָנגעצונדן פון אַ קליינעם פונק. דאָנערשטיק אינדערפרי האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן אַן אַרבעטער פון דער דריטער אָפּטיילונג מיט אַן אויפזעער. דער אויפזעער האָט אים געהייסן בעמען דאָס היטל און רעקל און פאַרלאָזן די פאַבריק. אָבער דער אַרבעטער האָט אים נישט געהערט און אָנגעהויבן צו שרייען צו זיינע חברים. דער אויפזעער האָט אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער און געוואָלט אַרויסוואַרפן. די איבעריקע חברים זענען

גיך צו צו פאַרטיידיקן זייער חבר. ס׳איז געוואָרן אַ טומל, און מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס מעכטיקע וואָרט „שטרייק!״ און זיך פאַרשפּרייט, ווי אַ העליש פייער, איבער די גרויסע זאַלן פון דער ריזיקער שטריק־פאַבריק, און אומעטום, וווּ מ׳האָט ערשט אין דער מינוט נישט באַמערקט קיין שום זאַך, אַ חוץ אַרבעט און פלייס, האָט שוין געהערשט אַן אויפגערעגטע מאַסע — „סקיאָפּעראָ!״ האָבן געשריגן די איטאַליענער. „פּאַלגא!״ — האָבן געשריגן די פּאָרטוגעזער. „גרעוו״ האָבן געקרייט די קאַנאַדישע פראַנצויזן. „שטרייק!״ האָבן געברומט די דייטשן. שטרייק, שטרייק, שטרייק האָבן געשריגן אַלע צוזאַמען, די ענגלענדער, אַמעריקאַנער, אירלענדער, שאָטלענדער און אַלע, וואָס האָבן זיך נאָר אויסגעלערנט דאָס וואָרט אויף ענגליש. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואַקסן הונדערטער פּאָלס, וואָס האָבן אין יעדן ווינקל אונטערגעלייגט דאָס פייער פון כאַאָס; די, וואָס האָבן געעפנט די קאַסטנס פלאַקס, האָבן אַוועקגעוואָרפן די העק. די שפּולערס האָבן פאַרלאָזט די שפּולן און די מאַשיניסטן האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען. די רעדער האָבן זיך אויפגעהערט צו דרייען, און צוויי טויזנט אַרבעטער האָבן געכאַפּט זייערע מאַנטלען, אַרויסגעלאָזט זיך אין דרויסן, און אין עטלעכע מינוט האָבן זיי אויסגעגאָסן דעם גאַנצן צאָרן און דעם גאַנצן עלנט פון אַ סך יאָרן שטומעליידן און געדולד...

דער שטורם האָט דערגרייכט אין קאָרנעליעס אָפּטיילונג. די פרויען האָבן סיי ווי סיי געמוזט איבעררייסן די אַרבעט, ווייל די טאַשמע האָט זיך אויפגעהערט צו באַוועגן. קאָרנעליע האָט גענומען אירע זאַכן און אַרויס מיט די איבעריקע פרויען. מחנות מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער פאַבריק. די איבערגעשראָקענע זעלנער האָבן געשריגן:

— ווייטער גיין! ווייטער גיין! נישט שטיין אויף אָן אָרט! — דאָ און דאָרט זענען פאָרגעקומען קליינע אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמלונגען, און דער שטראָם מענטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט. קאָרנעליע האָט באַמערקט, ווי אַ מאַנספּערשוין שפּרינגט אַרויף אויף אַ וואָגן. ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אַלטע, בלויע

בלוזע. אויפן קאָפּ אַ צעקנייטשטן הוט. גרויסע שוואַרצע וואָנסעס האָבן אים פאַרשטעלט אַ האַלב פּנים:

— קאָמפּאַני! לאַווראַטאָ, לאָראַ דעלאַ ריסקאָסאַ ע סקאָקאַטאַ עססאַ דאַראַ לאַ ליבערטאַ אַ גלי אָפּרעסי!

און בעת ער האָט גערעדט, איז אַן אַנדערער מענטש אַרויף אויפן וואָגן און אים אַ שטופּ געטון, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטון:

— אַראָפּ פון דאַנעט, היגטישע צורה! זאָלסט זיך נישט דערוועגן אויפצומאַכן דאָס מויל!

אַ פאַבריקס־שפּיאָן האָט אָפּגעזוכט איינעם פון די אויפזעער און אַ פרעג געטון אים:

— ווער איז דערדאָזיקער וואָפּ, וואָס זיי רופן אים באַרטאָ, דער מיט די לאַנגע וואָנסעס, ווי ביי אַ ים־פערד? מ׳עט אים דאַרפן האַלטן אויפן אויג, ער איז איינער פון די אונטערהעצער!

קאַפּיטל III

דער רויטער דאַגאָ

1

ס'איז געפאַלן אַ שניי. דער ווינט האָט אים געיאָגט אַהין און אַהער אין גאַנצע וואָלקנס. רעכט און לינקס זענען געלעגן גרויסע בערג שניי, וואָס מ'האָט אָפּגעקערט פון מיטן גאַס. די זעלנער און די פּאָליציי האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַר די טויערן לענגאויס דער פאַבריק און געאָטעמט מיט וואָלקנס פּאַרע. די אַרבעטער זענען געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט גאַס, געקלאַפּט איין פוס אין אַנדערן, געהויכט אויף די הענט און אַרונטערגעשטעקט זיי אונטער די אָרעמס. די וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, ס'איז געווען טונקל, די רעכטע צייט צו זיצן אין שטוב, אָבער קיינער איז נישט אַוועק אַ היים. אין באָסטאָנער יוניאָן-קלוב זענען אויף לעדערנע פאָטעלן געזעסן די הערן, וואָס האָבן זיך מתחיב געווען צו צאָלן די זעלנער פינף דאָלאַר אַ טאָג, חוץ עסן און נאַכט-לעגער. די זעלנער האָבן דערפאַר געדאַרפט שטיין אויפן פראָסט און אַוועקטרייבן די אַרבעטער פון די פאַבריק-טויערן, און די שטרייקנדיקע זענען געווען זיכער, אַז שטייענדיק דאָ אַזוי צוזאַמען, וועלן זיי אויס-קעמפן אַ דאָלאַר מער אויף זייער וועכנטלעכן לוין. זיי זענען געווען זיכער, אַז אויב זיי וועלן רעזיגנירן פון קאַמף און אַוועקגיין פון אָרט, וועלן באַלד אָנקומען יענע אומגליקלעכע הונגעריקע נפשות און צונעמען זייער אַרבעט. אַזוי זענען געשטאַנען די ביידע מחנות איינע אַנטקעגן דער אַנדערער. דאָס איז געווען אַ לעבעדיק בילד פון קלאַסן-קאַמף.

— גייט צוריק! גייט ווייטער!

— וואָס איז ? וואָס ווילט איר ? איך טאָר נישט גיין אויף דער גאַס ?

די קאָנפליקטן צווישן די צדדים האָבן זיך געצויגן אָן אַן אויפהער. אַזוי האָט די גרעסטע ציוויליזירטע מדינה געקעמפט, בעת זי האָט געוואָלט רעגולירן די אַרבעטער־פראַגע.

צוויי טוינט מענער און פרויען, זענען אַרויס אין אַ שטרייק, ס׳איז געווען אַ בלינדע מאַסע, אָן פירער, זי האָט געליאַרעמט אויף אַלערליי לשונות. ווער עס האָט גאָר געהאַט עפּעס אַ טעאָריע, ווי אַזוי צו באַהערשן די מאַסע אָדער אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ פירער האָט איצט געהאַט די גינסטיקע געלעגנהייט: די אומאָרגאַניזירטע מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אָרגאַנען.

די סאָציאַליסטן זענען זיך צונויפגעקומען אין צפון־פלימוט. די שטרייקנדיקע האָבן זיך געשטויסן אין די אָפענע טירן פון ריספּיס־זאַל, וווּ מ׳האָט אָפּגעהאַלטן אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמלונגען, אויסגעוויילט קאָמיטעטן און געהאַלטן רעדעס. יעדן אָוונט זענען געקומען סימפּאַטיקער און אַגיטאַטאָרן, וואָס מ׳האָט אין איילעניש אַרויסגערופן פון באָסטאָן: פעליס זשאַדאַני, אַ זשורנאַליסט און סאָציאַליסטישער רעדנער, פּאָול בלאַנשאַר, אַ יונגער הילפס־גייסטלעכער. דער גרעסטער זאַל הומערטא פּעראַרי־האָל איז געווען געפּאַקט ביז צו די טירן. אין אַלערליי לשונות האָט מען גערעדט פאַר די פאַרזאַמלטע, דערקלערט די באַדייטונג פון סאָלידאַריטעט און געלערנט, ווי אַזוי מ׳דאַרף פירן אַ שטרייק.

קודם־כל מוז מען אַרויסגעבן אַן אויפרוף, פאַנאַנדערשיקן אים אויף געזאַמלטע אַדרעסן, צוזאַמענעמען אויף אַ שטרייק־פאָנד. דער גרעסטער טייל אַרבעטער ראַנגלט זיך מיט דער נויט, און די, וואָס האָבן עפּעס אָפּגעשפּאָרט, מוזן זיך באַשטייערן. אַנדערע אויסערלעכע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויך אונטערשטיצן. דעם ערשטן טאָג האָבן הונדערט אַרבעטער געגעבן צו פינף דאָלאַר. דאָס איז אַוועק אויף צו באַצאָלן פאַר זאַלן,

טעלעפאָן, טעלעגראַמעס, בריוו-מאַרקעס און שרייב-מאַשינען. די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און די י. וו. וו. האָבן געבראַכט די אַדרעסן פון זייערע מיטגלידער, און דער קליינער פּראָפּאַגאַנדע-אַפּאַראַט האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן.

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע. אַכצן הונדערט אַרבעטער האָבן דורכמאַרשירט די הויפּט-גאַס פון פּליימוט, זיי זענען פאַרביי די פאַבריק, נישט געקוקט אויף די סאָלדאַטן און שפּיאָנעס. אין דריי טאָג אַרום איז פאָרגעקומען נאָך אַ דעמאָנסטראַציע. זי איז געווען צווייִמאָל אַזוי גרויס ווי די ערשטע. פרויען און קינדער האָבן געטראָגן טראַנספּאָראַנטן מיט אַן אויפשריפט: „מיר האָבן שוין נישט קיין כח אויסהאַלטן פון אַזאַ לעבן". די רעפּאָרטערן האָבן זיך געוויילט מיט די אויפשריפטן און געשריבן גינציקע באַריכטן וועגן די שטרייקנדיקע.

ס'זענען אָנגעקומען די אָרגאַניזאַטאָרן; איינער האָט רעפּרעזענטירט די אַמעריקאַנער אַרבעטער-פעדעראַציע, די קאָנסערוואַטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט באַהילפיק צו זיין די אַרבעטער, אויסצוקעמפן פאַר זיך אַ קורצערן אַרבעטס-טאָג און אַ גרעסערן לוין. אַ פאָרשטייער פון די י. וו. וו. האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו העלפן די אַרבעטער, איבערצונעמען די שטריק-פאַבריק. די שטרייקער האָבן אויסגעהערטביידע צדדים און ביידע אַפּלאָדירט. זיי זענען איננאַנצן צעמישט געוואָרן, ווען די אַנאַרכיסטן זענען אַרויס מיט זייער טענה, אַז יענע ביידע אָרגאַניזאַציעס זענען אַ נעץ, וואָס די פלינקע פאַראיין-באַאַמטע האָבן אויסגעשפּרייט פאַר זיי; זיי ווילן לעבן אויפן חשבון פון די אַרבעטער און אַליין אַרומגיין ליידיק. די אַרבעטער אַליין דאַרפן פירן דעם שטרייק, און יענע, אויב זיי סימפּאַטיזירן, זאָלן זיי זיך צופרידנשטעלן מיט קלויבן פאָנדן און דערנערן די קינדער פון די שטרייקער.

אַזוי האָט געטראַכט באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי. אין דידאָזיקע קריטישע טעג האָט ער פאַרגעסן אָן זיין גוטמוטיקייט און נאָכגיביקייט. ער איז געוואָרן אַ פייערדיקער רעדנער. ס'זענען

געווען אַזעלכע אַרבעטער, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן רעדעס, נאָך איידער זיי אַליין האָבן באַמערקט, אַז זיי רעדן. אָט האָבן אַזוי מענטשן אָנגעהויבן צו דיסקוסירן, עטלעכע אַרבעטער זענען צוגעקומען און אין איין מינוט איז שוין געשטאַנען אַ מאַסע און זיך צוגעהערט. ווען די פּאָליציי האָט אַוועקגעטריבן אַן אַרבעטער פון פאַבריק־טויער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים ראָג, אַנטקעגנאיבער, און הויך אויסגעשריגן זיין אויפרעגונג, און ווען מ׳האָט אים פון דאָרט אויך אַוועקגעטריבן, האָט ער זיך געשטעלט אין אַן אַנדער ווינקל. ס׳האָבן זיך תמיד געפונען אַזעלכע, וואָס זענען געווען גרייט אויסצוהערן, און אַזוי אַרום האָבן זיך די אַרבעטער געלערנט צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס עס איז סאָלידאַריטעט. אין איין טאָג פון דערדאָזיקער „פרייהייט" האָבן זיי זיך אויסגעלערנט מער, ווי אין אַ גאַנצן חודש אַרבעט. די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דידאָזיקע טעג, זענען אָפּגעדעקט געוואָרן אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט. ווען עמעצער האָט עפּעס נישט געקענט פאַרשטיין, האָט זיך באַלד געפונען עמעצער, וואָס האָט אים אַלצדינג קלאָר געמאַכט. יעדן טאָג זענען פאָרגעקומען אַרבעטער־באַראַטונגען, און יעדער זאַך איז געוואָרן פאַר זיי וווּנדערלעך קלאָר.

11

נישט לאַנג צוריק — הגם קאָרנעליען האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז שוין אַ גאַנצע אייביקייט — האָט אויסגעבראָכן אַזאַ שטרייק אין דער טאָרנוועלער שפּינעריי, וואָס איז אונטערגעדריקט געוואָרן אויף דעם זעלביקן, שטענדיקן סיסטעם. דעמאָלט האָט איר מאַן אַרויסגעשיקט זי צו איר טאָכטער דבורה אין דער ווילע ביים צפון־ים, און זי האָט זיך פאַרשפּאָרט צוצוהערן צום געשריי פון המון און די רעוואָלווער־שאָסן. זי האָט נישט געזען די זעלנער, וואָס האָבן באַוואַכט איר פּאַלאַץ אויפן באַרג. זי האָט נאָר געלייענט אין די צייטונגען די באַריכטן וועגן דעם אומזיניקן קאַמף פון די שטרייקנדיקע און די שילדערונגען, וועגן די

שאָדנס, וואָס זענען דיקטירט געוואָרן דורך יהושען און זיין איידעם, דזשעמס סקאָטערברידזש. איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געצווונגען קאָרנעליען צו אַנטלויפן פון דער היים, איז טאַקע געווען דער פאַרלאַנג איבערצוצייגן זיך, וויאַזוי אַזעלכע זאַכן זען אויס אין דער ווירקלעכקייט. זי האָט געהאַלטן, אַז דער סיסטעם פון שטרייקברעכעריי איז לחלוטין נישט עטיש.

און איצט האָט זי זיך געפונען אין דער זעלביקער לאַגע, און געקענט זען מיט די אייגענע אויגן, פאַרוואָס און וויאַזוי די אַרבעטער האָבן געקעמפט. און אויב זי האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט דער מעטאָדע פון זייער קאַמף, האָט זי געדאַרפט אויסקלויבן די טעאָריע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער פעדע־ראַציע, אָדער פון דער י. וו. וו., פון די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן, רעכטער און לינקער פליגל און אפילו עטלעכע אָנהענגער פון אומדירעקטע שטייערן און עטלעכע וועגיטאַריער. אין צענטראַל־ראַט פון די שטרייקנדיקע האָט זי געטראָפן אַ יונגן גלח פאָול בלאַנשאַר; דאָס איז געווען אַ נייער טיפ גלח, וואָס האָט געפּריידיקט אַ רעליגיעזע קאָמונע. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש, אָבער ער האָט זיך גוט אָריענטירט אין קלאַסן־קאַמף, און קאָרנעליע האָט זיך געוואָלט פון אים לערנען. דידאָזיקע דערפאַרונג האָט דער גלח באַקומען ביי דער אַרבעט אין דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג ביי דער קריסטלעכער געמיינדע. ווען קאָרנעליע האָט באַמערקט זיין השפעה אויף די גלייכגילטיקע מאַסן, האָבן זיך געעפנט פאַר איר נייע האָריזאָנטן. די טעאָריע, אַז די אַרבעטער זאָלן איבערנעמען די אינדוסטרי און אַליין זי אָנפירן האָט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי אַ שיינער חלום. אָבער ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, אַז די אידעע וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן — אין דער ווייטער צוקונפט.

איר פריינד וואַנצעטי איז געווען זייער בייז, בעת ער האָט זי געזען רעדן מיטן יונגן גלח. וואַנצעטי האָט געהאַלטן דידאָזיקע אומגעווענלעכע אַמעריקאַנער דאַמע פאַר זיינס אַ געליבטע שילערן, וואָס האָט זיך געוואָלט לערנען ביי אַן

איטאַליענישן אַרבעטער, און ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די „רעפאָרמיסטאַס". ער האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן צו איר, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן די צייט, וואָס אַן ארבעטער גיט זיך אָפּ מיט „פּאָליטיקער". מיט לאַנגע און אַ סך־זילביקע ווערטער, האַלב אויף איטאַליעניש און האַלב אויף ענגליש, האָט ער געטענהט:

— צוואַנציק יאָר, דרייסיק יאָר, ווי אַרבעטער שפּילן זיך מיט פּאָליטיק; קלויבן אויס פאָרשטייער אין פּאַרלאַמענט. אָבער וואָס האָבן זיי אויפגעטון פאַרן אַרבעטער־קלאַס? טראַדיטאָר, פאַרקויפן די אַרבעטער־זאַך. דאָס אייגענע קומט אויך פאָר אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. די אַרבעטער שטרענגען זיך אָן, שאַפן גרויסע אָרגאַניזאַציעס און די רעדל־פירער — אַריסטאָקראַטן, פּאַטענטאַטן — טוען גאָרנישט. זיי פאַרקויפן אונז. יעדער גיט זיי אָפּ כבוד. איר פאַרשטייט? דער אַרבעטער אַרבעט פונקט ווי פריער. דער פּאָליטיקער טוט גאָרנישט, לעבט זיך גוט, טוט זיך אָן ווי אַ דזשענטלמען, יאָ, ווי אַ שטייגער — ווי אַזוי זאָל איך אים אָנרופן, ווי אָט דער יונגער גלח, אָט דער הער בלאַנשאַר. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ער איז דער זעלביקער, וואָס אַלע גלחים, ער רעדט שיין, אָבער ער ליגט אויף די פּלייצעס פון אַרבעטער. ער איז אַ „רעפאָרמיסטאַ" און ווי איר רופט עס אָן פאַרראַט.

— פאַררעטער — האָט אים קאָרנעליע אויסגעבעסערט.

— יאָ, יאָ, אַ פאַררעטער — האָט וואַנצעטי געזאָגט.

די שטאָטישע אַרביטעראַזש־קאָמיסיע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די אַרבעטער אין דער שטריק־פאַבריק און פאָרגעלייגט זיי איר פאַרמיטלונג. דאָס איז ווידער געווען אַ שפּיצל — האָט וואַנצעטי געהאַלטן — צו פאַרנאַרן די אַרבעטער אין דעם נעץ פון די פּאָליטיקער און פאַריין־פירער. די קאָנסערוואַרטיווע שטרייק־פירער האָבן געוואָלט, אַז מ'זאָל פאָרלייגן פאַר דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע זייערע פאָדערונגען. אָבער וואַנצעטי האָט מיט אַלע זיינע כּוחות געקעמפט קעגן דעם. ער איז געלאָפן פון איין פאַרזאַמלונג אויף דער אַנדערער, באַקעמפט

דעם אַרביטראַזש־פֿאָרשלאַג, און ווען ער האָט געזען, אַז דער פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, איז ער שיר נישט משוגע געוואָרן פֿאַר אויפֿרעגונג, און ס'איז געקומען צו אַ מחלוקת צווישן איבּ און חבר קוליאַ. בעת די סאָציאַליסטן האָבּן זיך באַמיט, צו ערקלערן פֿאַר די ענגלישע אַרבעטער די פֿאָדערונגען פֿון די איטאַליענער, איז וואַנצעטי אַרויף אויף דער טריבונע און אָוועקגעשטויסן דעם רעדנער:

— אַרבעטער, מיידט אויס דעם אַרביטראַזש! דאָס איז אונטערגעשטעלט אַ פּיסל! דאָס איז אַ פּרווו צו צעבּרעכן דעם שטרייק! דאָס איז אַ מיטל צו פֿאַרשקלאַפֿן די אַרבעטער! מ'וויל אונז און אונזערע ווייבער און קינדער איבערגעבן דעם חסד פֿון פֿאַבריקאַנט. צו וואָס דאַרפֿן מיר פּאָליטיק צו פֿאַרענדיקן דעם שטרייק? צו וואָס דאַרף זיך די רעגירונג אַריינמישן אין אונזערע עסקים? צו וואָס דאַרפֿן מיר אויטאָריטעטן? אויטאָריטעטן זענען תּמיד קעגן אַרבעטער! מיר מוזן אַליין אויסגלייכן אונזערע סכסוכים. אַזאַ מענטש ווי דער — און וואַנצעטי האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף קוליאַן — אַזאַ מענטש איז אַ פֿאַררעטער פֿון אַרבעטער־קלאַס, נאָך ערגער פֿון אַ קאַפּיטאַליסט!

ס'האָט זיך אַ גאַס געטון אַ מבול פֿון פּראָטעסטן. מ'האָט געשריגן פֿון ביידע זייטן. די מערהייט האָט נישט געוואָלט אויסהערן דעם אַנאַרכיסט. זיי האָבּן דורכאויס געוואָלט, אַז קאָמפּאַנאָ קוליאַ זאָל אַרויף אויף דער טריבונע. קאָמפּאַנאָ קוליאַ איז טאַקע צוריק אַרויף אויף דער טריבונע. ער האָט אויסגעשטרעקט די פויסטן צו זיין קעגנער און געשריגן:

— פֿאַרוואָס זידלט ער אַזוי די פֿאַריין־פֿירער? ער וויל אייך איינרעדן, אַז די אַנאַרכיסטן האָבּן נישט ליב קיין פֿירער. אָבער איך זאָג אייך, אַז זיי אַליין ווילן זיין די פֿירער. ער האָט מיך מיט כּוח אַראָפּגעשטויסן פֿון דער טריבונע און געצווּונגען מיך אויסצוהערן זיין דרשה. ער וויל דיקטירן אַנדערע און באַנוצט זיך מיט געוואַלט. נישט אמת, חברים?

די גרויסע, רייכע געזעלשאַפט, די גרעסטע שטריק־פאַבריק פון דער וועלט, וואָס האָט שוין אין דעם צווייטן יאָר פון דער מלחמה באַוויזן צו מאַכן גוטע ביזנעס און באַשעפטיקן מער אַרבעטער, האָט געשיקט אירע פאָרשטייער אין דער שטאַטישער אַרביטעראַזש־קאָמיסיע און דערקלערט, אַז אַ וואָכן־לוין פון זעקס דאָלאַר פאַר אַן אומקוואַלפיצירטע פרוי און ניין דאָלאַר פאַר אַ מאַן, איז זייער אַ שיינער און רחבותדיקער לוין. דאָס באַדייט אַ דורכשניטלעכער לוין פון פינפאונצוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַן אַרבעטער־פאַמיליע. דער חשבון איז זייער אַ פשוטער: עס אַרבעטן טאַטעס, די מאַמעס און די אונטער־געוואַקסענע קינדער, און דאָס איז פאַר זיי זייער גוט, אַנשטאָט אַרומצוגיין ליידיק און ווערן לייכטזיניק און פויל. די שטרייקנדיקע האָבן געפּרוווט אָפּוואַרפן דידאָזיקע אַרגומענטן און געברענגט אַ ביישפּיל פון איינע אַן אַרבעטער־פאַמיליע, די פאַמיליע קאָרסיני, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, אַ מוטער און ניין קינדער. דאָס גרעסטע איז אַלט געווען פערצן יאָר; דזשאָן האָט פאַר־דינט ניין דאָלאַר אַ וואָך, „דזשאָן זאָגט, אַז טיילמאָל עסן זיי אַזאַ עסן, וואָס חזירים וואָלטן עס נישט געוואָלט פאַרזוכן". זיי זענען איינגעטונקען אין חובות. מ׳מוז אויסבאָרגן יעדער וואָך פינף דאָלאַר. די הברים מוזן אים אונטערהאַלטן מיט שפייז, שענקען זעקלעך פאַר די קינדער, אַנישט וואָלטן זיי נישט געקענט זיך באַוויזן אין גאַס.

מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין די לעצטע ניינצן יאָר האָט די פאַבריק דריימאָל געהעכערט דעם לוין, יעדעס מאָל מיט פינף פּראָצענט, בעת די לעבנס־מיטלען זענען אין די לעצטע צען יאָר געוואַקסן אויף פופציק פּראָצענט. דערדאָזיקער אַרגומענט האָט אַביסל געווירקט אויף די פאַבריק־פאָרשטייער. דאָס רחמנות האָט אריבערגעשטיגן זייער קלאַסן־סאָלידאַריטעט און זיי האָבן ריזיקירט מיט נאָך פינף פּראָצענט. עפּעס מער וואָלט שוין בעהייסן — האָבן זיי געזאָגט — אַן אומפאַרמיידלעכע רואין פון

דער געזעלשאפט. אזוי האָבן געטענהט זייערע גוט באַצאָלטע אדוואָקאטן, און זייערע שיינע רעדעס האָט מען אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען. אַגענטן מיט שאַרפע צינגלעך האָבן זיך אַרומגע־דרייט צווישן די ארבעטער, איבערגעחזרט פאַר זיי די־דאָזיקע טענות און צוגעזאָגט די אַרבעטער־פירער פארשידענע פריווי־לעגיעס, אויב זיי וועלן פירן אונטערהאַנדלונגען: די שפּיאָנען־אָרגאַניזאציע האָט געארבעט אויף אַלע כּלים. זי האָט אַרויס־געשיקט געהיים־אַגענטן אונטערצוקויפן די שטרייקער, אריינ־ברענגען זיי אין פאַרצווייפלונג, אָנגעמאַכט מחלוקת און אַרויסרופן צווישן זיי אַ פּאַניק. די פאַבריק־געזעלשאפט האָט אַרויסגעהאָנ־גען אַ מעלדונג, אַז אויב די אַרבעטער וועלן נישט אָננעמען די פאָרגעלייגטע באַדינגונגען, וועט זי מוזן ברענגען שטרייק־ברעכער, און כּדי צו באווייזן, אַז זיי פּלוידערן נישט סתם אין דער וועלט אַריין, האָט זיך תּיכּף באַוויזן אַ צאָל שטרייק־ברעכער, באַשיצט פון אַ פארגרעסערטער אָפּטיילונג פּאָליציאַנטן, וואָס האָט זיך ברוטאַל אריינגעריסן צווישן דעם שטרייקנדיקן עולם.

גרויסע, שווערע אויטאָבוסן זענען אָנגעקומען פון באָסטאָן און פון אַנדערע ערטער. זיי זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט שטאָטישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך אין דריי רייען ארומגע־שטעלט דער לאַנגער, דריי פערטל־מייליקער שטריק־פאבריק, אַזוי נאָענט איינער לעבן אנדערן, אַז זיי האָבן זיך געקענט דערלאַנגען מיט די הענט. קוים האָבן זיי דערזען, ווי עטלעכע שטרייקנדיקע ארבעטער שטעלן זיך אָפּ צוזאַמען, זענען זיי אַרויס מיט אַ געשריי. „רוקט אייך אָפּ! גייט אַוועק ווייטער!" קוים האָט עמעצער ארויסגערעדט אַ וואָרט, אַז ער מעג אויך שטיין אויפן גאַס, האָבן זיי נישט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע טענות: זיי האָבן אים א קלאַפּ געטון מיט א קנוט אין בויך אריין אָדער אין פּלייצע און אַוועקגעטריבן. ווער ס'איז נישט געלאָפן גענוג שנעל איז פאַרהאַלטן געוואָרן, אָפּגעשיקט אין דער פּאָליציי און אויף מאָרגן פאַרמשפּט געוואָרן דורכן געריכט פאַר שטערן די עפנטלעכע רו. די צייטונגען האָבן

געשריבן, אַז מ׳קען קוים אײַנהאַלטן דעם פּעזו׳ל, און די געזעלשאַפט האָט געפּאָדערט פון גובערנאַטאָר, ער זאָל ווידער פאַרגרעסערן די פּאָליציי. די שטרייקנדיקע האָבן זיך פעסט געהאַלטן בײַ זייערע פאָדערונגען, זיי האָבן נישט געוואָלט אײַנגיין אויף דער פינף פּראָצענטיקער הוספה. און לויט דער אָנווייזונג פון די ראַדיקאַלן, האָבן זיי געפאָדערט, אַז די שטאָטישע אַרביטראַזשקאָמיסיע זאָל זיך צוריקציען פון דער אונטערוועגנגען. אַגענטן פון אַנדערע שטריק־פאַבריקן זענען אָנגעקומען קיין פּליימוט און צוגענומען די בעסערע אַרבעטער. די פאַבריק־געזעלשאַפט האָט זיך אויפגערעגט. וואָס האָט זי געזאָלט טון? מ׳האָט געבראַכט הונדערט אָדער צוויי הונדערט שטרייקברעכער פון ברעג, אַריינגעפירט זיי דורך אַן אונטערוועג אין דער פאַבריק, און זיך באַמיט אָנצוהייבן די אַרבעט טיילווייז. דער קאַמף איז געוואָרן שאַרפער. די שטרייק־פּאָסטנס זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן, און קאָרנעליעס דערפאַרונגען זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

ס׳איז נישט קיין אַרבעט פאַר אַן אַלטע פרוי, צו שטיין אויף אַ שטרייק־פּאָסטן, האָבן געטענהט אירע איטאַליענישע פריינט. אָבער זי האָט געוואָלט האָבן אַ סך דערפאַרונגען און איינגעעקשנט זיך, נישט צו פאַרלירן דידאָזיקע געלעגנהייט. באַלד דאָס ערשטע מאָל ווען זי האָט דערזען, ווי אַ פּאָליציאַנט האָט געשלאָגן מיט זיין רימען אַן אומבאַוואָפנטן אַרבעטער, האָט זי הויך אויפן קול אויסגעדריקט איר אויפרעגונג:

— אָך, ברוטאַלער מענטש, וואָס טוט איר. פאַרוואָס שלאָגט איר אים?

און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן גיין צו איר, איז זי שוין נישט געווען די דאַמע, וואָס האָט געקענט אָנשרייען אויף אַ פּאָליציאַנט; און ווען זי האָט דערזען, ווי אַ פּאָליציאַנט האָט אַ שטויס געטון מיטן פוס אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר, אַז זי איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ קופּע שניי — האָט קאָרנעליע פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א סכנה איר דראָט, און זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפן. זי, די פרוי פון עקס־גובערנאַטאָר, וואָס האָט פערציק יאָר געלעבט אין אַ פּאַלאַץ,

אַרומגערינגלט מיט דינבּרס — זי איז געלאָפן מיטן גאַנצן כּוח, ווייל דער ברוטאַלער פּאָליציאַנט האָט געהערט אירע ווערטער און איר געוואָלט דערלאַנגען מיטן רימען. זי איז ניצול געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ברינזי מיט נאָך חברים זענען אונטער־געקומען און די שטעקנס זענען געפאלן אויף זיי. צופּעליק האָט זיך זיי איינגעגעבן, אַרויסצורייסן דעם רימען פון דעם פּאָלי־ציאַנטס האַנט און צו אנטלויפן. שפּעטער זענען זיי שטענדיק שטאָלץ געווען מיט דעמדאָזיקן אָנדענקן.

אָבער דאָס אַלץ איז פאַר קאָרנעליען נישט געווען קיין שום טרייסט. אין אירע אויגן זענען געשטאַנען טרערן. זי וועט דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן! און ביזן לעצטן אויגנבליק פון איר לעבן, וועט זי זיין אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם פאקט, וואָס איז אַזוי באַקאַנט די אַרבעטער באַוועגונג, אַז ווען עמעצער פון דעם רייכן קלאַס גיט זיך איבער דעם אַרבעטער־קלאַס, איז ער נאָך ראַדיקאלער, ווי דער אַרבעטער גופא. צווישן די גאַנצע צוויי טויזנט ארבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פּליימוטער פאַבריק, איז זי געווען די איינציקע, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּאָליציאַנט פאַר איינעם, וואָס דאַרף אויס־הערן באַפעלן.

קאָרנעליע איז געבוירן געוואָרן אין שטאָט מאַסאַטשוסעט, פאַרבראַכט דאָרט איר גאַנץ לעבן. זי האָט באמת געגלויבט אין די אַלע שיינע זאַכן, וואָס ס'האָבן איר דערציילט די פירער און כלל־טוער. זי האָט געהערט דערציילן וועגן די איינוואַנדערער־אבות, וואָס האָבן געגרינדעט ניי־ענגלאנד, דאָס וויגעלע פון פרייהייט, דער מיטלפונקט פון דער גאַנצער וועלט, און נאָך אַזעלכע שיינע זאַכן. און אָט געפינט זי זיך פערציק מייל פון באָסטאָן, אייגנטלעך אין דער באַסטאָנער פאָרשטאָט, און פאַר די אויגן האָט זי דעם פעלז פּליימוט־ראָק, דאָס אָרט, פון דעם הייליקן טעמפּל, און זי דערזעט פּלוצלינג מיט דערשטוינונג, אַז זי, די אַמעריקאַנער בירגערין, האָט נישט קיין שום רעכט, און יעדער פּאָליציאַנט און אפילו יעדער פריוואַטער געהיים־אַגענט האָט דאָס רעכט איר צו טיראַניזירן, אַזוי לאַנג ווי זי ווערט נישט

אויס שטריק־אַרבעטערין און צוריק אַ רייכע ליידיקגייערין. זי איז אַוועק אין פּאָליצײ־צירקל, באַקלאָגט זיך פאַרן פּאָליצײ־ריכטער, פאָרגעשטעלט אים עדות, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט זי געשלאָגן אָן אַ פּאַרוואָס, זי האָט געהערט ווי דער ריכטער האָט געמאַכט דעם פּאָליציאַנט אַ מילדן פאָר־וורף, דאַן האָט זי זיך אומגעקערט אויף דעם פּאָסטן פאַר דער פאַבריק, און זי האָט געזען, ווי די פּאָליצײ שלאָגט ווייטער, ווי ס'וואָלטן נישט געווען קיין ריכטער און נישט קיין געריכטן.

און ס'איז געווען מאָדנע: צווישן טויזנטער אַרבעטער איז זי געווען די איינציקע, וואָס איז געווען אויפגערעגט און דער־שטוינט. די איבעריקע, ווי דערשלאָגן און אויפגעבראַכט זײ זענען נישט געווען, האָבן זײ נישט אויפגעהערט צו דערציילן, אַז אַמאָל איז נאָך געווען ערגער, ווי למשל אין לאָורענס און לאָיעל און פּאָלריווערי אָדער מילפאָרד און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט.

— גאָט מיינער, וואָס מיינט איר? — האָט אַלפאָנסינאַ בריני געזאָגט — וואָס מיינט איר, אַז זײ וועלן לאָזן די אַרבעטער רויק שטרייקן און אויספירן וואָס זײ ווילן?

און ווען קאָרנעליע האָט זי געפרעגט, צי די פּאָליצײ דינט די פאַבריקאַנטן, האָט איר אַלפאָנסיני געענטפערט.

— וועמען דען זאָלן זײ דינען?

IV

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט קאָרנעליע געהאַט אַ געלעגנ־הייט אויסצופאָרשן די זאַך און זיך דערוווּסט די גאַנצע געשיכטע פון דער באָסטאָנער פּאָליצײ. די קאַטוילישע אירלענדער האָבן געזיגט בעת די וואַלן און באַקומען אַ מערהייט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אויף דעם האָבן די אַלטע אייגנווינער פון נײ־ענגלאַנד אָפּגעענטפערט דערמיט, וואָס זײ האָבן דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז די קאָנטראָל איבער דער באָסטאָנער שטאָטישער פּאָליצײ גייט איבער צום שטאַט־גובערנאַטאָר, וואָס איז צום

גליק געווען אַ דזשענטלמען פון אַלטן אַנגלאָזאַקסישן שטאַם. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳דאַרף אויסלייען פּאָליציי פאַר די שכנותדיקע שטעט. דערצו האָבן זיי אָרגאַניזירט אַן אָפּטיילונג פאַר שטרייק־ברעכער, וווהין עס האָבן זיך געווענדעט אַלע שפּינעריי־אייגנטימער, דידאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהאַט צו איר הילף פאַרשידענע פּריוואַטע געהיים־אַגענטורן, וועלכע האָבן אַרויסבאַקומען ידיעות און פּערזענלעכע אינפאָרמאַציעס. אַזוי אַרום איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער מעכאַניזם צו דערשטיקן די אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס אַלץ האָט עקזיסטירט שטילערהייט. די פּרעסע האָט זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ, אַז „אַזוי־ווי דער עולם ווייס נישט, וועט עס אים נישט שאַטן״ קאָרנעליע האָט געוויינט פון אויפרעגונג, ווען זי האָט זיך צוגעקוקט, וויאַזוי דערדאָזיקער סיסטעם איז איינגעפירט אין לעבן. וויאַזוי קענען די רייכע פון איר קלאַס אַזוי האַנדלען? ווי קענען זיי זיין אַזוי בלינד? ווי אַזוי קענען זיי נישט איינזען דעם סך הכל פון די דאָזיקע מיסברויכן, אַז זיי לערנען אויס דעם אַרבעטער פאַר־אַכטן דעם געזעץ? צי וואָס זאָל מען רעדן וועגן אַמעריקאַניזם, אויב אין די קריטישע מינוטן טרעט מען די בירגער־רעכט מיט די פיס און אפילו די רעכט פון מענטשן. די אַרבעטער באַהאַנדלט מען ווי די בהמות, מ׳שלאָגט זיי ווי די הינט. און שפּעטער קומט די ציוויליזירטע וועלט און חידושט זיך, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און אַ ביס געטון אין פּוס. דער שטרייק האָט נאָך נישט געדויערט קיין גאַנצן חודש, און קאָרנעליע האָט שוין געפילט, אַז דעמדאָזיקן אַרבעטער־פאָלק וועט זי קיינמאָל נישט פאַראורטיילן, מעג ער אפילו אָפּטון אַלערליי גרויזאַמקייטן.

טאָג־איין טאָג־אויס האָט זי זיך צוגעקוקט צו וואַנצעטיס לעבן. דערדאָזיקער אידעאַליסטישער טרוימער האָט געוויטיקט מער פאַר פרעמדע ליידן, ווי פאַר זיינע אייגענע. ווען ער איז, אַ ציטערדיקער פון קעלט, געקומען אַ היים פון דער שטרייק־וואַך און אַרומגעוואַשן זיין צעשלאָגענעם און פאַרבלוטיגקטן קאָפּ, האָט ער געקריצט מיט די ציין פאַר אויפרעגונג און טרערן זענען אים גרונען איבערן פּנים. איינמאָל ביינאַכט איז ער

אהיימגעקומען צו די ברינס מיט געווער אין דער האַנט. דערדאָזיקער אַפּאָסטאָל פון ברידערלעכקייט, דער מענטש, וואָס איז געווען אַזאַ בעל־רחמנות, אַז ער האָט נישט געלאָזט דער־הרגענען קיין קראַנק קעצל, איז גרייט געווען צו דערהרגענען אַ פּאָליציאַנט. וואָס אַן אמת, איז זיין געווער געווען נישט אַזוי געפערלעך; אַ פּאַרזשאַווערטער רעוואָלווער פון אַלטן סיסטעם אויף פינף קוילן. קאָרנעליע האָט דערקענט, אַז ער האָט אים אפילו נישט געקענט האַלטן אין דער האַנט. ווען זי האָט זיך באַמיט אָפּצורעדן אים פון אַזאַ מין אכזריותדיקן טאַט, האָט פרוי בריני געלאַכט און פאַרזיכערט, אַז זי האָט זיך נישט וואָס צו באַאומרויקן. באַרטאָ וועט קיינעם נישט דערשיסן, איינמאָל איז ער מיט נאָך עטלעכע יונגע לייט אַוועק אויף יאַגד; און ווען איינער האָט דערשאָסן אַ פויגעלע, האָט זיך באַרטאָ אַזוי איבערגענומען מיטן טויט פון דעם באַשעפעניש, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אומגליקלעך און שפּעטער שוין מער קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף יאַגד.

— אויב ער וועט זיך מיט אים נישט באַנוצן, טאָ צו וואָס האָט ער אים געבערענגט אַהיים? — האָט קאָרנעליע געפרעגט — אויב זיי וועלן געפונען ביי אים געווער, וועלן זיי אים דאָך איינזעצן אין תפיסה.

און וואַנצעטי האָט געענטפערט:

— אויב איך וועל זיצן אין תפיסה פאַר אַרבעטער וועל איך דערמיט העלפן די אַרבעטער־זאַך.

קאָרנעליען איז דערדאָזיקער ענטפער אויסגעקומען נישט קלאָר. וואָס קען ברענגען נוצן דער אַרבעטער־זאַך, ווען מען זעצט איין אַן אָרעמען איטאַליענישן שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס קיינער האָט נישט געהערט וועגן אים.

V

די סיבה, וואָס ער האָט געטראָגן געווער, איז געווען וושאַלעאַניס אָנקומען. די אַנאַרכיסטן האָבן באַשלאָסן דורכאויס צו

ענטפּערן אויף די פֿאַלשע אַרגומענטן פֿון די „ריפּאָרמיסטאָס”. זיי האָבן אויפגעפּאַדעט זייער גרויסן פירער און לערער, אַרויסצו־העלפֿן זיי אין קאַמף. די איבעריקע שטרייק־פירער האָבן אָן אויפהער אויפגעהאַלטן און אפילו געשטערט די זשאַלעאַני־פֿאַרזאַמ־לונג אין זאַל; זיי האָבן געפּרוווט אויסמיידן די פּראָוואָקאַציעס און נישט געוואָלט פֿאַרשריגן ווערן אין די צייטונגען פֿאַר ראַדי־קאַלן. ערשט דאַן, ווען זשאַלעאַני האָט צוגעזאָגט צו מעסיקן זיינע מיינונגען אויף דער פֿאַרזאַמלונג, און אויסצומיידן די פּאָדערונגען פֿון געוואַלט־מעשים — ערשט דאַן האָבן זיי אים געלאָזט רעדן.

נאָכמיטאָג איז זשאַלעאַני געקומען צו די ברינים, און קאָרנעליע האָט אים געקענט באַטראַכטן: ער האָט געהאַט אַ פריינטלעכן, פּאַטערלעכן אויסזען, וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם הייליקן ניקאָליי, אַ הויכער מענטש מיט ברייטע אַקסלען, מיט אַ לאַנגן ראָק, ווי אַ גייסטלעכער, אַ שיינע בכבודיקע פריזור און געדיכטע ווייסע באַקן־בערד. פֿאַר די איטאַליענישע אַרבע־טער איז ער געווען אַ העלד און אַ פּאַטריאַרך אין דערזעלבי־קער צייט. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט באַוווּנדערונג און אָנגערופן אים „מאַעסטראָ”. די ברינים האָבן אים מכבד געווען מיט קוכן און ווייַן, אָנגענומען אים פֿאַרן אָרעם און גערופן אים „נאָנאָ”. ער איז געווען זייער דענקער, זייער גרויסער גע־לערנטער, וואָס האָט אַלצדינג געוווּסט, אַלץ געלייענט און געשריבן יעדע וואָך אין דער צייטונג „לאַ קראָנאַקאַ סאָוועסיוואַ” — די רעוואָלוציאָנערע כראָניק. די דאָזיקע צייטונג איז זיך פֿאַנאַדער־געגאַנגען אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, זי איז געווען דער קאַמפּס־אָרגאַן פֿון די איטאַליענער אין ניי־ענגלאַנד. דער דאָזיקער אַרויס־געבער — שוין אַן אַלטער מאַן — האָט געלעבט אין אַ בכבודי־קער אָרעמקייט, דערנערט אַ ווייב און פיר קינדער פֿאַר אַ לוין פֿון אַכט דאָלאַר אַ וואָך, מיט דער אונטערשטיצונג פֿון זיינע חברים, וואָס האָבן פֿאַרדינט מער פֿון אים. ער האָט געטראָגן אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, צוגעשפּילעט מיט אַ זיכער־נאָדל ביים האַלדז, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט אויסצוזען, ווי אַ זייער בכבודיקער דזשענטלמען.

מיט זשאַלעאַנין איז מיטגעקומען זיין לייב־גוואַרדיע. זי איז באַשטאַנען פון אומגעפער צוואַנציק איטאַליענישע אַרבעטער, צווישן זיי עטלעכע, וואָס זענען נאָך נישט אַלט געווען צוואַנציק יאָר, אָבער אַלע האָבן אויסגעזען זייער אַנטשלאָסן. ס׳האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די פּאָליציי האָט בדעה, פּאַנאַנדערצוטרייבן דעם מיטינג און אַרעסטירן דעם רעדנער — דערפאַר זענען מיטגעקומען די דאָזיקע יונגע חברהלייט. יעדער איינציקער זיי פון האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אין קעשענע, עטלעכע פון זיי האָבן אפילו געהאַט ביי זיך צו צוויי רעוואָלווערן מיט א קינזשאַל. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ יידיש יינגל פון נוי־יאָרקער אָרעמען קוואַרטאַל, וואָס האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין אַ באָסטאָנער צייטונג און שפּעטער געוואָרן דער באַקאַנטער שרייבער און דראַמאַטורג מיכאל גאָלד: ער האָט אָנגעקוקט דאָס כמורנע שטעטל אין ניי־ענגלאַנד, מיט די קופּעס שמוציקן, צעטרעטענעם שניי אונטער גרויע בלייענע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט די טעג און נעכט מיט נישט ווייניקער — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט — ווי א מיליאָן פּאָליציי. די קליינע רעוואָלוציאָנערע מחנה איז געגאַנגען, ווי דער נביא דניאל, אין לייבן־גרוב. זיי זענען אַלע געווען גרייט צו קעמפן און נישט צו לאָזן אַרעסטירן זייער פירער. צום גליק איז קיין שום זאַך נישט געשען, ווען נישט, וואָלט אַמעריקע פאַרוואַנדלט אַ פּראָלעטאַרישן מחבר פון אַ קליינע צאָל אַרטיקלען אין אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער, וואָס זי האָט שוין אייגנטלעך אָן אים אויך גענוג.

קאָרנעליע איז אַוועק אויפן מיטינג מיט אירע איטאַליענישע פריינט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער רעדנער האָט גערעדט. זי האָט זיך אַנטציקט פון זיין מעכטיק, קלינגענדיק קול און געפילט די באַגייסטערונג פון דער אוידיטאָריע. שפּעטער האָבן אירע חברים אויסגעטייטשט פאַר איר דעם אינהאַלט פון דער רעדע און איבערגעחזרט זי אַזויפיל מאָל, וויפל זי האָט נאָר געוואָלט הערן. לואידזשי זשאַלעאַני האָט געלערנט די אַרבעטער שאַפן אַ מאָראַלישן כוח; דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי אַנטקעגנשטעלן די ברידערלעכקייט און די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט,

וואָס זאָל זיין „שטאַרקער פון אייזן". ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי אַליין זענען די איינציקע שאַפער פון עשירות און גליק און אַז עס וועט קומען אַ טאָג, שוין נישט לאַנג, ווען זיי וועלן אַליין געניסן די פרוכטן פון זייער אַרבעט. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך היטן פאַר די פירער, וואָס קרויכן זיך אַליין איבער די מאַסן און ווילן הערשן איבער זיי. ער האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן זיך באַפרייען פון אַלע פאָראורטיילן, רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון דער מורא פאַר גייסטלעכע, ריכטער און פאָליציי; ווייל זיי אַליין זענען זייערע אייגענע געטער, זייערע אייגענע גייסטלעכע, ריכטער, און זיי אַליין שאַפן דאָס געזעץ. רעכט און גוט איז נאָר דאָס, וואָס עס הייסט טון דאָס געוויסן און דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט. אַמאָל, ווען קאָרנעליע איז נאָך געווען אַ מיידל, איז זי געווען אויף אַ פאָרלעזונג פון דעם באַוווּסטן רעדנער עמערסאָן. ער האָט גערעדט וועגן אַ מאָדנעם גייסטלעכן טאָראָ, אַ מחבר פון אַ ווערק אונטערן נאָמען: „וועגן דער פליכט פון בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט". דידאַקטיקע הויכע אידעאַלן זענען איר לחלוטין נישט אויסגעקומען מאָדנע. ליידער, וואָס גרעסער עס זענען די אידעאַלן, אַלץ שווערער איז זיי צו פאַרווירקלעכן. און ס'איז מערקווירדיק, וואָס דאָ רעדן די שטרייק־פירער תמיד וועגן סאָלידאַריטעט און זיי אַליין זענען נישט פעיק צו האַלטן זיך סאָלידאַר, זייערע אָנהענגער דערווייטערן זיך און פאַרלירן זייער ענערגיע צום קאַמף פאַרן נצחון.

VI

די שטאָטישע אַרביטראַזש־קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט די אַרבעטער אַן הוספה פון צען פראָצענט. טייל האָבן שוין אפילו געוואָלט אָנהייבן אַרבעטן, די איבעריקע האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ נעץ פון דער פאַבריק־געזעלשאַפט און זי האָט גאָרנישט בדעה צו געבן קיין צען פראָצענט. די געזעלשאַפט דאַרף זיך

פֿריער פֿאַרפֿליכטן, איידער זי אַרבעטער טרעטן צו צו דער אַרבעט. די סיכסוכים אויף די מיטינגען זענען געוואָרן שאַרפֿער: וואַנצעטי איז אָפּטמאָל אַרויפֿגעשפּרונגען אויף א טיש און געשריגן: „טראַדיטאָרע, פֿאַרראַט!״ מ׳האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט געשרייען און אַראָפּגעשטויסן פֿון טיש. ער פֿלעגט קומען אַהיים אַ צעבראָכענער און דערקלערט, אַז דער רעדנער פֿון די פּאָרטוגעזער איז אונטערגעקויפֿט דורך דער געזעלשאַפֿט, און אַלע יסורים פֿון די אַרבעטער וועלן זיין אומזיסטע.

דער שטרייק האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש און די מיטלען ביי די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעשעפּט: טייל האָבן זיך שטילערהייט אומגעקערט צו דער אַרבעט, די איבערגעבליבענע זענען אַריינגעפֿאַלן אין יאוש און אין שרעק. די פּאָליציי האָט פֿאַנאַנדערגעטריבן די מיטינגען און געשלאָסן די זאַלן. וואָס האָבן די אַרבעטער איצט געקאָנט טון? די איטאַליענער האָבן דאָ און דאָרט איינגעאָרדנט געהיימע פֿאַרזאַמלונגען און באַראַטן זיך, צי מ׳קען זיך אָנטרויען די קאָמיטעטן. אַלע, מיטן אויסנאַם פֿון עטלעכע מאַקסימאַליסטן האָבן שוין געוואָלט רעזיגנירן פֿון דעם ווייטערדיקן קאַמף. ס׳איז געווען זיכער, אַז די עקשנים וועלן מער נישט באַקומען קיין אַרבעט אין דער שטרייק-פֿאַבריק.

אין איינעם אַן אָוונט האָט קאָרנעליע, אַ פֿאַרמאַטערטע פֿון דעם דויערנדיקן קאַמף, אומגעקערט זיך אַהיים, געלייגט זיך אין בעט אַריין און אָנגעהויבן איינשלאָפֿן. פּלוצלינג האָבן איר אויפֿגעוועקט הויכע קולות. וואַנצעטי און קוליאַ האָבן געפֿירט א וויכוח. בריני האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן זיי. ביסלעכווייז איז קאָרנעליע איינגעשלאָפֿן. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט וואַנצעטיס קול: „שפּיאָן! שפּיאָן!״ קוליאַ האָט עפּעס געענטפֿערט און דאַן האָט זי דערהערט, ווי מ׳שלאָגט זיך און — אַ שאָס. קאָרנעליע איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט, אַריינגעלאָפֿן אין דעם קליינעם צימער און דערזען וואַנצעטין ליגן אויף דער ערד. ער האָט זיך באַמיט אויפֿצושטעלן זיך אָבער ס׳איז געווען אומזיסט, ווייל דער שטאַרקער בריני איז געלעגן אויף אים און צוגעדריקט צו

דער ערד. קאַפּאַנאַ קוליאַ איז פאַרשוווּנדן דורך דער אָפּענער טיר. זי האָט נאָך קוים באַמערקט די פּאָלעס פון זיין מאַנטל.

וואַנצעטי האָט צוגעזאָגט צו זיין רויק. ברינג האָט אים אָפּגעלאָזט, וואַנצעטי איז איצט געווען צו שטאַרק אויפגערעגט, צו פאַרענטפערן זיך פאַר קאָרנעליען. אָבער שרייענדיק האָט ער איר דערציילט, וואָס דערדאָזיקער „אַבבאָמינעוואָלע״ קוליאַ האָט אָפּגעטון: נאָכדעם, ווי מ׳האָט אָפּגעשטימט צו ליקווידירן דעם שטרייק, וואָס באַדייט, פאַרקויפן די אַרבעטער פאַר קנעכט, האָט ער נאָך געהאַט אַ חוצפה צו קומען אהער, צו וואַנצעטין אין שטוב אריין, און פאָדערן פון אים די פופציק דאָלאר, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן ביי די אַנאַרכיסטן אין דעם שכנותדיקן שטעטל אויפן שטרייק־פאָנד. קוליא, א מיטגליד פון שטרייק־קאָמיטעט, האָט געהאַלטן, אז דאס געלט געהער צו זיי. וואַנ־צעטי האָט אים אָפּגעזאָגט. ער האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין צוטרוי צו די סאָציאַליסטן, די „ריפּערמיסטאס״ און „טראַדי־טאָרן״ פון ארבעטער־קלאס. ער האָט געוואָלט צוריק אָפּ־געבן דאָס געלט צו די באַשטייערטע אָדער אָפּשיקן פאר די שטרייקער פון אַן אַנדער פאבריק. קוליא האָט זיך אויפגערעגט און געדראָט וואנצעטין, אז ער וועט אים אָנקלאָגן פאר מאַל־ווערסאציע, פאר פארשווענדן ארבעטער־געלטער. וואנצעטי האָט אים אַ געשריי געטון „שפּיאָן! שפּיאָן!״ די שרעקלעכסטע באַ־ליידיקונג, וואָס איז נאָר מעגלעך.

אַזוי האָט זיך געענדיקט קאָרנעליעס שטרייק. אויף צו־מאָרגנס איז זי אויפגעשטאַנען פאר זעקס באַגינען, איינגעוויקלט זיך אין דער טוך, און אין דער פינסטערניש אַוועק אין דער פאַבריק. די אויפזעער זענען געווען צו איר אומגעוויינלעך העפ־לעך. זיי האָבן זי באַגרוסט:

— גוטן מאָרגן. איך בין זייער צופרידן, וואָס איר זענט געקומען.

אַלצדינג איז איר אויסגעקומען, ווי עפּעס אין אַ פיינער געזעלשאַפט. די ענדערונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. די אַרבעטער האָבן דערפילט, אַז זיי זענען אַ כוח און אַז די גע־

זעלשאַפט וועט עס לאַנג האָבן צו געדענקען. די שטאָטישע אַרביטראַזש-קאָמיסיע האָט זיך געזעצט צו דער אַרבעט, און נאָך צוויי חדשים באַראַטונגען האָבן זיי לסוף אויסגעפונען אַ פאָרמול, ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען דעם אויטאָריטעט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט נאָכגעגעבן די אַרבעטער דאָס, וואָס זי האָט פריער געהאַלטן פאַר אוממעגלעך, איצט האָט שוין קאָרנעליע באַקומען מער געלט אין איר קאָנווערט. אָבער זי האָט באַלד אויסגערעכנט, אַז זי דאַרף אַרבעטן אַ האַלב יאָר, איידער זי וועט אויסגלייכן דעם שאָדן, וואָס זי האָט געהאַט דורך די וואָכן פון שטרייק. עס איז אַן אויסגעצייכנטער סאָציאַלער סיסטעם!

VII

וואַנצעטי האָט נישט באַקומען קיין אַרבעט אין דער שטריק-פאַבריק און נישט אין די שכנותדיקע פאַבריקן. זיין וואַנזיניקע, דרייסטע אַגיטאַציע האָט אָפּגעקאָסט דער געזעלשאַפט עטלעכע הונדערט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. ווו ער האָט זיך אַ קער געטון, זענען אויסגעוואַקסן הינטער אים געהיים-אַגענטן, אָפּגעשטעלט אים ביי די פאַבריק-טויערן, ווען ער האָט געוואָלט אַריינגיין פרעגן אויף אַרבעט. ער איז אַוועק ווייטער און געפונען אַרבעט ביים האַקן אייז. אַן אַרבעט אין דרויסן, ווו מ'האָט לייכט געקאָנט אַכטונג געבן אויף אים, און ווו ער האָט נישט געקענט אונטערגראָבן די פאַבריקאַנטן. צו קאָרנעליען האָט ער געזאָגט מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— ביי טאָג לייג איך דינאַמיט אונטערן אייז און איבער נאַכט ווערט דאָס וואַסער ווידער געפרוירן.

צען שעה אין טאָג פלעגט ער אַרבעטן מיט דער זעג אויפן אייז און געשלעפּט די שווערע בלאָקן אויף די וועגענער. ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט, ווייל זי איז געווען לעבעדיק און אינטערעסאַנט. אַ פאַרמאַטערטער פלעגט ער קומען אַהיים, אָבער תּמיד האָט ער געהאַט, וואָס צו דערציילן.

ער האָט זיך איינגעקויפט אַ פּאָר גומענע שטיוול. באַצאָלט פּאַר זיי אַ סך געלט און געווען שטאָלץ מיט זיי. טראַנ־דאָ האָט כמעט אינגאַנצן געקענט אַריין אין איין שטיוול, און ס'איז געווען קאָמיש צוצוזען, ווי ער שלעפּט זיך אַרום מיט ביידע שטיוול איבערן שטוב. אין דריי טאָג אַרום איז ער אַהיימגעקומען אָן די שטיוול. ביים עסן האָט ער אַ זאָג געטון:

— כ'מוז מיר קויפן אַ פּאָר נייע שטיוול.

— וואָס איז געשען? — האָבן אַלע געפרעגט — האָסט זיי פאַרלוירן?

— ניין, נישט פאַרלוירן — האָט וואַנצעטי געזאָגט — אָבער כ'האָב זיי נישט. כ'האָב זיי איבערגעלאָזט אַריינגייענדיק אין וואָגן, כ'קום צוריק און פּיעטראַ, דער אַרבעטער, ווי הייסט ער דאָרט, דוכט מיר זשאַסטי —

— איך קען אים — האָט געזאָגט ברייני — אַ שלעכ־טער מענטש.

— אַן אָרעמער יונג. האָט אַ ווייב מיט פיר קינדער, אַזאַ פאַמיליע קען נישט לעבן פון האַקן אייז. איך טו אַ קוק, ווי ער טראָגט מיינע שטיוול ביי דער אַרבעט. איך בין נישט געווען דרייסט אים צו זאָגן, ער זאָל אויסטון די שטיוול און אַרבעטן אָן שטיוול. איך האָב זיך עס געשעמט צו טון. איך טראַכט מיר, וואַנצעטי, דו ביסט דאָך איין מענטש אָן אַ פאַמיליע, דאַרפסט דאָך נישט קויפן די קינדער קיין אָונט־ברויט, וועסט אַביסל צו אַרבעטן, וועסטו קויפן נייע שטיוול.

שפּעטער, פרילינג־צייט איז געשען נאָך אַ פאַל, וואָס קאָרנעליע האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס אייז איז אַוועק, און וואַנצעטי האָט זיך אומגעקערט צוריק צום רידעל. איינ־מאָל דערציילט ער, אַז ער האָט אויפן גאַס פאַרלוירן זיין בייטעלע מיט געלט. וויפל ס'איז געווען דערין האָט ער נישט געוווסט, אָבער ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז אַן ערך פון דרייצן דאָלאַר. אויף אַזאַ סומע האָט מען געמוזט האָרעווען אַ גאַנצע וואָך. אַלע אין שטוב האָבן געהאַט דערפון עגמת נפש. ביים עסן האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן

דעם. וואַנצעטי האָט געגלויבט, אַז אין פּליימוט זענען פאַראַן אַסך ערלעכע מענטשן, אפשר וועט עמעצער געפינען און וועט עס אים צוריק אָפּגעבן. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוהענגען אַ מעלדונג ווי מ׳פירט זיך אין איטאַליען. קאָרנעליע האָט אים געהאָלפן צוזאַמענשטעלן די מודעה: „פאַרלוירן געוואָרן אַ קליין בייטעלע" און זיי האָבן צוגעגעבן דעם נאָמען און אַדרעס. נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט ער גענומען אַ האַמער, עטלעכע טשוועקלעך און אויפגעהאָנגען דעם צעטל אויף אַלע טעלעגראַף-סלופּעס פון גאַס.

דאַמאָלס זענען אים נאָך כּסדר נאָכגעגאַנגען געהיים-אַגענטן. אין משך פון אַכצן חדשים האָבן זיי ממש נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים. צומאָרגנס, ס׳איז געווען ביינאַכט, זענען אַלע פּלוצלונג דערשטוינט געוואָרן: עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט אין אַ בלויען מונדיר און גע-פרעגט:

— איר האָט אויפגעהאָנגען די מעלדונגען וועגן אַ פאַר-לוירן בייטעלע?

— יאָ — האָט וואַנצעטי געענטפערט אַ ביסל צעטומלט, ווי עס ווערן תּמיד די אָרעמע אין דער קעגנוואַרט פון דער פּאָ-ליציי. און אפשר איז דערדאָזיקער סיסטעם פון אויפהענגען מודעות נישט לעגאַל ביי דידאָזיקע מאָדנע אַמעריקאַנער.

— וויאַזוי האָט אויסגעזען דאָס בייטעלע?

— אַ שוואַרץ, קיילעכדיק בייטעלע, נישט זייער גרויס.

— וויפיל געלט האָט איר דאָרט געהאַט?

— דוכט מיר, אַן ערך פון דרייצן דאָלאַר. נישט מער.

— דאָס איז אייער בייטעלע? — דער פּאָליציאַנט האָט אַרויסגעצויגן אַ בייטעלע פון קעשענע.

— ס׳איז זייער ענלעך צו מיינס.

— אָבער דאָ זענען דאָך פאַראַן אַכצן דאָלאַר.

וואַנצעטי האָט זיך פאַרטראַכט:

— ניין, כ׳האָב נישט געהאַט אַזויפיל — האָט ער גע-זאָגט — דאָס איז מסתּמא אַן אַנדער בייטעלע.

די ברינים האָבן זיך געשטופּט בײַ דער טיר, אויסגע־הערט דעם שמועס. אָבער איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צו פּראָ־טעסטירן:

— וואָס רעדסטו, באַרטאָ! — האָט אַלפאָנסינאַ אויסגע־שריגן — דו ווייסט נישט, וויפל געלט דו האָסט געהאַט. גיט מענטשן געלט, גיט קינדער, קויפט מתּנות, ציילט נישט וויפל ער האָט. מײַן מאַן, ער וועט שוין זאָגן, זאָג אים ווינצענצי.

— אוודאי, — האָט זיך ברינר אַרײַנגעמישט. — אין געלט־זאַכן איז ער אַ גרויסער נאַר. ער באָרגט מיר אַלעמאָל און פאַרגעסט, וויפיל ער האָט מיר געגעבן. ער ווייס קיינמאָל נישט, וויפל ער פאַרמאָגט.

— איך קען זײַן בייטעלע — האָט זיך געשפּאַרט די פרוי — איך רוים דעם צימער, איך קען אַלעמאָל צונעמען געלט, ער ווייס נישט וויפל ער פאַרמאָגט. דאָס איז ז ײַ ן בייטעלע, הער פּאָליציאַנט.

זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט וועגן דעם אָרט און צײַט, ווען דאָס בייטעלע איז געפונען געוואָרן און אַלץ האָט גע־שטימט; דער פּאָליציאַנט האָט אַ זאָג געטון:

— איך מיין, אַז דאָס בייטעלע איז אײַערס, איר קענט עס נעמען, קיינער איז נישט געקומען נאָך דעם.

אָבער וואַנצעטי איז געווען אײַנגעשפּאַרט, ער איז גע־ווען זיכער, אַז ער האָט נישט געקענט האָבן קיין אַכצן דאָ־לאַר. ער האָט נישט צוגענומען דאָס בייטעלע און דער פּאָלי־ציאַנט איז אַרויס פאַרחידושט צוליב דער אומגעווײנלעכער האַלטונג פון דעמדאָזיקן וואָפּ.

אָדער אַזאַ פּאַסירונג אין פאַריין מיט קוליאַ; קאָרנעליען האָט עס זייער געריירט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קאָמ־פּאַניאָ קוליע האָט געהערט צום מעסיקן פליגל, האָט אים די פאַב־ריק־געזעלשאַפט אויך אַרויפגעשטעלט אויף דער שוואַרצער ליסטע. קוים מיט צרות האָט ער באַקומען עפּעס אַ זיצנדיקע אַרבעט און זיך באַקלאָגט, אַז ער ליידט אויפן מאָגן. וואַנצע־טי, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אַרבעטן אויף

דער לופט, האָט אים צוגערעדט — חי ער האָט שפּעטער דערציילט קאָרנעליען — ער זאָל גיין מיט אים צוזאַמען אַר־בעטן ביים גראָבן, און ער וועט ווערן אַ נייער מענטש. קוליאַ האָט אָוועקגעוואָרפן זיין זיצנדיקע אַרבעט, ער איז געגאַנגען מיט וואַנצעטין צו דער גרובן־אַרבעט. ווען ער האָט זיך צו־געוווינט, האָט ער געפילט, ווי ער איז אינגאַנצן געזונט גע־וואָרן. איינמאָל האָט עס קאָמפּאַניאָ קוליאַ דערציילט פאַר די ברינים, און באַרטאָ האָט אים שטאָלץ און גליקלעך אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע.

ווען קוליאַ איז אַוועקגעגאַנגען האָט זיך קאָרנעליע אָפּ־גערופן:

— איצט, באַרטאָ, ווילט איר אים שוין נישט דערהרגע־נען? — און וואַנצעטי האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל, ווי תמיד, בעת נאָנאַ האָט זיך גערייצט מיט אים:

— כ'האָב אים געוואָלט דערהרגענען, ווען עס האָט זיך אים געגלוסט צו זיין אַ פאַריין־פירער, געוואָלט שאַפן אַן אָרגאַני־זאַציע, זיין אַ סעקרעטאַר און מאַכן אַ לעבן פאַר זיך. אָבער קוים אַרבעט ער מיט מיר אין פעלד, קעמפט צוזאַמען מיט מיר קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אויפזעער, פאַדראָנען — דאַן איז ער מיין קאַמפּאַניאָן, מיין חבר, אַ גוטער יונג און כ'האָב אים ליב.

מיט יעדן טאָג האָט קאָרנעליע מער דערקענט דעמדאָזיקן אידעאַליסטישן טיפּ פון אַ פאַנאַטיקער, וואָס האָט געקענט זיין פילנדיק און גוט ווי אַ קינד, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין פערזענלעכע זאַכן, אָבער ווילד און געפערלעך, ווען ער האָט באַמערקט אַ סאָציאַלע אומגערעכטיקייט.

VIII

פרילינג! מ'טוט זיך שוין אָן אין באַגינען און ווען מ'גייט צו דער אַרבעט שיינט שוין די גוטע, אַלטע זון און שפּרייט אויס איבער שטראַלן איבערן ים. זי וואַרעמט שטאַרק,

ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט די צרות, וואָס זי האָט אָנגע־טון דורך דער צייט. ווען זי איז נישט געווען. דער שניי איז צעגאַנגען, קליינע שטראָמען פליסן אונטער די בערגלעך, און אין די פאַרשטעלטע ווינקעלעך זעט מען שוין דאָס ערשטע גרינס פון די גראָזן, וואָס שטעקן אַרויס די קעפּלעך פון דער ערד. בריני קומט שנעל אַהיים פון דער פאַבריק, וואַרפט אַראָפּ זיין רעקל, כאַפּט דעם רידעל און נעמט זיך גראָבן אין גאָרטן, אַפילו וואַנצעטי קען נאָך זיינע צען שעה גראָבן מיטן רידעל נישט אויסהאַלטן דעם נסיון און נעמט די גראַבליע אין האַנט אַריין. אַזוי האָבן די אבות, די איינוואַנדערער אַמאָל געמוזט אַרבעטן, ווען ס'איז פאַרביי דער שווערער ווינטער, וואָס האָט אַ סך פון זיי אומגעבראַכט, בעת זיי האָבן נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן; זיי האָבן דאָך געחלומט, דידאָזיקע פרישע ערד צו באַפרוכפּערן... די ברוינע בייטן זענען איינער נאָך אַנדערן פאַראַקערט געוואָרן, פאַרבראָנעוועט, און די קינדער האָבן זיי אַרומגענומען מיט שאַטקעס פון פעדים, אַז די פייגעלעך זאָלן נישט אויפעסן די קערנער. זיי פלעגן זיך קוים דערוואַרטן אויפן טאַטן ער זאָל קומען פארזייען. אין די בייטן האָבן זיי אַריינגעשטעלט קליינע ברעטלעך מיט אויפשריפטן, ווי מצבהלעך, און דער גאַנצער גאָרטן האָט אויסגעזען, ווי אַ בית הקברות פון געוויקסן. אָבער אין אַלע האָט געלעבט אַ רעלי־גיעזע האָפענונג פון תחית המתים. „רעסורגאַם”. ווען די קינ־דער זענען אין איילעניש געקומען אַהיים פון דער שול, האָבן שוין געוואַרט אויף זיי די דינע פעדעמלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון די ציבעלעס, די גרינע שפּיצלעך פון די רעטעכער און די ראָז־פאַרביקע בלעטעלעך, פון וועלכע ס'וועלן שפּעטער אַרויסוואַקסן בוראַקעס: אין עטלעכע וואָכן אַרום וועלן זיי אַלע זיין גרויס, מ'וועט זיי אויסגראָבן פון דער ערד, אַרומוואַשן און מאַכן פון זיי גוטע סאַלאַטן. ס'וועט זיין דאַן אַן אמתער יום־טוב!

אין וואַלד זענען שוין געוואַקסן אַלערליי בלומעלעך פון איבערערדישער שיינקייט און כלערליי קאָלירן, וואָס אַנטציקן

די נשמות פון קינדער, נבאים, טרוימער און פאַנאַטיקער. איינמאָל אין אַ זונטיק זענען זיי אַלע געגאַנגען שפּאַצירן: קאַרנעליע, וואַנצעטי, פּע און טראַנדאָ. זיי האָבן געקליבן די בלומען, און וואָלטן אַזוי געקראָכן אַ גאַנצן טאָג, און ביינאַכט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטעניש; דער וואַלד איז געווען פאַר זיי אַ הייליקער טעמפּל פול מיט סודות. זיי האָבן באַוווּנדערט די געהיימניסן פון דער נאַטור. וואַנצעטי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זאַכן, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען און געפרעגט קאָרנעליען, צי זי ווייס עפּעס וועגן דעם, און ווען זי האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, האָט ער זיך אַליין באַמיט אויפצוקלערן. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ נעסט פון מוראַשקעס, און שעהן לאַנג זיך גליקלעך צוגעקוקט צו דער ברענענדיקער אַרבעט פון דידאָזיקע קליינע וואַנזיניקע ברואימלעך. מיטאַמאָל האָט וואַנצעטי געטון אַ שפּרונג אויף און אויסגעשריגן:

— קומט, היינט איז די צייט פון מאַי-גלעקעלעך! קומט אַראָפּ דאָרטן אונטן אין טאָל, וועלן מיר געפינען אַביסל!

ביים ברעג פון ים. אַזוי פיל וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס מען האָט נאָך ביז איצט נישט געזען! די קינדער קלעטערן אויף די גליטשיקע פעלזן, בעתן אָפּפלוס, און זאַמלען אָן דאָרטן גאַנצע אוצרות, וואָס זיי קענען נישט דערהאַלטן אין זייערע קליינע הענטלעך.

— לאָזט זיי דאָרט איבער! האָט באַרטאָ געזאָגט — באַהאַלט בעסער די ערינערונגען וועגן זיי.

זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ הויכן פעלז און צוגעקוקט זיך, ווי פון דער ווייטן, אויפן בלויען ים, שווימען זעגל-שיפן און דאַמפּערס. זיי האָבן זיך געשפּאַרט, פון וואַנעט זיי קומען און וואָס זיי פירן מיט זיך. באַרטאָ האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן ווייטע לענדער און וויאַזוי די מענטשן לעבן דאָרטן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז קאָרנעליע האָט געלייענט אַ סך וועגן דעם, האָט ער זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן, מיטן תירוץ, אַז ער וועט עס דאַרפן האָבן, צו

דערציילן פאַר די קינדער. אָבער ער איז געווען גלייך צו אַ פּאָטער, וואָס ווילט זיך אין אַ צירק מער ווי זיין קליינוואַרג.

ס'איז טאַקע באמת געווען מאַי־גלעקלעך. מ'האָט געקענט אַנרייסן גאַנצע חמרים און פאַרוואַנדלען דאָס אָרעמסטע אָר־בעטער־שטיבל אין אַן אמתן פּאַלאַץ. די בייטן אין גאָרטן האָבן זיך באַ־דעקט מיט גרינוואַרג, און דער טיש ביים נאַכט־עסן איז געווען פול מיט גרינס, די זופּן האָבן זיך געביטן אין רויטע, גרינע, געלע, ווייסע קאָלירן. די זון האָט אַרויסגעטריבן פון בעט באַגינען, און ביינאַכט האָט זיך נישט געגלוסט גיין שלאָפן, ס'האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט דעם גאַנצן לאַנגן, מוראַדיקן ווינטער געוואַרט אויף דערדאָזיקער ליבער צייט.

קאָרנעליע האָט איבערגעזאָגט די ווערטער פון דעם איינ־אויגיקן קאַלאַנדראַ פון די אַראַבישע נעכט:

„דאָס איז דאָס אמתע לעבן, מיטלייד איז פאַרבלענדע־ניש".

אַנטקעגנאיבער פון דער אַנדערער זייט גאַס האָט גע־וווינט סעניאָר פּעציאַליני, וואָס האָט געלעבט פון לעקציעס אויף פידל. בעת ער האָט געלערנט מיט די יונגע שי־לער איז נישט געווען וואָס צו הערן, אָבער טיילמאָל פלעגט ער שפּילן פאַר זיך אַליין, און אין אַ שיינעם טאָג זענען די פענסטער געווען אָפן, און ס'איז נישט געווען קיין גרעסערער פאַרגעניגן, צו זיצן אויף דער וואַרענדע בין השמשות, קוקן אויף דער ווייטע סודותדיקע שטערן און זיך צוהערן צו די קלאַנגען פון דער וואונדערבאַרער מוזיק. אין אַזוינע שטימונגספולע שעהן איז באַשטימט געוואָרן דער גורל פון ז'עם קליינעם בריני. ער איז קוים אַלט געווען ניינטהאַלבן יאָר, אָבער איינמאָל אין אַן אָוונט האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער וועט ווערן אַ פידל־שפּילער און ער האָט עס אָנגעזאָגט מיט אַ טיפן ערנסט.

קאָרנעליע, וואָס איז גערירט געוואָרן פון זיינע ווער־טער, האָט אים אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן איר ציגעינער

קינדהייט. זי האָט געוווינט אין שכנות מיט רייכע מענטשן, וואָס האָבן איינגעאָרדנט בעלער מיט אַן אָרקעסטער. די מוטער האָט זי געלייגט שלאָפן, אָבער דאָס קינד האָט זיך צוגעגנבעט צום פענסטער און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, איינמאָל בייַנאַכט איז איר געקומען אַ ווילדער איינפאַל אין קאָפּ. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און אַראָפּגעשלייכט זיך פון די טרעפּ צום שכן אין גאָרטן אַריין, אַרייַנגעקראָכן אין די קוס-טעס, וווּ קיינער האָט זי נישט געקענט באַמערקן און געלעגן דאָרטן עטלעכע שעה, איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, און זיך צוגעהערט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז נאָך איצט, ווען קאָרנעליע דערמאָנט זיך אָן דעם, ציטערט זי פאַר אויפרע-גונג.

דער קליינער טראַנדאָ האָט זיך געטוליעט צו איר. ער האָט אַרייַנגעלייגט זיינע ציטערדיקע הענטלעך אין אירע הענט. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל אים דערציילן נאָך אַ מעשה. און זי האָט אים דערציילט, אַז ווען זי איז געווען אַ קינד האָט זי געגלויבט אין שרויטעלעך, פלעגט סאַמע איינדערפרי אַנט-לויפן אין גאָרטן אַריין, אָנקלויבן די שענסטע בלימעלעך, אַרייַנקוקן אין זיי און איינגאַנצן ציטערן פון דער האָפנונג, אַז אָט געפינט זי אַ שרויטעלע באַהאַלטן אין אַ בלימל, און כסדר זיך צוגעגרייט, וואָס צו ווונטשן זיך, ווען זי וועט אים נאָר דערזען. אָבער באַרטאָ, דער ערנסטער מענטש אין שטוב האָט פּראָטעסטירט. ער האָט נישט געהאַלטן פון די מעשיות וועגן שרויטעלעך און כשוף.

— ס'איז נישט כדאַי, צו פאַרדרייען קינדער אַ קאָפּ מיט די מעשיות, וואָס איז נישט אמת, נאָנאָ, ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַזויפיל שיינע זאַכן צו דערציילן. אַזויפיל, ווי איר רופט עס אָן, פּראַכט. ווען איר וועט לערנען די קינדער אמתע מעשיות וועט עס זיין אַ סך נוצלעכער, אָבער אויסגעטראַכטע מעשיות זענען ווי דיאַוואָלאָ, אַנדזשאָלי, פּאָראָורטיילן, ס'טויג נישט פאַר זייערטוועגן.

אי

קאַרנעליע האָט זיך צוגעווינט צו איר שווערער אַרבעט. אירע הענט זענען געוואָרן מאָגער, מיט אויפגעלאָפענע אָדערן. אירע פינגער זענען ביי די סטאַוון געוואָרן גראָב און באַדעקט מיט מאָזאָלעס. אירע פלייצעס האָבן זיך איינגעבויגן פון דעם בייען די שטריק-ראָלן, און איין אַקסל איז געוואָרן נידעריקער פון דעם אַנדערן. אָבער איצט האָט זי נישט געוווסט פון קיין שום ווייטאָק, זי האָט געקאָנט רויק אַרבעטן און געהאַט צייט צו כאַפּן אַמאָל אַ קליינעם שמועס מיט איר שכנטע און אַריינצולאָזן זיך אין לאַנגע מחשבות וועגן דעם לעבן, וואָס זי פירט און וועגן די מענטשן, וואָס זי האָט דאָ דערקענט.

צוליב דעם שטרייק, וואָס האָט די אַרבעטער צוזאַמענגעבראַכט און דערנענטערט, וואָס האָט צעבראָכן די גרענעצן פון שפּראַכן און רעליגיע — האָט זיך איר באַקאַנטשאַפט פאַרברייטערט. פרוי אָ'דאָוד, קאַרנעליעס פרומע שכנטע, האָט אויך געשטרייקט, צוזאַמען מיט איר מאַן און עט'עכע קוזינען; און זי האָט איינגעזען, אַז די „וואָפּס" פון שכנותדיקן הויז זענען אויך פעיק צו סאָלידאַריטעט, און אַז זייער זשאַרגאָן איז גאָר זייער באַליבט ביי דער אירלענדישער אַריסטאָקראַטיע. קאַרנעליע האָט פאַרמיטלט צווישן די ביידע צדדים און פרוי אָ'דאָוד איז געוואָרן אַזוי היימיש מיט די בריגיס, אַז זי האָט זיך דערוועגט צו מאַכן די באַמערקונג, אַז דער רבונו של עולם וועט אפשר געפונען אַן אופן, אָנצונעמען גוטע מעשים אָנשטאָט פרומקייט. נאַטירלעך זענען דידאַזיקע מיינונגען געווען אין אַ סתירה צו דער לערע פון דעם פאָטער אָ' ברין. אָבער נישט געקוקט דערויף האָבן זיי זיך אַ סך געקענט פאַרטראַכטן וועגן דעם, און אַנדערע, האָבן אין ערגסטן פאַל געקענט תפילה טון פאַר זייערע פאַרלוירענע נשמות, און אַזוי איז עס טאַקע געווען. קאַרנעליע האָט עס איינגיכן איינגעזען. פרוי לאַראַטעני, דער שכנטע פון דער אַנדערער זייט, האָט פאַרדראָסן דער פאַקט, וואָס די בריגיס האָבן נישט געטויפט זייערע דריי קינדער. יעדן אָוונט

האָט זי אָן אויפהער אָנגעצונדן פאַר זייערע נשמות אַ ליכט פאַר דעם בילד פון דער הייליקער מוטער, קאָרנעליע האָט געהאַלטן, אַז דערמיט איז שוין אַלצדינג אין אָרדענונג. דער רבונו של עולם ווייס דאָך אַלצדינג און וועט אַלץ מוחל זיין. אַנדערש וואָלט ער דאָך מיט זיין אומענדלעכער חכמה אָנגענומען אַלע מיטלען, וואָס וואָלטן אים נויטיק געווען.

נאַטירלעך האָט זיך די גאַנצע סביבה אינטערעסירט מיט דער געהיימניספולער אַמעריקאַנערין, פון וועלכער זיי האָבן בלויז געוווסט, אַז זי האָט פאַרלוירן איר מאַן, איר פאַרמעגן, אָבער זי האָט קיינעם נישט דערציילט קיין פרטים. זיי זענען געקומען צו איר און פאַרבעטן זי צו זיך. זיי האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו טרייבן רכילות, סיי ביים אויפהענגען די וועש אויף די פאַרקאַנעס, סיי ביי דער אַרבעט אין גאָרטן, אָבער קאָרנעליע האָט געקענט אויסנוצן אירע געזעלשאַפטלעכע מאַנירן און פלינק איבערגעטוישט די טעמע פון שמועס, אַז די שכנטעס האָבן איר אָנגעהויבן צו דערציילן זייערע אייגענע ענינים. קאָרנעליע האָט זיך דערוווסט אַלע פרטים וועגן זייער לעבן, און צוליב דעם איז זי דאָך געקומען אַהער.

צום שטאַרקסטן האָט איר אינטערעסירט — און ס'איז געווען פאַר איר שטאַרק קאָמיש — דאָס, וואָס אַלע דאַמען, סיי די, וואָס האָבן געוווינט אין צענטער און סיי די, וואָס האָבן געוווינט אין די הינטערשטע געסלעך, זענען געווען אַלע גלייך אין זייערע געדאַנקען. אויב קאָרנעליע האָט זיך איינגערעדט, אַז מיט איר אַנטלויפן וועט זי זיך באַפרייען פון די קאָנווענצאַנסן, פון דער ענגער באַגרענעצטקייט און ווייבערישע קליינלעכקייטן, האָט זי געהאַט אַ טעות, און ס'וואָלט אַ שאָד געווען די מי אין דעם איינאונזעכציקסטן יאָר פון איר לעבן! די אַרבעטערינס און די אַרבעטער-ווייבער האָבן געהאַט באַגרענעצטע אָנשויונגען, וואָס זיי פּאַסט און פּאַסט נישט, און דעם זעלביקן סיסטעם צו פאַראורטיילן מיט זייער רכילות. דער איינציקער אונטערשיד, וואָס זי האָט באַמערקט צווישן די און יענע — די אינסטיטוציע, וואָס האָט באַשטימט

דעם געזעלשאַפטלעכן מצב נאָך מיט צוויי דורות צוריק — איז געווען דאָס, וואָס די דאַמען פון די הינטערגעסלעך האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט זייער שטים דאַן, ווען זיי איז אויסגעקו־מען אַרומצורעדן די דראַסטישסטע מאָמענטן פון אַ רכילות. זיי האָבן נישט געקענט אויסדריקן מיט אַ סובטעלן מאַך מיט די אַקסלען אָדער מיט באַוועגן די ברעמען זייערע געפילן. די דאַמען פון די הינטערגעסלעך האָבן נישט געהאַט אַזויפיל געלט ווי די דאַמען פון צענטער־שטאָט, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ סך מער קינדער, וואָס זענען געווען אַן אומ־אויסשעפּלעכער מאַטעריאַל צו רעדן וועגן זיי. זיי האָבן איבער־געזאָגט יעדעס וואָרט, וואָס זייערס אַ קינד האָט אַרויסגעזאָגט און נישט געקוקט, צי עס לאַנגווייליקט דעם צוהערער, זיי האָבן זיך גאָרנישט אונטערגעשיידט פון יענע באָסטאָנער דאַ־מען און דערציילט, וואָס די קינדער טוט וויי, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט, און צי ער קען זיך אויף דער קרענק און וועגן וואָס ער האָט גערעדט. אפנים, אַז די ערשטע שטופּע פון אַנטוויקלונג ביי פרויען — צי אָרעמע, צי רייכע — איז די אומצופרידנהייט מיט דאָקטוירים. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי גערעדט וועגן די רפואות און זייער פעולה. אַמאָל האָט קאַר־נעליע אויך געקענט פירן אַזאַ שמועס מיט איר טאָכטער קלאַרע סקאָטערברידזש, נאָכדעם ווי זי האָט באַזוכט אירע קינדער אין דער פרעבל־שול. און דאַן קומט די פראַגע פון אָנטון זיך:

ערשט די קליידער! דאָ זענען אויך די מאָדע־זשורנאַלן אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און ווען פרוי אָ'דאָוד האָט זיך אויפגעבייט אַן אָוונט־קלייד, האָט זי עס געמאַכט לויטן מוסטער, וואָס זי האָט געזען אויף דעם פרייטיקדיקן טאַנץ־אָוונט אין אַ פיינער געזעלשאַפט. אמת טאַקע, אַז איר קלייד איז געווען פון ערגערן שטאָף, אָבער וועגן דעם האָט מען נישט גערעדט און קיינער האָט נישט געוווסט וועגן דעם.

און ערשט דער יחוס. ס'איז געווען מאָדנע: די דאַמען פון די הינטערגעסלעך האָבן אויך דערציילט וועגן זייער יחוס, וועגן זייערע קרובים, ווער מיט וועמען און וו און

חי אַזוי. אוודאי האָבן זיי זייער יחוס-צעטל נישט געקענט זייער ווייט ציען, דידאָזיקע משפּחות האָבן נישט געהאַט קיין שום גענעאַלאָגישן שטאַם, נישט קיין אַנשטאַלטן פאַר הערא־ דיק, נישט קיין סדר היוחסין אין דער מיטוואָך-אויסגאַבע פון דעם „אָוונט טראַנסקריפּט". אָבער דערפאַר זענען דאָ געווען מער משפּחות, און דער מאַטעריאַל פאַר טעמעס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. ס'איז מאָדנע, זיי האָבן געפירט זייערע שמועסן וועגן משפּחה-ענינים מיט נישט ווייניקער גאווה, ווי די רייכע. ווי נידעריק אַ פרוי זאָל נישט שטיין, האָט זי זיך שטענדיק אָפּגעזוכט אַן אַנדערע, וואָס זי זאָל קענען קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ. און ווי הויך אַ פרוי זאָל נישט שטיין, האָט זי שטענדיק געלעכצט צו באַקענען זיך מיט אַן אמתע אַמעריקאַנער דאַמע און איבערצוציילן פאַר די שכנטעס, וואָס דידאָזיקע אַמעריקאַנער דאַמע האָט געזאָגט.

X

קאָרנעליע האָט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען וואַנצעטין זייער נאָענט. אין דער ענגער וווינונג מיט אַ סך נפשות איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן אַ געוויסע אינטימ־ קייט. זי פלעגט זיך צוקוקן צו אים, ווי ער איז אַזוי גע־ שטאַנען פאַרן קליינעם, צעבראָכענעם שפּיגעלע, אויסגעבונדן זיך דעם קראַוואַט און אונטערגעברומט איטאַליענישע לידלעך. זי האָט געהערט, ווי ער האָט די לידלעך געלערנט די קינדער און געלערנט זיך ביי זיי ענגלישע לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען אין שול. זי האָט זיך צוגעקוקט צו אים, ווי ער גיט אכטונג, אַז אַלפאָנסינאַ זאָל נישט טראָגן אַליין קיין קוילן און קיין האָלץ. זי האָט אים געזען, ווי ער זיצט שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפן שוין און ער לייענט אַ בוך. אויף זיין שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט טיפע קנייטשן. אין דידאָזיקע מינוטן האָט קיינער נישט עקזיסטירט פאַר אים.

קאַרנעליע, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין לוקסוס, לײדיק־גײערײ, האָט דערפֿילט אַ יראת הכּבֿוד צו דעם מענטש, וואָס האָט באַרויבט דעם שלאָף פֿון זײַנע אויגן, כּדי אײַנצושאַפֿן זיך וויסן.

ער האָט זי געלערנט איטאַליעניש און זי האָט אים געלערנט ענגליש. זי האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטײן די סודות פֿון דער שפּראַך, וואָס זענען פֿאַר אַן איטאַליענער שווער תּופֿס צו זײַן: אַז ס׳איז מעגלעך, אײן קאָנסאָנאַנט זאָל גײן נאָכן אַנדערן, נישט אָפּגעטײלט אינמיטן דורך אַ וואָקאַל. זי האָט אים דערקלערט, אַז צו ענגלישע הויפּטוועורטער טאָר מען נישט צוגעבן קײן איטאַליענישע ענדונגען און נישט שטעלן „נײַן" פֿאַר אַ צײַט־וואָרט, ווײַל ס׳פֿירט איבער די שפּראַך. וואַנצעטי האָט זיך פֿאַרצײכנט אירע באַמערקונגען און געמאַכט פֿאַרשריט. מיט אומגעדולד האָט זי אים געלערנט אַרויסצוזאָגן דעם קלאַנג th, געוויזן אים, ווי מען דאַרף האַלטן דעם צונג עטוואָס צוגעלײגט צו דעם אונטערשטן טײל פֿון די אויבערשטע צײן. די קינדער האָבן שטאַרק געלאַכט, ווײַל זײ האָבן זיך אויסגעלערנט דעם קלאַנג, נישט ווויסנדיק ווי אַזוי. זײ האָבן זיך צוגעקוקט צו באַרטאָס אָנשטרענגונגען. ער האָט שוין יאָ געקענט אַרויסרוקן אַביסל די צונג אָבער ער האָט זי אַרײַנגענומען פֿאַר דער צײַט און דער קלאַנג איז אַרויסגעקומען שלעכט. די קינדער האָבן זיך זײער געפֿרײט, וואָס זײ קענען בעסער, ווי די דערוואַקסענע, אָבער באַרטאָ האָט ערנסט צוגעגעבן, אַז ס׳דאַרף אַזוי זײַן. ער טרוימט, אַז די קינדער זאָלן איבערוואַקסן די עלטערע אין אַלעמען.

אײנמאָל אָדער צווײמאָל אין חודש איז וואַנצעטי פֿאַרשווונדן געוואָרן אויף עטלעכע טעג. דאָס איז געווען פֿאַר אים מעגלעך, ווײַל ער האָט נישט געהאַט קײן שטענדיקער אַרבעט. איבעריקנס האָט אים קײן שום זאַך אויף דער וועלט נישט געקענט אָפּהאַלטן, ווען ער האָט דערזען אַ מעלדונג אין דער „לאַ קראָנאַקאַ סאָווערסיוואַ", אַז זשאַלעאַני, למשל, דאַרף האַלטן אַ

פאַרלעזונג וועגן דער ווירקונג פון דער מלחמה אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין איטאַליען, אָדער קאַרלאָ טרעסקאַ דאַרף רעדן וועגן „סינדיקאַליזם אַלס סתירה צום אינדיווידועלן אַנאַרכיזם". און יעדעס מאָל פּלעגט וואַנצעטי אַהיימקומען מיט אַ גאַנצן באַרג אַרגומענטן און נייעס וועגן דער טעטיקייט פון דער „גרופּאַ אויטאָנאָמאַ די איסט באָס־טאָן", ווי עס האָבן זי אויך אָנגערופן זשאַלעאַניס אָנהענגער. ער האָט געפירט שאַרפע שרייענדיקע דיסקוסיעס מיט ברינין, גע־געבן קאָרנעליען צו פאַרשטיין, וועגן וואָס מ'האָט זיך גע־שפּאַרט. טיילמאָל פלעגט מען איינאָרדענען אַ פּיקניק אין שכנותדיקן שטעטל. וואַנצעטי האָט גענומען אַ שטויס רעוואָ־לוציאָנערע אויפרופן און אַוועק „פאַרשפּרייטן". אַמאָל למשל האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין דער שוך־פאַבריק פון ליין, און ער האָט איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג פון די אַנאַרכיסטן, באַקומען צו פּופציק אָדער פינפאונצוואַנציק סענט פון יעדן איינעם, און אין עטלעכע טאָג אַרום האָט וואַנצעטי שוין געהאַט צוואַנציק דאָלאַר אַוועקצושיקן אויף דער פּאָסט.

ביסלעכווייז האָט קאָרנעליע אָנגעהויבן צו באַגרייפן זיין לערע. ער האָט אויסגעקליבן פאַרשידענע שטעלן פון די צײַ־טונגען און איר דערקלערט, געענטפערט אויף אירע פראַגן, און באַמערקונגען. ס'איז געווען איינע פון יענע הויכע טעאָר־יעס, וואָס נעמען בלויז אין אַכט די בעסטע זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מ'קען זי כמעט איצט אינגאַנצן נישט באַמערקן. בלויז איינצלנע מענטשן קענען לעבן מיט אַזאַ טעאָריע, מען מוז פאַרמאָגן זייער אַן איידעלע נאַטור. אָבער ווען מען עס גיט זיך נישט איין, צע־ברעכט האַלז און נאַקן. צי זענען דען נישטאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס נוצן אויס וואַנצעטיס הויכע לערע, כדי זיך אַרויסצו־דרייען פון זייערע פליכטן אָדער גאָר ווי אַ מיטל צו באַרויבן זייערע חברים? אַזוי האָט געפרעגט קאָרנעליע און וואַנצעטי האָט איר געענטפערט, אַז דאָס קען טרעפן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין שום קאַמף אָן סכנות, און קיין שום מענטש ווערט

הע̇ט זיך נישט אויסלערנען שווימען אויב ער וועט פריער נישט אַריינגיין אין וואַסער.

ער האָט באַשלאָסן צו לייענען ענגליש אויך, און איינ־מאָל האָט ער פון אַ נסיעה מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס בוך „ברויט און פרייהייט" פון פּעטער קראַפּאָטקין. קאָרנעליע האָט מיט איר שטענדיקער, ווייבלעכער באַגייסטערונג נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, און ביידע האָבן גענומען שטודירן דאָס ווערק, און מערקווירדיק — און אַ צייט אַרום האָט זי זיך ערשט דערמאָנט, אַז דער מחבר פון אָט דעם בוך איז אויטענ־טיש מיט זייער אַ באַרימטן רוסישן געלערנטן, וואָס איז מיט אַן ערך פון אַכט יאָר צוריק געווען צוגאַסט אין באָסטאָן און אַרויס־גערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט אין די אינטעלעקטועלע קרייזן. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע, גע־ווען פאַרשיקט אין סיביר און אַנטלאָפן פון דאָרט. דאָס איז געווען דער פירשט קראַפּאָטקין, דער אַמאָליקער לייב פון די סאַלאָנען. איינער אַ פּראָפעסאָר, וואָס איז מיט אַ יאָר שפּעטער געוואָרן רעקטאָר פון דעם האַרוואַרדער אוניווערזיטעט האָט גע־האַלטן דאָס איינלייטונגס וואָרט. ווי האָט זיך אַמאָל קאָרנעליע געקענט פאָרשטעלן, אַז דערדאָזיקער געלערנטער אויסלענדער מיט דער גרויסער גערדיכטער באָרד, דערדאָזיקער גע־לערנטער, וואָס זי האָט געטראָפן אין דער געזעלשאַפט פון די העכסטע און געבילדעטסטע קרייזן, איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, אין וועלכן ער פּראָפּאַ־גירט, אָפּצושאַפן די מלוכה דורך אַן אויפשטאַנד פון פּראָלע־טאַריאַט, צי האָט זי זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט דער פּראָ־פעסאָר, דער שפּעטערדיקער אוניווערזיטעט־רעקטאָר הער לאָוועל זאָל אונטערשטיצן די פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַנאַרכיע־סינדי־קאַליזם. ווי האָט איר — אָדער דעם לאָוועל גופא — געקענט גאָר איינפאַלן אַזאַ מין זאַך.

IX

הינטער דעם הויז איז געשטאַנען אַ גרויסע אַלטאַנע באַוואָקסן מיט וויינטרויבן. ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אַרויס־צושפּראָצן בלעטער, די וויינטרויבן האָבן זיך פּאַנאַנדערגעבליט און פאַרשפּרייט אַרום אַ ווונדערלעך זיסן ריח. מ׳איז געשטאַנען און געקוויקט זיך מיט אים, ווי ער וואָלט שוין טאַקע געווען די גאַנצע פרוכטבאַרע ווירקלעכקייט פון שפּעט־זומער און נישט דער צוזאָג ערשט פון אָנהויב פרילינג.

— די ווינאַ דאַ ווינאָ — האָט געזאָג טווינצענצאָ בריני. באַטירלעך איז עס נאָך געווען פאַר דער צייט פון פּראָהיבישאָן. — גוטער, רויטער ווין — האָט ער געזאָגט, און אָנגעוויזן אויף דעם בליעכץ. — מ׳רופט אים רויטער דאַגאָ *) — און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך גופא: — איך בין אויך אַ רויטער, גוטער דאַגאָ! — דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן אויף וואַנצעטין; — נאָך איין רויטער דאַגאָ!

דאָס איז געווען זייערער אַ באַקאַנטער צונאָמען. ווען די קינדער זענען געגאַנגען אין שול אַריין פלעגט מען זיי נאָכ־שרייען: — רויטער דאַגאָ! רויטער דאַגאָ!—פּאַסטאָר אָ׳ברין האָט אויך אויפגעכאַפּט דאָסדאָזיקע ווערטל און אין איינער פון זיינע דרשות האָט ער געעצהט זיין געמיינדע, אויסצומיידן יעדן „רויטן דאַגאָ”.

— וואָס זאָגט איר דערצו? — האָט אַלפאָנסינאַ געפרעגט אַ גערירטע, און קאָרנעליע האָט איר געענטפערט:

— דערמאָנט אים אָן דער געשיכטע פון יונגן יעזוס, ווי ער האָט זיך אויך געגעבן אַ צונאָמען: „יידישער מלך”. מ׳האָט אים אויפגעשריבן אויפן צלם I.n.r.i.**) וואָס האָט באַדייט: ישו הנוצרי, דער יידישער מלך.

— אַזוי איז עס — האָט געזאָגט וואַנצעטי — כ׳האָב געלייענט. ער איז נישט געווען אַזוי, ווי עס שטעלן אים פאָר

*) דרומדיקער.

**) Inri — Jezus Nazarenus Rex Indaerum

די גלחים. אין יענער צייט איז ער געווען דער רעוואָלוציאָנער־רעוואָלוציאָנאַרא. און די פּריסטער פון יענער צייט האָבן אים געהייסן הרגענען. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער מאַכט אַ מרידה. איך קען עס אייך נישט קלאָר אויסטייטשן אויף ענגליש.

— זיי זענען געווען זייער אויפגערעגט, ווייל ער האָט געבונטעוועט דאָס פאָלק.

— יאָ, יאָ, אַזוי. יעזוס איז געווען אַ גוטער מענטש. אַן אָרעמער. איך טראַכט אָפטמאָל מיט גערירטקייט וועגן זיין מאַרטירערטום. איך זאָג: חבר יעזוס! דו ביסט געשטאָרבן פאַר דער גערעכטיקייט. פאַר דער מענטשהייט.

אַזוינע שמועסן זענען פאָרגעקומען מיט וואַנצעטין. אָנגעהויבן האָבן זיי זיך פון דער פאַרשפּרונג מיט דעם וויינטרויבן־ריח. מ׳האָט געלאַכט פון שכרות און ס׳האָט זיך געענדיקט מיט טרערן איבער יעזוסעס ליידן.

„דער זומער איז געקומען” האָט געזונגען דאָס צוימקעניגל אין די ווייַנטרויב־בלעטער, מיט אַן אויסגעצויגענעם טאָן, ווי עס זינגען אַלע דאַגאָס. עס איז געווען די ריכטיקע צייט, צו געניסן פון דער נאַטור שיינקייט און פרייד. אָבער ווייַ! די מוראדיקע אייראָפּעישע שחיטה איז געוואָרן וואַנזיניק. דער מענטשלעכער מין האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווונדן פון דער ערד. די בלוט־זויגער און אימפּעריאַליסטן, וואָס האָבן מיט זייער חיהשער גיריקייט אַריינגעשלעפּט איטאַליען אויך אין דער מלחמה, האָבן אַוועקגעשיקט אַגענטן קיין אַמעריקע צו אַגיטירן, אַז די איטאַליענישע יוגנט, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, זאָל גיין מקריב זיין זיך אין די מוראדיקע מאָרדן.

באַרטאָלאָמיי וואַנצעטיס נשמה האָט אויפגעברויזט. ער האָט געהערט אַ מענטשיקן רוף, און שטענדיק האָט ער גערעדט דערפון. ער האָט נישט געקענט ליגן אויף קעסטל הייל, אין די וואַרעמע זוניקע טעג, נישט געקענט לייענען דאַנטען און מאַנזאָנין, נאָר געמוזט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און העלפן אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען. ער האָט געמוזט

גאַנצע טעג אַרומגיין פון טיר צו טיר מיט געשריבענע צע־
שעלעך און בעטן די מענטשן, אַז זיי זאָלן קומען, ער האָט
געמוזט צונויפקלויבן געלט, אַז מען זאָל קענען דרוקן מער
אויפרופן, וואָס זאָלן אויפדעקן די צביעות און די פאַלשקייט
פון דעם בלוטיקן פאַטריאָטיזם.

קאפיטל IV

יונג-אַמעריקע

1

די טעג זענען שנעל פאַרביי, אָבער איין טאָג האָט זיך טיף איינגעקריצט אין קאָרנעליעס נשמה.

קאָרנעליע האָט געהאַלטן איר שבועה. זי האָט בסדר דערפילט דעם צוזאָג, וואָס זי האָט זיך אַליין געגעבן. אַ גאַנץ יאָר האָט זי אַליין געזאָרגט פאַר זיך, אָן שום קיינעמס הילף און עצות. זי האָט געאַרבעט, ווי אַן אמתע אַרבעטאָרין; אַ גאַנץ יאָר האָט זי איבערגעהאַלטן און געלעבט דערפון, וואָס זי האָט פאַרדינט מיט אירע אייגענע הענט, געלעבט און נאָך אָפּגעשפּאָרט פינפאונצוואַנציק דאָלאַר. און איצט, אויב זי וועט וועלן ווערט זי זיך קענען אומקערן אַהיים.

צי האָט זי דאָס געוואָלט? ס'איז שווער צו זאָגן אויף קלאָר. אַ סך מאָל האָט זי זיך גופא געכאַפּט דערביי, ווי זי טראַכט וועגן דעם און יענעם פון אירע קרובים און פריינט און געפרעגט, וואָס עס איז דורך דער צייט געוואָרן מיט אים. אָבער דאַן פלעגט זי זיך ווידער דערמאָנען, ווי זיי אַלע זענען געווען אַנטשלאָסן צו קערעווען מיט איר, מיט קאָרנעליעס לעבן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דידאָזיקע טרוקענע, שטרענגע מענטשן, וואָס האָבן געהאָלט באַשטימען יעדן אויגנבליק פון איר לעבן, און קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו מאַכן איר באַמערקונגען. אָבער איצט וואָלט זי געהאַט אַן אויסוועג, איצט האָט זי שוין אַן אָרט, ווו צו אַנטלויפן.

זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, קיינעם נישט צו זאָגן, ווו

י איז געווען אין משך פון דעם יאָר. עס וואָלט דאָך אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל. דאָס אַנטפּלעקן דידאָזיקע געהיימניס וואָלט געקענט פאַרסמען איר גאַנץ ווייטערדיק לעבן. עס וואָלט געהייסן אַ באַהאַלטענער סקעלעט אין אַ קליידער-שאַנק — די ביינער פון דער אַנטלאָפענער באָבע. דער שטן פון פאַרביטערונג האָט זיך אָנגעהויבן צו וועקן אין קאָרנעליעס נשמה. זי האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, וואָס יעדער איינציקער פון איר פאַמיליע און אַלע אירע באַקאַנטע וועלן טראַכטן וועגן דעם. דעמדאָזיקן סוד וואָלט זי געקענט אויסנוצן, פאַר אַ שטענדיק מיטל זיי צו דראָען: „לאָזט מיך צופרידן, אויב נישט וועל איך ווידער אַוועק", פּונקט אַזוי האָט אַליס געדראָט מיט אירע היסטערישע אָנפאַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ביי איר אין עלטער פון דריי יאָר. דאָסדאָזיקע פאַרצערטלטע קינד האָט אַזוי אַרום געוואָלט באַקומען, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. שפּעטער, ווען אַליס איז געוואָרן אַ פערציק-יעריקע סאַלאָן-קעניגין, האָט זי אויפן זעלביקן אופן אויסגעקעמפט פאַר זיך אַ פּלאַטאָנישן געליבטן, אַ צולאָג צו איר מאַן.

נו, פאַרוואָס-זשע זאָל אַליסעס מוטער אויך נישט קענען האָבן קיין פּלאַטאָנישע ליבע? אין איינאונזעכציקסטן יאָר פון איר לעבן וואָלט דאָך קאָרנעליע געקענט אַדאָפּטירן אָט דעם איטאַליענישן שוואַרצן אַרבעטער, דעם אַכטאונצוואָנציק יעריקן אַנאַרכיסט, פריידענקער און רויטן דאַגאָ. זי קען עס דאָך זיכער טון. זי האָט זיך דאָך צוגעקוקט אַ גאַנץ יאָר צו זיין לעבן און נישט באַמערקט, אַז ער זאָל זיך ווען עס איז אינטערעסירן מיט אַ פרוי, נישט געהערט אפילו, אַז ער זאָל ווען עס איז רעדן וועגן דערדאָזיקער פראַגע. אַלפאָנסינאַ פלעגט זאָגן: — באַרטאָ טראַכט נישט וועגן קיין פרויען, ער טראַכט בלויז וועגן דער גערעכטיקייט.

צווישן אַזעלכע ספקותדיקע געפילן איז קאָרנעליע געטריבן געוואָרן. איינמאָל אין אַ יולי-אָוונט, ווען זי איז צוזאַמען מיט נאָך אַ פרוי געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט זי באַמערקט פון דערווייטנס אויפן גאַס, ווי ס'קומען אָן אַנטקעגן

זיי צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיכער אָנגעהערט צו די רייכע, ס'האָט נישט געמאַכט אויף איר קיין שום איינדרוק, וואָרום אין פּליימוט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער זומער-סעזאָן אין די פּענ־סיאָנאַטן זענען שוין געווען אָפן. אמת טאַקע, אַז די רייכע געסט פלעגן נישט שפּאַצירן אין דעמדאָזיקן שטאָט-קוואַרטאַל. זייער קוואַרטאַל איז געלעגן אויף דרום, וווּ ביים ברעג פון ים האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע שורה ווילֶעס און פּאַלאַצן. די אַרבעטער פלעגן בלויז זען די דאַמען אין די יאַגנדיקע אוי־טאָמאָבילן, לויכטנדיקע און פּראַכטפול אָנגעטון. די שאַלן האָבן גע־ווייעט, אַ געלעכטער און אַ געזאַנג האָט אָפּגעקלונגען אין דער לופט. דאָס האָט פאַר דידאָזיקע אַרבעטס-מענטשן אויס־געזען, ווי דער אמתער גן עדן פון גליק, וואָס זיי קענען קיינמאָל נישט דערגרייכן, בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען גע־בוירן געוואָרן אין דעם אָרעמען, פאַרשאָלטענעם קוואַרטאַל...

ביידע מיידלעך זענען צוגעקומען נענטער. איינע האָט געטראָגן אַ קלייד פון רויטן שיפאָן און די אַנדערע אַ ווייס קלייד. ביידע האָבן אָנגענעם געשמועסט צווישן זיך, נישט אומ־געקוקט זיך אויף די גרויע, שמוציקע אַרבעטער. קאָרנעליע האָט זיי דערזען. זי האָט אַ קוק געטון אויף זיי נישט ווילנדיק — און פּלוצלונג איז זי שטיין געבליבן, דאָס בלוט האָט איר אַ שלאָג געטון אין פּנים: דאָס מיידל מיט די ווייכע טונקעלע האָר אין דעם ראָזן זיידענעם הוט מיט בלומען, איז געווען איר אייניקל בעטי אַל־ווין. די קליינע בעטי איז אונטערגעוואַקסן מיט אַ צוויי־דריי צאָל, זי איז געוואָרן אַ שיינע, רונדע, רייצנדיקע פרוי.

קאָרנעליע האָט זיך דערשראָקן. וואָס זאָל זי טון ? צי זאָל זי קוקן אויף איר ? — ניין.

זי האָט נישט קיין שום ברירה, זי מוז זיך אויסדרייען צו איר חברטע און רעדן וועגן עפּעס, וואָס ס'וועט איר אַריין אין קאָפּ אַריין :

—דער אויפזעער איז זייער אַן אויפגערעגטער מענטש, ער איז נישט צוגעפּאַסט צו זיין שטעלע. אויב ער וועט ווייטער זיין, וועלן אין אונזער אָבטיילונג ווידער פאַרקומען אומאָנגענע־

בעמלעכקייטן. מ׳מוז געפונען אַ מיטל צו פּראָטעסטירן — א. אַ. וו. בעת די מיידלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר. און פלוצלונג... קאָרנעליע האָט נישט געקוקט אויף זיי. זי האָט געזען זייטיק, אַז בעטי איז שטיין געבליבן אַ דערשטוינטע.

ביידע חברטאָרינס האָבן פאַרשנעלערט זייערע טריט. קאָר- נעליע האָט גערעדט אָן אויפהער וועגן דעם און יענעם.

בעטי האָט דערקענט איר באָבען. צי וועט זי זיך אומקערן און נאָכגיין איר? קאָרניעלע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגעדרייט זיך אַ קוק צו טון הינטער זיך. זי האָט געזען, ווי די מיידלעך גייען ווייטער. דאָס איז געווען די אמתע טאָרנוועל־דערציונג. און הגם זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין טעות, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז קאָרנעלע וויל אפשר נישט, אַז זי זאָל דערקענט ווערן דורך בעטיס פריינדין און דער סוד זאָל דורך איר אַרויסקומען אויף דער עפנטלעכקייט. וואָס קומט איצטער פאָר אין דעם מיידלס האַרצן? איר לאַנג פאַרלוירענע, געליבטע באָבע — אַן אָרעמע אַלטע אַרבעטערין, אין אַן אָפּגעקראָכן לייוונטן קלייד, אין אַ צעריסענעם שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ. ניין, ס׳קען נישט זיין. און דאָך איז עס אַזוי, אָן שום ספק.

בעטי וועט זיכער צוריקקומען. קאָרנעליע האָט דאָס גע- פילט. זי האָט לאַנג געטראַכט וועגן דעם באַשלוס, קלאָר צו מאַכן פאַר דעמדאָזיקן קינד איר לאַגע. בעטין האָט זי ליב געהאַט מער ווי אַלע. און ס׳וואָלט געווען פאַר איר, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַליין ביי דער פאַמיליע צו גאַסט. צו- מאָרגנס אָוונט האָט זיך קאָרנעליע בכיוון אומגעקערט שפּעט אַהיים און שפּאַצירט איינע אַליין איבער דער גאַס. בעטי איז טאַקע אָנגעקומען אין דעמזעלביקן ראָזאַ קליידל אָבער אָן דער פריינדין. ווען קאָרנעליע האָט זי דערזען, האָט זי זיך פאַר- קערעוועט פון דער הויפּט־גאַס אין אַ זייטיק ליידיק געסל און זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט. בעטי איז געגאַנגען הינטער איר און אָפּגעוואַרט איר אייניקל.

— באָבעשי! יאָ, דו ביסט עס טאַקע! — און באַלד נאָכדעם: — אָ, באָבע! וואָס האָסטו געטון? — און ווייטער:— ווי האָסטו עס געקענט!

— איך האָב אַליין געזאָרגט פאַר זיך, טייער קינד!

— יאָ, באָבעשי, אָבער וויאַזוי! — נאָכדעם: — ווי איינגעבויגן דו ביסט נעבעך! און דיינע הענט, נעבעך, דיינע פינגער! ווער האָט געזען אַזוינס? — בעטי האָט מער נישט געפונען קיין ווערטער, די טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן און געקייקלט זיך איבער די באַקן.

— האָב נישט קיין עגמת נפש צוליב מיר, טייערע. עס איז מיר געווען גאַנץ גוט. איך האָב זיך אַ סך אויסגעלערנט.

— וואָס האָסטו געטון אַזעלכעס?

— איך האָב געאַרבעט אין דער פאַבריק פון הער י. לאָורענץ פּערי, צי געדענקסטו נישט יענעם אַלטן, אָנגענעמען דזשענטלמען, וואָס האָט געגעסן ביי אונז מיטאָג?

— צי ווייס ער וועגן דעם?

— ניין, נאַטירלעך ווייס ער נישט, איך בין אַ פּשוטע אַרבעטערין אין דער שטריק-פאַבריק.

— אוי, באָבעשי, וואָס האָסטו זיך גענומען אין קאָפּ אַריין?

— איך האָב געוואָלט איבערצייגן זיך און אַנדערע, צי איך וועל קענען פאַרדינען זיך אויף ברויט. און איך האָב נישט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן וויסן וועגן דעם, כדי זיי זאָלן זיין רויק. איך האָב געוואָלט זיין אומאָפּהענגיק.

בעטיס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן דורך די טרערן.

— באָבעשי! איך פאַרשטיי, וואָס ביי דיר איז פאָרגעקומען. איך האָב שוין אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דעם, און איך וואָלט אויך געקענט טון אַזוי. ווען איך וואָלט געוווּסט וווּ דו ביסט, וואָלט איך, דוכט זיך מיר, געקומען צו דיר.

— קאָרנעליע האָט אָפּגעווענדט דעם שמועס ·

— וואָס מאַכן אַלע אין שטוב, טייערע?

— אַך, גאַנץ גוט. ווי אַלעמאָל. מ'האָט זיך נאַטירלעך שטאַרק געזאָרגט צוליב דיר.

— טאַקע אינדעראמתן? אָדער צי בלויז דערפאַר, וואָס מ'דאַרף אַזוי טון?

— ניין, זיי האָבן דאָך געדאַרפט שאַפן אַן איינדרוק, אַז זיי זאָרגן זיך נישט, ווייל פאַר אַלעמען הייסט עס דאָך, אַז אַלצדינג איז אין דער בעסטער אָרדענונג! צי ווייסטו דערפון?

— תמיד מאַכן זיי דעם אָנשטעל, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, — האָט געזאָגט קאָרנעליע — וואָס האָבן זיי גערעדט וועגן מיר?

— אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע, אַז דאָק-טוירים האָבן דיר געהייסן זיך אָפּרוען אין אַ סאַנאַטאָריום.

— כ'פאַרשטיי, די שכנים האָבן אוודאי געזאָגט, אַז איך געפין מיך אין אַ משוגעים-הויז.

— ניין, באָבעשי, דאָס וואָלט ביי זיי געווען אַ קלענע-רער חידוש, ווי דאָס, וואָס דו האָסט אינדעראמתן געטון. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכעס. וויאַזוי האָסטו עס געקענט אויסהאַלטן?

— יאָ, ס'איז נישט געווען שטענדיק לייכט, אָבער ס'האָט אויף מיר גוט געווירקט. פון איצט אָן וועל איך שוין נישט זיין דאָס, וואָס אַנדערע הייסן מיך זיין.

— וויאַזוי האָסטו זיך דאָ איינגעאָרדנט?

— כ'וווין ביי אַן איטאַליענישע פאַמיליע. זיי זענען זייער פיינע מענטשן. ס'איז מיר דאָרט זייער גוט, און איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ סך זאַכן. ווינטער האָב איך גע-שטרייקט צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער.

— באָבעשי, ווי אינטערעסאַנט. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ ראָמאַנטישער איבערלעבונג.

ס'מיידל האָט ממש געברענט פון אויפרעגונג. קאָרנעליע האָט זי אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך, אָבער וואָס האָבן געקאָנט טראַכטן די אײַנוווינער פון די שכנותדיקע הייזער,

קוקנדיק אויף דער אָרעמער אַרבעטערין, וואָס איז געווען אַזוי אינטים מיט אַ מאָדנער דאַמע? אַפילו אין צפון־פּליימוט האָט מען זיך געדאַרפט רעכענען מיט שכנים.

— בעטי, איך האָב דיר אַלץ אויסגעזאָגט פון מיר. אָבער דו מוזט עס אַלצדינג האַלטן בסוד. איך האָב נישט בדעה קיינעם אָפּצוגעבן קיין דין וחשבון, וואָס איך האָב געטון און ווו איך בין געווען אַ גאַנץ יאָר.

— געוויס, באָבע, ווי דו ווילסט. אָבער צי טראַכסטו צו פאַרבלייבן דאָ אויף שטענדיק?

— ניין, איך וועל צוריקקומען. אָבער איך גלויב נישט, אַז איך וועל וווינען צוזאַמען מיט דער פאַמיליע — און אין אַ ווילע אַרום האָט זי אַ פרעג געטון: — וויאַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די סיכסוכים?

— דו מיינסט אוודאי צוליב דער וויג און דעם טעפּיך? יאָ, דו ווייסט, ווען זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז דו ביסט אַוועק, האָבן זיי באַלד פאַרגעסן אָן דער גאַנצער מחלוקה, אַזוי גע־טראָפן זענען זיי געווען דערפון. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. איצט רעדט מען מער נישט וועגן דעם, ווי ס'וואָלט צווישן זיי קיינמאָל מער גאָרנישט געשען. די מומע אַליס האָט צוגענומען די וויג, ווייל זי האָט געוווסט, אַז דער זיידע האָט עס איר אָפּגעשריבן אין דער צוואה.

— צי האָט ער איר טאַקע אָפּגעשריבן אין דער צוואה?

— אוודאי. און דעם פערסישן שאַכס טעפּיך האָט זי אוועקגעגעבן דער מאַמען. זיי האָבן זיך שוין נישט, צוליב וואָס צו קריגן און איצט לעבן זיי בשלום. אַזויגע מחלוקתן קענען דאָך נישט פאָרקומען אין באָסטאָן. און דערפאַר איז שוין מער קיינמאָל נישט געשען אַזעלכעס. ווען עמעצער וואָלט זיי דערמאָנט אָן דעם, וואָלטן זיי עס אָפּגעלייקנט און זיך געפילט זייער באַליידיקט.

קאָרנעליע האָט זיך צעלאַכט:

— מאַלפּעלע, דו! האָסט מסתּמא געלערנט פּסיכאָלאָגיע ביי דער פריילין ווילסאָן?

— ניין, איך קוק מיך נאָך צו און איך פאַרטראַכט זיך וועגן דעם. איצט האָט מען שוין אין דער פאַמיליע אַ נייעם סקאַנדאַל. אייגנטלעך טאָר איך גאָרנישט וויסן דערפון, אָבער איך בין דאָך נישט טויב. איבעריקנס, דערציילט מיר פּריס-ציליאַ יעדע זאַך.

— וואָס פאַראַ סקאַנדאַל?

— נו, מיט דער מומע אַליס. ס'איז געווען איינער אַ הער, וואָס איז געווען אין איר שטאַרק פאַרליבט. נאַטירלעך איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. איז זי אַרויסגעפאָרן ערגעץ מיט אים און מ'האָט זיי דאָרטן געזען צוזאַמען. מ'האָט אָנגע-הויבן פּלוידערן, טרייבן רכילות, און שטעל דיר פאָר, אַז די מאַמע האָט געמוזט זאָגן ליגן אין פרויען-קלוב צוליב דער מומע אַליס. זי האָט איר געמאַכט אַ פאָרוואורף, און איר גע-זאָגט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל. די מומע אַליס האָט זיך צעוויינט, און זינט עטלעכע חדשים קומען זיי נישט איינער צום אַנדערן.

קאָרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט און לאַנג געשוויגן.

— איך גלויב נישט, אַז איך זאָל זיך שוין קאָנען אומ-קערן אַהיים, בעטי!

III

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אין עק וואַלד: זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט ס'אַסנע-באָדלען און בעטי האָט דערציילט נאָך פאַרשיי-דענע טשעקאַווע-זאַכן, וואָס איז דערווייל פאָרגעקומען אין דער טאָרנוועל-פאַמיליע. די מומע קלאַרע האָט ווידער געהאַט אַ קינד. זי האָט שוין, הייסט עס, אַכט — און די מומע אַליס האַלט דאָס פאַר זייער אומאָנשטענדיק. אין דער צייט, וואָס מ'זוכט אַ סקאַנדאַל מיט ליכט, איז דאָס אַ גאַנץ גוטער סקאַנדאַל. דער עלטער-פעטער אבנר האָט באַקומען אַן אָנפאַל אויף זיין רעוומאַ-טיזם, און זיין זון, דער פעטער קווינסי, האָט געוווּנען אַ

פרעמיע אין אַ שאַך-טורניר, און דער פעטער העגרי ווינטערס און דער פעטער דזשעמס סקאָטערברידזש, האָבן פאַרדינט גאָט ווייס וויפל מיליאָנען אין די שיפן מיט סחורות, וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּגעקויפט און איצט פאַרקויפט די פאַרייניקטע מלוכות; און בעטיס פאָטער האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ באַנקעט פון אַ באַנקיר און דערקלערט, אַז אַמעריקע מוז אַריינטרעטן אין דער מלחמה אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע.

— אויף וועלכער זייט? — האָט געפרעגט קאָרנעליע.

דאָס יונגע מיידל האָט אַ קוק געטון אויף איר פאַרחידושט און געענטפערט:

— פאַרשטייט זיך, אַז אויף דער זייט פון די פאַרייניקטע.

קאָרנעליע האָט אויסגעדריקט פאַר איר אייניקל די געדאַנקען, וואָס זי האָט באַקומען אין משך פון דעם יאָר, וואָס זי איז געווען אומאָפּהענגיק. זי איז געווען אַ פּאַציפיסטן. — אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע — האָט זי געזאָגט — דאַרפן די מענטשן אויפהערן אויסצוהרגענען איינער דעם אַנדערן.

און ווען בעטי האָט אויסגעשריגן:—אָבער ווען דער קייזער זיגט! — האָט איר קאָרנעליאַ געענטפערט, אַז ס'איז אַלצאיינס ווער ס'וועט זיגן. אין יעדן פאַל איז דער פאַרשפּילטער די ציוויליזאַציע. זי האָט זיך פאַררופן אויף איינעם פון די אַלטע מחברים, בנימין פראַנקלין, וואָס האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף דער וועלט אַזאַ זאַך, ווי אַ גוטע מלחמה און אַ שלעכטער שלום.

אויף דערדאָזיקער טעמע האָבן זיי ביידע גערעדט אַ לענגערע צייט, אָבער בעטיס געוויסן האָט זיך אָנגעהויבן אויפצוּוועקן:

— איך מוז מיך איצט גיין איבערטון צום אָוונט-ברויט. איך דאַרף נישט קומען צו שפּעט. העֶר וואָלקער מוז זייער אַכטונג געבן אויף מיר.

— הער וואָלקער — האָט געפרעגט קאָרנעליע, און בעטי האָט איר דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז זי געקומען צו גאַסט צו זשעני וואָלקער.

קאָרנעליע האָט נישט געגלויבט אירע אויערן:

— וויאַזוי איז עס געשען?

— איך ווייס, עס קלינגט קאָמיש, אָבער טו נאָר אַ קוק, לוצילי וואָלקער, די עלטסטע טאָכטער, לערנט מיט מיר צוזאַמען ביי פּריילן ווילסאָן און איך האָב זי ליבער ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין דער שולע — מיר האָבן זיך זייער ליב. זי קען לפּחות זעקס מאָל אַזויפיל ווי איך, באָבעשי, און צי וואָס דאַרף מען תמיד טראַכטן וועגן דער פאַמיליע און די עלטער-זיידעס? מיר דאַכט זיך, אַז מיר, טאָרנוועלס, האָבן אַזויפיל געלט, אַז מיר אַליין דאַרפן שוין גאָרנישט וויסן און קענען. בנאמנות, עס איז מיר שוין לאַנגווייליק און לוצילי אינטערעסירט מיך, איז פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זיין באַפריינדעט?

— אַוודאי! איך האָב זיך נאָר געחידושט, וואָס דבורה דערלויבט דיר צו קומען צו זיי.

— נו, פון אָנהויב איז עס מיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי קען פּשוט נישט באַגרייפן מיין אָרדינערן געשמאַק. זי קען גאָרנישט פאַרשטיין, פון וואַנעט עס קומט צו מיר. אָבער איצט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קומט פון דיר, באָבעשי!

בעטי האָט דערציילט פאַרשיידענע זאַכן וועגן די מענטשן, ביי וועלכע זי איז געווען צו גאַסט; פון איר מוטער האָט זי געוווסט זייער גאַנצע חרפה; ווי זשעני וואָלקער איז געווען אַ שיק-ייִנגל אין דעם „שפּיטאָל פון הייליקן אַנדריי", וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך קאָרנעליען; און שפּעטער האָט ער געאַרבעט פאַר אַ פּאַרקויפער אין דער פּילץ-בראַנזשע, און דער זיידע טאָרנוועל האָט אים געהאָלפן צונויפנעמען אַביסל געלט אויף זיין ערשטער קליינער פּילץ-פאַבריק. היינט איז ער דער אייגנטימער פון כמעט אַלע פּילץ-פאַבריקן אין ניי-

ענגלאַנד און איז אויפן וועג צו ווערן אומגעהויער רייך. אָבער מ׳האָט אים קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער איז אמאָל געווען אַ גאַרנישט און ס׳איז געווען אומדערהערט, אַז זיינע טעכטער זאָלן זיך לערנען אין דער זעלביקער אַריסטאָקראַטישער שולע, וואָס ווערט באַזוכט פון די טאָרנוועלטעכטער.

— אַזוי זעט עס אויס, — האָט געזאָגט בעטי — ווען מיר זאָל עפּעס טרעפן אין דער צייט, וואָס איך בין ביי פּרויוואָלקער, וואָלט מען עס איר קיינמאָל נישט מוחל געווען; איך דאַרף איר דעריבער נישט אָנטון קיין שום עגמת נפש. ווען איך וואָלט איר געקענט דערציילן פון דיר, באַבעשי, אָבער איך ווייס נישט — און אַ געלעכטער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם מיידלס יונגען, שיינעם פּנים. — איך האָב מורא, טאָמער וועסטו זיך שוין נישט קענען האַלטן אין אַ סאַלאָן.

קאָרנעליע האָט געענטפערט:

— איך בין אַ פאַרפאַלענע אויף אייביק. די מענטשן, וואָס איך וווין ביי זיי זענען אַ סך ערגער ווי די וואָלקערס, מען רופט זיי „רויטע דאַגאָס“.

— רויטע דאַגאָס? — האָט בעטי איבערגעפרעגט שטאַרק פאַרחידושט. דוכט זיך מיר, אַז אַזוי רופן די שול־יינגלעך אָן ווייַן.

— יאָ. אָבער דאָס איז אינגאַנצן אַן אַנדער רויטקייט. די רויטקייט פון מענטשן אַזעלכע, וואָס גלויבן נישט אין קיין שום רעליגיע און מלוכה, מיט איין וואָרט, דאָס זענען אַנאַרכיסטן.

דאָסמאָל איז פרייליין בעטי באמת דערשטוינט געוואָרן. דער שמייכל איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אירע אויגן.

— אָ באַבעשי, דו מאַכסט איצט נאָר חוזק!

— ניין, אָבער דאָס זענען באמת טייערע מענטשן, אפשר ווילסטו זיך באַקענען מיט זיי? איינער פון זיי, ער הייסט באַרטאָ, איז אַן אמתער הייליקער.

— אַ הייליקער ? — האָט איבערגעחזרט בעטי נאָך מער פאַרוואונדערט — האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין שום אמונה.

— כ׳מיין, אַז אַזוי איז היינט מיט די אמתע הייליקע— האָט קאָרנעליע געענטפערט — דאָס זענען — אַזוי צו זאָגן — וועלטלעכע הייליקע.

.IV

זיי זענעןביידע געגאַנגען אין דער ריכטונג ווו בעטי האָט געוווינט און אַרומגערעדט דערווייל וויאַזוי בעטי זאָל זיך בעקענען מיט איר באָבעס געפערלעכע און אומגעווינלעכע פריינט. בעטי האָט נישט געקענט, אָן עפּעס אַ וויכטיקע סיבה, אוועקגיין פון די וואַלקערס, און זי וויל נישט אָפּנאַרן דער גאַסט-פריינטלעכער פרוי וואַלקערס, וואָס האָט אָן דעם אויך אַ גענוג שווערע אויפגאַבע. מיטצונעמען לוציליען איז אויך נישט קיין פּלאַן, ווייל ביי איר האַלט זיך נישט לאַנג קיין סוד, און חוצדעם, איז זי נאָך נישט גענוג דערוואַקסן, זי זאָל קענען זיין איר אָפּיעקון. בעטי האָט אַ טראַכט געטון וועגן פריילין מייטהאַבל שמידט, הער וואַלקערס אומפאַרהייראַטע שוועסטער.

פריילין מייטהאַבל קען זיך זייער שיין האַלטן — כמעט ווי די מאַמע — האָט בעטי געזאָגט. זי האָט אַוועקגעשענקט אַ מאַסע צייט אויף די באַזוכן אין אָרעמען קוואַרטאַל, און ווען בעטי האָבן חשק, מיטצוגיין מיט איר אויף אַזאַ באַזוך, וועט זי גאָרנישט האָבן קעגן דעם. פריילין מייטהאַבל קען זיך אויפזוכן אירע אָרעמע-לייט, אין דער צייט, ווען בעטי וועט גיין צו אירע לייט, און עס וועט נישט זיין קיין ליגן. מ׳דאַרף נאָר אַ קוק טון אין וואָס פאַראַ מצב דער באָבעשיס קליידער זענען — ליבער גאָט אייניקער, וויאַזוי קענסטו עס אַפילו אויסהאַלטן ?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳וועט מוזן אַריינציען

דער פריילין מייטהאַבל אויך אין דער געהיימניס: אָדער בעטי איז געווען איבערצייגט, אַז ביי איר וועט עס זיין, ווי אין אַ קבר. וואָרום ס'איז נישטאָ קיין געוויסנהאַפטערע ווי זי. זי וועט האַלטן דעם סוד ביי זיך. קאָרנעליע האָט מסכים געווען, אָבער בעטי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געדאַרפט געבן די מינדסטע אָנצוהערעניש, פאַרוואָס די באָבע איז אַנטלאָפן פון שטוב. פאַמיליען־קאָנפליקטן מוז מען שטענדיק, ווי ווייט מעגלעך, באַהאַלטן ביי זיך אין שאַפע. און בעטי האָט געענטפערט:

— אוודאי, כ'פאַרשטיי! — זי וועט זאָגן, אַז איר באָבע אַרבעט איבער פילאָלאָגישע סטודיען, און מען מוז אָפּהיטן איר סוד, ווייל אויב נישט וועלן אירע רעזולטאַטן נישט קענען אַרויסקומען גענוג אָביעקטיוו. פריילין מייטהאַבל וועט זיך שרעקלעך אינטערעסירן דערמיט. און דער ליגנט וועט זיין אַזאַ קליינער, אַז מ'וועט אים אפילו נישט קענען רעכענען פאַר קיין עברה. מ'האָט אַלזאָ אָפּגערעדט, אַז אויף מאָרגן אָוונט וועט בעטי מאַכן אַ באַזוך אין סאָס ליין.

וואָס האָט דערווייל בעטי, די קליינע לויפערקע, געהאַט צו טון, אויב נישט תיכף צו פועלן ביי דער פריילין מייטהאַבל, זי זאָל מאַכן מיט איר אַ באַזוך אין דער שטריק־פאַבריק? פריילין מייטהאַבל האָט געהאַט אַקציעס פון דער געזעלשאַפט, און ס'איז איר זייער לייכט אָנגעקומען און אַרום צען אַזייגער פרי זענען דידאָזיקעביידע מיידלעך מיטאַמאָל אַריינגעקומען אין קאָרנעליעס וויקל־צימער. נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט זענען זיי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, צוגעקוקט זיך צו די אַרבעטערינס. קאָרנעליע האָט אַלע מאָל בגנבה אַ קוק געטון אויף זיי, פונקט אַזוי אויך די איבעריקע אַרבעטערינס, באַזונדער די יונגערע, ווייל בעטי האָט געווירקט אויף זיי, ווי אַ פיגור פון אַ מאָדע־זשורנאַל אָדער פון פילם.

פריילין מייטהאַבל האָט געטראָגן אויף זיך אַ געווייַנלעך נאָרפאָלק־זשאַקעטל, וואָס האָט זיך צוגעשפּילעט מיט אַ פּאַסעק אויף דער טאַליע, אַ גלאַטן קליידל אָן שום פאַלדן, געוויינלעכע ברוינע זאָקן און גראָבע ספּאָרט־שיך. זי האָט געטראָגן —

קורצע האָר — פאַרקעמט ווי אַ מאַנספּערשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן אַ העלדישקייט — און אַ טיראָלישן הוט מיט אַ קליינעם פעדער. דערדאָזיקער פעדער איז געווען איר איינציקע באַפּוצונג אויף איר גאַנצער קליידונג.

דער אויסדרוק אויף פריילין מייטהאַבלס פּנים איז געווען ערנסט, כּמעט שטרענג, זי האָט געקוקט דורך גרויסע ברילן אין אַ ביינערנער איינפאַסונג. זי איז געווען, בקיצור, דאָס פולקאָמענע בילד פון אַ טיפּ דאַמע אין ביקאָן הייל, וואָס האָט זיך וועגן גאָרנישט געזאָרגט, באַזונדערס ווענן מאַנסלייט, און געוואָלט, אַז די מאַנסלייט זאָלן עס טאַקע וויסן. פון דער פריילין מייטהאַבל, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער גרויסער וועלט, איז עס געווען זייער אַ דרייסטער טאַט און ס'האָט אפילו באַוויזן איר קלוגקייט — אָבער דערדאָזיקער פּרט איז, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די אַרבעטער אין דער שטריק-פאַבריק, זיי האָבן זי אָפּגעשאַצט לויט דעם, ווי זי האָט אויסגעזען און זיי האָבן זיך אוודאי פאַרטראַכט, וואָס איז עס פאַראַ מין מענטש. ווען ביידע דאַמען זענען אַוועק, האָט קאָרנעליע געהערט, ווי דער אויפזעער, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר, האָט געזאָגט צום געהילפס-אויפזעער:

— נו, ווי מיינסטו! צו וואָס שטרעבט אַזאַ פרוי?

— ס'איז נאָך אַ פראַגע ביי דיר? — האָט געענטפערט דער געהילפס-אויפזעער — הערסט דאָך, מ'זאָגט, אַז אין ניי-ענגלאַנד זענען דאָ אַ סך אַלטע מיידלעך, ווייל די מאַנסלייט עמיגרירן קיין מזרח, אָבער איך זאָג דיר, אַז ווען די פרויען זאָלן וועלן וואָלטן זיי אַלע געהאַט מענער, וואָס וואָלטן זיי געטראָגן אויף די הענט. — אָט דאָס רופט מען: „אַמעריקאַנער הומאָר".

V.

קאָרנעליע האָט באַשלאָסן, נישט צו דערציילן פאַר די ברינס וועגן איר באַגעגעניש מיט בעטין. זי ווייס זיי בלויז

דערציילן, אַז אירס אַן אייניקל איז געקומען קיין פּליימוט און וויל זיך מיט זיי באַקענען. סיי־ווי־סיי איז זי שוין פאַר זיי אַ געהיימניס און דאָס קומען פון איר אייניקל וועט שוין גאָרנישט קלאָרער מאַכן און נישט מער פאַרפּלאָנטערן.

צו דעמדאָזיקן באַזוך האָט זיך בעטי אָנגעטון אין דעם פשוטסטן קליידל, אָבער דער תהום צווישן בעטיס פשוטסטן קליידל און דאָס שענסטע קלייד פון אַן איטאַליענישע אַרבעטערין איז אַזוי גרויס, אַז מ'האָט אים נישט געקענט איבערשפּרייזן פאַר איינמאָל. אַלפאָנסינאַ האָט קוים באַוויזן איבערצוטון די קינדער אין ריינע קליידלעך, צוקעמען זיך אַליין די האָר און אָנטון די קרעלן, דער אַלטער בריני איז אַריינגעקומען פון גאָרטן, אָפּגעוואַשן זיך די הענט און אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דאָס רעקל. אָבער אויף דעם אָרעמען באַרטאָ איז דער אָנצוג געהאָנגען, ווי ס'וואָלט געווען נאָר־וואָס פון אַ ביליקן מאַגאַזין, און ער האָט אפילו נישט באַוויזן אָפּצושערן זיך די לאַנגע וואָנסעס, איידער די יונגע דאַמע איז אַריינגעקומען.

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי פאַרגעסן אָן זייערע דאגות און פאַרלעגנהייט. בעטי האָט זיך באַמיט צו זיין ליבלעך און ס'האָט איר גאָרנישט געאַרט.

— נאָנאַ? — האָט זי אַ פרעג געטון, ווען זי האָט געהערט קאָרנעליעס נייעם צונאָמען.

— וואָס באַדייט עס?

און ווען זיי האָבן איר אויפגעקלערט, אַז דאָס הייסט אויף איטאַליעניש באָבע, האָט זי אויסגעשריגן:

— אָ, ווי שיין! נאָנאַ! איך וועל דיר אויך רופן אַזוי — און זי האָט באַלד אָנגעהויבן רעדן צו דער באָבען אויף אַזאַ אופן. זי האָט אַרומגענומען טראַנדאָן און געזאָגט צו אים: — דו וועסט מיך אויסלערנען אַ סך שיינע, איטאַליענישע ווערטער. נאָנאַ האָט מיר דערציילט, אַז דו ווילסט זיין אַ פידלער. איך שפּיל קלאַוויר. דו וועסט קומען צו מיר און מיר וועלן שפּילן דועטן. אָבער דו ווילסט דאָך מסתּמא ווערן אַ

באַרימטער שפּילער, און דו ווילסט אפשר נישט פאַרלירן צוליב מיר קיין צייט.

אַלפאָנסינאַ האָט געשטראַלט און ווינצענצי איז געווען באַגייסטערט. פון גרויס התפּעלות האָט ער אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע פלעשל, דעם טייערן „רויטן דאַגאָ" און אַלעמען מכבד געווען מיט גלעזלעך. אפילו באַרטאָ האָט געטרונקען אַביסל, כּדי אַרויסצווייזן זיך עלעגאַנט. זיי האָבן געלאַכט פון „רויטן דאַגאָ" און פון „די ווינאַ דאַ ווינאָ", אויסגעטייטשט די ווערטער פאַר בעטין. דאַן האָט בעטי זיך געווענדעט צו באַרטאָ:

— נאָנאַ האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט זי געמאַכט פאַר אַ פאַציפיסטין.

באַרטאָ האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען פון דער נאָענט אַזאַ הערלעך וועזן, ווי די, וואָס האָט זיך געווענדעט צו אים. טיילמאָל פלעגט ער גיין נאָכמיטאָג אין וואַלד און זוכן די ערשטע מאַי-גלעקלעך. אָבער איצט, דאָ אין צימער, וווּ ער וווינט, האָט ער פאַר זיך אַזאַ לאַכנדיק, לעבעדיק מאַי-גלעקל. אָבער אפילו אין דערדאָזיקער גליקלעכער מינוט טאָר אויף קיין איין רגע נישט פאַרטויבט ווערן זיין קלאַסן-באַוווסטזיין.

— ניין, פריילין בעטי — האָט ער אָפּגעענטפערט — נאָנאַ איז זייער אַ גוטע און זייער אַ ליבע פרוי, און אויב זי איז געוואָרן אַ פאַציפיסטן, — ער האָט דאָס אַרויסגערעדט אויף איטאַליעניש, אויסגעצויגן דאָס וואָרט „פאַציפיסטאַ" — אויב זי איז געוואָרן אַ פאַציפיסטין, איז עס נישט צוליב מיר. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פאַציפיסט.

— אָ, וואָס-זשע דען זענט איר, הער וואַנצעטי?

— איך בין אַן אַנאַרכיסט.

— און וואָס איז דער אונטערשייד?

— ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד, פריילין בעטי. אַן אַנאַרכיסט איז אַ קעמפער, ער קעמפט נישט אין דער מלחמה פאַר קאַפּיטאַליסטן, פאַדראָנע, ווי זאָגט מען עס: אונטערנעמער,

און ער קעמפט פאַר אַרבעטער, פאַר יושר, פאַר פריי־הייט פון שקלאַפן.

— אָ, זענט איר דאָך, הייסט עס, נישט איינשטימיק מיט נאָנען.

— נו, איך מיין, אַז נאָנאַ קען זיין אַ פּאַציפיסטין, ווייל זי איז אַן עלטערער מענטש און קען שוין נישט קעמפן. זי האָט אַ גוט האַרץ.

— אָבער איר האָט אויך אַ גוט האַרץ, חער וואַנצעטי. נאָנאַ האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט איינמאָל נישט גע־לאָזט דערהרגענען אַ קראַנקע קאַץ.

— קראַנקע קעץ טוען דאָך קיינעם קיין שום שלעכטס נישט. איך וויל נישט דערהרגענען אַ הילפלאָז באַשעפעניש. אָבער די קאַפּיטאַליסטן זענען שעדלעך, דאָס זענען די גע־פערלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. אָ, ווען איר זאָלט גע־לערנט עקאָנאָמיע, וואָלט איר פאַרשטאַנען די סיבות פון דער גרויסער מלחמה, פאַרוואָס מיליאָנען מענטשן מוזן אומקומען. מיסעראַמענטאָ, גרויזאַם, נאָר צוליב אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, כדי צו באַקומען אַ קוילן־גרוב, אַביסל אייזן און... דאָס, וואָס מ׳ברענט אין לאָמפּ!...

— נאַפט?

— פאַר אַזעלכע זאַכן מוזן שטאַרבן די אַרבעטער. קומט די רעגירונג און נעמט די אַרבעטער מיט געוואַלט, ווי שקלאַפן וואַרפט מען זיי אַריין אין מונדירן און מ׳שיקט זיי הרגענען. טאַמער זאָגסטו: ניין, איך קען נישט הרגענען, נעמט מען דיך — אין פּריזשיאָנאַ — אין תּפיסה אַריין. מ׳פּייניקט, מ׳שלאָגט, מ׳הרגעט און מען שיסט דיך אפילו. צי איז מעגלעך צו זיין אַ פּאַציפיסט קעגן אַזעלכע מענטשן, ווי די קאַפּיטאַליסטן. ניין, דער אַרבעטער מוז קעמפן מיט זיי, ווייל ער וועט זיך קיינ־מאָל נישט באַפרייען פון זיי אָן אַ קאַמף פאַר פרייהייט. נישט אמתאָ, נאָנ?

— איך ווייס נישט — האָט קאָרנעליע געענטפערט —

די נעגער-שקלאַפן האָבן דערגרייכט די פרייהייט, כאָטש זיי אַליין האָבן נישט אַזויפיל געקעמפט.

— באָבעשי — האָט בעטי איבערגעריסן — אַנדערע האָבן געקעמפט פאַר זיי. און אויב זיי זענען נאָך נישט אינ-גאַנצן באַפרייט, איז עס טאַקע בלויז דערפאַר, וואָס זיי אַליין האָבן נישט געקעמפט פאַר זייער פרייהייט.

— קאָרנעליע האָט זיך צוגעפגעטראָפן מיט דער גע-דאַנקען-אַנטוויקלונג פון דער יונגער גענעראַציע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעהערט. מ'האָט אויפגעהערט צו פלוי-דערן סתם אין דער וועלט אַריין, מ'האָט פאַרגעסן, אַז מ'דאַרף זיין ליבלעך, און דער יונגער אידעאַליסט, דער טרוימער, האָט אָנגעהויבן צו שילדערן אַ בילד פון דער נייער וועלט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז בעטי איז געקומען אַהער מיטן באַשלוס, צו באַקענען זיך מיט דעמדאָזיקן פענאָמענאַלן „הייליקן", כדי צו פאַרשטיין זיינע אָנשויונגען און אָפּצושאַצן זיי נישט לויט די באַגריפן, וואָס מ'האָט איינגעפלאַנצט אין איר אין פריילין ווילסאָנס שול, און נישט לויט די באַגריפן פון יענער זייט טייך, פון בעק-בײַ, נאָר לויט איר אייגענעם שכל.

— איר מוזט מיך פאַרשטיין — האָט זי לסוף געזאָגט — איך האָב נאָך זייער ווייניק געהערט וועגן אַזוינע אידעאַלן, זיי זענען נאָך פאַר מיר לחלוטין פרעמד. איך וואָלט אָבער געוואָלט באַקענען זיך מיט זיי גענויער. טאָמער וואָלטן מיר געקענט שבת נאָכמיטאָג מאַכן אַ שפּאַציר אין וואַלד, און איר וואָלט געקענט קלאָר מאַכן פאַר אונז גע-נויער אייערע אָנשויונגען.

קאָרנעליע האָט נאָך אין גאַנצן יאָר פון איר באַקאַנט-שאַפט, נישט געזען בארטאָ אַזאַ גליקלעכן.

— פריילין בעטי, — האָט ער אַ זאָג געטון — נישטאָ פאַר מיר קיין גרעסער פאַרגעניגן, ווי איבערצוגעבן אונזערע אידעען.

VI

עס איז געווען אַ וואַרעמער, רויקער נאָכמיטאָג. הונדער־טער שפּאַצירנדע זענען געשווומען אויפֿן טייך פּלײמוט. דאָ און דאָרט האָבן אַדורכגעשוועבט מאָטאָר־שיפֿלעך. די פֿישער האָבן פֿאַרוואָרפֿן זייערע נעצן און קוישן. אין דערדאָזיקער צייט איז באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי געזעסן אויף אַן אָפּגעבראָכע־נעם שטאָם אויפֿן שפּיץ באַרג און מיט אַ סך באַוועגונגען דערציילט פֿאַר קאָרנעליע טאָרנוועל און איר אייניקל די גע־שיכטע פֿון זיין לעבן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פּויעריש הייזל אין דאָרף ווילאַפּעלעטאַ, ביים טייך מאַגראַ, אין צפֿון־איטאַליען. ער האָט שטאַרק געוואָלט זיך לערנען, אָבער דאָס מזל האָט געמאַכט אַזוי, אַז זיין פֿאָטער האָט איינמאָל געלייענט אין אַ צייטונג וועגן צווייאונפֿערציק אַדוואָקאַטן, וואָס זוכן שטעלעס אין טורי מיט אַ קליינעם געהאַלט פֿון זיבן דאָלאַר אַ חודש— און דער קליינער באַרטאָ האָט פֿאַרלוירן אַלע האָפֿנונגען. צו דרייצן יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אויף דער לער אין אַ צוקער־בעקעריי. ער האָט געאַרבעט ווי אַ שקלאַף פֿופֿצן שעה אַ טאָג, פֿון זיבן אינדערפֿרי ביז צען ביינאַכט, גאַנצע זיבן טעג אין דער וואָך, אַ חוץ דריי שעה — אין זונטיקדיקן טאָג. אַזוי האָט ער פֿאַרבראַכט גאַנצע זעקס יאָר פֿון זיין טרויעריקער יוגנט, ביז ער האָט פֿאַרלוירן די לעצטע כּחות און געמוזט זיך אַהיימקערן אין דאָרף אַריין. דעמאָלט איז ער געווען אַ פֿרומער קריסט. ער האָט געפֿינען אַ טרייסט אין דעם גלויבן, אַז זיין גורל איז אַ גאָט־זאַך.

— איך בין גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פֿאַר דער קירכע — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק — קוים האָט עמעץ גע־רעדט איין וואָרט אויף דער קירך, האָט ער עס געהאַט צו גע־דענקען.

אָבער גאָט האָט געוואָלט, אַז עס זאָל אים שפּעטער טרעפֿן נאָך אַ גרעסערער אומגליק. זיין מוטער איז קראַנק

געוואָרן. ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז ער האָט עס איצט נישט געקאָנט אויסדריקן אויף ענגליש און נישט אפילו אויף איטאַליעניש.

— טאַקע דערפאַר האָב איך מיר אַזוי שטאַרק געפרייט, ווען נאָנאַ איז געקומען צו אונז. כ׳האָב זיך תמיד דערמאָנט אָן מיין מוטער. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט דערציילט מיין געשיכטע, ווייל זי איז זייער שרעקלעך. מיין מאַמע איז געווען זייער קראַנק. זי האָט געגוססט, זי האָט געוויינט און נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב געמוזט אַרויסגיין צו די מענטשן אויפן גאַס און זיי בעטן, זיי זאָלן אויפהערן צו שרייען, צו זינגען. זי האָט זיך אַזוי שרעקלעך געמאַטערט, אַז קיינער פון דער פאַמיליע, דער טאַטע, די שוועסטער האָבן נישט געקענט צוזען. נאָר איך אַליין האָב געקוקט אויף איר, געמוזט טראָגן זי אויף די הענט, געמוזט זי, ווי זאָגט מען עס, פלעגן גאַנצע צוויי חדשים, נישט אויסגעטון זיך ביינאַכט — און אין איינעם אַ טאָג איז זי געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען אויף מיינע הענט אין שרעקלעכע יסורים, נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען און נישט זעענדיק מיינע טרערן. איך האָב זי אַליין אַריינגעלייגט אין טרומנע, אַליין אַוועקגעטראָגן זי אויפן בית-עולם און מיט דער שוואַרצער ערד פאַרשאָטן מיין מאַמען. וואָס פאַר אַ גרויסער צער! צי ווייסט איר, וואָס דאַנטע האָט געזאָגט: „Ńessun maggior dolore” — דאָס הייסט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערער ווייטאָק, ווי צו דערמאָנען זיך בעתן אומגליק אין די גליקלעכע צייטן, אָבער פאַר מיר איז נישטאָ קיין גרעסערער ווייטאָק, ווי די זכרונות פון מיין מאַמעס שרעקלעכע ליידן. זי שטייט מיר תמיד פאַר די אויגן, און יעדע עלטערע פרוי דערמאָנט מיר אָן מיין מוטער.

דער אָרעמער שוואַרצער אַרבעטער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, ער האָט אויסגעווישט זיינע טרערן און גערעדט ווייטער:

— כ׳האָב זיך שלעכט געפילט אין שטוב, קיינמאָל נישט געטאָרט לאַכן. מיין טאַטע איז געוואָרן גרוי און אַלט פאַר

דער צייט. כ'האָב נישט געקענט אַרבעטן, כ'בין געגאַנגען אין וועלדל, געשטאַנען אויפן בריקל איבערן טייך, פאַרקוקט זיך אין וואַסער און געטראַכט: אפשר אַריינוואַרפן זיך און מאַכן אַ סוף צו די צרות. דאַן איז מיר געקומען אַ געדאַנק אַוועק־צופאָרן קיין אַמעריקע. דאָס איז דאָך אַ ניי, גרויס לאַנד. דאָרט וועל איך אָנהויבן אַ ניי לעבן, ווי מ'זינגט אין דעם לידל: „אין דעם שיינעם לאַנד פון פרייהייט", פע זינגט דאָס אין שול. איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין: איך פאָר קיין אַמעריקע נישט צו ווערן רייך, כ'וועל פאַרדינען אַביסל געלט, כ'וועל אַרבעטן אַביסל און האָבן צייט צו לייענען ביכער, דע־מאָלט האָב איך טאַקע געלייענט דע אַמיטשיס, אַ גרויסער דיכטער, אַ בוך וואָס הייסט „קוארע". דאָס איז די געשיכטע פון זיין הארץ. איך האָב געטראַכט, אפשר וועל איך ווערן אַ סאָציאַליסט, אַ גוטער און ערלעכער, אַ בראַווער, פריינטלעך צו אַלע, שאַפן אַ נייע וועלט, אַז אַלע זאָלן זיין גליקלעך, אפשר דורך אָפּשטימונג, — מיט אַזוינע שיינע חלומות בין איך געקומען קיין אַמעריקע.

וואַנצעטי האָט איבערגעריסן און מיט וויטאָק צוגעמאַכט די אויגן.

— נאָך דעם, וואָס איך האָב פאַרלוירן די מוטער, איז דער גרעסטער קלאַפּ געווען פאַר מיר אַמעריקע. איר, אַמערי־קאַנער דאַמען, איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין, אַפילו איך זאָל רעדן צו אייך אַ גאַנצן טאָג. איך בין אָנגעקומען, דערזען די סטאַטוע פון פרייהייט, ס'איז געווען וווּנדערלעך, הערלעך—פּאַראַדיזאָ. איך קום קיין עליס איילאַנד—ס'האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. אַ שרעקלעכער חלום, אינפערנאָ. ברוטאַליטעט. מ'באַהאַנדלט מענטשן ווי די חיות. אַ קינד וויינט, באַהאַלט זיך אונטער דער מוטערס קלייד. מיט וואָס פאַר אַ רעכט פּייניקן זיי אַזוי די אָרעמע מענטשן? צו וואָס פאַרשפּרייטן די אַזאַ מורא? אַ מאַסע אויטאָמאָבילן, גרויסע טראַמווייען, אַ גערויש, אַ גערודער, אַז ס'פאַלט אָן אַן אימה. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ וווינונג, איך האָב אָבער אין ערגעץ נישט געפונען

קיין פריינט. יעדערער האָט געוואָלט אָפּנאַרן, באַרויבן אַן אָרעמען סטראַניערע, ווי הייסט עס, אַן אויסלענדער. איך האָב געמוזט שלאָפן אין אַ נאַכט־אַזיל, צוואַנציק מענטשן אין איין חדר, אַלצדינג איז געווען שמוציק, כ'האָב זיך געמוזט אַרומיאָגן נאָך אַרבעט, לסוף האָב איך גענומען וואַשן טע, ער, געמוזט שלאָפן אויף... זייט מיר מוחל, פריילין בעטי, ס'פּאַסט נישט צו דערציילן אַזעלכע זאַכן פאַר אַ יונגע, אָנגענעמע דאַמע.

— דערציילט ווייטער — האָט בעטי געזאָגט — אויב איר האָט עס געקענט איבערלעבן, וועל איך עס קענען אויסהערן.

— טאָ הערט אויס: דאָס געלעגער איז געווען פול מיט ווערים. ס'איז געווען שרעקלעך, אוממעגלעך צו שלאָפן. איך האָב געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל. ס'זענען דאָרט געשלאָפן אַ סך מענטשן און ס'איז געווען שרעקלעך הייס. כ'האָב געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן, אַ באַקאַנטער רעסטאָראַן, וואָס מ'שרייבט אַפילו וועגן אים אין די ביכער. דאָרטן זענען אַריינגעקומען אַרטיסטן, שרייבער, פאַרבעטן דאַמען אויף אָוונטברויט, כ'ווייס נישט וויאַזוי עס איז דאָרטן היינט, נאָר מיט אַכט יאָר צוריק, ווען איך האָב דאָרטן געוואַשן טעלער, איז געווען שרעקלעך שמוציק; תמיד פול פאַרע, אַ פעטקייט ליגט אויפן סופיט און רינט אַראָפּ אין עסן אַריין, אין די קלאָרע כלים. דער דיל איז געווען גליטשיק, קיינמאָל נישט אויסגעטרוקנט און איך בין אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין אַ וואַסער דריי צאָל די טיף און געוואַשן די כלים, ווי איך וואָלט געאַרבעט אין אַ קאַנאַל. איך האָב שוין גערעדט מיט אַ סך מענטשן וועגן די גרויסע רעסטאָראַנען; אַלץ איז דאָרט צוליב פּוץ, נאָר די ריינקייט גייט זיי נישט אָן. זיי הערן זיך לחלוטין נישט צו, וואָס אַן אַרבעטער זאָגט. נישטאָ ווער ס'זאָל אים דאָרט אויסהערן.

איך האָב געאַרבעט איין טאָג פערצן שעה און דעם צווייטן טאָג צוועלף שעה. איך האָב פאַרדינט פינף, זעקס דאָלאַר

אַ וואָך. מיט אַזאַ געהאַלט האָב איך געקענט לעבן ווי אַ הונט, כ'האָב שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן. כ'האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט קראַנק ווערן. איך האָב אַוועקגעוואָרפן דעם רעסטאָראַן און אַוועק זוכן אַרבעט אין פעלד. אָבער ס'איז געווען זייער אַ שלעכטע צייט, ס'איז געווען, ווי זאָגט מען עס, אַ קריזיס. ס'איז געווען שווער צו קריגן אַרבעט. כ'האָב געהונגערט, געבעטן אַרבעט, אַרויסגעשלעפט אָפּפאַל פון די מיסטקאַסטנס, אויסגעגאַנגען ממש פון הונגער. איינער אַ פאַרמער האָט מיר געגעבן אַן אַרבעט אויף צוויי וואָכן. ער האָט מיך לענגער נישט באַדאַרפט נאָר ער האָט רחמנות געהאַט אויף אַן אָרעמען וואָפּ — צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערהערט אַ גוט וואָרט פון אַן אַמעריקאַנער — כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָזיקן פאַרמער.

ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, פריילין בעטי, איר דאַרפט נישט אויסהערן אַלצדינג. איך האָב באַקומען אַרבעט אין אַ גרויסער ציגל פאַבריק, איך האָב געשאָטן קוילן אין אַ אויוון. דאָס איז אַן אַרבעט וואָס קען טויטן אַ מענטשן, שרעקלעך הייס, אָבער איך האָב נישט געוואָלט שטאַרבן פון הונגער און איך האָב אויסגעהאַלטן גאַנצע צען חדשים. דאַן בין איך אַוועק אין שטאַט קאָנעקטיקוט און ווידער באַקומען אַרבעט ביי גראָבן שטיינער. איך האָב געאַרבעט אַ יאָר צייט. ס'איז מיר שוין געווען בעסער. כ'האָב זיך געטראָפן מיט אַ סך איטאַליענער, געפונען אַ וווינונג. אין די אָוונטן פלעג איך גיין זען ווי מ'טאַנצט, צוהערן זיך, ווי מ'שפּילט אויף פידל. איך אַליין קען נישט טאַנצן, כ'האָב מיר אָבער ליב צוקוקן, ווי מיינע פריינט ווײַלן זיך. איך האָב געלייענט אַ סך ביכער, צייטונגען, תמיד געטראַכט וועגן די אַרבעטער און זייער לעבן. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז דאָ איז נישט קיין לאַנד פון פרייהייט. דאָ איז פונקט ווי אומעטום: אויף דער גאַנצער וועלט זענען די אַרבעטער פאַרשקלאַפט. אַ קליין הייפל קאַפּיטאַליסטן האָבן די ערד, די פאַבריקן, ציען דערפון גרייסע

דווחים און דער אַרבעטער איז — וויאַזוי זאָגט מען עס אויף ענגליש — אַ זאַך וואָס מען קויפן און פאַרקויפן — קאָמאָדיטאָ — ער איז נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ זאַך, אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן קענען אויסזויגן. איר פאַרשטייט מיך, פרייליין בעטי.

— זייער גוט!

— אפשר פאַרדריסט עס אייך?

— לחלוטין נישט. איך האָב שוין אַביסל געטראַכט וועגן אָט די זאַכן. וואָס טוען מיר אויף פאַר דעם געלט, וואָס מיר האָבן? בפרט מיר, די יוגנט — מיר וואָלטן געקענט אַרבעטן, ווען מיר וואָלטן געוואָלט. דאָס וואָלט געווען זייער פיין פון אונז, אָבער אַז אונז גלוסט זיך נישט, קענען מיר דאָס גאַנצע לעבן ליגן און נישט טון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, ניין, הער וואַנצעטי איר דאַרפט גאָרנישט קיין מורא האָבן צו רעדן מיט מיר וועגן דידאַזיקע זאַכן.

— איר מוזט מיך גוט פאַרשטיין. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך נישט געהאַט אַזעלכע אָנשויאונגען. איך בין נישט געווען, ווי מ'רופט עס, אַ רויטער אויסלענדער, דאָ בין איך עס געוואָרן. איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, איך האָב גערעדט מיט אַרבעטער, און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם וועג צו פרייהייט. נאָך פריער, פאַר דעם, בין איך געווען אַן אַנאַרכיסט, איידער איך האָב נאָך געלייענט אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג. נאָך איידער איך האָב געהערט אַן אַנאַרכיסטישן רעדנער, און איך ווען האָב איך אים געהערט האָב איך מיר געטראַכט: ס'איז שוין אַן אַלטע געשיכטע, מיינע אייגענע געדאַנקען און ווערטער אַרויסגעזאָגט דורך אַן אַנדער מויל.

בעטי האָט אים אויפמערקזאַם אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איך האָב פּונקט אַזאַ געפיל, ווען איך הער אייך.

VII

מ׳האָט נאָך לאַנג גערעדט אויף דער טעמע. זיי האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן וועגן וואַנצעטיס אידעאַלן, און ער האָט באַדאַרפט ענטפערן אויף אַ סך פראַגן. דאַן האָט קאָרנעליע אָפּגעפירט איר אייניקל אַהיים דורך די זייטיקע געסלעך.

— באַבעשי, וואָס פאַר אַ װוּנדערבאַרער מענטש, איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזעלכעס — פאַרוואָס זאָגט מען אונז נישט, אַז צווישן די אַרבעטער זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן? צי מיינסטו, אַז ס׳זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, ווי ער?

— ער זאָגט, אַז יאָ. אָבער ס׳קען זיין, אַז ער זאָגט דאָס צוליב זיין באַשיידנקייט.

— ער איז דאָך אַזוי העפלעך און אַזוי גוט, ער איז דאָך אַן אמתער דזשענטלמען. און אַזוי איינזאַם, אָן שום פאַמיליע, אָן שום דערציונג, וואָס זאָל אים בילדן.

— יאָ, ער איז דער אמתער דזשענטלמען, אין פולן זין פון וואָרט, מיין טייערע.

— ווען מ׳טוט אַזוי אַ טראַכט, וויפל מאָל דער מענטש האָט שוין געלייענט, בעת ער האָט געדאַרפט שלאָפן. באַבעשי! איך האָב מיר נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געפילט אַזוי פאַרשעמט! איך מוז מיר איינשאַפן דאָסדאָזיקע בוך פון קראַ־פאָטקין. איך מוז אַליין איבערלייענען און גוט פאַרשטיין. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלץ וואָס איז געווען ביז איצט איז געווען פאַלש. איך טראַכט שוין וועגן דעם אַ יאָר צייט אָדער מער, וואָס טו איך אויף אין מיין לעבן, אַ חוץ זאָרגן זיך וועגן מיין טואַלעט?

— נו, דו לערנסט זיך דאָך, מיין קינד. איך מיין, אַז דו אַרבעטסט זייער אַ סך אין דער שול פון פריילין ווילסאָן.

— אָ, יאָ, מיר אַרבעטן ווי די ספּאַרטאַנער. אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט, אַזוי אַקאַדעמיש־לאַנגווייליק, מיר הערן אויס דער פריילין ווילסאָנס לעקציעס

ס׳פּאַסט נישט איבערצורייסן זי מיט פראַגן, ווייל זי איז טויב, און מיר ווילן נישט אַרויסווייזן, אַז מיר ווייסן דערפון. אוי, באָבעשי, דאָס איז זייער נישט אינטערעסאַנט. עס לאַנגווייליקט מיך, און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט מיך, געלאַנגווייליקט, נאָך איידער איך בין אַרויס אין דער פרייער וועלט! צי קלינגט עס נישט צו פּרעטענציעז?

— ניין, טייערע, דורכאויס נישט!

— נו, דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די נאַרישקייט פון די יונגע ליידיקגייער. איך האָב געטראַכט, אפשר זענען די עלטערע קלוגער, און איינמאָל בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ טאַנץ-אָוונט אין ברעטל-האָל. האָט מען אַ גאַנצן אָוונט גערעדט, ווער ס׳איז געקומען און ווער נישט, וועגן פוסבאָל און די פערד-געיעגן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, און וועגן די, וואָס דאַרפן פאָרקומען. נאָכדעם קומט די צייט, ווען מ׳דאַרף שפּאַצירן ביי דער לבנה און אויסצוזען געפילפול. דערנאָך שווימט מען אויף אַ שיפל, מ׳ווייקט זיך אין גאָרטן, און דו ווערסט קיינמאָל נישט הערן עפּעס אַ קלוג וואָרט. די איינציקע ערנסטע באַשעפטיקונג אין פּליימוט איז דאָס אויסרעכענען דעם יחוס-צעטל פון די פּליימוטער איינוואַנדערער, אָדער פון די פּוריטאַנער. איין טייל וויל באַווייזן זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן, דער אַנדערער טייל וויל עס נישט מודה זיין, דערביי מאַכט זיך אָן אַ שיר רכילות. פרוי וואָלקער געהער נישט צו קיינער פון די צוויי יחוס-צעטלען און זי וואָלט געדאַרפט זיין דערפון צופרידן, אָבער ס׳איז פונקט פאַרקערט.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער, און פּלוצלונג האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטון:

— ווייסטו, וואָס איך וואָלט באמת געוואָלט טון?

— וואָס, מיין קינד?

— איך וואָלט געוואָלט בלייבן מיט דיר, ביז צום סוף זומער אַרבעטן מיט דיר אין דער שטריק-פאַבריק און הייזן, אַז איך טויג אויך צו עפּעס.

— ניין, מיין קינד, דאָס דאַרפסטו נישט טון, ווערסט

אומגליקלעך מאַכן דיינע עלטערן. חוצדעם, וועסטו אויפדעקן מיין געהיימניס.

— יאָ, ס'איז אמת. אָבער איך מוז פאָרט עפּעס טון, איידער איך קום אום פון דער פוסטקייט.

— ווי פאַרברענגסטו דעם גאַנצן זומער!

— דעם חודש אויגוסט אין קעמפּ פּוטנעם, און דאָס איז אַביסל אינטערעסאַנט. צי איז מען אַמאָל, ווען דו ביסט געווען אַ מיידל, אויך געפאָרן קיין קעמפּ פּוטנעם?

— ניין, דעמאָלט איז מען נישט געפאָרן ווייטער ווי ביז איידערנדעקס. חוצדעם בין איך נישט געווען קיין „דאַמע פון דער געזעלשאַפט".

— פונדעסטוועגן איז דיר געלונגען צו באַקומען אַ גוטן שידוך — בעטי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — אָ, איך ווייס שוין, פאַרוואָס מ'שיקט אונז אין קעמפּ-פּוטנעם. די אַלטע קומען זיך צוזאַמען, מאַכן יעדן זומער אַ ליסטע און באַזייטיקן יעדן איינעם, וואָס פּאַסט נישט אַהין. די געזעלשאַפט דאָרט איז אַזאַ צוגעקליבענע, ווי מ'וואָלט אָנגעפּרעגט ביי גאָט אַליין. זיי פּרוּוון אַפילו צוקלויבן פּאָרלעך. אָבער נישט שטענדיק קומט עס אַרויס, ווי זיי האָבן געוואָלט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די מאַמע וויל מיך צונויפפּאָרן מיט עבינעזער קאַבאַט, אָבער, באָבעשי, ער איז דאָך אַן אמתער אייזל.

— רעד נישט אַזוי, מיין טייערע!

— אָבער דאָס איז דאָך אמת. דו ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אַז מיר, אַלטע פאַמיליעס זענען אָפט אידיאָטיש און כמעט פאַרטיקע משוגעים, וואָס מ'דאַרף האַלטן אונטער אויפזיכט ערגעץ אין אַ ווייטן פליגל פון פּאַלאַץ. צי איז דאָס אייגענע נישט פאָרגעקומען מיטן עלטער-פעטער אחאָב?

— יאָ, מיין קינד, אָבער מ'דאַרף נישט רעדן וועגן דעם.

— איך רעד בלויז מיט דיר, באָבעשי, מעגסט זיין זיכער, אַז איך וועל מיין יוגנט נישט גיין פאַרברענגען מיט

אזא מענטש ווי עבענעזער. איך מיין, אַז נאָך דעם זומער וועל איך מוזן ווערן אַ כלה מיט עמעצן אַנדערש.

— מיט וועמען?

— מיט ראָגער לאָוועל. דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז ער אויך געווען אין קעמפּ און זיך כמעט דערקלערט מיר אין ליבע. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען פאַר מיר קיין פּאַסיקער שידוך, ווייל ער איז נאָך געווען דאַן אַ שילער און די עלטערן האָבן נישט געגעבן זייער הסכמה. איצט איז ער אַ דערוואַקסענער בחור, און ס'קען שוין עפּעס ווערן דערפון.

— דו האָסט אים ליב?

— יאָ, און ניין, באַבעשי. ער איז אפילו אַ גאַנץ אָנגענעמער און גוט דערצויגענער, אָבער שרעקלעך שטייף און פאָרמעל. ער האַלט זיך גרויס מיט זיין יחוס, און וואָס ער זאָל נישט טון, טראַכט ער שטענדיק, צי עס פּאַסט אָדער נישט. אויב איך וועל חתונה מיט אים, וועט מיין לעבן זיין ענלעך צו דיינס מיטן זיידן טאָרנוועל. איך וועל אויך מסתמא אין מיין גאַנצן לעבן נישט טאָרן קיין שמייכל טון. איך האָב אים געזאָגט, אַז אַ פרוי דאַרף צוזאָגן דעם מאַן, צו לעבן מיט אים אַזוי לאַנג, ווי זי וועט אים ליב האָבן און קיין איין מינוט נישט לענגער. ער זאָגט, אַז זי מוז אים טאַקע צוזאָגן ליב צו האָבן דאָס גאַנצע לעבן. אָבער איך האָב געזאָגט, אַז דאָס האַלט געווען נאַריש, ווייל וויאַזוי קען מען עס וויסן? צי האָסטו אים שוין אַמאָל געזען?

— ווען איך האָב אים געזען דעם ערשטן מאָל האָט האָט ער נאָך געוואָרפן מיט די רויטע פּיסלעך אין דער לופטן.

— אָ, איך וועל עס אים זאָגן. ער וועט אויסגיין פון חרפּה. קיין שום לאָוועל דאַרף מען נישט זען אין אַזאַ סיטואַציע.

— אַ צווייטן מאָל האָב איך אים געזען מיט אַ גאַווערפאַרטוכל אונטערן האַלדז און די מילך האָט אים גערונען פון

פּיסקל. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין אַ באַל־קאָסטיום, מיט אַ שטייפן קאָלנער און אַ גרויסן קראַוואַט, און זיין גרויס, קיילעכדיק אומבאַוועגלעך פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע, ראָזאַ כריזאַנטעמע.

— דאָס איז דער אמתער ראָגער, ווי ער שטייט און גייט. אָבער איך בין פאַר אים די שענסטע פרוי אין דער וועלט — אויב איך מאַך נאָר נישט קיין חוזק. איצט וועל איך אָנהויבן לייענען וואַנצעטיס ביכער און ווערן אַביסל ערנסטער. אָבער איך ווייס נישט צי איך וועל אים געפעלן, ווען כ׳וועל ווערן אַן אַנאַרכיסטין. באַבעשי, איך וועל אפשר מאָרגן פאָרן אהיים. און ס׳איז מיר זייער טרויעריק איבערצולאָזן דיך אַליין אין אַזעלכע באַדינגונגען. בנאמנות, ווי איך שעם זיך מיט יעדן עסן, וואָס איך עס.

— איך פיל מיך דאָ זייער גוט, אוצר מיינער!

— ווי לאַנג טראַכסטו דאָ צו בלייבן?

— איך ווייס אַליין נישט — איך קען מיך נישט באַשליסן. איך האָב געלייענט אין צייטונג דיין פאַטערס אַ רעדע; ער האָט אַגיטירט, אַז אַמעריקע זאָל אַריינטרעטן אין דער מלחמה; איז מיר איינגעפאַלן, אַז אפשר זאָל איך פאָרן אהיים און אָנהויבן אַ פּאַציפיסטישע אַקציע.

— ניין, באָבע, דאָס וואָלט געווען שרעקלעך, מ׳וועט קוקן אויף דיר, ווי אויף אבגיל וועבסטער עדעמס, וואָס טרעט אַרויס אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען, און דער טאַטע זאָגט, אַז מ׳וואָלט זי געדאַרפט פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז.

— אַזוי וועט ער גאַנץ באַשטימט זאָגן וועגן מיר אויך— האָט קאָרנעליע געענטפערט.

עס איז געווען כמעט אַ נביאות.

VIII

בעטי איז אויפגעפאָרן און קאָרנעליע האָט אָנגעהויבן לעבן אין פּליימוט מיט בעטיס בריוו. זיי זענען אַדרעסירט

געווען צו „פרוי נאָנאַ קאָרנעל״, ס׳איז געווען בעטיס אַ לייכטער שפּאַס. די בריוו זענען געווען זייער פּאַרטרויליכע, פול מיט פאַמיליען-ידיעות: דער פעטער קווינסי האָט זיך שוין אָפּגעזוכט אַן אויסגעצייכנטן פּאַרטנער צום שאַך, וואָס קען אויסרעכענען פאָרויס אַלע שאַך-קאָמבינאַציעס. דער פעטער דשעמס שטעלט אַ נײַ הויז אונטער הילוויו. און דער טאַטע זאָגט, אַז די באָסטאָנער בענק האָבן פּאַרדינט הונדערט מיליאָן דאָלאַר בײַ די פראַנצויזישע און ענגלישע הלוואות, וואָס זיי האָבן איבערגענומען און פּאַרקויפט דעם פּובליקום, אָבער אויף אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ווען די אַליאַנס זאָל פּאַרשפּילן די מלחמה, וואָלט קיין שום באָסטאָנער באַנק נישט געקענט עקזיסטירן. אפשר וואָלסטו געקומען אַהיים און געפירט אַ פּאַציפיסטישע אַגיטאַציע?

אַן אַנדערש מאָל האָט זי געשריבן: „איך בין געווען אין דעם ביכער-געשעפט, וואָס וואַנצעטי האָט מיר אָנגעוויזן. דער פּאַרוואַלטער איז דאָרטן אַ יונגער, באַשיידענער רוס מיט טונקעלע אויגן. אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיין בילדונג. איך האָב שוין אַ מאַסע ביכער, וואָס איך האָב באַהאַלטן אין מיין קופערט אויף דער דנאָ. דאָס זענען געפערלעכע ביכער: איינס הייסט „די פאַרטיידיקונג פון פרויען-רעכט״ פון מערי וואָלסטאָנקראַפט גאָדוין. אין דער פּאָררעדע שטייט, אַז דאָס בוך איז שוין אַלט הונדערט און פינפאונצוואַנציק יאָר און די וועלט, זע איך, האָט זיך נאָך גאָרנישט אויסגעלערנט. דאָס בוך רעגט מיך אויף, ווייל איך האָב געפונען דאָרטן דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט. איך בין זיכער, אַז ראָגערן וועט עס נישט געפעלן ווערן.

אָדער זי האָט געשריבן: „איך בין שוין אין קעמפּ פּוטנעם. איך האַלט שוין פאַרן באַגראָבן ווערן מיט אַ מענטשן, וואָס שטאַמט פון זייער אַ גוטע היים. דאָס איז באמת די הערלעכסטע געגנט, וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן. ס׳איז אָנגענעם צו טראָגן לייכטע קליידלעך. איך וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל תמיד קענען טראָגן אַזעלכע קליידלעך, אָבער ווען איך

וואָלט אַזוי אַדורכגעגאַנגען דורך דער טרעמאַנט-גאַס, וואָלטן מיר זיכער די גאַסן-יינגלעך נאָכגעלאָפן. אַ סך זאַכן אויף דער וועלט וואָלטן געדאַרפט געענדערט ווערן. איך מיין, אַז מערי וואָלסטאָנקראַפטס בוך האָט געמאַכט פון מיר אַ סופראַזשיסטקע.

איך קלויב זיך איצט צו מאַכן אַ שפּאַציר אויף די בערג. מיר וועלן אַלע איבערנעכטיקן אינדערהייך, אָנקוקן דעם זון-אויפגאַנג און אומקערן זיך ערשט מאָרגן צו מיטאָג. מיר וועלן עסן אַ מאַסע קוכנס מיט פרוכטן. מיר זענען כסדר הונ-געריק, די מומע בעטי, די פאָרשטייערין פון דער קאָלאָניע, וואָס גיט אויף אונז אַכטונג, האָט אַריינגעשטעלט אַ ריזיקן בלאָק שאָקאָלאַדע אין איר שפּייז-קאַמער און אַוועקגעלייגט אַ קליינע האַק, אָפּצוהאַקן דערפון שטיקער. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז פּונקט אַזוי, ווי ס'איז געווען אין אירע צייטן: די אייגענע האַק, הגם נישט דיזעלביקע שטיק שאָקאָלאַד. איך מיין, אַז מיר ווייניקסטנס, וועלן פון דעם שאָקאָלאַד נישט איבערלאָזן קיין סך פאַר אונזערע קינדער".

און איינמאָל: „מיר זענען געווען אויף אַ סך בערג, און מיר האָבן זיך אונטערגעהאַלטן פיין און בכבודיק. מיר זענען באמת זייער ערנסטע יונגע מענטשן. צי האָב איך דיר שוין געשריבן, אַז מיר האָבן איינגעאָרדנט אַזאַ מין עקזאַמען פאַר יעדן ניי-אָנגעקומענעם גאַסט? מיר האָבן אַ באַשטימטע קאָמישע גע-שיכטע, וואָס מיר דערציילן אים, זי דאַרף, הייסט עס, זיין קאָמיש. אינדעראמתן אָבער האָט זי נישט קיין שום אויס-לאָז. און מיר קוקן זיך צו, צי ער לאַכט. אויב ער לאַכט, ווייסן מיר, אַז ער איז נישט אויפריכטיק. דאָס איז זייער אַ פיינע שפּיל, אָבער קוים האָט מען עס געמאַכט דריי אָדער פיר מאָל הויבט עס אָן צו ווערן אַ ביסל פריקרע. איך מיין, אַז אין אונזער פּוריטאַנישן בלוט ליגט עפּעס, וואָס צווינגט אונז צו זיין אַזוי ערנהאַפט און מיושב.

„פאַר ראָגערן איז דערדאָזיקער עקזאַמען בכלל נישט צוגעפּאַסט. ווייל ער וועט נישט לאַכן אפילו דאַן, ווען די געשיכטע וועט זיך אויסלאָזן מיט אַן אמת קאָמישן סוף. מיר

האָבן עטלעכע מאָל געפירט לאַנגע שמועסן, און איך האָב אים פּאַרזיכטיק געוואָלט איבערגעבן אַביסל פון מיינע נייע אי-דעען. — איך האָב מיך באַקענט מיט איינעם אַ ראַדיקאַל און זיינע מיינונגען האָבן מיר זיכער פאַראינטערעסירט — האָב איך געזאָגט, און ראָגער האָט געענטפערט: — זייער פיין, מיט מיר האָט איך געטראָפן דאָסזעלביקע. פאַראיאָרן האָב איך מיך באַקאַנט מיט אַ פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען אַ שרעקלע-כער ראַדיקאַל. איך האָב אים געפרעגט; — וואָס אַזוינס האָט ער געזאָגט? — און ראָגער האָט געענטפערט: — אָ, אַ געוואָלט וואָס ער האָט געזאָגט, ער האָט תמיד גערעדט וועגן די „פאַר-לוירענע דריי פון דער ביבל" און ער האָט געזאָגט, אַז דער אינהאַלט פון די עשרת הדברות איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ סך פריער און די געשיכטע מיטן מבול שטאַמט פון בבלישע קוועלן". אפשר וועסטו עס דערציילן יואַנצעטין, ער וועט זיין איבער דעם אויסער זיך.

וואָס שייך איר כּלה ווערן האָט זי דערציילט: „טייערע באָבעשי, דער בחור איז שרעקלעך פּוסט! מיר ביידע, ראָגער און איך, האָבן געהאַט אַ לאַנגן שמועס, אַראָפּגערעדט זיך, תּייסט עס, פון האַרצן. עס איז געווען אַ נישקשהדיקער קריג און — אַלץ איז געענדיקט — כ'וועל שוין קיינמאָל נישט הייסן מעק לאָוועל. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין גע-קומען צו דער מיינונג, אַז די חתונה באַדייט פאַר דער פרוי אַ מין שקלאַפעריי. האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייס וואָס איך מיין; איך מיין, זאָגט ער, דאָס וואָרט געהאָרכזאַם, בעתן מסדר קידושן זיין. אָבער עס זענען פאַראַן גייסטלעכע, זאָגט ער, וואָס לאָזן אַדורך דאָס וואָרט, אויב מען פאַרלאַנגט עס פון זיי. איך זאָג אים, אַז עס גייט נישט אין דעם, עס גייט אין דער איינגערדעניש, אַז אַ פרוי מוז זיך אָפּזאָגן פון איר זעלבסט-באַשטימונגס-רעכט. יעדע פרוי, זאָג איך, מוז האָבן דאָס לעצ-טע וואָרט אין דער דערציונג פון די קינדער, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט; אַז זי דאַרף זיין פריי — בפרט

דאַן ווען זי האָט בדעה, אַ שטייגער ווי איך, צו פאַרדינען זיך אַליין אויף חיונה.

„דאַן איז ראָגער שטאַרק דערשטוינט געוואָרן און מיך געפרעגט, וואָס מיר דאַרפן טון אַזוינס לויט מיינע געדאַנקען. און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גלויב אין אַ פרייע פאַרבינדונג פון אַ קעגנזייטיקער שבועה צו זיין טריי איינער דעם אַנדערן און בלייבן איינער ביים אַנדערן אַזוי לאַנג, כל זמן מען וועט זיך ביידע ליב האָבן, אָבער קיין איין מינוט נישט לענגער, ווען ס׳וועט נישט זיין מעגלעך, און ראָגער זאָגט: „איר מיינט — איר מיינט, אַז איר וועט נישט חתונה האָבן אויף אַן אמת?" און ווערט רויט איבער די אויערן. זאָג איך צו אים: איר פאַרשטייט נישט, וואָס איך רעד צו אייך. אָבער ער קען מער וועגן דעם נישט רעדן, און זאָגט: „ווען איך וואָלט אייך געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג וואָלט עס געווען אַ שרעקלעכע באַליידיקונג." און איך זאָג צו אים: אפשר, אָבער איך מאַך אים אייך, און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער וויל וויסן פון וואַנעט איך האָב זיך אָנגענומען מיט אַזעלכע אויסטערלישע אידעען, אָבער ווען איך האָב אים געוואָלט אַביסל אויפקלערן, האָט עס אים נישט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן און ער האָט זיך אַפילו געוואַקלט אַ קוק צו טון אויפן בוך. ער האָט געפּרואווט רעדן אַביסל וועגן מיין נשמה און איך האָב געחוזקט פון אים, און איצט זענען מיר, הייסט עס, מוראדיק העפלעך איינער צום אַנדערן אין דער קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן, ווארום מיר וואָלטן נאַטירלעך נישט געוואָלט עס זאָל פאָרקומען אַ סקאַנדאַל אין דער קאָלאָניע. איך וועל שוין באַלד פאָרן אַהיים — איך וועל זיין אַצינד אַזוי איינזאַם!

IX

דעמדאָזיקן האַרבסט האָט די „גרופּאָ אויטאָנאָמאָ די פּליימוט" איינגעאָרדנט אַ פּיקניק, און פון אַלע שכנותדיקע שטעט זענען אָנגעקומען מחנות איטאַליענער מיט דער באַן,

מיטן אָמניבוס און אַלטע אויטאָמאָבילן. מען האָט מודיע געווען, אַז דער „צירצאָלאָ דראַמאַטיקאָ מאַריאָ פּאַפּיסאַרדי" וועט אויפפירן זיינס אַ פּיעסע אין סטוטאָן, אַ שטאָט פון שיך-פאַבריקאַציע, וואָס איז געלעגן דרייסיק מייל ווייט פון פלימוט. זיי האָבן געהאַט זייער אַ גוטן דראַמאַטישן-קרייז און באַרטאָ האָט אָוועקגעלייגט זיין אַרבעט אויף גאַנצע דריי טאָג, כדי אַרומצופאָרן פאַרקויפן בילעטן. די פאַמיליע בריני איז געווען נישט געזונט און נישט געקאָנט מיטמאַכן די נסיעה און די שכנים, די אַנזשעלאָטיס, האָבן איינגעלאַדן קאָרנעליען.

אַ יונגער אַנאַרכיסטישער חבר זי איר אַריינגענומען צו זיך אין וואָגן, ער האָט געהייסן מיק באָדאַ, אַ מאַקאַראָן-הענדלער; טאָג און טאָג פלעגט ער אַרומפליען אין זיין קליינעם אָווערלאַנד אויטאָ איבער שטעטלעך און דערפער און אָנגעשפּאַרט אומעטום, וווּ ס'האָט נאָר געוווינט אַן איטאַליענער. ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער פאַרשוין, פון אַ מעטער זעכציק די הויך, און דאָס איז געווען אַ גליק, וואָרום פון פאָרנט האָט זיך אָוועקגעזעצט באַרטאָ מיט אַ קינד אויפן שויס. מיסטער און מיסיס אַנזשעלאָטי מיט קאָרנעליען זענען געזעסן אויפן הינטערשטן געזעס, איין קינד ביים פאָטער אויפן שויס און איין קינד ביי דער מאַמען. ס'איז געווען אַזאַ געוויכט, אַז די רעסאָרן פון דער ביליקער מאַשין האָבן קוים אויסגעהאַלטן.

אָבער דער וועג איז געווען גוט. מ'איז געפאָרן און געזונגען, און אַזוי פריילעך, לעבעדיק איז דידאָזיקע קליינע געזעלשאַפט אַריינגעפאָרן אין דער שוסטער-שטאָט. די קינדער זענען שוין פריער געווען אין קינאָ, זיי האָבן שוין געזען אַמאָל אין דער שול אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג אויך. אָבער דאָס איז געווען זייער ערשטער פאָרשטעלונג, און זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט באַרויקן פון התפעלות. זיי זענען אָוועקגעפאָרן צו אַ חבר, וואָס וואַנצעטי האָט זיך באַקענט מיט אים אויף אַ צוזאַמענפאָר אין מזרח-באָסטאָן. ער האָט געהייסן ניקאָלאַ סאַקאָ און געלעבט אין אַ באַשיידן הייזל, וואָס האָט פריער געהערט צו זיין באַלעבאָס.

— אַן אויסגעצייכנטער יונג — האָט געזאָגט אויף אים באַרטאָ — ער אַרבעט אין שוך־פאַבריק, ער איז אַ פאַר־אַרבעטער, זייער אַ פעיקער אַרבעטער. ער פאַרדינט זייער אַסך, פופציק, זעכציק דאָלאַר אַ וואָך. דער יונג, אַ ווילער יונג. ער האָט אַ שיינע פרוי, איר וועט זען.

זייער מכניס אורח איז אַרויסגעלאָפן פאַרן גאָרטן כדי זיי מקבל פנים צו זיין; ער איז געווען אַ פינפאונצוואַנציק יעריקער יונגערמאַן, מיט קלאָרע רעגלמעסיקע שטריכן, שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, אַ פלינקער ווי אַ קאַץ מיט אַ קער־פער ווי אויף ספרענזשינעס. ער אַליין האָט געשטאַמט פון דרום־איטאַליען, זיין פרוי פון צפון־איטאַליען; זי איז געווען יונג און צאַרט, האָט פאַרמאָגט גאָלד־ברוינע האָר און אַ לע־בעדיק פנים פול מיט זון־שיין און זומער־שפרענקעלעך. זיי האָבן געהאַט אַ קליין ייִנגל פון אומגעפער דריי יאָר.

— האַלאָ, דאַנטע! — האָט וואַנצעטי אויסגעשריגן — מיר וועלן אַמאָל האָבן אַ נייען דיכטער. אָבער דער נייער דיכטער האָט זיך שעמעוודיק באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס פאַרטוך.

ניק און ראָזינאַ האָבן אין אָוונט געמוזט שפּילן אין דער פיעסע, די געסט האָבן דערפאַר נישט געוואָלט אַריינגיין צו זיי און שטערן זיי צוצוגרייטן זיך. דעם אָוונט־ברויט האָבן די געסט מיטגענומען פון דערהיים אין אַ גרויסער פודלע און האָבן געוואָלט אָפּריכטן די סעודה אויף דער לאָנקע פאַר סאַקאָס שטוב. אָבער קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט אָפּ־האַלטן דעם באַלעבאָס, צו ווייזן זיי זיין גאָרטן; אַ חוץ זיין פרוי און קינד איז עס געווען דער גרעסטער שטאָלץ אין זיין לעבן. יעדן פאַרנאַכט אַרבעט ער אַזוי לאַנג ביז עס ווערט פינסטער. ער האָט זיי אַדורכגעפירט פאַר די פאָמידאָרן־בייטן, אויפגעהויבן די צווייגן אין דער הויך און געוויזן פון אונטן די גרויסע, רויטע פרוכטן. ער האָט גערעדט בלויז אַ פאָר ווערטער. אָבער קאָרנעליע האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין

דאָלמעטשער, ווייל זי האָט גאַנצע פערציק יאָר זיך צוגעקוקט, ווי איר מאַן וואָלט ווייזט זיינע געסט די בלומען און זי קען שוין יעדן אויסדרוק און יעדער הויה, וואָס פלעגן באַגלייטן דידאַקטיקע צערעמאָניע.

X

זיי זענען אַרייַנגעקומען אין זאַל, ווו עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען די פאָרשטעלונג און באַגעגנט דאָרטן — אַזוי לפּחות האָט זיך זיי אויסגעדוכט — אַלע איטאַליענער פון ניי ענגלאַנד. ניק און ראָזינאַ זענען געשטאַנען אויף דער בינע, ווי זיי וואָלטן פלוצלונג דורך עפּעס אַ כּשוף צוריק פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין פויערים פון זייער היימלאַנד. פון ביידע זייטן איז לעבן קאָרנעליען געזעסן אַנזשעלאָטיס קינדער, וואָס האָבן איר כּסדר איינגערוימט אין אויער און דערקלערט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער סצענע. אָבער אין אַ קורצע צייט אַרום זענען זיי אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שפּיל, אַז זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ נאָך עמעצער אויף דער וועלט אַ חוץ די פּערזאָנען פון דער פּיעסע. קאָרנעליע האָט שוין אָבער פאַרשטאַנען אַ סך איטאַליענישע ווערטער און אַלע איטאַליענישע הויות; די האַנדלונג איז געווען אַזוי איינפאַך און אַזוי לעבעדיק, אַז מ׳האָט זי זייער לייכט געקענט פאַרשטיין.

ניק האָט פאָרגעשטעלט אַ פּויער, וואָס מ׳האָט ביי אים אָפּגע־נומען דעם זון און אַוועקגעשיקט קעמפן קעגן די אַראַבער אין טריפּאָליס. דער פאָטער איז איבערגעבליבן אין שרעקלע־כער נויט. די דראַמע האָט געהייסן „מיליטאַריזם און עלנט”. זיין פרוי האָט געליטן אויף פיבער. ער גופא האָט נישט גע־האַט קיין געלט און דער גרויזאַמער פריץ האָט אים געדראָט, אַז ער וועט אים אַרויסוואַרפן פון דער נחלה. ווען ניק בעט דעם פריץ, ער זאָל אים געבן אַרבעט — זאָגט ער אים אָפּ, ווייל ער איז אַן אַנאַרכיסט און ער וועט אויפרייצן די איבעריקע

אַרבעטער צו אַן אויפשטאַנד. איינער אַ בראַווער דאָקטאָר באַזוכט זיין פרוי, און ער פאַרפירט מיט ניקן אַ וויכוח, אין וועלכן ניק דערקלערט מיט אַ ווונדערלעכער שיינער שפּראַך זיין אַני מאַמין. דערווייל קומען זיינע חברים און ברענגען אים געלט און וואַרפן אַרויס דעם פריץ, בעת זיי שרייען אים נאָך: „אַפּאַמאַטאָרע" און „אַססאַססינאָ" — רויבער און מערדער. דאָסדאָזיקע מאַכט אויפן דאָקטאָר אַזאַ גרויסן איינדרוק, אַז ער דערקלערט תּיכּף, אַז ער האָט זיך איבערצייגט אין דעם אמת פון דער אַנאַרכיסטישער לערע; „פון איצט אָן בין איך אייער חבר!" און די אַנדערע חברים שרייען הויך פון באַגייסטערונג. און דער עולם טוט גיך נאָך זייער ביישפּיל.

דאַן קומט דער יונגער זעלנער צוריק אַהיים. ער באַרימט זיך, וויפל אַראַבישע פרויען און קינדער ער האָט אויסגעהרגעט, און דער פאָטער, אַן אמתער קאָסמאָפּאָליט טוט אים אַ וואָרף זיין פאַרדינסט אין פּנים אַריין און הייסט אים גיין פון שטוב. „גיי אַוועק, טרעט אָפּ פון מיינע אויגן. רויבער און מערדער דו!" אַ פיינלעכע סצענע. אין דעם ווייטערדיקן אַקט זעט מען זיצן דעם זעלנער אין אַ קאַזאַרמע און באַטראַכט זיין חרפּה — מיט אַזאַ דערפאָלג — אַז ווען ער פּאַקט ביי אַ צווייטן סאָלדאַט אַ גאַנצן שטויס אַנטי-מיליטאַריסטישע ליטעראַטור לאָזט ער אים אַנטלויפן. ווען ער ווערט אין לעצטן אַקט — אַ פירער פון אַ קאָלאָניע און באַקומט אַ באַפעל, צו גיין אין דאָרף און אונטערצודריקן די שטרייקנדיקע פּויערים, פאַרנאַכלעסיקט ער זיינע זעלנערישע פליכטן, גייט איבער צו זיין פאָטערס פּאַרטיי און פאַלט לסוף פון אַ קויל אויסגעשאָסן דורכן בירגערמייסטער. עס איז געווען אַ טראַגישער און סענסאַציאָנעלער סוף. ניק, אין דער ראָל פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאָטער, האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פון רעטאָריק: „יאָ, שטייט אויף צו די באַריקאַדן! אַדיע, מיין זון, דער קרבן פון בירגערלעכן אימפּעריאַליזם! זאָל דיר די ערד גרינג זיין! היינט איז נישט די צייט צו באַוויינען טויטע! עס איז דער טאָג פון קאַמף און נקמה. לאָמיר זיך

איילן אהין, חברים, ווו דער קאַמף ברענט צום שטאַרקסטן. בישט נאָר פאַר אים ווען מיר נקמה נעמען, נאָר פאַר אַלע אומבאַקאַנטע מאַרטירער, וואָס זענען געפאַלן אַלס קרבנות פון דער קאַפּיטאַליסטישער גירריקייט!" און ווען די חברים זענען אַרויסגעלאָפן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי הינטער דער בינע, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מען איז אין דער מאַילענדער סקאַלאַ — אַזויפיל אַפּלאָדיסמענטן, אַזויפיל טרערן און אַזויפיל באַגייסטערונג, אַזויפיל בוקעטן אויף דער בינע, אַזוי פיל „עוויוואַס!" און „ביס"!

מעגלעך, אַז מען קען לאַכן פון דער נאַיוויטעט פון אַזאַ דראַמע. אָבער ווען מען קוקט זיך צו, ווי טיף זי האָט גערירט דאָס פּובליקום, מוז מען זיך צוהערן, איבעררעכענען זיך און איינזעען, אַז דידאָזיקע געשיכטע שפּילט אָפּ דאָס לעבן פון די איטאַליענישע פּויערים. אויב די אַקציע און די געפילן, וואָס ווערן דאָרטן אויסגעדריקט, זענען אַזוי איינפאַך, איז שולדיק אין דעם דיווירקלעכקייט, וואָס איז אויך פּונקט אַזוי איינפאַך. אַפילו דער איבערגאַנג פון דאָקטאָר צום אַנאַרכיזם איז אינדעראמתן אַ נאַטירלעכע זאַך אין איטאַליען, וואָרום אין איטאַליען זענען פאַראַן אַ סך דאָקטוירים, וואָס זענען גוט באַקאַנט פאַר אַנאַרכיסטן. און דער קאַמף קעגן דעם מיליטאַריזם — ער דריקט אויס דעם גלויבן און דעם מסירת נפש פון אַלע איינראָפּעישע פּויערן. אַלצדינג פון דערדאָזיקער דראַמע שטימט מיט דער ווירקלעכקייט — אַ חוץ די רעוואָלוציע — וואָס האָט געדאַרפט אַרויסברענגען צוליב דעם פּלאַם און די אויפגעוועקטע ליידנשאַפטן פון דידאָזיקע פּויערן-אוידאָטאָריע.

גייענדיק אהיים האָט די פאַמיליע אַנזשעלאָטי, באַרטאָ און קאָרנעליע ברייט אַרומגערעדט די פאָרשטעלונג. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די קינדער האָבן נאָך קוים געהאַלטן אָפן די אויגן, אָבער די דערוואַקסענע זענען גאָרנישט מיד געוואָרן צו רעדן וועגן דעם און אויסגעטייטשט פאַר קאָרנעליען וואָרט און וואָרט. וואַנצעטי האָט דערציילט פאַרשידענע זאַכן וועגן חבר „ניק", וואָס איז אין לעבן פּונקט

אַזוי ווי אויף דער בינע. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין דער אייגענער צייט, וואָס איך. ער איז קוים אַלט געווען זי־בעצן יאָר. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונגערן ברודער, וואָס האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע אַרבעט און זיך אומגעקערט צוריק קיין איטאַליען. ניק האָט געאַרבעט אַלס וואַסער־טרעגער, געטראָגן אַ גאַנצן טאָג וואַסער פאַר די אַר־בעטער. ער האָט געאַרבעט אין האָפּדאַל, אין אַ גיסעריי. דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטרייק — איר האָט נישט גע־לייענט וועגן דעם אין דער פּרעסע? די פּאָליציי האָט זיך אויפגעפירט דאָרטן גראָב, אומברחמנותדיק. ניק איז געשטאַנען אויף אַ שטרייק־פּאָסטן און שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ רויטער, אַן אַנאַרכיסט — איר פאַרשטייט? דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי אין דער דראַמע. ניק איז נישט קיין רעדנער, אָבער אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. איצט אַרבעט ער אין דער קליינער שוך־פאַבריק. מיטן אויפזעער לעבט ער גאַנץ גוט, טוט אָפּ זיין אַרבעט און טיילמאָל אַרבעט ער נאָך ביינאַכט אויך. ער פאַרדינט געלט, אָבער ער איז נישט געוואָרן אַנדערש, ער איז תּמיד מיט די אַרבעטער. איר וועט זען, אַז ווען ס'וועט אַמאָל אויסברעכן אַ גרויסער שטרייק וועט ניק סאַקאָ נאָך זיין אַ פירער. ער טוט אַלצדינג, כּדי צו רעוואָלוציאָניזירן די אַרבעטער. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום זאַך. ער איז העלדיש — ווי רופט מען עס — ווי אַ לעאָנע — אַ לייב.

און באַרטאָ האָט דערציילט אַ געשיכטע, כאַראַקטעריס־טיש פאַר סאַקאָ, וואָס איז געשען מיט אַ חודש אָדער צוויי צוריק: — ער איז געווען אַרעסטירט, געמוזט גיין זיצן, דערפאַר וואָס ער האָט צונויפגערופן אַ מיטינג אויף אונטער־צושטיצן די שטרייקנדיקע אין די קופּער־מינען — איר האָט שוין מסתּמא געהערט, אין מעסאַבאַ אויף מעריב־באָסטאָן זענען פאַראַן אַ סך גבירים, דאָס זענען אייגנטימער פון קו־פּער־מינען, זיי ווילן נישט, אַז די אַרבעטער זאָלן וויסן, ווי אַזוי זיי פּייניקן מענטשן און זעצן זיי איין אין די תּפיסות, האָבן

זיי באשלאָסן אויפצורייסן דעם מיטינג און נישט דערלאָזט ניקן רעדן

קאָרנעליע האָט גאָרנישט געענטפערט; נאָר פאַר איר ע אויגן האָט דורכגעשוועבט אַ גאַנצע גאַלעריע פון „בלוי-בלוּ-טיקע“: די פּאַינס, די שאָוס די אַגאַסיז. יאָ, זי האָט גוט געקענט די אייגנטימער פון די קופּער-מינעס און בכלל דעם רייכן קלאַס. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שרעקלעכן סקאַנ-דאַל, וואָס מ'האָט אַרומגערעדט אין פּרויען-קלוב: דער אַל-טער שאָוּ איז געשטאָרבן, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זינט צוואָנציק יאָר געהאַט ליגן אַכט טויזנט אַקציעס פון די מינעס אונטער אַ פרעמדן נאָמען אין נוי-יאָרק, און מיט דעמדאָזיקן פרעמדן נאָמען האָט ער זיך אונטערגעשריבן. די יורשים האָבן נישט אויפגעגעבן די רעגירונג וועגן די אַקציעס, פּדי אויסצומיידן שטייערן. די רעגירונג האָט אַנטדעקט דעם שווינדל און ס'האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז עטלעכע פון די גרעסטע באָסטאָנער שטערן פון רעכט זאָלן אויסגעשטראָכן ווערן פון דער אַדוואָקאַטן-ליסטע. נאַטירלעך האָט מען קיינעם פון זיי נישט איינגעזעצט, אָנשטאָט זיי האָט מען איינגע-זעצט יענעם ניק סאַקאָ, וואָס האָט געפּרוווט דערציילן פאַר די איטאַליענער און מאַסאַטשוסעט, ווי די קופּער-אייגנטימער באַגייען זיך מיט זייערע אַרבעטער אין מיטשיגאַן.

XI

די ווייַנטרויבן אויף ברייניס ווייַנשטאָק זענען רויט גע-וואָרן. מ'האָט זיי אַראָפּגעקליבן און פאַרוואַנדלט זיי אין רויטן ווייַן. די בלעטער זענען צוערשט געוואָרן געל, דערנאָך ברוין, לסוף זענען זיי איינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן און מ'האָט זיי אַוועק-געקערט אין אַ ווינקל פון גאָרטן. דעם קרויט און דעם רעַ-טעך האָט מען באַהאַלטן אין קעלער. די שטענגלעך פון די פּאָמידאָרן זענען אויפן פראָסט באַוואַקסן געוואָרן מיט שוואָמען, דערנאָך זענען זיי איינגעטריקנט געוואָרן און פאַרדאַרט. דער

שיינער גאָרטן איז וויסט געוואָרן און די זון האָט זיך דערווייטערט, כּדי דורכצומאַכן איר לאַנגן וועג. קאָרנעליע וועט שוין באַלד ווידער אויפשטיין ביים שיין פון אַ לאָמפּ. זי וועט ציטערן פון קעלט, בעת זי וועט זיך אָנטון, און זי וועט זיך איינוויקלען אין אַ טוך, איידער זי וועט זיך לאָזן אין דער פינסטערניש צו דער שטריק־פאַבריק. צי וועט זי נאָך קענען אויסהאַלטן נאָך אַזאַ ווינטער?

בעטי האָט זיך צוריק אומגעקערט אין דער פריילין ווילסאָנס שול, און אין אירע בריוו האָט זי געבעטן דער באָבען, זי זאָל קומען קיין באָסטאָן. זי וואָלט באַדאַרפט נעמען אַן אָנטייל אין דער וואַל־אַקציע פאַר וודראָו ווילסאָן, וואָס האָט אונז אָפּגעהיט פון אַ מלחמה און דערקלערט, אַז מיר זענען צו שטאָלץ, כּדי זיך צו שלאָגן. באָסטאָן, די באָסטאָן פון סטעטגאַס און די גאַנצע פיינע געזעלשאַפט, האָט פאַראַכטעט די דאָזיקע דערקלערונג און אָפּגעהוזקט פון איר אין דעם „טראַנסקריפּט”. אָבער ס'איז נאָך געווען אַן אַנדער באָסטאָן, וואָס איז מיט דורות צוריק דורכגעשווומען דעם אָקעאַן, כּדי צו האָבן קאַרטאָפל צו דער זעט. אין ניי־ענגלאַנד האָבן זיי געפונען אַ גערעטעניש פון קאַרטאָפל, און דאָס האָט פון זיי געמאַכט הייסע פּרעסביטעריאַנער, וואָס האָבן גענומען אויף זיך פאַרהייליקן גאָטס מוטער און אויסצוראָטן דעם בריטישן לייבּ. אומזיסט האָט די געזעלשאַפט „פּראָ באָנאָ פּובליקאָ” און „דער הונדערט פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער” געשריבן צום „טראַנסקריפּט”, און גערופן די נייע וועלט צו ראַטעווען דאָס חרוב־געוואָרענע בעלגיען. אָבער די אירלענדישע קאַטויליקן פון באָסטאָן האָבן נישט געלייענט דעם טראַנסקריפּט. נאָר זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די אורנעס און אויסגעקליבן פאַר שטאָט־פּרעזידענט אַן אירלענדישן קריסט, וואָס האָט אונטערגעשטיצט די פּאַציפיסטישע אַקציע. די דייטשן און די אירלענדער האָבן איינגעאָרדנט מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס אויף דער פּאַרק־גאַס און דורכגייענדיק דעם יוניאָן־קלוב האָבן זיי געשאָלטן און אויסגעשפּיגן

ווילסאָן איז נאָכאַמאָל אויסגעוויילט געוואָרן פאַר פּרע־זידענט. מ׳האָט שוין געקענט מיינען, אַז די מלחמה־געפאַר פאַר אַמעריקע איז אַריבער. דער פּרעזידענט האָט ווייטער געשריבן נאָטעס צו דייטשלאַנד ווי פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן, נישט געקוקט דערויף, וואָס די דייטשן האָבן זיי אָנגעהויבן איגנאָרירן. קאָרנעליע האָט איינגעזען, אַז ס׳איז נאָך נישט נויטיק איר פּאַציפיסטישע אַקציע, און אויך אַז וואַנצעטי דאַרף נאָך נישט אַנטלויפן קיין מעקסיקע, וואָס ער האָט בדעה גע־האַט צו טון, ווען אַמעריקע וואָלט אַריינגעטרעטן אין דער מלחמה.

— איך וועל מלחמה האַלטן מיט די קאַפּיטאַליסטן — האָט באַרטאָ געענטפערט — אָבער איך וויל נישט דערהרגענען קיין דייטשן און עסטרייכישע אַרבעטער, כּדי די אַקציעס פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זאָלן שטייגן.

קאָרנעליע האָט קיין מאָל נישט דערמאַנט קיין איין וואָרט פון די באָסטאָנער פינאַנסיעלע סודות אויף ווי ווייט זיי האָבן אַ שייכות מיט דער אַליאַנס. אָבער די „רויטע״ האָבן מסתּמא געהאַט זייערע אייגענע קוועלן, פון וואַנעט זיי האָבן געשעפּט אינפאָרמאַציעס. די „קראָנאַקאַ סאָווערסיוואַ״ איז געווען פול מיט אַרטיקלען אויף דער טעמע און מיט די קלענסטע פּרטים געשילדערט די אינטריגעס, וואָס קומען פאָר אויף דער סטעיט־סטריט און דער וואָל־סטריט.

XII

דער ערשטער שניי איז אַראָפּגעפאַלן. פאַרנאַכט האָט זיך קאָרנעליע געאיילט אַהיים פון דער פאַבריק און אויף אירע אַקסלען איז צעגאַנגען דער שניי פון אַ האַלבער צאָל די גרעב. צו איר גרויסן חידוש האָט זי דערזען אַ גרויסע לי־מוזינע פאַר די בריגס הויז. מיליאָנען שטערנדלעך האָבן גע־טאַנצט אין די צוויי לאַנגע פּאַסן ליכט, וואָס האָבן פאַרלויכטן דאָס גאַנצע געסל. ווען זי איז צוגעקומען נענטער האָבן זיך

די טירן פון אויטאָמאָביל געעפנט און ס׳איז אַרויסגעשטיגן אַ דיקער מאַן. קאָרנעליע האָט נישט באַמערקט זיין פּנים, נאָר דערהערנדיק זיין קול איז זי שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך:

— מוטער, דאָס ביסטו? —

דאָס איז געווען רופּערט אַלווין.

אין איינער אַ באַקאַנטער אָפּערעטע איז פאַראַן אַ בילד, ווי קאָלומב קומט צו צום ברעג פון דער נייער וועלט און ס׳קומען צו לויפן די אינדיאַנער און פרעגן:

— דאָס ביסטו, קריסטאָף קאָלאָמבוס? — און ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי, האָבן זיי אויסגעשריגן:

— ענדלעך זענען מיר אַנטדעקט געוואָרן!

פונקט דאָס אייגענע איז איצט פאָרגעקומען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר באַהעלטעניש איז אַנטדעקט געוואָרן און זי האָט נאָר געדאַרפט אַן אויגנבליק, כּדי צו קומען צו זיך.

— גוטן אָוונט, רופּערט — האָט זי געזאָגט רויק — פאַ־ראַן מאָמענטן ווען די טאָרנוועל אויסבילדונג קומט צונוץ. זי האָט דערלאַנגט די האַנט און געלאָזט זיך אַריינפירן פון איר איידעם אין אויטאָמאָביל, ווו ס׳איז געזעסן איר עלטסטע טאָכטער דבורה.

— אָ, מאַמע, מאַמע, וויאַזוי האָסטו געקענט טון אַזאַ זאַך?

— יאָ, אַפילו די בכבודיקע פרוי רופּערט אַלווין האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, בעת זי האָט דערזען פאַר זיך די איינגעבויגענע אַקסלען אין דעם צרהדיקן אַרבעטער־שאַל באַ־דעקט מיט שניי. זי האָט פאַרלאָשן די ליכט אין דער לימו־זינע, אָבער רופּערט האָט שנעל ווידער אָנגעצונדן.

— באַהערש דיך, דבורה — האָט ער געזאָגט שטרענג — פאַרגעס נישט, אַז דער שאָפער זיצט דאָ אונטער דעם גלע־זערנעם ווענטל און קען אויסהערן יעדעס וואָרט.

— מאַמע, מיר ווילן מיט דיר רעדן אויג אויף אויג.

אפשר וואָלסטו געוואָלט מיטפאָרן מיט אונז אַהיים, לפּחות אויף אַ טאָג אָדער צוויי.

— איך קען נישט, רופּערט. איך בין דאָ פּאַרנומען.

— קענסט זיך נישט באַפרייען אויף אַ באַשטימטער צייט?

— ניין, זיי באַפרייען נישט. זיי וואַרפן אַרויס.

— אָבער מאַמע, דו האָסט דאָך נאָך אַ קליינע הכנסה פון דיין ירושה — האָט דבורה אַריינגעוואָרפן.

— לאָז געמאַך, דבורה — האָט זיך איר מאַן אָפּגערופן. צי וואָלסטו דערלויבט, אַז מיר זאָלן מיט דיר גיין אין אַ האָטעל און איבערשמועסן מיט דיר רויק?

— יאָ, דאָס קען איך טון. אָבער איך מוז פריער צו וויסן טון מיינע פריינט. זיי וועלן וואַרטן אויף מיר מיטן אָונט-ברויט און זיי וועלן זיין אומרויק.

— איך וועל עס שוין טון — האָט רופּערט אָפּגעענט-פערט און גיך זיך אַרויסגערוקט מיט זיין שווערן גוף פון אויטאָמאָביל. קאָרנעליע האָט אַ טראַכט געטון: זיי האָבן מורא, איך זאָל נישט אַנטלויפן. אָ, צי האָבן זיי נישט בדעה מיך אָוועקצופירן פון דאַנעט? אינעווייניק ביי איר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי אַ פויגל, וואָס איז אַריין אין אַ נעץ — לאָז דיך נישט כאַפּן! לאָז דיך נישט אָוועקפירן!

— מאַמע, ביסט דאָך דורך און דורך נאַס — האָט דבורה געזיפצט — נעם אַראָפּ דעם שאַל — זי האָט אַראָפּ-געצויגן פון איר די טוך און איינגעהילט זי אין איר גרויסן פוטער. קאָרנעליע האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. זי האָט געוואָלט אויסמיידן אַ מחלוקת. איר געדאַנק איז פּאַרנומען געווען מיט דער פראַגע, וויאַזוי האָבן זיי זי געפונען. צו האָט פריילין מייטהאַבל דערציילט דעם סוד? זי האָט זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז בעטי האָט עס דערציילט.

רופּערט איז צוריקגעקומען און אַ ווונק געטון צום שאָ-פער. ער איז אַריין אין אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך אָנגע-הויבן צו טרייסלען אויף זיינע פּראַכטפולע רעסאָרן איבער די

גריבער פון דעם נישט ברוקירטן געסל. זיי זענען אַרויף אויף דער הויפּט-גאַס און אָפּגעשטעלט זיך פאַר אַ האָטעל. רופּערט האָט געדונגען אַ צימערל, דבורה האָט דורכגעפירט די מוטער דורכן קאָרידאָר. ענדלעך האָבן זיי זיך געפונען אויף אַ זיכער אָרט, ווו דער פאַמיליען-סוד האָט געקענט בלייבן אין געהיימ־ניס: מ'האָט אָנגענומען אַלע פאָרזיכטס-מיטלען: רופּערט אַליין איז צוגעגאַנגען עטלעכע מאָל צום טיר און אַ קוק געטון, צי קיינער הערט נישט אונטער.

— איך פיל מיך גאַנץ גוט — האָט קאָרנעליע געזאָגט, בעת די טאָכטער האָט זי באַקלאָגט, אַז זי איז נאַס, זי וועט זיך פאַרקילן, און אַז זי זעט אויס שרעקלעך פאַרמאַטערט. און ווען זי האָט באַדויערט אירע איינגעבויגענע אַקסלען און אויסגעדאַרטע הענט האָט זי געענטפערט: — איך בין די גאַנצע צייט געווען זייער גליקלעך — און ווען דבורה איז צוגעקומען צו דער פראַגע וועגן איר אַנטלויפן, וויאַזוי זי האָט געקענט זיין אַזוי גרויזאַם און האַנדלען אַזוי קעגן דער פאַמיליע, האָט קאָרנעליע איבערגעריסן מיט אַ פראַגע:

— וויאַזוי האָט איר מיך געפונען?

— זי האָט די פראַגע געמוזט איבערחזרן, ערשט איצט האָט איר דבורה געענטפערט:

— מיר האָבן באַקומען דיין אַדרעס פון בעטין.

— וואָס הייסט, בעטי האָט דיר אים געגעבן? דאָס קען איך גאָרנישט גלויבן, דבורה.

— ניין, כ'האָב דאָס נישט געוואָלט זאָגן, זי האָט געשריבן צו דיר אַ בריוו און ער איז אונז אַריינגעפאַלן אין די הענט.

— אַך, אַזוי! אַ שטיין איז אַראָפּגעפאַלן קאָרנעליען פון האַרצן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט: — איך וויל האָבן דעם בריוו.

און ווען זי האָט געזען ווי זיי וואַקלען זיך און קוקן זיך ביידע אָן, האָט זי געזאָגט:

— איך בעט אייך, גיט מיר דעם בריוו.

רופערט האָט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פון קעשענע, וואָס איז געווען — קאַרנעליע האָט תּיכּף דערזען — אַ סך גרעסער. ער, אָט דער גרויסער מענטש האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיין וויכטיקער גראָבער שטימע, וועגנדיק דעם בריוו אין דער האַנט:

— מאַמע, איך וואָלט דיר געזאָגט, אַז ווען מיר האָבן דעם בריוו געעפנט, האָבן מיר בכלל נישט געוווסט, אַז ער איז אַדרעסירט צו דיר. ווען מיר וואָלטן געוווסט וואָלטן מיר אים געבראַכט צו דיר נישט אויפגעעפנטערהייט. אָבער ווי דו זעסט, איז ער אַדרעסירט צו פרוי נאָנאַ קאַרנעל און דאָס האָט אונז קיין שום זאַך נישט געזאָגט, פאַרקערט, מיר האָבן געמיינט, אַז אונזער טאָכטער בעטי שטייט עפּעס אין אַ געהיימער פאַרבינדונג מיט אַן אומבאַקאַנטער פרוי. ערשט איצט, ווען מיר האָבן אויפגעעפנט דעם בריוו האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז ער איז צו דיר.

— ס'האָט אים קיינער פון אונז נישט איבערגעלייענט, מאַמע — האָט דבורה געזאָגט. — מיר האָבן אפשר געהאַט אַ רעכט דערצו, אָבער מיר האָבן עס נישט געטון.

— איך וועל דיר אים תּיכּף דורכלייענען, מיין קינד!

— איך מיין, אַז ס'איז נישט נויטיק. איך האָב גערעדט מיט בעטין, און איך גלויב, אַז מיר קענען די לאַגע גאַנץ גוט.

קאַרנעליע האָט געהאַלטן דעם בריוו אין דער האַנט, זי האָט אים אַרויסגענומען פון קאָנווערט און באַלד פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי האָבן אים נישט געלייענט. דאָס לעצטע זייטל האָט געהאַט דעם נומער פערציק! אָבער ס'איז גענוג געווען, אַז קאַרנעליע זאָל אַדורכלייענען די ערשטע צוויי זאַצן, כּדי צו וויסן די גאַנצע מעשה:

„טייערע באָבעשי!

איך בין אין דער ערגסטער לאַגע, וואָס דו קענסט זיך באַר פאָרשטעלן. ווייל ראָגער לאָוועל, דער יורש פון אַ לאַנגע קייט פרום-גלויביקע אבות, האָט דריי חדשים געקעמפט מיט

זיין געוויסן און לסוף זיך באַשלאָסן, צו ראַטעווען מיין נשמה דערמיט וואָס ער וועט דערציילן דעם טאַטן פון דעם אויסגע־לאַסענעם פאַרשלאַג, וואָס איך האָב אים פלומרשט געמאַכט אין קעמפּ־פּוטנעם! אַלזאָ הער אויס! איך בין איצט פאַר־שפּאַרט אין מיין צימער און מ'האָט מיר פאַרווערט אַרויסצו־גיין פון דאָרטן, כל־זמן איך וועל נישט געבן תקיעת־כף צו ווערן בעסער; און אַזוי אַרום בין איך געצוווּנגען אָפּעקצושיקן דיר דעמדאָזיקן בריוו דורך איינע פון די מיידלעך.

XIII

דער קעגנערישער צד האָט זיך צוגעגרייט צום קאַמף. ס'זענען געווען צוויי קעגן איינעם. די מלחמה האָט מען גע־דאַרפט פירן מיט די שאַרפסטע כלי־זין, הגם אין דער פאָרם פון העפלעכקייט און אפילו מיט ליבע.

דאָס ערשטע, וואָס דבורה האָט געטון, איז געווען דאָס, וואָס זי האָט פאַרגאָסן נאָך אַ פּאָר טרערן. דאָס איז איר אָנ־געקומען נישט לייכט, ווייל זי איז דאָך געווען גרויסמוטיק און באַהערשט — אַ מוסטער פון אַריסטאָקראַטישער צוריקגעהאַלטנ־קייט, אָבער דאָ, קעגנאיבער איר, שטייט דידאָזיקע רחמנותדיקע געשטאַלט, מיט גרויע האָר, איינגעבויגן און קרום אין אָרע־מע, צעקנייטשטע מלבושים, דורכגענעצט פון צעגאַנגענעם שניי— און דאָס איז איר מאַמע. אפילו ווען זי זעט, אַז די מאַמע אירע איז משוגע געוואָרן, וואָלט שוין דער איינדרוק נישט געווען קיין שטאַרקערער. זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן פאַרשידענע פאַמיליען־סצענעס, וואָס דבורה האָט באַשלאָסן נישט צו געדענקען, אָבער וואָס האָבן זיכער גורם געווען איר מאַמעס משוגעת. טרערן זענען געריננען איבער אירע באַקן — און זי האָט געהאַט אַזאַ לענגלעך פּנים, וואָס דאָס געוויין האָט לחלוטין נישט שענער געמאַכט.

קאָרנעליע האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו פּלאַ־טערן, ווי אַ פויגל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ. „קעמף

קעמף, לאָז דיך נישט כאַפּן". אין משך פון די אַנדערהאַלבן יאָר האָט זי געהאַט גענוג צייט, צו פאַרטראַכטן זיך וועגן איר סיטואַציע און זי האָט גוט געקענט אַלע פאַמיליע־קונצן צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון אַ יחיד. זי האָט זיך דערמאָנט איר קוזינע אַמעליע קווינסי, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין חתונה צו האָבן מיט אַ מענטשן, וואָס איז נישט געפעלן געוואָרן דער פאַמיליע. איר מוטער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן — אַ צוזאַמענברוך פון די נערוון — און דידאָזיקע קראַנקהייט האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז אַמעליע האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון איר אויסגעוועלטשעמס חתן און ביז ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מיידל.

דערפאַר האָט זיך קאָרנעליע איצינד אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט דרייסט:

— דבורה, ס'איז זייער נאַריש פון דיר, וואָס דו פירסט זיך אַזוי אויף. ס'איז מיר דאָ נישט געשען קיין שום שלעכטס. און איך פאַרזיכער דיר, אַז מיינע קינדער וועלן מיך נישט צעברעכן מיט זייערע טרערן.

דאַן האָט זיך דבורה אויפגעהויבן צוריק אין איר פולער חשיבות.

— איך וועל דיך לעגגער נישט פּייניקן. איך האָב אודאי נישט קיין רעכט דיר צו שטערן, אַז דו זאָלסט לעבן ווי דו ווילסט.

— קיין שום רעכט נישט, מיין קינד.

— אָבער איך האָב רעכט צו שטערן, ווען דו ווילסט פאַרדאַרבן דעם גייסט און דעם כאַראַקטער פון מיין יונגער טאָכטער.

— איך מיין, אַז איך האָב עס נישט געטון.

— אויב אונזער טאָכטער האָט אונז נישט געזאָגט קיין ליגן, האָסטו זי אַריינגעפירט אין אַ געזעלשאַפט פון אַטעיסטן און אַנאַרכיסטן.

— זיי זענען נישט קיין אטעיסטן, דבורה, דאָס איז נישט ריכטיק.

— דו מיינסט, הייסט עס, אז דערדאָזיקער איטאַליענער, ווי הייסט ער דאָרט, איז נישט קיין אַטעיסט.

— ער האָט מיר זייער גענוי געגעבן צו פאַרשטיין זיין גלויבן. ער דינט צו אַ גאָט, אַ גאָט פון דער נאַטור, אַ גאָט פון ליבע און יושר. ער דינט בלויז צו דעם איינעם גאָט — איז ער דערפאַר אפשר אַן אומגלויביקער!

דבורה האָט נישט אָנגענומען די אַרויספאָדערונג אויף אַ טעאָלאָגישע דיסקוסיע.

— ער איז אודאי אַן אָנהענגער פון פרייע ליבע אויך.

— דאָס איז אויך נישט אינגאַנצן אמת. איך צווייפל זייער, צי וואַנצעטי איז שוין בכלל געווען נאָענט מיט אַ פרוי. ער איז אַ הייליקער, וואָס גלויבט אין דער פרייער ליבע.

— דו שפּאַסט מסתמא, מאַמע.

— עס זעט אויס אַזוי, איך ווייס. אָבער דו מוזט דאָך מודה זיין, אַז אַזוינע אידעען פאַרשפּרייטן זיך היינט אויף דער וועלט, און ס'איז אומזיסט צו האַלטן די יוגנט פונדער־ווייטנס, אפילו דאַן ווען מען פאַרשפּאַרט זיי אין באַזונדערע חדרים און מ'כאַפּט איבער זייערע בריוו.

רופּערט אַליין איז געזעסן און געשוויגן. ער האָט גע־האַלטן, אַז וועגן פרייע ליבע קען מען נישט רעדן אין דער קעגנוואַרט פון פרויען. יעדנפאַלס איז פאַר ביידע גלייכער, ביי אַ פאַמיליען־סכסוך וואָס ווייניקער אַריינצומישן זיך אין אַזאַ פאַל. און ווען ביידע דאַמען האָבן זיך פאַנאַנדערגע־שמועסט וועגן דער ווירקונג פון דער חופה, אַלס אַ מיטל אָפּ־צוּוועגדן פון תאוה — האָט רופּערט זיך אויפגעהויבן, צוגע־גאַנגען צום פענסטער, אויפגעעפנט זי און אַרויסגעקוקט. עס איז געווען אַן איידעלע אָנצוהערעניש. די דאַמען האָבן פאַרשטאַנען און אָנגעהויבן צו דיסקוטירן וועגן אַנאַרכיזם. קאָרנעליע האָט אַנטוויקלט די אַנאַרכיסטישע טעאָריע און דבורה האָט גערעדט וועגן אַנאַרכיע, און זי האָט זיך בשום אופן נישט

געלאָזט קלאָר מאַכן דעם אונטערשיד. קאָרנעליע האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי ווייסט, שוין אַנדערהאַלבן יאָר ביי אַנאַרכיסטן און זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען ביי זיי קיין שום באָמבעס, אַ חוץ די, וואָס בריגי האָט אָנגערופן: „באָמבע די פּיסטאַציאָ“.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די אויסלענדער און וועגן דעם, וואָס זיי לעבן ווי חזרים. דאַן האָט רופּערט איינגעזען, אַז ער דאַרף זיך דאָ אַריינמישן מיט זיין מענער־אויטאָריטעט.

— מאַמע! — האָט ער געזאָגט, נישט געקוקט אויף די בייזע מינעס פון זיין ווייב — מיר וועלן היינט נישט פאַרטיק ווערן, אויב מיר וועלן זיצן כסדר אַזוי און רעדן וועגן אַלע זאַכן. מיר מוזן זען עפּעס באַשליסן. איך ווייס, אַז סוף־כל־סוף וועלן אונזערע געמיינזאַמע געפילן און די אַכטונג, וואָס מיר פילן איינער צום אַנדערן, ווירקן, אַז מיר זאָלן זאָלן קומען צו אַ הסכם. איך האָף, אַז ס׳וועט זיך מיר איינגעבן דיך איבערצורעדן, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן אַהיים און וווינען ביי אונז. איך ווייס, אַז דו ווילסט צורעדן בעטין צו — — נו, צו אַ גרויסער ענדערונג אין אירע מיינונגען. נאָר דאָס בעטן מיר און מיר זענען זיכער, אַז דו וועסט נישט וועלן גורם זיין קיין סקאַנדאַל אין אונזער פאַמיליע.

אַוודאַי נישט, רופּערט!

— זייער פיין, טאָ קום מיט אונז. ביסלעכווייז וועלן מיר אַלצדינג ברענגען אין דער בעסטער אָרדענונג.

— ס׳איז גרינג צו זאָגן, רופּערט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז מיין אומקערן זיך אַהיים איז פאַר אייך געפערלעך. שטעל זיך פאָר, אַז איך קום צו אייך צו גאַסט און איך האַלט פאַר מיין פליכט אויפצוטרעטן אויף דער טריבונע און דערקלערן, אַז דער פרווו אַריינצושלעפּן אַמעריקע אין דער מלחמה איז אַ פאַרברעכן קעגן דער ציוויליזאַציע, און, אַז דער טרייבענדיקער עלעמענט הינטער דעמדאָזיקן פאַרברעכן, זענען אונזערע גרויסע באַנקירן, וואָס האָבן ענגלאַנד, פראַנק־

רייך און איטאַליען געליען אַזויפיל געלט, אַז זיי זענען אין דער געפאַר צו פאַרלירן זייער קאַפּיטאַל, אויב אַמעריקע וועט זיך נישט אַריינמישן אין דער מלחמה...

רופּערט אַלווין, דער פּרעזידענט פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל באַנק אין באָסטאָן, די מעכטיקסטע פיגור פון דער פינאַנס-וועלט אויף סטעיט-סטריט, האָט געפילט, ווי זיין שוויגער וואָלט אַרויסגעצויגן אַ שאַרפע שפּיז און אַריינגעשטאָכן דעם שפּיץ אין איינעם פון זיינע וועסטל-קנעפּעלעך. די גרויסע, גראָבע קנייטשן אויף זיין פּנים זענען געוואָרן נאָך גרעסער, פון ראָזאַ זענען זיי געוואָרן רויט און פון רויט פּורפּור. זיינע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און זיינע הענט, וואָס זענען געלעגן אויף די גרויסע קני האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און אויפגעלאָפן פון אָנשטרענגונג. צי איז אים געליימט געוואָרן די צונג אין מויל, אָדער צי האָבן זיינע געהירן אויפגעהערט צו אַרבעטן? רופּערט אַלווין האָט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט.

XIV

— קינדער — האָט געזאָגט קאָרנעליע — איך וויל זיין אָפן און איך וויל זיך באַמיען, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין, ווי ווייט עס וועט מעגלעך זיין. פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך געטון דאָס, וואָס עס האָבן מיר געהייסן מיינע פלומרשטע פליכטן און געלאָזט באַהערשן מיין לעבן דורך אַנדערע. איך בין געווען זייער אומגליקלעך און ווי ווייט אומגליקלעך האָב איך זיך ערשט דערוווסט נאָך יהושעס טויט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו טון, וואָס איך האָב געוואָלט. יעצט וועל איך דעם סוף פון מיין לעבן אַליין באַשטימען און נישט זיין מער אַ שרייפעלע און דער פאַמיליען-מאַשין. דאָס אַלץ וועט אפשר זיין פאַר אייך אויסטערליש, — אָבער איר קענט זיך טרייסטן בלויז מיט דעם איינעם, וואָס דאָס איז עכטער „באָסטאָן", „אַלט באָסטאָן", דאָס בעסטע, וואָס איז נאָר פאַראַן. אַלץ וואָס

איז באַרימט און אונזער געשיכטע האָט אַ שייכות מיט אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין מורא געהאַט, אַרויסצוטרעטן קעגן די אָנגענומענע מיינונגען. צו דעם געדאַנק בין איך אויך צוגעקומען, ווען איך בין געבליבן אַליין און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם. טוט אַ טראַכט וועגן ווענדעל פיליפס — איר קענט קיין שום זאַך נישט זאָגן וועגן זיינע אבות, עס איז נישט געווען כמעט נאָך אַזעלכע יחסנישע „בעק-ביי"-מענטשן, ווי זיי — פונדעסטוועגן האָט ער געקעמפט פאַר די שקלאַפן, איז געוואָרן אַן אַרבעטער-אַגיטאַטאָר, פונקט דאָס אייגענע, וואָס מ'רופט היינט אָן „פּאַציפיסט" און „רויטער". אַזוי איז געווען תמיד מיט אַלע, וואָס איר פאַרערט, אַלע, וואָס זענען באַוווּסט אין דער וועלט: סאַמועל עדעמס און דזשאָן קווינסי עדעמס, עמערסאָן און טאָראָו און פּיפּס און זשעריסאָן און דזשעמס רוסעל לאָוועל. יאָ, אַפילו אַ לאָוועל איז געווען צווישן זיי, ווייטער: דבורה און טאָמאַס וועגטוואָרד היידזשינסאָן — אַפילו אַ היידזשינסאָן, רופערט! דערציייל דאָס דער סטעט-סטריט! די געשיכטע פון באָסטאָן האָט געמאַכט אַ רעטנדיקע מינדערהייט, איר דאַרפט עס דאָך וויסן, ניין?

— יאָ, אָבער, מאַמע, דאָס אַלצדינג איז געווען אַמאָל.

— און איצט איז שוין די וועלט, הייסט עס, פאַלקום, און מ'דאַרף נישט קיין שום ענדערונגען? נו, מיין טייערע, קען איך דיר טאַקע זאָגן, אַז איך האָב שוין אַ קוק געטון אויף דער וועלט, און איך בין געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי און אונזער היינטיקער צייט, ווען צען אָדער צוואַנציק מיליאָן מענער שטייען איינער קעגן אַנדערן און באַנוצן זיך מיט דער גאַנצער טעכניק און מיט דעם גאַנצן שכל כדי זיך אויסצושעפּטן. ניין, איך מיין, אַז מיר דאַרפן אַלצדינג ענדערן. און צווישן די מענטשן וואָס וועלן העלפן, אַז די וועלט זאָל זיך איבעראַנדערשן, מעגן זיך געפינען אַפילו טאָרנוועלס. און איר קענט זיך אַפילו פילן צוליב דעם פאַרשעמט, איר קענט אַפילו האָבן צוליב דעם חרפות און בושות. איך גלויב נישט, אַז איך זאָל זיין איינזאַם

מיט מיינע אָנשויאונגען. איך קען אייך אַפילו אויסרעכנען א גאַנצע רייע עלטערע פרויען, וואָס האָבן אוועקגעוואָרפן זייערע פאַמיליעס, געוווינט איינזאַם אין האָטעלן און אַכסניות, און זיך איבערגעגעבן זייערע אידעען. איך אַליין האָב זיי קיינמאָל נישט באַגעגנט. יהושע האָט מיר געשטערט צו האָבן מיט זיי יעדער באַציונג. אָבער איצט וועל איך זיי אויפזוכן. איך מיין, אַז איך וועל אַריינטרעטן אין דעם קלוב „דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט".

— אָ, מאַמע! ווי שרעקלעך!

— איך וועל אַריינטרעטן אין סופראַזשיסטן־קלוב אויך. דוכט זיך מיר, אַז ס'איז פאַראַן צוויי. די סאָציאַליסטן האָבן אויך אַזאַ אָרגאַניזאַציע. איך בין נישט קיין אַנאַרכיסטין, דו קענסט זיין גאַנץ רויק. די אַנאַרכיסטן האָבן בכלל נישט קיין שום אָרגאַניזאַציע. די פאַציפיסטן אָבער האָבן יאָ. לויט ווי איך האָב געהערט, געהערט אַפילו צו זיי די פרוי אַבגיל וועבסטער עדעמס. אָבער רופערט זאָגט, אַז מ'דאַרף זי אַריינגעבן אין א משוגעים־הויז. יאָ, אַזוינע געדאַנקען האָבן די זאַטע מענטשן אַרויסגעזאָגט אין אַלע צייטן. איך דערמאָן מיך טאַקע איצט, אַז סאָקראַטעסן האָט מען פאַרמשפט פאַר אונטערהעצן די יוגנט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַזוינע מענטשן ווי דו פאַרשפאַרן אַנדערע אין משוגעים־הויז, קענט איר אָבער נישט פאַרשפאַרן זייערע אידעען. מען קען נישט תמיד אויס־רעכענען אויף דעם, אַז דאָס שטוב־מיידל וועט איבערגעבן די בריוו.

קאָרנעליע האָט איבערגעריסן, אָבער אין א ווײַלע אַרום האָט זי, קוקנדיק דער טאָכטער גלייך אין די אויגן אַריין, געזאָגט:

— יאָ, מיין טייערע, דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. און איצטער מוז פאַר אייך אַלע קלאָר ווערן, אַז אייער מאַמע קעמפט פאַר דער קעגנוואַרט. דיין מאַמע וועט קעמפן פאַר אירע איבערצייגונגען מיט דער זעלבער עקשנות, ווי דו פאַר דיינע. אַן אינערלעכער דראַנג צווינגט איר, צו פאַרשפרייטן

אירע אידעען. און דעמדאָזיקן שטאַרקן אומגעלעבן דראַנג איז אוממעגלעך צו באַקעמפן, ווייל דאָס איז דער לעבעדיקע געוויסן פון די אַמאָליקע פּוריטאַנער. וואָס איז אמת, איז עס נישט צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט. אָבער עס באַקומט אַ נייע פאָרם, עס איז די שטים פון בלוט, וואָס רופט זיך אַלע מאָל אָפּ פונסניי, ביז ס'לאָזט נישט איבער הינטער זיך קיין בולטע סמנים פון אָפּגעטויענע מעשים — אַ נייע אידעע, ווי למשל, די אומאָפּהענגיקייט פון די קאָלאָניעס, די באַפרייונג פון די שקאַפן, די פאַרניכטונג פון מלחמה אָדער די באַפרייאונג פון אַרבעטער-קלאַס. און דער קומענדיקער דור וועט ווידער פאַרגעסן, אַז מ'האָט געקעמפט, זיי וועלן רעדן שטאָלץ פון באָסטאָנס רום — וואָס פאַר אַ גרויסע מענטשן ס'האָבן געלעבט און געקעמפט פאַר איר! און זייערע אייניקלעך וועלן ווידער ווערן אַריסטאָקראַטן און וועלן זיך ווינטשן, אַז אַלץ זאָל בלייבן, ווי געווען.

XV

קאָרנעליע האָט זיך פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, וואָס זי האָט שוין געטראַכט וועגן אים עטלעכע חדשים.

— איך וועל בקרוב קומען צוריק אין שטאָט, דינגען אַ קליינע וווינונג און בעטי וועט קענען זיין מיט מיר. אין דעם איז נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל נישט פּאַסן. דאָס וועט נאָך אפשר ריינוואַשן אייער אַנטלאָפענע באָבע. און איך בין איבערצייגט, אַז איך וועל וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט בעטין און אָפּהיטן זי, אַז זי זאָל נישט צו ווייט אַוועק. זי אַליין האָט עס מיר געבעטן און איך ווייס, אַז זי וועט זיך פילן מיט מיר גליקלעך.

— אַ שיינעם דאַנק פאַר דער טובה! — האָט דבורה געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישן טאָן. — לויט די בייסטע באַגריפן איז די ערשטע און וויכטיקסטע פליכט פון די עלטערן, גליקלעך צו מאַכן זייערע קינדער. אָבער פונדעסטוועגן זענען

נאָך פאַראַן צווישן אונז אַלט-מאָדישע עלטערן, וואָס זאָרגן זיך פאַר זייערע קינדערס נשמות אויך.

— יאָ, מיין טייערע. קען זיין, אפשר, אַז די גאַנצקייט פון בעטיס נשמה איז אָפּהענגיק אָן דעם, צי זי גלויבט אין אַלצדינג, וואָס מ׳דרשנט אין דער דריי-איינינקייטס-קירך; הגם איך בין מער ווי זיכער, אַז דער פריידיקער אַליין גלויבט נישט אָן דעם. אָבער לאָמיר בעסער רעדן צו דער זאַך. וואָס טראַכט איר צו טון מיט בעטין? אין אַלגעמיין איז מען זיך נוהג, ווען מ׳האָט מורא, אַז אַ טאָכטער זאָל נישט אָנטון קיין חרפּות, שיקט מען זי אַוועק מיט אַ מימען קיין איירָאָפּע. דאָרט פאָרן זיי אַרום אַ יאָר צייט, באַקוקן קירכעס און בילדער און דאָס אַלץ רופט מען קולטור. אָבער היינט איז דאָך מלחמה און עס איז אוממעגלעך. איר קענט זי בלויז שיקן קיין מערב און זי זאָל דאָרט באַקוקן די שטאַרק אומקולטורעלע פעלזן און טייכן. נאַטירלעך קענט איר זי וויטער פאַרשפּאַרן, אָפּנעמען ביי איר די פרייהייט מיט געוואַלט, אָבער אָט די אַלע מיטלען וועלן נאָר אַרויסרופן ביי איר עקשנות און ס׳וועט דערפירן צו סקאַנדאַלן. די דינערשאַפט וועט זיך דערוויסן און אין משך פון איין אָוונט וועט די גאַנצע בעקביי רעדן דערפון, און יעדער איינער וועט טראַכטן, אַז אייער קינד האָט אָפּגעטון אַ סך ערגערע זאַכן, ווי אירע ראַדיקאַלע רעדעס. איבעריקנס קענט איר זי דאָך האַלטן פאַרשפּאַרט נאָר אַ קורצע צייט, זי ווערט דאָך שוין באַלד פול-יעריק און איר וועט נישט האָבן איבער איר קיין שום דעה.

— מיר קענען זי אויסשליסן פון ירושה!

— יאָ, פאַרשטייט זיך, איר קענט עס טון. אָבער זי וועט באַקומען מיין פאַרמעגן —

— איך גלויב, מאַמע, אַז אויב מיר רעדן שוין יאָ וועגן די זאַכן, בין איך מחויב איבערצוגעבן דיר, ווי עס האַלט מיט דיין פאַרמעגן — האָט רופּערט געזאָגט — דו פאַרמאָגסט נישט קיין שום קאַפּיטאַל, נאָר אַ שטענדיקע הכנסה פון פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, פּראָצענט פון די נחלאות.

— מילא, רופּערט — איך בין אויסגעקומען גאַנצע אַנדערהאַלבן יאָר מיט זעקס הונדערט.

— מוטער, רעד שוין נישט וועגן דעם! — דידאָזיקע, שטענדיק צוריקגעהאַלטענע טאָכטער האָט זיך אין דעם פאַל נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אַ דערשראָקענעם אויסרוף.

— פאַרוואָס זאָל איך דען נישט רעדן וועגן דעם? איך האָב געלעבט פון מיין אַרבעט און אפילו נאָך עפּעס אָפּגעשפּאָרט אויך. איצט, אַז איך וועל זיך אומקערן אין שטאָט אַריין און באַקומען פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָר — חוצדעם, וואָס קומט מיר נאָך פון פריער — וועלן מיר ביידע, איך און בעטי, זיין גאַנצע גבירים.

— ס'וועט אפילו נישט קלעקן פאַר בעטין אויף קליידער.

— קען זיין, דבורה, אַז דו קענסט דיין טאָכטער בעסער איידער איך, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז בעטי וועט זיך מיט פאַרגעניגן אויסלערנען אויפצונייען אַליין אירע קליידער. אפשר וועסטו מיר דערלויבן, איך זאָל זי פרעגן וועגן דעם?

— בשום אופן נישט! נישט געקוקט אויף דיין חוזק, בין איך אַ גלויביקע און האַלט נאָך פון אַביסל אָנשטענדיקייט און פאָרם. איך וויל אויף קיין פאַל נישט דערלאָזן, אַז מיין טאָכטער זאָל ווערן אַן אַנאַרכיסטין און אַטעיסטין — אָדער סתם אַ סאָציאַליסטין און פריידענקערין — אפילו נישט קיין הייליקע, וואָס גלויבט אין דער פרייער ליבע!

— אָהאָ! זייער פיין דבורה, אפנים, אַז ס'פעלט אונז ביידע נישט קיין טאַלאַנט צו בייסן זיך מיט שטעכווערטלעך. אָבער שטעל זיך דיר פאָר איין רגע אין מיין לאַגע, פערציק יאָר האָב איך געטריי געדינט דיין פאָטער, און די גאַנצע צייט נישט דערוועגט זיך צו טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרדריסן. איך האָב אויך געהאַט דריי טעכטער, און געהאָלפן אויסזוכן פאַר אייך מענער, וואָס כ'האָב געוווּסט, אַז זיי זענען פונקט דאָס, וואָס אייער טאַטע האָט געוואָלט. אויב דו האָסט זיך געהאַט עפּעס צו באַקלאָגן אויף

דיין מאַן, ביסטו געווען צו שטאָלץ מודה צו זיין זיך פאַר מיר, אמת, דבורה? —

קאָרנעליע האָט איבערגעריסן און אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל דיזם בכבודיקן רופערט. דאַן האָט זי גערעדט ווייטער:

— איך ביידע האָט דאָס, וואָס איר האָט געוואָלט. אָבער איך האָב זייער ווייניק. איך בין אַלט, עלנט און פאַרמאָג נישט קיין שום זאַך, אַ חוץ אַן אָרעם געטריי האַרץ. איך האָב עלף אייניקלעך, אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט צוגעבונדן צו מיר. איך אַפּעליר צו אייער יושר: צי האָב איך נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז איינס פון מיינע עלף אייניקלעך זאָל זיין מיט מיר אויף מיינע עלטערע יאָרן?

דבורה איז באַזיגט געוואָרן מיט איר אייגן געווער. זי האָט נישט געקענט באַהערשן איר גערירטקייט:

— איך מיין, אַז דו וואָלסט געטון אַ סך גלייכער, ווען דו קלויבסט אויס איינס פון קלאַרעס אַכט קינדער און נישט מיינע אַ טאָכטער.

— דאָס איז אמת, אָבער איך האָב בעטין נישט אויס־געקליבן. זי האָט מיך אויסגעקליבן. אָבער ריכטיקער — דער שיקזאַל האָט אויסגעקליבן. צווישן אונז איז פאַראַן אַן אינער־לעכע קרובהשאַפט. איך פאַרזיכער דיר, דבורה, אַז עס וואָלט מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו טון דאָס, וואָס איז געשען פון זיך אַליין. אָבער עס איז געשען, און מיר מוזן זיך רע־בענען מיט דעם.

— קיינמאָל נישט — האָט דבורה אַ געשריי געטון. אירע ליפּן זענען געווען צוגעפּרעסט און צוגעגעבן איר געזיכט אַן אויסדרוק, וואָס קאָרנעליע האָט שוין טויזנטער מאָל געזען אויף יהושע טאָרנוועלס פּנים. אַן אויסדרוק, וואָס איז אין מוזיק־צימער פון הילוויו־הויז פאַראייביקט געוואָרן אויף די אייל־פּאָטרעטן פון פיר גובערנאַטאָרן.

קאָרנעליע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר איידעם:

— איז דאָס דיין באַשלוס אויך?

רופערט האָט זיך באַשלאָסן צו האַלטן פאָרזיכטיק, וואָס

פאַסט זייער שטאַרק פאַר אַ „צוגעקומענעם" אין דער פאַמיליע.

— מוטער, איך גלויב, אַז דו וועסט נישט וועלן דערפירן צו בזיונות.

קאָרנעליע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

—קודם כל וויל איך וויסן, וואָס איר האָט בדעה צו טון מיט בעטין?

— מיר וועלן טוען אונזער חוב אַלס עלטערן, און מיר וועלן זען, אַז אונזער קינד זאָל גיין אויפן אָרנטלעכן וועג — האָט דבורה געזאָגט אויפגעבראַכט.

— מיינט איר, אַז זי מוז דעריבער גלויבן אין דעם, וואָס איר גלויבט, אָדער זי זאָל מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי גלויבט, הגם ס'איז נישט אמת? אָדער צי וועט איר זיין צופרידן בלויז דערמיט, וואָס זי וועט נישט אַרויסזאָגן אירע מיינונגען?

— דאָס טאַקע פאַרלאַנגען מיר פון איר, אָבער זי וויל אונז נישט פאָלגן.

— צי זענט איר זיכער, אַז איר האָט ריכטיק געזאָגט, וואָס איר ווילט פון איר? צי זענט איר זיכער, אַז זי פאַרשטייט אייך? איך האָב מורא, אַז איר זענט געווען אַזוי איבערגעשראָקן און אויפגערעגט, אַז איר האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס איר ווילט פון איר.

קאָרנעליע האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך וועל זיך באַמיען צו געבן אייך עטלעכע גוטע עצות און באַרויקן אייך. איך קום מאָרגן אין שטאָט אַריין. איך וועל איינשטיין אין אַ האָטעל. איך וועל זיך איבערטון, אַז איר זאָלט נישט האָבן קיין חרפות פון מיר. און אין אָוונט וועל איך קומען צו אייך אין שטוב, איבערשמועסן מיט מיין אייניקל, זי זאָל זיך האַלטן פיינער... ווי אירע עלטערן.

— דו דאַרפסט נישט טראַכטן אַזוי שלעכט וועגן אונז — מוטער. — רופערט האָט נאָך אַלץ געוואָלט מאַכן שלום.

— עס האָט נישט קיין זין רופערטנאָך צו רעדן ווייטער דעם היינטיקן אָוונט וועגן דעם ענין. פאַר דער פאַמיליע

טאַרנוועל, האָבן מיר שוין היינטיקן אָוונט צופיל גערעדט. מסתמא בין איך נישט קיין ריינער „באָסטאָן", אויב איך בין געווען אַזוי גראָב, נישט צו באַהאַלטן פאַר אייך דעם אמת. אָבער איך האָב זייער ליב בעטין, און איך קען נישט פאַרטראָגן, ווען מ'טוט איר עפּעס וויי. איך וועל טון אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען, איך וועל איר עצהן, אַז זי זאָל אונטערדריקן אירע רעוואָלוציאָנערע יונגע אידעען וועגן חתונה, פּריוואַט-אייגנטום און מלחמה און אַלצדינג, וואָס זעט אויס אין אייערע אויגן שלעכט—אַזוי לאַנג בין זי וועט ווערן פולייעריק און זי וועט קענען טון, וואָס זי וויל.

קאָרנעליע האָט גענומען איר טוך און געוואָלט אָנטון אויף זיך.

— מאַמע! די טוך איז זייער נאַס, איך בעט דיך, נעם מיין מאַנטל.

— מאַכט נישט אויס, אין שטוב וועל איך האָבן אַ וואַרעמען אויוון.

— אָבער מאַמע, דו מוזט מיט אונז עסן אָוונט-ברויט.

— מיינע פריינט האָבן אָנגעגרייט פאַר מיר עסן, ווען איך וועל אַהיימקומען. איך קען איצט נישט עסן.

זי האָט ווידער געזען טרערן אין דבורהס אויגן, פּונקט ווי ס'האָט זיך געפּאַסט. ווען רופּערט האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צוצורעדן דער שוויגער, זי זאָל פאָרן מיט זיי צוזאַמען קיין באָסטאָן, האָט זי געענטפערט, אַז צוליב אַ געוויסע סיבה, וויל זי בעסער פאָרן מיט דער באַן. זי איז צו צו דער טיר:

— אַ גוטע נאַכט, מיינע קינדער!

רופּערט האָט אַ כאַפּ געטון דעם פּאַלטן און געלאָפן הינטער איר.

— מוטער, דערלויב, מיר וועלן דיך אָפּפירן אַהיים מיטן אויטאָמאָביל.

— ניין אַ שיינעם דאַנק, עס איז זייער גוט צו גיין.

— אָבער מאַמע, ס'איז דאָך אַן אומזין. אין דרויסן איז דאָך אַ שטורעם?

— אַנדערהאַלבן יאָר בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט אין פאַרשידענע שטורמס. האַלב זיבן אינדערפרי און ביינאַכט. און ביז היינט האָב איך נאָך נישט דורכגעלאָזט קיין איין טאָג.

קאָרנעליע האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַרויסגעגאַנגען; רופּערט און דבורה זענען איר נאָכגעגאַנגען און געבעטן זי שטילערהייט מיט שבועות, ביז צו דער גאַס. אָבער זי האָט צוגעדריקט די ליפּן און געשוויגן. און ווען רופּערט האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און געוואָלט אַריינפירן אין אויטאָמאָביל, האָט זי זיך אַ ריס געטון פון אים און נאָכאַמאָל אויסגעשריגן:

— אַ גוטע נאַכט, מיינע קינדער.

און זי איז גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינסטער-ניש.

XVI

קאָרנעליע האָט געהאַלטן וואָרט און צומאָרגנס אין אָוונט איז זי געקומען צו גיין צו די אַלווינס אין זייער פּאַלאַץ אויף דער קאָמענוועלט-עוועניו. זי איז געווען אָנגעטון באַשיידן און רויק, ווי אַן עלטערע דאַמע פון די פּראָגרעסי-ווע קרייזן. זי האָט בערוועז אָנגעגעק.ונגען, זי איז געווען אומ-זיכער, ווי אַזוי מ'וועט זי אויפנעמען, אָבער זי האָט דאָרטן געטראָפן אַן איבעררראַשנדיקע סיטואַציע: די גאַנצע פאַמיליע איז געווען אין שטוב. בעטי איז געווען אויף דער פריי און ווייטער געגאַנגען אין שול צו פריילין ווילסאָן. דער גאַנ-צער טאָרנוועל-שטאַם איז געווען דאָרטן, כדי מקבל פּנים צו זיין די צוריקגעקומענע באָבע. זיי האָבן זי אַרומגערינגלט מיט ליבע, פריינטלעכקייט, איידלקייט און שיינקייט, כדי צו פאַנגען זי מיט דעמדאָזיקן דעמאָנסטראַטיוון כבוד, אַז זי זאָל אַליין

זען, ווי ווייט זיי שטייען העכער פון אנאַרכיסטן, אַטעיסטן און אָנהענגער פון פרייע ליבע.

קלאַרע איז געקומען, אַרומגערינגלט מיט אירע אַכט קינדער, און מיט איר מאַן דזשעמס סקאָטערברידזש, וואָס די זייטיק-פּאַרדינטע מיליאָנען האָבן אים אַראָפּגעשטראַלט פון פּנים. אַליס האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי עלעגאַנט, קיינמאָל נאָך נישט אַזוי ליבלעך אָן דעם מינדסטן סימן פון סקאַנדאַל, און היסטערישע אָנפאַלן; איר מאַן הענרי ווינטערס מיט אַ רינג אויף דער האַנט, דבורה און רופּערט, ביידע אויסערגעוויינלעך ליבלעך און שמייכלענדיק, בעטי אַביסל בלייך נאָך די איבערגעלעבטע מאָראַלישע שטורמס, אָבער פונדעסטוועגן זיס און צאַרט, איר עלטערע שוועסטער פּריסציליאַ, דער עלטער-פעטער אבנר מיט זיין זון, דער פעטער קווינסי, וואָס האָט גערעדט הייזעריק, ווי ער וואָלט געליטן אויף אַ כראָנישע האַלדז-קראַנקהייט... אַלע אָנגעטון אין פייערלעכע קליידער, אַלע העפלעך, זיי האָבן נישט געמאַכט קיין שום באַמערקונגען, קיין שום פאָרווורפן, נישט געמאַכט אַפילו דעם מינדסטן טאַקטישן פעלער, אַחוץ דער עלטער-פעטער אבנר, וואָס האָט מיט זיין טויבער שטימע געשריגן איבערן גאַנצן זאַל:

— נו, נו, קאָרנעליע, אַ סבראַ, אַז דו האָסט פאַרדינט געלט.

אַפּנים, אַז אַלע האָבן זייער גוט איינשטודירט זייערע ראָלן. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער חשיבות, צו זייער צוריקגעהאַלטנקייט און גוטע מאַנירן — צום „אַלטן באָסטאָן". קאָרנעליע און בעטי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זיי. ס'איז נישט פאָרגעקומען קיין שום סכסוכים, קיין שום סצענעס, קיין שום סקאַנדאַלן און פערזענלעכע אָנגריפן, קיין וואָרט נישט וועגן אַנאַרכיזם, אַטעיזם אָדער פרייע ליבע.

מ'האָט געפירט אַ לעבעדיקן שמועס, איבערדערציילט פאַמיליע-נייעסן, מ'האָט זיך געמאַכט קאָמפּלימענטן און פאַרשיידענע העפלעכע באַמערקונגען. ווען וועט קאָרנעליע קומען אַ קוק טון אויף איר ניי אייניקל? צי ווייסט זי, וואָס פאַר אַן

אויסצייכענונג אַליטעס זון האָט באַקומען אין דער שול הייליקער מאַרק? צי האָט זי געהערט וועגן די אויסצייכענונגען, וואָס דער פעטער קווינסי האָט באַקומען אין שאָך־שפּיל?

— און וואָס מאַכט עפּעס דיין אַטרעטיזם, אבנר? — און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דזשעמס, מיט דעם הויז, וואָס דו בויסט? ס'איז געווען אַ מבול אָנגענעמע ענינים צו שמועסן וועגן זיי, אַז די נאַכט איז אַוועק מיט גאָרנישט און קאָרנעליען האָט זיך קוים איינגעגעבן צו רעדן עטלעכע ווערטער מיט בעטין.

— באָבעשי, וויאַזוי האָסטו דאָס אַלץ געטון?

— איך ווייס נישט, מיין קינד, וואָס האָב איך דען אַזוינס געטון?

— האָסט דאָך איינגאַנצן איבערגעאַנדערשט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. זיי זענען היינט איינדערפרי געקומען אַזוי גוט, זיס ווי צוקער.

— איך מיין, אַז זיי האָבן געהאַט צייט זיך איבערצוטראַכטן און איבערצוצייגן זיך, ווי ליב זיי האָבן דיך — קאָרנעליע האָט באַשלאָסן צו זיין טאַקטפול.

— אָבער נעכטן האָט מיך די מאַמע נישט געלאָזט צומאָל פאַרענטפערן זיך פאַר איר. כ'האָב געמוזט צושווערן, אַז איך וועל קיינמאָל נישט גלויבן אין דעם, וואָס איר איז נישט צום האַרצן, אַז איך וועל קיינמאָל נישט רעדן מיט קיינעם וועגן אַזעלכע זאַכן און וועל קיינמאָל אין דער האַנט נישט נעמען אָט די ביכער. צי האָב איך געקענט שווערן, באָבע? דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי שרעקלעך ס'איז מיר געווען צו זאָגן דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז איך וועל זיי נישט פאָלגן. איך האָב געמיינט, גאָט ווייס, ווי לאַנג איך וועל מוזן זיצן פאַרשפּאַרט אין מיין צימער. אָבער נאָכן שמועס מיט דיר, האָבן זיי מיך נאָך געבעטן, אַז איך זאָל זיי נישט אָנטון קיין בזיונות פאַר מענטשן.

קאָרנעליע האָט איר שוין געוואָלט זאָגן, אַז רופּערט און דבורה האָבן זיך געמוזט איבערצייגן, ווי ווייט דער על־

טערער דור איז ערגער, ווי דער יונגער, און זיי האָבן מורא גע־קריגן. אָבער זי האָט עס נישט געזאָגט, ווייל זי האָט באַשלאָסן צו זיין טאַקטפול.

— איך האָב בדעה צו דינגען אַ קליינע וווינונג, מיין טייערע, דו וועסט קענען קומען צו מיר, און מיר וועלן זיך איבערגעבן אונזערע געדאַנקען און פאַרשפּאָרן אָנצוטון צרות דער פאַמיליע.

אַזוי האָט גערעדט קאָרנעליע טאָרנוועל אין יאַנואַר 1916, ווען די דייטשע רעגירונג האָט צוגעגרייט איר קאַמפּאַניע מיט די אונטערוואַסער-שיפלעך, ווען אַלע מיליטאַריסטן אין אַמע־ריקע האָבן אויפגעהויבן זייער שטים און האָבן גורם געווען, אַז די באָסטאָנער פּאַציפיסטישע פרויען זאָלן אָפּהאַלטן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אַרויסטרעטן קעגן דער מלחמה, איבעררייסן מיט זייערע באַנקירישע פאַמיליעס, און ריזיקירן גע־הרגעט צו ווערן דורכן פעבל אָדער אַרעסטירט צו ווערן דורך דער פּאָליציי, און אַ קנאַפּ יאָר, איידער ס'האָט אויסגע־בראָכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט באַלד גע־ברענגט נאָך זיך דעם ווייסן טעראָר אין אַלע קאַפּיטאַליסטי־שע לענדער.

קאפיטל ט

די רעטענדיקע מינדערהייט

I

קאָרנעליע האָט אָפּגעזאָגט די איינלאַדונגען, צו וווינען אין איינעם פון די דריי פאַרשיידענע הייזער, און אַליין אויסגעזוכט זיך אַ וווינונג אין דעם צפון-זייט פון ביקאָן-היל, דאָרט, ווו די אָרעמע וווינען אַזוי נאָענט פון די רייכע, אַז ס׳זעט זיי אויס ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, צו אַרבעטן ביי די רייכע אַלס משרתים, אָדער צו זיין אַן אָביעקט פון זייער רחמנות. זי האָט געהאַט דריי צימערן, אַ קליינע קיך מיט אַ וואַש-צימער; זי האָט געהאַט אַ שטוב פאַר איר אייניקל, אין דעם פאַל, ווען אַלצדינג וועט זיך אַזוי אַנטוויקלען, ווי זי האָט געהאָפט. קאָרנעליע האָט נישט דערמאָנט וועגן דעם, פאַרקערט, אַלעמען האָט זי געזאָגט, צו דער איבערראַשונג פון דער גאַנצער פאַמיליע, אַז זי האָט בדעה צו וווינען אַליין. בעטי אָבער האָט געוווסט דערפון און געהאָלפן איינאָרדענען איר קליינעם צימער; ס׳האָט איר שטאַרק הנאה געטון, ס׳איז געווען אַזויפיל קלענער ווי דער זאַל, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך אינדערהיים, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַן ענגער צימער אַנטקעגן די ראָמאַנטישע איבערלעבענישן פון אַ פריי, נישט געצוימט לעבן און קענען דעם גענוס פון פאַרבאָטענע פרות.

— אָ, באָבעשי, ס׳איז אַזוי אינטערעסאַנט! און ס׳וועט זיין אַזוי פריילעך! צי גלויבסטו, אַז זיי ווילן מיך טאַקע לאָזן קומען צו דיר?

— איך ווייס נישט, מיין טייערע, — ס׳ווענדט זיך אויב מיר וועלן זיך ביידע אויפפירן גוט און אָרנטלעך, און דו וועסט מער נישט טראַכטן וועגן קיין פרייע ליבע. —

— אָ, איך האָב שוין גענוג אויף מיין גאַנצן לעבן. דערדאָזיקער שוידערלעכער, קליינער ראָגער לאָוועל — דאָס איז אַ העסלעכע קאַריקאַטור פון מיין קינפטיקן הערשער. איך ווער רויט פאַר חרפה, ווען איך דערמאָן זיך וועגן אים.

— ער טראַכט מסתמא פונקט אַזוי וועגן דיר, — האָט געזאָגט קאָרנעליע.

— זיי האָבן ביידע אָפּגעהוזקט פון דער זעלבסטבאַהערשונג און טאַקט, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין באָסטאָנער לעבן. פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיך קאָרנעליע פאַרנומען מיט דער הויז-ווירטשאַפט, באַהאַלטן אירע אייגענע געדאַנקען, און זעלטן ווען דערוועגט זיך אָפּצוהוזקן פון יענעמס לעכערלעכקייטן. און ערשט האָט זיך בעטי געמוזט אויסלערנען דידאָזיקע קונסט. זי האָט געמוזט זאָגן: — „יאָ, מאַמע" און „געוויס ליבער טאַטע". דאָס איז דער בעסטער אופן פון פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי. און באַשטימטע פאַלן האָט זי געדאַרפט זאָגן: „איך גלויב מאַמע, אַז עס וועט זיין בעסער, ווען מיר וועלן זיך וועגן דעם נישט שפּאַרן". זי האָט אַפילו אַמאָל געדאַרפט בלייבן פעסט און זאָגן: „איך מיין, באמת, מאַמע, דו זאָלסט מיר מוחל זיין, ווען איך וועל מער וועגן דעם נישט רעדן". ווען זי וועט עס זאָגן אויף אַן העפלעכן אופן, וועט זי אַרויסרופן ביי דער פאַמיליע אַ גרויסן דרך-ארץ און אין איינעם אַ טאָג, וועט זי שוין קענען דערוועגן זיך צו באַמערקן אומגעפער: „מאַמע, איך וועל מאָרגן נאָכמיטאָג איינלאַדן די באָבעשי אויפן סימפאָנישן קאָנצערט". נאָך שפּעטער וועט זי זיך קענען אַרויסרופן און זאָגן: „מאַמע, איך וויל עסן מיט דער באָבען אָוונט-ברויט, און פאַרברענגען מיט איר דעם אָוונט". די מוטער וועט נישט האָבן דעם מוט צו ענטפערן: „ניין, דו מוזט באַלד קומען צוריק אין שטוב אריין!" אָדער פרעגן: „ס׳וועלן נישט זיין דאָרטן קיין אַנאַרכיסטן?"

נאַטירלעך ווענדעט זיך אַלץ אָן קאָרנעליעס „גוטער
אויפפירונג״, אָבער צום באַדויערן האָט די קייזערלעך דייטשע
רעגירונג אָנגענומען אַ נייעם קורס אין דער פּאָליטיק: די אונטער־
וואַסער־שיפלעך וועלן פון איצט אָן דערטרינקען פּאַסאַזשיר־
שיפן אָן שום וואָרענונג. דערפאַר האָט בעק־ביי תיכּף דער־
קלערט דייטשלאַנד מלחמה, בעת דרום־באָסטאָן, דאָס אירלענדי־
שע קוואַרטאַל, האָט דערקלערט מלחמה ענגלאַנד. דער סימבאָל
פון מלחמה איז געווען: אַן אירלענדישע דעמאָנסטראַציע אין
דער ביקאָן־גאַס. די בעק־ביי האָט פאַרמאַכט טיר און טויער,
אָבער די קעכינס און די סאַרווערינס, די שטוב־מיידלעך און
די דינסטן האָבן אויפגעריסן די טירן און די פענסטער פון
די קעלערס, אַוועקגעשטעלט זיך פאַר די הייזער און געשריגן
הוראַ, ביז זיי זענען הייזעריק געוואָרן. שטענדיק האָלט מען
זיך אין איין דערציילן איינעם דעם אַנדערן אויפן אויער די
שווידערלעכע מעשיות וועגן דער אויפפירונג פון די אירלענ־
דישע מיידלעך מיט זייערע אירלענדישע פּאָליציאַנטן אין דער
קיך. אָבער ערשט איז געוואָרן נאָך ערגער, אויפן אָרט פון
די פּאָליציאַנטן האָבן זיי געהאַט דייטשע שפּיאָנעס און קיי־
נער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

איינע פון דעם קייזערס אויפגאַבן און זיינע משרתים
איז פלומרשט געווען, צו פאַרשפּרייטן אַ סענטימענטאַלע שטי־
מונג, כּדי מען זאָל גרינדן פּאַציפיסטישע פאַריינען אונטער
מליצהדיקע, קלינגענדיקע נעמען. עס איז געווען „אַ ברידער־
שאַפט־פאַרבאַנד״ און אַ „פרויען ליגע פאַר פרידן און פרייהייט״
אַ „פאָלקס־ראַט פאַר שלום און דעמאָקראַטיע״ און אַ „אייזל־
פאַרבאַנד פאַר פלוידעריי און געמיינהייט״, — אַזוי לפּחות
האָט זיי אָנגערופן רופּערט אַלווין אין משך פון זיינע ווילדע
כּעס־אויסברוכן. דער „טראַנסקריפּט״ האָט הונדערט צוואָנציק
וואָכן, צוועלף מאָל אין דער וואָך, דערציילט מוראדיקע גע־
שיכטעס, און בעק־ביי האָט געגלויבט אין יעדן וואָרט. מען
קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ סענסאַציע ס'איז גע־
ווען, ווען איינע פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פון די לאַנג־האָריקע

מענער און קורץ-האָריקע פרויען, האָט פאַרשריבן אין איר ליסטע די פרוי פון אַמאָליקן גובערנאַטאָר טאָרנוועל.

און פרוי קאָרנעליע קווינסי טאָרנוועל האָט געדאַרפט האַלטן אַן עפנטלעכע רעדע, און אַגיטירן פאַר אַ שלום-אינטערווענץ מצד אַמעריקע. ווען עס איז דערשינען דידאָזיקע ידיעה, איז איר די גאַנצע פאַמיליע געפאַלן אויפן האַלז, אייבציקווייז און גאַנצע מחנות פאַראַמאָל, און געפּרוווט זי איבעררעדן, אויפווייזן איר משוגעת. קלאַרע האָט זיך אַפילו פאַנאַנדערגעווייגט, באַשווירן איר בײַ אירע אַלע קינדער, ווייל קוים נעמען די דײַטשן איין באָסטאָן, וועלן זיי אָפּשניידן די אַלע זעכצן זיסע, פעטע הענטעלעך. אַליס האָט אָנגעווענדעט איר קונסט, וואָס זי האָט שוין אָנגעווענדעט פערציק יאָר. זינט זי האָט אַנטדעקט, אַז איר שיין פּנים קען צווינגען אַנדערע אונטערצוואַרפן זיך איר ווילן. דבורה, וואָס איר פּנים איז קיינמאָל נישט געווען שיין, האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַן אײַנדרוק מיט איר כאַראַקטער. זי האָט דערקלערט, אַז זי מוז דערפילן אירע פליכטן פון אַ מוטער צו אַ קינד און אָפּראַטעווען בעטין, פון דער דײַטשער עפּידעמיע און אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

II

אַפילו הענרי קאַבאָט ווינטערס האָט אוועקגעגעבן אַ גאַנצן אָוונט פון זײַן טײַערער צײַט, כּדי צו ווירקן אויף דער שוויגער. קאָרנעליע איז געווען צופרידן דערפון. הענרי איז געווען אַ מענטש מיט הומאָר און געקענט אינטערעסאַנט באַהאַנדלען אַ געשעעניש. זי האָט געהייסן איר שוואַרצע קעכין צוגרייטן אַ גוטן מיטאָג. הענרי איז געקומען פּייערלעך אָנגעטון. זײַנע גרויע האָר האָבן זיך חנוודיק געכוואַליעט אונטער זײַן גלאַנצנדיקן צילינדער. בעתן עסן האָט זי אים אָנגעהויבן דערציילן די איבערלעבענישן פון איר אַנטלויפן, וועגן דער אַרבעט אין דער פּליימוטער פאַבריק. ווי זי האָט געלעבט מיט

זעקס דאָלאַר אַ וואָך; זי האָט דערציילט פון די איטאַליעני־שע אַנאַרכיסטן און פון דעם הייליקן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט צוגערעדט בעטי אַלוין צו לייענען דאָס בוך פון מערי וואָלסטאָנקראַפט גאָדוין „וועגן דער פרויען־פראַגע״.

זייער אינטערעסאַנט איז געווען די סצענע, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיטן הער י. לאָורענץ פערי און דערציילט דעם אַלטן פילאַנטראָפּ אירע איבערלעבענישן אַלס אומקוואַלי־פיצירטע אַרבעטערין אין זיין ריזיקער פאַבריק, ווי זי האָט זיך באַטייליקט אין שטרייק, ווי די פּאָליציאַנטן האָבן זי אַראָפּגעשטופּט פון טראָטואַר, בעת זי איז געשטאַנען אויפן שטרייק־פּאָסטן. לסוף, נאָכן מיטאָג, ווען דאָס שטוב־מיידל איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער גרויסער אַדוואָקאַט באַקוועם אַוועק־געזעצט זיך אין אַ טיפן פאָטעל מיטן אָנלען פון עשען־האָלץ, מיט אַן אַש־בעכער פון דער הויך, און ער האָט זייער פאַר־זיכטיק אָפּגעווענדעט דעם שמועס אויף דער דייטשער פּראָפּאַ־גאַנדע. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אומגעריכטער, ווייל די שוויגער האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט.

— זאָג מיר, הענרי, וויפל אַ שטייגער וואָלטן די באָס־טאָנער בענק היזק געהאַט, ווען די דייטשן זאָלן געווינען די מלחמה?

— מאַמע, צי ווילסטו נישט אַמאָל פאַרעפנטלעכן מיין ענטפער אין די צייטונגען? — דער רויך פון זיין ציגאַר האָט נישט געקענט פאַרשטעלן דעם גלאַנץ אין זיינע שיינע אויגן.

— ניין הענרי, אַן אינטערוויו מיט דיר פּאַסט נישט פאַר די צייטונגען, מיר דאַכט זיך, אַז די בענק וועלן היזק האָבן אַ הונדערט טויזנט מיליאָן.

— אַ קיילעכדיקע סומע איז תמיד איבערגעטריבן — פאַרשטייט זיך, אַז די בענק וואָלטן עפּעס היזק געהאַט, ווייל אויב די פּאַניק פאַרשפּרייט זיך אין אַ געוויסער ריכטונג, קענען מיר נישט פאָרויסזען דעם סוף.

— און דערפאַר דאַרפן מיר זיך אַריינמישן אין דער מלחמה?

— מיר לעבן אין אַזעלכע באַשטימטע פאַרהעלטענישן. אפשר ווייסטו, וויאַזוי מען קען זיי ענדערן? איך ווייס נישט.

— און וואָס איז דאָס, וואָס איך האָב געהערט, אַז דו און רופערט האָט איר בדעה איבערצונעמען די עלעקטראָטעכנישע פאַבריק, וואָס געהערט צו אַ דייטשער פירמע?

— אָך, פונוואַנעט ווייסטו דערפון?

— יאָ, איך האָב שוין מיינע קוועלן. דאָס געהערט אויך צו מיין סיסטעם: אונזערע פירנדיקע באַנקירן פאַרזיכערן זיך די אויסגאַבן פאַר זייער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע!

— נו, מוטער. מיר קענען דאָך נישט וואַרטן, אַז די דייטשן וועלן עס אונז אומקערן. איבעריקנס, אויב מיר זאָלן אַריינטרעטן אין דער מלחמה, קענען מיר דאָך נישט איבערלאָזן די אינדוסטרי אין דעם שונאס הענט.

— הייסט עס, אַז דאָס, וואָס דו און רופערט האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער עלעקטראָטעכנישע פאַבריק, איז אַ סימן, אַז מיר טרעטן אַריין אין דער מלחמה, ריכטיק?

— פאַרשטייט זיך, מאַמע, מיר טרעטן אַריין אין דער מלחמה, און דאָס טאַקע האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. ס׳וואָלט געווען פון דיר אַן אומזין, צו פטרן דיין צייט און דיינע פּוחות צו קעמפן פאַר אוממעגלעכע זאַכן. דו ווייסט מאַמע, אַז איך צינד מיר נישט אָן אַזוי שטאַרק אויף דיר צוליב דיינע אָנשוויונגען, ווי די גאַנצע פאַמיליע, אדרבה, איך האָב דיך זייער ליב. איך האָב תמיד ליב צו פּלוידערן מיט דיר, און ווען דו ביסט נישט געווען, האָסטו מיר זייער געפעלט. טיילמאָל האָב איך געטראַכט, אַז ווען דו זאָלסט וועלן אויפרייסן וועלכעס הויז אין דער לופטן, טאָ רייס אויף ליבערשט מיין הויז, צוזאַמען מיט מיר, איידער אַ זאַל מיט אַ פּובליקום. גלויב מיר, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן מאַטערט אויס, דאָס גאַנצע געלט פון אַלע באַסטאַנער מיליאָנערן וואָלט מיר נישט געטריבן דערצו. איך מיין, אַז דו האָסט זיך פריער גוט מישב געווען, איידער דו האָסט געלאָזט אַרויפשטעלן דיין נאָמען אויף די אויפרופן פון עפּעס אַ פאַריין און געמאַכט פון זיך

אַ ציל פֿאַר אַלע באָסטאָנער פּלאַטערקעס. וויפֿל בריוו וועגן אונטערשטיצונג האָסטו שוין באַקומען אין משך פֿון דער וואָך? און וויפֿל פֿאַריינען ביסטו שוין אַריינגעטרעטן, וואָס האָבן די אויפֿגאַבע צו רעפֿאָרמירן אונזער גראַמאַטיק אָדער באַקעמפֿן דאָס פּאָקן־שטעלן?

אַזוי איז געווען העברי קאַבאָט ווינטערס; ליבלעך, סאַרקאַסטיש, שפּילעוודיק און ציניש, האָט ער זיך גענומען צו דער זאַך. אָבער מ'דאַרף זיך נישט לאָזן פֿאַרבלענדן פֿון זיין האַלטונג, ווייל אונטער זיינע האַרוואַרדער מאַנירן האָט זיך באַהאַלטן אַ הונגעריקער וואָלף. ער האָט גענורעט אין די באַנק־געהיימנישן פֿון באָסטאָן — ער האָט געדוצט די גרעטע באַנקירן פֿון שטאָט און גערופֿן זיי „טעד" „ווינני" אָדער „דזשימי". ער איז געווען מיט זיי אין חברשע באַציונגען און באַגלייט זייערע פֿרויען און טעכטער אויף בעלער, און דערביי גוט אויסגעשפּירט זייער פֿינאַנסיעלן מצב. ער האָט געקענט טעלעפֿאָנירן אין אַ פּריוואַטער דעדעקטיוון־ביוראָ און אָנפֿרעגן זיך, אויף וואָסערע באַדינגונגען זיי האָבן באַקומען אַן הלוואה און ווי ס'האַלט מיט זייערע אַקציעס. אָבער קוים האָט ער דערשפּירט בלוט, האָט ער זיך געלאָזט אויף די שפּורן פֿון דער פֿאַרוווּנדעטער חיה און געגאַנגען הינטער איר. ער האָט איר געקענט אַזוי נאָכגיין דאָס גאַנצע לעבן און נישט אָפּטרעטן, ביז ער האָט נישט אויסגעזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט. די באַנקירן און אינדוסטריעלער האָבן מורא געהאַט פֿאַר אים, הגם זיי האָבן זיך אָן אים נישט געקענט באַגיין. אין ביי־ענגלאַנד איז פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקער קאָנקורענץ־קאַמף אויף טויט און אויף לעבן צווישן צוויי גרופּעס באַנקירן. יעדער צד איז געווען אָפּהענגיק פֿון אים, און גרייט געווען פֿאַר יעדן פּרייז, וויפֿל ער האָט נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן ביי איר. זיין טאַקסע איז געווען זיבן הונדערט דאָלאַר אַ טאָג, אָבער דאָס זענען אייגנטלעך געווען ביי אים נאָר די הוצאות, זיין אמתער פּרייז איז געווען אַ שטיק פֿלייש פֿון זיין קרבן גופֿא.

איצט איז ער געזעסן אין דעם אָפּגעקראָכענעם פאָטעל פון אַ ביליקן מאַגאַזין, געדרויפעדט אַ ציגאַר און אַרייַנגעפאַלן אין אַ סענטימענטאַלער שטימונג. ער האָט געקוקט אויף די אַרטיסטישע קליינקייטן, וואָס קאַרנעליע האָט אייַנגעקויפט פאַר ווייניק געלט. זייַנע ווערטער האָבן געקלונגען ווי ביי אַ פאַר-חלומטן שילער:

— טו אַ קוק מאַמע, איך וואָלט אויך געוואָלט... ווען איך קען זיך אָפּזאָגן פון גאַנצן רייכטום און פירן אַן אייַנפאַך לעבן —

— ווער לאָזט דיר נישט?

— כ׳האָב אַ רייכע פרוי און מוז בילדן מיין זון.

— נאַרישקייט, הענרי. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דו לאַכסט פון אַליסן און פון איר אײדעלער דערציונג. און דאָס געלט דיינס וועט דיין זון, מסתמא, ווי דער שטייגער איז, איבערפירן. דו מוזט האָבן עפּעס אַ טיפערע סיבה.

— ס׳איז אמת. ס׳איז אפשר אַ שפּיל. מען מוז דאָך עפּעס טון. ווען איך האָב מיך איינמאָל מיט אַכט יאָר צוריק געשיפט אויפן טייך אין האַרוואַרד, האָט זיך מיר פּלוצלונג צעבראָכן דער רודער. זעקס צאָל האָט אונז אָפּגעטיילט פון דער גרויסער שיף, און וועלכער מיר האָבן זיך געקענט אָנ-שטויסן, על פּי נס זענען מיר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דאָס הייַנטיקע לעבן דערמאָנט מיר יענע מעשה. אויב מ׳הערט זיך אויף צו אינטערעסירן מיט רעכט, מיט געזעץ, ווערט קאַליע די גאַנצע שפּיל, דערפאַר איז גלייכער צו פאַרמאַכן די אויגן און מיטצומאַכן די שפּיל.

— דערפאַר, הייסט עס, דאַרפן מיר אַרייַנטרעטן אין דער מלחמה? שיקן אַ מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן יונגע לייט, זיי זאָלן זיך אויסהרגענען איינער דעם אַנדערן, כדי צו געווינען עפּעס, אָן וואָס מיר אַליין גלויבן נישט.

— ניין, מאַמע, ס׳איז נישט אינגאַנצן אַזוי. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן נישט האַלטן די כּללים פון דער שפּיל, און מיר קענען זיי עס נישט דערלויבן.

— און ווער האָט עס פעסטגעשטעלט די כּללים, העברי?

דער גרויסער אַדוואָקאַט האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דו וואָלסט געדאַרפט באַזוכן מיין קאַנצעלאַריע און אויסלערנען זיך שטעלן קרייץ־פראַגן. דאָס וואָלט געווען אַ שפּאָגל־נייע אַמראַקציע פאַר אַן אַנטלאָפענע באָבע, וואָס וויל, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צו פינפאונזעכציק יאָר ווערן אַדוואָקאַטין.

— ענטפער מיר אָבער אויף מיין פראַגע: ווער האָט באַשטימט די כּללים פון דער שפּיל?

העברי האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט:

— איך מיין, אַז ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט אויסגעטראַכט אַלע שפּילן, נישט אמת?

III

פרוי יהושע קווינסי טאָרנוועל איז געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער עסטראַדע אין דער שמאָלער זייט פון זאַל. דעם מיטלסטן אָרט האָט פאַרנו־מען אַן עלטערער הער, אויף דער רעכטער זייט לעבן אים איז געזעסן קאָרנעליע און לינקס אַ כינעזישע דאַמע מיט קרומע אויגן און קופּער־קאָליר־הויט. די איבעריקע ער־טער האָבן פאַרנומען אַן ערך צוואַנציק מענטשן, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין די אינטעלעקטועלע באָסטאָנער קרייזן. אַרום דעם טיש זענען געשטאַנען קליינע טישלעך, און לעבן זיי זענען געזעסן פיר אָדער פינף הונדערט מיטגלידער פון קלוב „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט".

ס'איז פאָרגעקומען אַ חברישער פרישטיק. די שוואַרצע קעלנערינס זענען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק. ס'האָבן געקלונגען גאָפּל־מעסער, און די מורמלעריי פון אַ סך מענטשן, וואָס שמועסן שטילערהייט ביים עסן, אָבער פון צייט צו צייט האָט יעדער איינער אַ בליק געטון אויף דער עסטראַדע, ווו ס'איז געזעסן קאָרנעליע. לויט אַ מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג איז

אויסגעקומען, אַז אַ געוויסע צאָל אויגן האָט געקוקט אויף איר אָן אויפֿהער. זי האָט עס זייער גוט געפֿילט, און צעטומלט אָפּגעענטפֿערט דעם פֿאָרזיצער אויף זײַנע באַמערקונגען, און אירע באַמיונגען, אויפֿצועסן אַ באַשטימטע צאָל שעפּסענע קאָטלעטן, אַרבעס מיט קאַרטאָפֿל זענען געווען כּמעט אומזיסט.

עס איז גאָרנישט קיין לײַכטע זאַך, צו עסן זאַטע מאכלים, בעת מ'איז אויפֿגערעגט. אָבער וועגן דערדאָזיקער דערפֿאַרונג, וואָס איז אַזוי וויכטיק פֿאַר רעדנער, האָט נאָך קאָרנעליע נישט געוווּסט. אַמאָל, ווען זי איז געווען די ערשטע דאַמע אין לאַנד, איז זי געצוווּנגען געווען דאָ און דאָרט צו ענטפֿערן מיט אַ דאַנק די פֿאַרשידענע דעלעגאַציעס, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן דעם גובערנאַטאָר כּבֿוד. אָבער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זי געדאַרפֿט אָפּהאַלטן אַ רעדע. דאָס איז געווען איר דעביוט אַלס פּאַציפֿיסטין און רעוואָלוציאָנערין. די געשיכטע פֿון אירע איבערלעבענישן זענען שוין נאַטירלעך געווען אומעטום באַקאַנט. און מחמת דעם האָט אַפֿילו די דערציִונג פֿון צען דורות און זייער צוריקגעהאַלטנקייט נישט געקענט אָפּהאַלטן עטלעכע הונדערט פּאָר אויגן נישט צו דעמאָנסטרירן זייער נײַגעריקייט. בײַ די טישן איז נישט געווען קיין איין פֿרײַער פּלאַץ: נאָך דער קאַווע מיטן דעסערט זענען די טישן אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ ווינקל-זאַל, ס'האָבן אויסגעפֿעלט שטולן און אַלע אָפֿענע טירן זענען געווען פֿול מיט צוהערער.

די דאַמע מיט די קרומע אויגן און געלער הויט איז געווען אַ געבוירענע כינעזערין. זי האָט געהאַט אַ דיפּלאָם פֿון דער מיסיאָנערן-שול. וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פֿאַרן געלט פֿון די באָסטאָנער בירגער. ווען מ'האָט זי פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער אודיטאָריע, האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן איר לעבן אין דער שול. זי האָט גערעדט מיט אַ ריינעם און אויסגעצייכנטן באָסטאָנער דיאַלעקט, אויסגעצויגן וואָס לענגער דעם אַ און לחלוטין נישט אַרויסגערעדט דעם ר. זי האָט אַפֿילו

אַריינגעמישט עפּעס וועגן דעם וויגעלע פון פרייהייט — פאַנעל־
האָל. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געהייסן קאַבאָט אָדער
לאָוועל און נישט וואַנג־סינג־טשי. אין דעם שול־בוך וועגן דער
געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט דערציילט פון דעם
אָרט, וואָס הייסט פאַנעל־האָל, און דער וואָס לייענט ווייס, ווי
אַזוי דאָס אָרט זעט אויס. אָבער וואָס דער נאָמען באַדייט
איז שווער צו וויסן, ביז מ׳באַקאַנט זיך נישט מיטן „אַלטן
באָסטאָן״.

יעדן שבת, סיי זומער, סיי ווינטער, האָט דער קלוב פון
צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געגעבן אַזעלכע פרישטיקן און דאָרט
האָט מען געקענט הערן דעם לייטער פון דער נעגער־שולע
אין מיסיסיפּי אָדער אין ליבעריאַ, אָדער מ׳האָט געקענט הערן
עפּעס אַ פּרוי, וואָס האָט שטודירט דעם אָפּיום־האַנדל אויפן
אָריענט, אָדער די ווייסע שקלאַפעריי אין אַרגענטינע; אַ
דאָקטאָר, וואָס האָט געהיילט די עסקימאָסן פון דער אויגן־קראַנק־
הייט, אָדער אַ שטרייק־פירער, וואָס איז געזעסן אין קאָלאָראַ־
דער טורמע. עס איז געווען אַלצאַיינס, פון וואַנעט מ׳איז
געקומען און וואָס מ׳האָט צו זאָגן, אַבי מען איז נאָר געווען
דורכגענומען מיט דער שטרעבונג, צו טון עפּעס און אויסצו־
בעסערן די וועלט. עס איז געווען די איינציקע פון דעם שטיי־
גער אָרגאַניזאַציעס פון עלטערע ליבעראַלן אויף דער גאַנצער
וועלט. זיי זענען שטענדיק געווען גרייט אויפצונעמען נייע
אידעען, און ווען מ׳האָט געקענט די קונץ פון רעדן האָבן זיי
אַמאָל אויסגעשטעלט אַ טשעק אויך. אין קיין שום אָרט אויף דער
וועלט איז די אויסערלעכע פאָרם נישט געווען אַזוי דערנידע־
ריקט און אויף קיין שום אָרט אויף דער וועלט האָבן קליי־
דער נישט געשפּילט אַזאַ קליינע ראָלע, ווי דאָ. אָט די אַלטע
דאַמע, וואָס איז געזעסן אַנטקעגנאַיבער אָנגעטון אין אָפּגעריי־
בענעם שוואַרץ־זיידן קלייד מיט אַן אַלטן שירם אין דער האַנט,
האָט געקענט זיין אַן אייגנטימערין פון אַ קופּער־מינע אין
צפון־פּעניסולי אין שטאַט מישיגאַן אָדער פון זעקס גאַסן
הייזער אויף דער מערב־זייט פון באָסטאָן.

קאָרנעליע האָט דאָרטן געזען אַ סך פון אירע באַקאַנטע, און אַ סך פון זייערע פּנימער זענען איר נישט געווען פרעמד — ווייל זיי זענען געווען דערזעלביקער טיפּ פון אַלטע דאַמען וואָס האָבן געהערט צום „ביי-קרייז". דאָרט האָבן זיי געבייט לאַנגע, געלע פלאַנעל-קליידער פאַר אָרעמע לייט און דאָ האָבן זיי אויסגעבעסערט די וועלט. עס זענען געווען אַלטע דאַמען מיט קליינע, קיילעכדיקע פּנימער, ווי קאָרנעליע גופא. אַלטע דאַמען מיט אויסגעצויגענע טונקעלע פּנימער; פּנימער מיט גריבלעך, צעקנייטשטע פּנימער מיט אַראָפּגעהאָנגענע מויל-ווינקלען; קליינע פלינקע דאַמען, גרויסע, שווערע דאַמען, דערשראָקענע, אומדרייסטע דאַמען, בייז-אַנטשלאָסענע דאַמען, גאַנצע רייעס, די אויגן אָנגעשטעלט אויף דער געלער רעדנערין. עס וואָלט געווען נישט פּאַסיק פאַר קאָרנעליען, איינצוקוקן זיך לאַנג אין איינע פון די צוהערערינס, און זי איז געלאָפן מיט די אויגן פון איינער צו דער אַנדערער. זי האָט געזען די האָר, וואָס זענען געווען אונטן פאַרנומען אין אַ גרעק, אומגעוויינלעך שיטערע האָר, דורך וועלכע ס'האָט זיך דורכגעזען דער שאַרבן, פאַרקעמטע האָר אין לאָקן אָדער אויף ביידע זייטן. איינע פון די דאַמען האָט געהאַט אַ גוטמוטיק יינגלעריש פּנים, אַן אַנדערע האָט פאַרמאָגט פעטע, ראָזאַ בעקלעך, אַ דריטע — אַ טיף איינגעפאַלן מויל און טאָפּעלע, דיקע קנייטשן ביי די זייטן. נאָך אַן אַנדערע האָט געהאַט אַ בולטן ווייסן שטערן, איינע האָט געגלאַנצט אין שוואַרצן זייד און אויפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ שנור פּערל, און ביי אַנדערע האָט געפונקלט אַ קייטעלע מיט אַ מעדאַליאָן.

קאָרנעליעס אויגן האָבן געשוועבט איבער די געשטאַלטן פון די עלטערע הערן, זי האָט געזען די פליכעוואַטע מיט ראָזאַ קעפּ, פליכעוואַטע מיט ווייסע קעפּ, טייל האָבן געהאַט שיטערע ווייסע האָר און אַנדערע געדיכטע גרויע טשופּרינעס, עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשוירן די וואָנסעס מיליטעריש און אַ סך מיט אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, און לאַנגע בכבודיקע בערד פון אַלטע לייט, טייל האָבן געטראָגן

באַקנבערד און פֿון זיי האָט אַרויסגעשיינט די גאָמבע, ווי די לבנה אין די וואָלקנס. דאָס זענען געווען די רעשטלעך פֿון דעם אַמאָליקן ניי-ענגלאַנד: עלטערע דזשענטלמענער מיט רויטע באַקן, אָדער איינגעפֿאַלענע באַקן, ווי די בישאָפֿן. טייל שטייפֿע, ווי זעלנער, רויטע קלוב-מענער; שטרענגע אַסקעטישע פֿריסטער אין גלחישע קעלנער; איינער מיט אַ רויטער נאָז, איינער אָנגעטון — נאָך דער לעצטער מאָדע מיט בריל אויף אַ זיידן שנירעלע. עפּעס אַ באַרימטער געלערנטער אָן איין האָר אויפֿן קאָפּ און אין אַן איבערגעלייגט קעלנערל. און אויך דידאָזיקע דאַרפֿן פּונקט ווי די דאַמען נישט אָפּגעשאַצט ווערן לויט זייער אויסערלעך אויסזען; די וואָס האָבן אויסגעזען אָרעם האָבן געקענט זיין רייך און די וואָס האָבן אויסגעזען מילד האָבן געקענט זיין די ראַדיקאַלסטע רעוואָלוציאָנערן. איין זאַך איז געווען זיכער: עס איז נישט געווען אַזאַ אידעע, וואָס זאָל זיין פֿאַר זיי צו פֿרעמד, צו ווייט, און ס׳איז נישט געווען אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס זאָל נישט אַרויסרופֿן קיין באַגייס-טערונג ביי דידאָזיקע אַלטע אידעאַליסטן. און שטענדיק וועט זיך געפֿינען איינער אָדער צוויי, אונטערצושטיצן אַן אַפּאָסטאָל, נאָכגיין נאָך אים און קעמפֿן אויף לעבן און טויט. דאָס איז געווען „אַלט-באָסטאָן”!

IV

קאָרנעליע האָט אָפּגעהאַלטן איר קורצע רעדע, זייער באַשיידן, איינגעהאַלטן, רויק, כּמעט הכנעהדיק. ס׳זענען געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן מסכּים געווען מיט אירע געדאַנקען און אַ סך, נאַטירלעך, וואָס זענען געווען פֿאַרביסענע קעגנער, הגם די עטיקעט האָט נישט דערלויבט אַרויסצווייזן עס, אַ חוץ מיט אַ כמורנעם שטרענגען בליק. צומאָרגנס האָבן די צייטונגען אָפּגעדרוקט באַריכטן פֿון דעמדאָזיקן אָוונט, זיי זענען געווען קורץ אָבער פֿול מיט דרך ארץ, אַפֿילו די הייסע פּאַ-טריאָטן זענען געווען דזשענטלמענער, זיי האָבן אָנערקענט

קאָרנעליעס רעכט אויף דרך ארץ, ווייל זי איז דאָך געווען פרוי טאָרנוועל. איבעריקנס האָט זי נישט געקענט זיין געפערלעך, און נאָר ביי אַ מערדער קען מען אָפּנעמען אַלע פּריווילעגיעס. ווען זי זאָל אַפילו יאָ האָבן אַ מאַניע און מ'וואָלט זי געדאַרפט פאַרשפּאַרן, וואָלטן די צייטונגען דיסקרעט פאַרשוויגן דעם פאַקט. אָבער קיין שום איבערצייגונג און אַרויסטריט וואָלט נישט געקענט גורם זיין, צו באַליידיקן דער הייליקער בראַמינער-קאַסטע.

און ס'איז געווען מאָדנע, די גאַנצע פאַמיליע איז געווען שטאָלץ מיט קאָרנעליען. אומגעריכט איז זיי געפעלן געוואָרן די עקסצענטרישקייט פון דער אַלטער פרוי, וואָס האָט געחאַט דעם מוט, צו שיקן די גאַנצע וועלט צום טייוול. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געהאַסט אירע אידעען, זענען זיי געווען גרייט צוצערייסן יעדן איינציקן נישטיקן צייטונגס-שרייבערל, וואָס וואָלט זיך דערוועקט צו רעדן אויף איר אַ שלעכט וואָרט. דער פאַקט וואָס אַזאַ זשורנאַליסט האָט זיך נישט געפונען, האָט געהאָלפן, אַז זיי זאָלן זיך צוגעוויינען צו דער באָבעס האַנדלונג. ווי ס'קומט תמיד פאָר אין אַ פאַמיליע, זענען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער טייוול איז גאָרנישט אַזוי שוואַרץ, ווי מ'מאָלט אים. און דערפאַר האָט מען אין אַ וואָך צוויי אַרום, דערלויבט בעטין צו פאַרבעטן דער באָבען אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט.

צום באַדויערן איז קאָרנעליעס מי קעגן דער מלחמה געווען אַרויסגעוואָרפן. די גרויסע מאַשין האָט ווייטער געקלאַפּט און דערדריקט יעדע רעוואָלוציע. די אירלענדער אין באָסטאָן האָבן געקאָנט דעמאָנסטרירן און שפּייען אויף ענגלאַנד, זיי האָבן געקאָנט צונויפרופן מיטינגען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַוואַנטורעס, מאַכן עפנטלעכע סקאַנדאַלן, וואָס מ'האָט גערעדט וועגן זיי אין גאַנצן לאַנד, אָבער די גרויסע מאַשין האָט זיי צעמאָלן צוזאַמען מיט זייערע פירער, זייער בירגערמייסטער און מיט זייער פּאָליציי און זייער קאַרדינאַל. דאָס זעלבע איז געשען מיט די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און פּאַציפיסטן,

צוזאַמען מיט די פאַרשידענע מינים סענטימענטאַלע מענטשן — אומצופרידענע.

אין דערזעלבער צייט איז רופערט אַלווין, הענרי קאַבאַט ווינטערס און זייערע מענטשן שטאַרק באַשעפטיקט געווען און אויסגעקויפט די עלעקטראָטעכנישע פאַבריק פון האוסט. זיי זענען אַלע געווען אַקטיווע רעפובליקאַנער, און די שטאַט-אַדמיניסטראַציע איז באַשטאַנען פון דעמאָקראַטן, וואָס האָבן, וואָס אַן אמת, צוגעזאָגט צו זיין אומפּאַרטייאיש און גוטע פּאַטריאָטן, אָבער די אַלטע פויגל, רופערט און הענרי האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן. זיי האָבן צונויפגערופן אַ זיצונג מיט איינעם אַ באַרימטן דעמאָקראַט, מלוכה-מאַן און איינפלוסרייכן מענטשן אין דער שטאַט-פאַרוואַלטונג, און זיי האָבן אים צוגעזאָגט צען פּראָצענט, אויב ער וועט אַריינציען זיינעם אַ פּלימעניק אין דער ביוראָ, צו באַשיצן אויסלענדישן אייגנטום, און ער וועט זיך פאַרפליכטן אויפן אָרט, צו פאַרניכטן אַמעריקעס שונאים.

אַזוי אַרום האָט רופערט און הענרי איבערגענומען די עלעקטראָטעכנישע פאַבריק פאַר אַ צוואַנציק-חלק פון איר פאַקטישן ווערט, און דאַן האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן די פאַבריק-פאַרוואַלטונג פון דייטשן און אַמעריקאַנער און באַזעצט זייערע ערטער מיט די יונגסטע פאָרשטייער פון די בלוי-בלוטיקע. איצט האָבן זיי שוין געקענט אָננעמען קריגס-באַשטעלונגען — און פאַרן גרעסטן פּרייז — פאַר דער רעגירונג. ווייל די רעגירונג האָט געצאָלט מיט פּאַטריאָטישן פלאַם. ווייל אויב די אונטערנעמער מאַכן גוטע געשעפטן, קענען זיי צאָלן גרויסע לוינען, פאַרגרעסערן די פאַבריק, אַנטוויקלען די פּראָדוקציע, און דער וווילשטאַנד וואַקסט אינגאַנצן לאַנד פאַר אַלעמען אויפן חשבון פון קייזער.

איין בילאָן דאָלאַר און איין מיליאָן מענטשן — איז געווען די לאָזונג. דער קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט דעם דעקרעט פון מאָביליזאַציע, אַריינצוציען אין דער מיליטערישע רשימה בירגער פון איינאונצוואַנציק ביז דרייסיק יאָר.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט עמעץ שטאַרק אָנגעקלונגען אין קאָרנעליעס טיר, און ווען זי האָט אויפגעעפנט

האָט זי דערזען איר פריינט, דעם בעל מלאכה פון יענע פּיס־טאַציאָ־באָמבעס. זי האָט אים געהאַט געשיקט דעם אַדרעס, אָבער זי האָט אים נישט אָנגעשריבן איר אמתן נאָמען. פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך דערוויסן, ווער זי איז אינדעראמתן, לעת עתה האָט זי אויפגעשריבן אירע ביידע נעמען אויף דער טיר, אַז די איטאַליענישע פריינט זאָלן זי קענען רופן, ווי זיי זענען געוווינט געווען.

אין דער טיר איז געשטאַנען באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי. ער איז געווען אַביסל צעטומלט, אומזיכער, צי זי וויל אים זען, ווען זי האָט אַוועקגעוואָרפן איר אַרבעט אין דער פאַבריק.

— איך בין געקומען מיט אייך זיך געזעגענען, נאָנאַ!

— וווהין פאָרט איר?

ער איז אַריין אינעווייניק און געפרעגט:

— קיינער וועט אונז נישט הערן? — דאַן האָט ער איר דערציילט זיין פּלאַן, — איך פאָר קיין מעקסיקע, ווייל איך וויל נישט גיין אין דער מלחמה. ניק פאָרט מיט מיט מיר. איר געדענקט אים, דעם יונגן חבר, וואָס איז דעמאָלט אויפגעטרעטן אויף דער בינע? — ניק סאַקאָ! ער איז אַ טייערער חבר, מיר אַנטלויפן ביידע קיין מעקסיקע, כדי נישט צו גיין אין דער מלחמה. איך וועל זיך קיינמאָל נישט גיין שלאָגן פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

— איר זענט גערעכט, באַרטאָ.

— איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך אַנטלויף דערפאַר, וואָס איך בין אַ פּחדן. איר קענט זיין זיכער, אַז איך און ניק וועלן נאָך קעמפן, אָבער נישט אַצינד. איר פאַרשטייט, די אַרבעטער וועלן איצט גיין אין דער מלחמה אַריין, דאָרטן וועלן זיי עפענען די אויגן און זען, וואָס אַזוינס ס'איז דער קאַפּיטאַליזם. אָ, איר וועט זען, וואָס פאַר אַ גרויסע צייטן עס וועלן אָנקומען נאָך דער מלחמה! נאָנאַ! עס וועלן פאָרקומען גרויסע ענדערונגען. גרויסע רעוואָלוציעס. איך ווייס, אַז איר, נאָנאַ, קענט זיך נישט פאַרשטעלן. אָבער לאָמיר נאָך האָבן אַביסל געדולד, איר וועט זען, אַז איך האָב געזאָגט

אמת, שלעכטע צייטן קומען אָן, אַרבעטלאָזיקייט, גרויסע שטרייקן, וואָס וועלן זיין ענלעך צו דער מלחמה. קען זיין, אַז דאָס וועט געשען אין אַזאַ רייך לאַנד, ווי ענגלאַנד און מעגלעך, אַז אין אַזאַ אָרעם לאַנד, ווי רוסלאַנד. ס׳וועט קומען — ווי זאָגט מען עס — זיי וועלן נישט האָבן צו באַצאָלן די חובות — באַנקראָטאַ.

— באַנקראָט.

— מעגלעך, אַז אין רוסלאַנד! איר וועט זען, זיי וועלן דערהרגענען דעם צאַר. די פירשן וועלן אַנטלויפן, און אפשר וועט עס געשען אין איטאַליען, און די אַנאַרכיסטן וועלן אַרויס אין קאַמף. איך פאַר קיין מעקסיקע און דאָרטן וועל איך וואַרטן אויף דערדאָזיקער צייט.

— וואָס וועט איר דאָרטן טון, באַרטאָ?

— איך וועל שוין עפּעס טון, איך האָב צוויי געזונטע הענט, שטאַרקע פּלייצעס, כ׳וועל אַרבעטן מיט דער האַק, איך וועל מיר פאַרדינען אויף ברויט. ס׳וועלן דאָרט קומען נאָך איטאַליענער, מיר וועלן נישט זיין איינזאַם. איך וועל שרייבן צו אייך אַ בריוו, אפשר וועל איך פאָרט באַקומען ביכער, איך וועל זיך לערנען ענגליש, כ׳וועל זיך לערנען, אויף זיכער! איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, נאַנאַ, איר זענט מיין בעסטע פריינדין, אַ גוטער מענטש, גוט צו אַרבעטער — איר פאַרשטייט די אַרבעטער! ס׳איז אַ סך בעסער, ווי מ׳פאַרשטייט זיי, ווי מ׳וואָלט זיי געשענקט אַ מיליאָן דאָלאַר. איר האָט אונז געגעבן דאָס האַרץ. — דער „באָמבע-מאַכער" האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף קאָרנעליעס אַקסל — איך וויל אייך זאָגן, איך האָב פאַר אייך דעם סענטימענט, איך קען זיך נישט אויסדריקן אויף ענגליש — דאָס איטאַליענישע וואָרט סענטימענטאָ — דאָס הייסט אַ הייס פריינטלעך געפיל.

— איך פאַרשטיי אייך, באַרטאָ — און קאָרנעליעס אויגן זענען געוואָרן פייכט פון טרערן, — איך וועל אייך אייביק געדענקען. כ׳האָב זיך פון אייך אַזויפיל אויסגעלערנט, אַז איך

הייס צומאָל נישט וויפל. מעגלעך אַ סך מער, וויפל איך קען מיר אָפּגעבן אַ חשבון.

איבעריקנס, האָט נישט סאַקאָ און נישט וואַנצעטי גע־דאַרפט אַנטלויפן קיין מעקסיקע. זיי זענען געווען איטאַליע־נישע בירגער און נישט פאַרפליכטעט געווען אַריינצוטרעטן אין מיליטער. אָבער זיי ביידע האָבן זיך געהאַלטן פאַר דעזער־טערן און פאַבּרעכער, בעת ניי־ענגלאַנד, דאָס טראַנסצענדענ־טאַלישע פאָטערלאַנד, איז אינדעראמתן געווען אַ לאַנד פון מלחמה־שווינדל און פאַברעכן.

ער איז אַוועק; אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום האָט קאָרנעליע גענומען אַ פּרימאָרגן־צייטונג אין דער האַנט, און צו איר גרויס איבערראַשונג אָנגעהויבן לייענען אויף דער ערשטער זייט: אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער צאַר גע־פאַלן. די דעמאָקראַטישע, פאָפּולערע פּאַרטיי האָט איבער־גענומען די רעגירונג. אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. אין איין אויגנבליק איז דאָס גאַנצע נביאות פון רעפאָרמאַטאָר געוואָרן אַ געשעענער פאַקט. ס׳איז שוין יאָ מעגלעך געווען צו גלויבן אין רעפאָרמען. אַלץ איז שוין געווען מעגלעך, אַפילו אַז דער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַזויפיל דורות, זאָל אין איין מינוט צעשמעטערט ווערן. און פּלוצלונג איז פון דעם טרוימער באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי אויס־געוואַקסן אַ נביא. קאָרנעליע האָט אַמאָל אויסגעהערט די חלומות פון דעם פּרימיטיוון אַרבעטער און נישט געקענט באַהאַלטן איר שמייכל, און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיינע אידעען הויבן אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן, מ׳האָט גע־שריבן וועגן זיי אויף די ערשטע זייטן פון אַלע וועלט־ציי־טונגען.

V

אַזוי איז, הייסט עס, נישט געלונגען די פּאַציפיסטן, אָפּצוהאַלטן אַמעריקע פון דער מלחמה. אָבער איצט האָט זיך

ווידער געהאַנדלט וועגן די שלום באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז געווען אָפּהענגיק דער סוף פון די קאַמפּן. מחמת דעם האָט זיך די פּאַציפיסטישע פּראָפּאַגאַנדע ווידער אָנגעהויבן — ביז צום חודש יולי, ווען די מאַטראָזן פון פּאָרט האָבן אָפּגענומען די מאַכט ביים אירלענדישן שטאָט-פּרעזידענט. די סאָציאַליסטן האָבן אָרגאַניזירט מאַסן-דעמאָנסטראַציעס און אויסגעשריגן זייערע שלום-לאָזונגען: אָן מלחמה-געווינסן און אָן אַנטשעדיקונג. די פּאָליציי האָט ארויסגעגעבן אַ געהעריקע דערלויבעניש, אָבער די מאַטראָזן זענען אָנגעפאַלן אויף די דעמאָנסטראַנטן און צעקלאַפּט דעם צוג. זיי האָבן אַרויסגעשלאָגן די פענער פון די הענט און צעריסן. לסוף האָבן זיי זיך אַריינגעריסן צו די סאָציאַליסטן, חרוב געמאַכט דעם לאָקאַל און אַרויסגעוואָרפן דאָס מעבל אויפן גאַס. קאָרנעליע האָט זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע, און זי האָט באָכאַמאָל געהאַט אַ געלעגנהייט אָנצושטויסן זיך אויף געוואַלט. אָבער דאָסמאָל האָט איר כּבוד נישט געליטן. זי האָט דאָך געהערט צו די „בלוי-בלוטיקע“ און זי האָט נישט באַדאַרפט אַנטלויפן.

עליזאַבעט טאָרנוועל איז אויך געווען אין דער דעמאָנסטראַציע — וואָס פאַראַ שרעקלעכע זאַך! די טאָכטער פון דעם פּרעזידענט פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל באַנק אין דער דעמאָסטראַציע! די צייטונגען האָבן וועגן דעם נישט דערמאָנט קיין איין וואָרט, און ס'האָט געדויערט עטלעכע טעג, איידער עפּעס אַ וויכטיקער פריינט האָט זיך גענומען דעם מוט צו דערציילן איר פאָטער וועגן דעם אומגליק. אין דער פאַמיליע איז ווידער פאָרגעקומען אַ סצענע, נישט געקוקט אויף בעטיס טרערן און טענות, האָט מען איר לסוף פאַרווערט צו קומען צו דער אַנטלאָפענער באָבע. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַרויסצושיקן זי ערגעץ אויף אַ ווייט אָרט אויף אַ גאַנצן זומער. אָבער בעטי האָט געשווירן, אַז זי וועט נישט פאָרן אין דעם נאַרישן קעמפּ פּוטנעם.

— מאַמע, זאָג זיך שוין בעסער אָפּ דערפון — ס'איז

אויסגעשלאָסן, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט איינעם פון יענע בארעשעוואַטע בחורים.

— בעטי, זיי נישט אַזוי גראָב!

— איך בין בלויז ערלעך, מאַמע, דו ווייסט גאַנץ גוט, צוליב וואָס מען פאַרט קיין קעמפּ פּוטנעם. אָבער דו מוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנהויבן צו פאַרשטיין, אַז מיינע אידעען מאַכן מיר אוממעגלעך, צו האָבן וועלכן ס'איז געזעלשאַפטלעכן דער־פאָלג, סיי דאָרט, סיי אין אַן אַנדער אָרט.

— און וואָס ווילסטו אַזוינס, מיין קינד?

— איך וויל ווינען מיט דער באָבען — אויף תּמיד.

— האָסט דאָך געוואָלט גיין אויפן אוניווערזיטעט?

— איך האָב מיך מישב געווען, איך האָב אייגעזען, אַז איך וועל זיך דאָרטן גאָרנישט אויסלערנען.

— בעטי, וואָס פּלוידסטו?

— אַוודאי, די זאַכן וואָס איך וויל, לערנט מען נישט דאָרטן. פון יענער דעמאָנסטראַציע האָב איך מער געלערנט, ווי פון אַ גאַנץ יאָר ביי פּריילין ווילסאָן.

— ווילסטו זיך, הייסט עס, אויסאַרבעטן פאַר אַ פירערין פון יענעם ערב רב?

— די באָבע וויל אָנהויבן צו שטודירן די סיבות פון די היינטיקע מלחמות, און זי האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט האָבן די אויפגאַבע צו באַזייטיקן דידאָזיקע סיבות. דאָסמאָל, זאָגט זי, איז שוין צו שפּעט, אָבער אויף דער צוקונפט וועלן מיר אפשר קענען אויסמיידן און נישט לאָזן זיך אַריינציען. פאַרשטייסט מאַמע, דו זעסט ווי וויכטיק עס איז, אַ סך וויכטיקער, ווי דער גורל פון דער פרוי אין שעקספּירס פּיעסן, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס מ'לערנט אויפן אוניווער־זיטעט. פאַר אַ באָסטאָנער איז עס דאָס סאַמע בעסטע, וואָס ער קען טון. אויב מיר וועלן דערגרייכן אונזער ציל, וועט אונז דאָס פאָלק ליב האָבן און שטעלן אַ דענקמאָל.

— אַה, דו ווילסט זיך, הייסט עס, אויסאַרבעטן, אַז מ'זאָל דיר שטעלן אין באָסטאָן אַ דענקמאָל!

— נישט מיר, נאָר דער באָבען דאַרף מען טאַקע שטעלן. אינדעראמתן, טו אַ קוק אויף שאָוס דענקמאָל, מאַמע; פון אַלע פּאַרייניקטע שטאַטן קומען צופאָרן מענטשן אָנקוקן אים. די נעגער פון דענקמאָל זענען טויט. זיי זענען בלויז פון בראָנז. דעריבער זענען זיי פאַר אייך נישט געפערלעך און איר אַכטעט זיי. אָבער ווען זיי האָבן געלעבט און זייער פירער שאָו איז דורכגעגאַנגען מיט זיי די ביקאָן-גאַס, האָבן די מיטגלידער פון סאָמערס-קלוב פאַרמאַכט די לאָדנס. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער יוניאָן-קלוב. עטלעכע מענטשן, פון ביקאָן-היל, זענען געבליבן טריי צו די אידעאַלן פון יוניאָן-קלוב און צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער עלטער-זיידע טאָרנוועל. דאָס אַלץ דערציילט דאָך אונדז די געשיכטע, מאַמע. אָבער נישט די געשיכטע, וואָס מ׳לערנט ביי פריילין ווילסאָן און נישט די, וואָס איך וואָלט געלערנט אויפן רעטקליפער אוניווערזיטעט. היינט איז דער יוניאָן-קלוב אַ גרויסאַרטיקער קלוב און פאַרמאַכט פאַר אונז די לאָדנס. און אין פופציק יאָר אַרום, ווען מיר וועלן האָבן דעם קלוב פון שלום אָדער עפּעס אַזאַ, וועט דער באָבעס גרויסער אייל-בילד הענגען אין זאַל, און די גאַנצע פאַמיליע וועט זיין שטאָלץ.

אַזוי האָט בעטי פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט, לויט דער פאַרגאַנגענהייט. אַלצדינג איז אויסגעקומען פאַר איר פאַרשטענדלעך און לאָגיש, אָבער פאַר איר מאַמען איז עס געווען אַ נאַרישע פּלוידעריי. יעדער איינציקער ווייס דאָך, אַז דער אָנפירער שאָו האָט אויפגעהויבן די האַנט אויף אַברהם לינקאָלן, דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. דאָס איז געווען אַ פאַרברעכן, הגם אברהם לינקאָלן איז אַמאָל געווען אַ באַן-קאָנדוקטאָר. — דער איצטער פּרעזידענט וודראָו ווילסאָן איז אַ דזשענטלמען און אַ געלערנטער, און הגם ער האָט נישט באַזוכט קיין אַריסטאָקראַטישן אוניווערזיטעט, קעמפט ער דאָך פאַר די ציוויליזאַציע, און קאָרנעליע מיט בעטין ווילן אים געבן אַ מעסער אין דער פּלייצע.

— יאָ, מאַמע — האָט בעטי געזאָגט — זי האָט זיך

נאָך נישט אויסגעלערנט פון קאָרנעליען, זיך צו באַהערשן — אַלץ ווענדט זיך אין דעם, וויאַזוי די געשיכטע וועט אָפּשאַצן די איצטיקע מלחמה: צי האָבן מיר געדאַרפט אַריינטרעטן אין איר, אָדער צי וואָלטן מיר געשאַפן בעסערע באַדינגונגען אויף דער וועלט, ווען מיר וואָלטן געבליבן נייטראַל.

זיי האָבן אַזוי לאַנג דיסקוטירט, ביז זיי האָבן זיך ביידע אָנגעהויבן אויפצורעגן. דבורה האָט אויסגעשריגן:

— דער טאַטע האָט שוין נישט קיין געדולד צו דיר. דו שפּילסט זיך מיט פייער. ער וועט דיך ווען עס איז אויס־שליסן פון דער ירושה.

— אָבער מאַמע, דו מיינסט טאַקע, אַז איך קען זיצן אַ גאַנץ לעבן און וואַרטן אויף אייער טויט?

— וויאַזוי רעדסטו?

— דו רעדסט אַזוי. איר ווילט, אַז איך זאָל נישט טראַכטן ווי איך וויל, ביז איר ביידע וועט שטאַרבן און איך וועל האָבן אייער געלט. אָבער וואָס וועל איך דאַן האָבן דערפון? איך ווייס גאָרנישט, וואָס צו טון דערמיט, אַ חוץ צו מאַכן באַרכענע מלבושים פאַר אָרעמע לייט און נאָך אַזעלכע מיאוסע דערצו, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט קען זיי נישט איינרעדן אָנצוטון זיי.

— דאָס איז געווען אַ שרעקלעך וואָרט. ס׳איז געווען אַן אָנגריף אויף דער סאַמע הייליקסטער אינסטיטוציע פון די באָסטאָנער פרויען, אויף דעם „ניי־קרייז״, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען אויף די פרישטיקן אַמאָל צו דער און אַמאָל צו יענער דאַמע, געניית מלבושים פאַר די אָרעמע און באַרעדט זיי פון קאָפּ ביז די פיס; יעדעס יאָר האָט מען געקליבן פרישע מיטגלידערינס פאַר דעם ניי־קרייז פון אַנדערע צווייט־ראַנגיקע אינסטיטוציעס. דערדאָזיקער דאַמען־קרייז האָט געגעבן דעם טאָן דער גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויב איינע אַ פריילין איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דעם „ניי־קרייז״, איז זי לחלוטין נישט אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער געזעלשאַפט. ס׳איז אויך געווען אמת, אַז די דאַמעס האָבן געמוזט אויפהערן צו נייען

די געלע באַרכענע מלבושים, ווייל די אָרעמע האָבן זיי נישט געוואָלט טראָגן. פרוי רופערט אַלוין איז אויפגערעגט געווען צוליב דער גאווה און אומדאַנקבאַרקייט מצד די איינוווינער פון מזרח-באָסטאָן און פון דעם געטאָ אין דרום באָסטאָן, און די קליידלעך, וואָס זיי האָבן ווייטער געניית צוליב טראַדיציע, האָט מען אַרויסגעשיקט קיין אייראָפּע, ווו די אָרעמעלייט האָבן נאָך געוווּסט, וואָס פאַר אַן אָרט זיי דאַרפן פאַרנעמען אין דער וועלט.

VI

בעטי איז אַוועקגעפאָרן קיין פּליימוט, צו פאַרברענגען עטלעכע וואָכן ביי איר פריינדין לוצילע וואָלקער. זי האָט געשריבן צו קאָרנעליען און געבעטן, אַז זי זאָל קומען צו איר, און פרוי וואָלקער האָט צוגעלייגט אַ פאָרמעלע איינלאַדונג. אָבער קאָרנעליע האָט נישט געוואָלט זיין קיין גאַסט ביי קיין רייכע. פאַר איר איז פּליימוט געווען איטאַליענישע אַרבעטער און אַן איינפאַכער לעבנסשטייגער. זי האָט געשריבן צו די ברינים, דערוווּסט זיך, אַז דער צימער איז פריי און אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג. זי האָט געהאַט אַ מאָדנע געפיל, בעת זי האָט ווידער געהאַט פאַר זיך דידאָזיקע גאַנץ פרעמדע וועלט! ס'האָט איר אויסגעזען ווי אַ מין מקום מקלט, ווי אַן אָנרעגונג פון דער פאַנטאַזיע, ווי אַ מיטל קעגן דער „איבער-פלוס״-קראַנקהייט. דאָ האָט יעדערער געקענט אַרויסזאָגן זיין געדאַנק, און די האַנדלונג פון אַ מענטשן איז געווען פאַר-שטענדלעך. ווען ווינצענצאָ בריני איז געגאַנגען אַהין און צוריק מיט זיין האַק, מיט זיין רידעל און גראָב-אייזן, האָט ער נישט געזאָגט, ווי העגרי קאַבאָט ווינטערס, אַז ס'איז נישט נויטיק, אַז דאָס לעבן איז אַ שפּיל און מען מוז זי מיטמאַכן, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם. ניין, ווינצענצאָ ברינו האָט געזאָגט — זייער גוטע גרינסן! — און אַרומגעפירט יעדן איינעם פון איין בייט צו דער אַנדערער.

אויבן אין קעסטל חיל האָבן זיך די יינגלעך געשפּילט אין בייסבאָל. די פייגל האָבן געזונגען און די זון האָט געשטראַלט איבער דער בוכטע. די שיפלעך פון די שפּאַצירנדיקע האָבן געלאָזן נאָך זיך קלײן-פּאַרמיקע שפּורן אויפן וואַסער. אויף די פעלדער זענען ווידער געוואַקסן בלומען, אָבער, אָך, נישטאָ מער קיין וואַנצעטי, וואָס זאָל זיי רייסן און גריבלען זיך אין די סודות פון דער נאַטור. אודאי האָט מען גערעדט פון אים, פון זיינע געדאַנקען און זיין טבע. ער איז אַוועקגעפאָרן, און נישט געזעגנט זיך מיט טראַנדאָן און פען, מחמת מורא, אַז די קינדער זאָלן נישט אויספּלוידערן זייער געהיימניש. שפּעטער האָט זיי די מאַמע אַלצדינג דערציילט, אָבער זיי האָבן זייער שטאַרק געליטן, פאַרוואָס מ׳האָט נישט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי.

אַלפאָנסינאַ האָט באַקומען אַ בריוו. סאַקאָ און וואַנצעטי זענען ביידע געווען אין מעקסיקע. וואַנצעטי האָט געפונען אַרבעט ביי אַ בעקער. די מעקסיקאַנער האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע זוכן אַרבעט און די איטאַליענער האָבן געטון די אַרבעט, וואָס די מעקסיקאַנער האָבן אַוועקגעוואָרפן אין דער היים. דערנאָך איז געקומען אַ בריוו צו קאַרנעליען; די פאַמיליע איז געזעסן אַרום טיש, געלייענט דעם בריוו און גערעדט וועגן אים.

„איך האָב געפונען אַ בוך צו לערנען זיך ענגליש. איך וועל זיין גרויסאַרטיק געבילדעט. יעדעס וואָרט, וואָס איך געפין אין ווערטערבוך, האַלט איך פעסט אין מיין קאָפּ״.

זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער זיצט אין אַן אַרבעטער-שטיבל ביי אַ ליכט און חזרט איבער די שווערע ענגלישע ווערטער — און שטעלט זיי צוזאַמען — נישט אַלעמאָל אין דער ריכטיקער אָרדענונג — אין זאַצן.

„מעקסיקע איז זייער אַ פּרימיטיוו לאַנד. די מענטשן זענען זייער גאַסטפריינטלעך. ס׳האָט אַ סך מעלות אָבער די אינדוסטרי איז נאָך שרעקלעך נישט אַנטוויקלט. דאָס גרויסע אַמעריקע האָט אונז קאַליע געמאַכט, מיר פילן זיך נישט גוט אין דערדאָזיקער ווילדער נאַטור. כ׳וואָלט געווען זייער צו

צופרידן, ווען איך זאָל באַקומען עטלעכע ענגלישע ביכער. ווייל קיין איטאַליענישע זענען דאָ לחלוטין נישטאָ. איך און ניק באַמיען מיר זיך צו ציוויליזירן אונזערע אַנטלאָפּענע חברים. מ׳דאַרף קלאָר מאַכן די מענטשן די היינטיקע וועלט־געשעענישן. איר מוזט שוין אודאי וויסן, אַז אין רוסלאַנד קומט פאָר אַ רעוואָלוציע, אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס איז נאָך נישט די אמתע רעוואָלוציע. זי טראָגט אַ בירגערלעכן כאַראַקטער, זי וויל, אַז רוסלאַנד זאָל ווערן אַזאַ לאַנד, ווי דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע. זי שטאַמט נישט פון אַרבעטער און פויערים, ווייל קערענסקי איז אַ מיטל אין די הענט פון פינאַנסיסטן און אינדוסטריעלער. און איר וועט זען, אַז דאָס היינטיקע רוסלאַנד וועט זיך אויך נישט וועל׳ן אָפּזאָגן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וועט פירן די מלחמה פאַר דיזעלביקע צילן. איך קען אייך מער נישט שרייבן וועגן דעם, ווייל דער בריוו קען דורכגיין דורך דער צענזור, אָבער איין זאַך קען איך אייך נאָר זאָגן, אַז אין דערדאָזיקער מלחמה האָבן אַלע פעלקער אימפּעריאַליסטישע צילן, און זיי וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון זיי צוליב שיינע פראַזן. איך האָב אַ ווייטן וועג צו באַקומען אַ פּאָסט־מאַרקע, זאָל עס זיין אַ סימן פון מיין איבערגעגעבנקייט צו אייך.

אייער

באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי

VII

קאָרנעליע איז אַוועק אויף אַ באַזוך צו דער פאַמיליע וואָלקער — זי האָט דאָס געמוזט טון, ווייל זי האָט דאָך שוין מער נישט געלעבט אין פאַרבאָרגנהייט. די וואָלקערס האָבן געוווינט אין אַ גרויס אויפגעפרישט הויז אויפן באַרג, מיט אַן אויסבליק אויפן טייך. זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אומגעווייִנלעך־חשובע לייט, ווען מ׳זאָל נישט וויסן, אַז פרוי וואָלקער איז אַ טאָכטער פון אַ פּיטסבורגער פאַבריקאַנט.

ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז עמעצער זאָל פֿאַרמאָגן אַזאַ לוקסוס און, נישט געקוקט אויף דעם, לעבן אָן אַ געזעלשאַפֿט און אָן פֿריינטשאַפֿט. פֿרוי וואָלקער איז געווען אַ בלאָנדע, לעבעדיקע דאַמע; איר האַלטונג איז אויסגעקומען פֿאַר קאָרנעליען ווי אַן אינטערעסאַנטער געמיש פֿון בלוי־בלוטיקע מאַנירן, איינגעצוימט דורך אַן אייגענער קאָנטראָל, כּדי נישט צו פֿאַרראַטן די שטאַרקע אַספּיראַציעס נאָך געזעלשאַפֿטלעכע כּבֿודים. אַ מאָדנע וועלט. אַ זעקס מינוטיקע רייזע אויפֿן אויטאָמאָביל האָט איבערגעטראָגן קאָרנעליען פֿון דער סוסאָ־גאַס, ווו דאָס לעבן איז געווען פּשוט און ערלעך, צו דעם גרויסן פּאַלאַץ אויפֿן באַרג, ווו מ'האָט, ווי דורך עפּעס אַ כּישוף, פֿאַרטריבן יעדער פּשטות און נאַטירלעכקייט.

אָבער אָט דער כּישוף האָט געהאַט אַ שליטה בלויז איבער די פֿרויען. זשערי וואָלקער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס אַ שיק־יינגל, האָט מיט פֿאַרגעניגן דערציילט קאָרנעליען פֿון יענע צייטן, ווען דער גובערנאַטאָר האָט אים געהאָלפֿן אַרויפֿאַרבעטן זיך. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן די ריזיקע אונטערנעמונגען, וואָס ער האָט געשאַפֿן און געפֿירט לויט דעם נייעסטן סיסטעם. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט פֿילץ־פֿאַבריקן אין ניי־ענגלאַנד, נאָר ער האָט נאָך געגרינדעט אַ גאַנצע ריי אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פֿאַרשידענע פֿילצענע סחורות. שיך, היט, שפּיטאָל־קאָלדרעס; ער האָט געהאַט אַ פֿאַרקויף־אָפּטיילונג און בדעה געהאַט צו שאַפֿן פֿאַר געוועלבן פֿאַר איינצל־פֿאַרקויף און אפֿילו האָדעווען אַליין שאָף, כּדי צו האָבן אייגענע וואָל. ער איז געווען אומגעוויינלעך איבערגעגעבן זיינע געשעפֿטן; ער איז געווען אַ פֿעסטער, קליינער מענטש מיט אויפֿגעשטעלטע געלע האָר, ווי אַן איבערגעשראָקענער הונט. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך צופֿרידן פֿון זיך, געהאַלטן זיך פֿאַרן גרעסטן אינדוסטריעלער, וואָס קען זיך דורך און אויף מסחר. און ער האָט עס תּמיד דערמאָנט און געזאָגט דערביי נבֿיאות אויף דער צוקונפֿט — אַ שטאַרק געפֿערלעכע געוווינהייט אין

ניי־ענגלאַנד, ווו אַלצדינג איז געווען אַ סוד און ווו מ׳האָט אינסטינקטיוו אויסגעמיטן די, וואָס האָבן גערעדט אַ סך. קאַר־נעליע האָט זיך דערמאָנט דאָס לעצטע געשפּרעך פון רופּערט אַלווין, ווען זיי האָבן ברייט אַרומגערעדט זשערי וואָלקערן און זיינע פּילץ־פאַבריקן. זי האָט גאַנץ לייכט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס רופּערט איז געווען אַזאַ דם־שונא דעם פלוידער זאַך און גע־האַלטן פאַר אַ חרפּה, וואָס אַזאַ מענטש האָט מאָנאָפּאָליזירט די גאַנצע ניי־ענגלישע פּילץ־פאַבריקאַציע. ער האָט אים באַ־שולדיקט אין אַלע פאַברעכנס, וואָס זענען קעגן די פּרינציפּן פון אינדוסטרי און האַנדל.

זשערי וואָלקער האָט איצט געוואָלט פאַרברייטערן זיין פאַבריקאַציע און צושטעלן פאַר דער מלחמה. ער האָט געמוזט איינקויפן אַ מאַסע רעשטלעך, כּדי צו קענען אויספירן די מלחמה־באַשטעלונגען. ער האָט באַדאַרפט קויפן גיך, ווייל די פּרייזן אויף וואָל זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, אָבער קיין שום באַנק האָט אים נישט געגעבן קיין קרעדיט. אַלע אַנדערע פאַבריקאַנטן האָבן געקריגן אָן שום שוועריקייטן, אָבער פון אים האָבן די באַנקירן פאַרלאַנגט די פאַבריק פאַר אַ משכּון.

דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא פון דער הינטערקוי־ליסן־פּאָליטיק, וואָס קאָרנעליע האָט זייער גוט געקענט. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרראַטן דידאָזיקע גע־היימניש אפילו פאַר בעטין. בעטי האָט זיך דערוווּסט פון לו־ציליען וועגן איר טאַטנס פינאַנסיעלע דאגות; זי האָט זיך געפונען אין אַ פּיינלעכער לאַגע, ווייל צווישן די, וואָס האָבן געדריקט וואָלקערן, האָבן זיך געפונען איר פאָטער, רופּערט אַל־ווין און דזשאָן קווינסי טאָרנוועל, דער פּרעזעס פון דער פינפ־טער נאַציאָנאַל־באַנק.

— באָבעשי! איך פאַרשטיי מיך טאַקע נישט אַזוי גוט אויף די פאַרשידענע באַנק־געשעפטן און איך בין זיך משער, אַז דו אַליין ווייסט אויך ווייניק וועגן דעם, אָבער איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָרט איז אַלצדינג אָפּהענגיק פון די באַ־ציונגען. הער וואָלקער טראָגט קיינמאָל נישט אויף זיין הוט

דעם צייכן פון האַרוואַרדער-קלוב און זיין פרוי איז נישט קיין מיטגליד אין „ניי-קרייז”, ווי מיינסטו — צי איז דאָס נישט די סיבה פון זייערע פינאַנסיעלע דאגות?

קאָרנעליע האָט געענטפערט:

— אוודאי, איך האָב איינמאָל געהערט, ווי דער פעטער אבנר האָט געזאָגט, אַז די בענק זענען אַ פּריוואַטע פאַרזיכערונג פאַר די בלוי-בלוטיקע, אַ גאָלד-גרוב פאַר די זין, טעכטער, פלימעניקעס, קוזינען פון די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס.

— באָבע! אָבער דאָס איז דאָך נישט אָרענטלעך! הייסט עס, אַז דער טאַטע און דער פעטער דזשאָן קענען צונעמען, ווען זיי ווילן, דאָס גאַנצע געלט פון די בענק פאַר זיך.

— ניין, דאָס קענען זיי נישט טון. דאָס וואָלט געווען קעגן דעם געזעץ.

— און צי איז נישט קעגן דעם געזעץ, ווען מ׳באָרגט נאָך דעם, וועמען מ׳וויל, דעם פעטער דזשעמס אָדער אַן אַנדער מיטגליד פון דער פאַמיליע? צי האָסטו שוין אַמאָל געהערט, אַז דער טאָרנוועלער שפּינערייַ זאָל מען מאַכן שוועריקייטן ביי אַן הלוואה? הער וואָלקער איז דאָך אַ פעיקער אינדוסטריעלער. דעם פאַרמעגן האָט ער דאָך דערוואָרבן מיט אייגענע כוחות. איך וויל נאָך אַ שמועס טון מיטן טאַטן וועגן דעם, אפשר וועט עס העלפן.

— ניין, מיין טייערע, גלייכער, דו זאָלסט זיך נישט אַריינמישן אין זיינע עסקים. דיינע עלטערן קענען נאָך מיינען, אַז די וואָלקערס האָבן דיך געבעטן, דו זאָלסט דיך משתדל זיין פאַר זיי.

— אַזוי? איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן אַהין. זיי דאַכט זיך, אַז איך דאַרף זיך באַנוגענען מיט דער געזעלשאַפט, וואָס זיי לאַדן איין אויף מיטאָג.

קאָרנעליע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ, מיין טייערע, מ׳קומט אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט

ווען מ'דאַרף זיצן כסדר מיט די מענטשן, וואָס קומען צו אייך אויף מיטאָג.

VIII

הארבסט 1917. אַלצדינג אַרום קאַרנעליען באַשעפטיקט זיך מיט די מלחמה־הכנות און האָט נישט דעם מינדסטן ווילן צו טון עפּעס געגן דעם.

צי קען די לאַגע אין דערדאָזיקער אומגעהויערער גרעס־טער מלחמה זיין דיזעלביקע ווי אין די פריערדיקע מלחמות? כדי צו געפינען אַן ענטפערן אויף אָט דער פראַגע האָט קאַרנעליע נאָך אַמאָל געמוזט הייסן אריינקומען דאָס מיידל און הייסן איינ־לאַדן קווינסי טאַרנוועלן צום מיטאָג. מ'דאַרף נישט פאַרבייטן קווינסין מיט זיין עלטערן ברודער דזשאָן קווינסי; ווייל אָט די ביידע זין פון דעם עלטער־פעטער אבנר זענען געווען איינ־גאַנצן פאַרשידנאַרטיקע מענטשן. דזשאָן, דער באַנקיר, האָט געשמט פאַר דעם שווייגנדיקסטן מענטשן פון באָסטאָן. פאַר־קערט, האָט קווינסי געלעבט פון אַרומשלעפן זיך אומעטום, פון פלוידערייען און רכילות. צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער אויסגעהערט די שמועסן ביי זיין פאַמיליע און ביי זיינע פריינט, איבערגעגעבן עס דערנאָך דער ברוזע און קאַליע געמאַכט זיי דערמיט אַ שפּאָר פאַרמעגן. זיינע אָפּגעלעבטע שטריכן זענען געווען פול מיט סאַרקאַזם, און אויב עמעצער האָט געהערט צו דער פאַמיליע, האָט מען געקענט הערן פון אים די זיסטע מעשהלעך וועגן היימישע מענטשן.

קווינסי פלעגט קומען אומעטום, און מיט יעדן מענטשן האָט ער זיך געקענט צוזאַמענטרעפן. ער האָט געקענט דער־ציילן, וואָס דער בריטישער קאָנסול האָט יענע וואָך געזאָגט צו מאַיאָר הייזדשיסאָן, אַז ער האָט געגעסן אייערנעכטן אין פענווע־הויף, אין דעם פּאַלאַץ פון דעם עקסצענטרישן און גייסטרייכן הער „דזשעק" גערדנער און געטראָפן דאָרטן דעם סיר ליסליי פעטאָק, דעם לעצטן פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע בריטישע

פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס זענען געקומען אויפרייצן די אַמעריקאַ־נער פּלוטאָקראַטיע און מאַכן אויף זיי אַן איינדרוק. סיר ליסליי איז איצט געווען אויף זיין אויסלענדישע רייזע. און ווען ער האָט געליבט דעם שאַמפּאַניער פון אַ באַנקיר אין מי־נעפּאָליס אָדער די ציגאַרן פון אַ סיטלער שיף־אייגנטימער, איז יענער פּראָווינציאַל שוין געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן אַ מיט־גליד פון דער געזעלשאַפט. דער פּרייז איז געווען פינף־צען־צוואַנציק מיליאָן — ס׳האָט קיינער נישט געוווסט גענוי וויפל — וואָס איז געגאַנגען צו פאַרטאַפּלען די אויסשפּרייטונג פון בריטישן אימפּעריאַליזם.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז פרוי דזשעק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי צו לאָזן באַוווּנדערן זיך פון דער גאַנצער באָסטאָנער מיליאָנערן־געזעלשאַפט, וואָס האָט איר אַריינגעבראַכט אַ גרויסע פאַבריק. אַ לעבעדיקע, קליינע פרוי מיט אייראָפּעישע מאַנירן און זיטן, האָט זי אָנגעוואָרפן אַן אומבאַשרייבלעכע מורא אויף דער בעק־ביי; ווען איר הומאָר איז קאַליע געוואָרן, האָט זי געשאָטן מיט קללות, ווי עס קענען נאָר ענגלישע אַריסטאָקראַטן. דערנאָך איז זי אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע, איז געשטאַנען האַנט אין האַנט מיט די קעניגלעכע לייט, ביז מ׳האָט איר טעלעגראַפיש אַרויס־גערופן אַהיים. זי האָט זיך איינגעקויפט באַרימטע געמעלן, האָט זיך אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ אין דעמזועלביקן קוראָרט פענווע און נאָך מער פּאַרריסן די נאָז. ערשט איז זי שוין געווען אַן אַלטע דאַמע, פון לאַנגע יאָר באַקאַנט פאַר דער אָנערקענטער פירע־רין פון דעם שיינעם געשלעכט.

איינער אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט האָט אַמאָל אויסגעפונען, וואָס איז אַזוינס ליגן: דאָס זענען פאַלשע רייד צו אַ מענטשן וואָס האָט געמיינט, אַז מ׳וועט אים זאָגן דעם אמת. אַלע דיפּ־לאָמאַטן און פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס זענען געקומען קיין באָס־טאָן, האָבן אַרויסגעוויזן דער פרוי דזשעק דעם כבוד צו רעכע־נען זי פאַר די פאַרטרויליכע. אין איר געזעלשאַפט פלעגט מען זיך, אַזוי צו זאָגן, אויסטון דעם פּראָפּאַגאַנדע־פראַק און

מען פלענט בלייבן אין דעם בלויזן מיליטאַריסטישן העמדל. אַ דאַנק איר האָט קווינסי טאָרנוויל געקענט געבן קאָרנעליען גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן די סיבות, פאַרוואָס די מלחמה דויערט אַזוי לאַנג. דער פּרייז, וואָס האָט געקאָסט, אַז איטאַליע זאָל ברעכן איר פאַריייניקונג מיט דייטשלאַנד און עסטרייך איז געווען טרענטיניאַ און טריעסט, וואָס האָט איר געדאַרפט געבן אייגנטלעך די הערשאַפט איבער דעם אַדריאַטישן ים. דער לוין פאַר יאַפּאַן איז געווען שאַנטונג, וואָס מ׳האָט געזאָלט אַוועקנעמען ביי כינע. רוסלאַנד האָט געדאַרפט באַקומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פראַנקרייך האָט געזאָלט קריגן עלזאַס-לאָטאַרינגען און אפשר דעם רהיין, ענגלאַנד האָט געדאַרפט צונעמען אַלע דייטשע קאָלאָניעס, אַ גאַנצע מלוכה פאַר זיך. ווען עמעצער האָט אַריינגעוואָרפן, אַז איינע פון די דאָזיקע מלוכות וועט זיך אוודאי אָפּזאָגן פון אירע מלחמה-געווינסן צוליב די הערלעכע רעדעס פון וואודראָו ווילסאָן, האָט קווינסי, ווי אַ גוטהערציגער מענטש, באַמערקט, אַז ער נעמט דאָס אָן פאַר זייער אַ גוטן שפּאַס.

און דאָך האָבן זיך געפונען אפשר הונדערט מיליאָן גוטע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זייער פּרעזידענט וועט, ווי עס איז, באַווייזן דעמדאָזיקן נס! אָט למשל דבורה און איר עלטערע טאָכטער, דאָס אָרנטלעכע קינד, פּריסצילאַ, וואָס האָט זיך פאַרשריבן אין רויטן קרייץ, הגם אין דער העכערער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג. רעדנדיק מיט די דאָזיקע גלויביקע מענטשן, האָט מען דערזען, אַז דאָס שיקזאַל פון אַ גאַנצן לאַנד האָבן זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון איין איינציקן מענטשן, וואָס איז געווען נישט מער, ווי אַ דעמאָקראַט און דערצו פון אַ פאַלשן אוניווערזיטעט! האָט מען געפרווט דערמאָנען די געהיימע אָפּמאַכן, האָבן זיי אייך געענטפערט, אַז די זאַכן זענען צו איידל, מ׳זאָל וועגן זיי רעדן אין דער עפנטלעכקייט, דער פּרעזידענט האָט מסתמא אַזעלכע קוועלן, וואָס זענען פאַר אונדז נישט צוגענגלעך.

— אָבער פאַרוואָס נישט? — האָט קאָרנעליע אויסגערופן

און נישט באַקומען קיין איבערצייגנדיקן ענטפער. — אָדער די אַליאַנס־לענדער זענען יאָ גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע רויבערישע צילן אָדער זיי זענען נישט גרייט, טאָ פאַרוואָס זאָל מען אונז נישט אויפגעבן די ריכטיקע פאַקטן? אַזאַ ידיעה וואָלט געקענט אָפּראַטעווען מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס און גאַנצע מיליאַרדן גוטס. וואָרום די גאַנצע סיבה פון דעם לאַנגן דויערנדיקן ווידערשטאַנד מצד דעם פיינד איז דאָך דאָס, וואָס ער האָט מורא פאַר דעם פועל יוצא פון אַ מפּלה. קוים פּרוווט מען עס אָבער קלאָר מאַכן, ווערט מען באַלד אָנגערופן דייטשן־פריינט, און די גאַנצע געזעלשאַפט דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן. מ'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שלאָג־וואָרט: „אויסהאַלטן!" מען טראַכט, אַז ס'איז לייכטער זיך צו שלאָגן, ווי צו דענקען. און קאָרנעליע, וואָס האָט שוין איינמאָל געמאַכט דעם שריט אין עפנטלעכן לעבן, איז כסדר געצווונגען געווען אויסצו־טענהן זיך מיט זיי, און אָן אויפהער געליטן פון זייער בלינד־קייט. ערשט איז שוין פאַר איר נישט געווען גענוג די שמועסן מיט אירע דריי טעכטער וועגן די קינדער־קראַנקהייטן, די מאָראַ־לישע דערציונג, די ליבע־אַפּערעס און חתונה, זייערע פערצן שוואַנגערשאַפטן און עלף קינדער. איצט האָט זי געהאַט אַ מיליאָן זין אין פראַנקרייך און איבערגעלעבט מיט זיי אַלע טויטלעכע מאַטערנישן — אפילו דאַן, ווען עס זענען געווען פאַרלוירענע זין, וואָס האָבן פאַרראַטן דאָס פאָלק און דעם צער פון זייער מוטער נישט געפילט.

IX

בעטי איז אַריין אין אוניווערזיטעט. דאָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זי האָט אַדורכגעפירט מיט אירע עלטערן. אונטערן תנאי, אַז זי וועט זיך אונטערוואַרפן דער פירונג פון די אָנגעזעענע לערער און וועט לייענען געזונטע, היילזאַמע ביכער, וואָס זיי וועלן איר אָנווייזן, האָט מען איר דערלויבט אַריינצוציען זיך צו איר באָבען און איר פּריי־

צייט צו פאַרבריינגען מיט אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, אַטעיסטן, פּאַציפיסטן און דייטשע אַגענטן. באַלד פון אָנהויב איז עס פאַר דבורהן און רופערטן געווען אַ פאַרשפּילטער קאַמף; זיי האָבן דאָך געהאַט אַזויפיל אַנדערע זאַכן אין קאָפּ. בעטי אָבער האָט נישט אין זינען געהאַט קיין שום זאַך, אַחוץ איר ווילדע מאַניע, צו ווינען מיט דער באָבען. און סוף כל סוף, וואָס קען דען זיין נאָך בכבודיקער, ווי אַ באָבע? צי איז דען פאַראַן נאָך אַן אָרנטלעכערער ווונטש, ווי צו לעבן צוזאַמען מיט אַ פאַראַרעמטער אַלטער אלמנה? עס וואָלט באמת געווען אַן אומדערהערטע זאַך, ווען מ׳זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן אַזאַ פאַרלאַנג; דערמיט וואָלט מען דער גאַנצער וועלט געגעבן צו וויסן, אַז קאָרנעליע איז אַן אומגעווינלעכע פרוי.

בעטי האָט זיך איינגעאָרדנט מיט עטלעכע ביכער און קליידער אין דעם קליינעם צימער, און זיי האָבן ביידע צוזאַמען געלעבט גליקלעך ווי אין דעם האָניק-חודש: — וויפל מאָל זיי האָבן זיך נישט געטראָפן, האָבן זיי זיך געמוזט אַרומנעמען. דאָס נעגער-מיידל איז געקומען אַלע טאָג, — די אַלווינס האָבן דווקא געוואָלט, אַז בעטי זאָל איבערנעמען אַ העלפט פון די שטוב-הוצאות. בעטיס קליינער אויטאָ איז געשטאַנען אין אַ שכנותדיקן גאַראַזש, און תמיד, ווען ס׳האָט געשנייט אָדער גערעגנט, האָט אים עמעצער אַריבערגעפירט אַהער פון גאַראַזש, און בעטי האָט געפירט אין אים איר באָבען צו אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, אַטעיסטישע, פּאַציפיסטישע אָדער דייטשן-פריינטלעכע פאַרזאַמלונגען, אָדער זיי זענען געזעסן אָוונט-צייט אינדערהיים און געלייענט גראָבע רעוואָלוציאָנערע ביכער אין רויטן איינבאַנד, אפשר הונדערט ביכער האָבן פאַרנומען קאָרנעליעס פּאָליצעס, נאָכדעם וואָס מ׳האָט פאַרשיקט ניי-ענגלאַנדס קלאַסיקער אין אַ קאַסטן אונטערן בעט. בעטי האָט פאַרנאַכלעסיקט אירע לעקציעס, און פאַרטיפט זיך בעסער אין בעטראַנד רוסעלס שריפטן וועגן וועלט-אימפעריאַליזם.

עס איז געווען גוט, וואָס דאָסדאָזיקע אידילישע צוזאַ-

מענלעבן איז שוין געווען איינגעשטעלט, ווען אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן די צווייטע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. האַלטן עפּעס גוט אין דער האַנט, רעכנט זיך אין פאַמיליען־ענינים און אין רעוואָלוציעס פאַר ניינציק פּראָצענט דערפאָלג. און ערשט וואָלט שוין געווען אַזוי אוממעגלעך אַרויסצוּדרייסן בעטין פון דער באָבעס וווינונג אויף דער צפון־זייט פון בעקאָן היל, ווי לעבינען מיט טראָצקין פון קרעמל. אָבער וואָס פאַר אַן אמתן עגמת נפש, וואָס פאַר אַ נשמה־ליידן עס האָט איבערגעלעבט די פאַמיליע אַלווין, די ווינטערס, די סקאָטער־ברידזשס און די גאַנצע טאָרנוועל־משפחה! באַלד אין די ערשטע צען טעג פון שרעק האָט די מלחמה באַקומען אַן אַנדער פנים! דער מזרח־פראָנט איז געווען צוזאַמענגעבראָכן, אַ גאַנצער מיליאָן דייטשן זענען געווען פריי צו וואַרפן זיך אויפן מערב־פראָנט! רוסלאַנד איז אַרויס פון דער מלחמה און ס'איז קיינער נישטאָ, אַ חוץ אַמעריקע, וואָס זאָל איר פאַרטרעטן! און אַ רויטע רעוואָלוציע האָט אַרומגענומען אַ זעקסטל פון דער וועלט! אומפאַרשעמטע, געמיינע אַרבעטער דערוועגן זיך, פשוט איבערצונעמען די רעגירונג, און אַרויסצורופן זייערע חברים פון אַנדערע לענדער, זיי זאָלן אויך טון דאָס אייגענע!

אַלע אינטערעסן פון פּריוואַט־אייגנטום אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרייניקן קעגן דער געפאַר: און דער ריזיקסטער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון דער וועלט געשיכטע האָט אָנגעהייבן צו פונקציאָנירן. כדי אויפצוקלערן תיכף די גאַנצע לאַגע, האָט מען געמאַכט פון לעבינען און טראָצקין דייטשע אַגענטן; מ'האָט צונויפגעשטעלט אַ געוואַלטיקע צאָל געפעלשטע דאָקומענטן, זיי זענען אַלע געווען אָנגעגעבן פון מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן און אויסגעשריגן געוואָרן אויף דער ערשטער זייט פון אַלע צייטונגען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו פאַבריצירן די אכזריותדיקע מעשיות, וואָס דאָס קליינע בעלגיען האָט שוין פריער, ביים אָנהויב פון קריג, געמאַכט פון זיי די גענעראַל־פּראָבע. פון העלזינגפאָרס ביז וולאַדיוואָסטאָק האָט מען איינגעאָרדנט ביוראָס, וואָס האָבן

זיך געדאַרפט פאַרנעמען און רעאַגירן אויף די אכזריותדיקע מעשים, און די גרויזאַמקייטן, וואָס זענען אומפאַרמיידלעך געווען בעת דער רעוואָלוציע, האָט מען צעבלאָזן און טויזנטפאַך פאַרגרעסערט. יעדע נאַכט אין רוסלאַנד איז געווען די באַרטאָלאָמיי-נאַכט — האָבן די צייטונגען געשריבן. אין יענע טעג איז איינמאָל די סאָוויעטן רעגירונג פאַרניכטעט געוואָרן, לענין איז געפאַנגען געוואָרן דורך טראָצקין, אָבער טראָצקי האָט אים דערהרגעט — אַזוי האָבן אָן אויפהער געמאָלדן די באָכמיטאָג-צייטונגען איינע נאָך דער אַנדערער. די „פרייע ליבע" איז געוואָרן דער ערשטער כלל פון זייער אויסגעלאַסנקייט, פופציק מיליאָן פרויען זענען „נאַציאָנאַליזירט" געוואָרן פאַר די ווילדסטע אָרגיעס. אַלע אָנשטענדיקע אַמעריקאַנער פרויען האָבן געגלויבט דידאָזיקע מעשיות, און האָבן באַוויגן דעם פרעזידענט ווילסאָן, אָנצוהייבן דעם פריוואַטן קריג קעגן דעם רוסישן פאָלק, וואָס האָט פאַרגוואַלדיקט די דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכע ער האָט מקריב געווען דאָס גאַנצע לעבן.

פון דער מינוט אָן האָט די פראָפאַגאַנדע פאַר אַ באַלדיקן שלום אויפגעהערט צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכע אַקציע, זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ טעמע פאַר רעדנער, און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרברעכערישן פאַרראַט מצד אַ קליינע באַהאַלטענע גרופּע אונטער פאַרמאַכטע טיר און פענסטער, וווהין מ'האָט אַריינגעלאָזט נאָר אונטער באַשטימטע סמנים. זיי האָבן באַלד באַקומען דעם נאָמען פון אַ „באָלשעוויסטיש קרייזל". צי האָבן דען די באָלשעוויקעס אויך נישט געטון אַזוי און געשלאָסן אַ באַזונדערן שלום מיט דייטשלאַנד? צי איז עס נישט געווען קיין פאַרראַט קעגן דער דעמאָקראַטיע און פרייהייט? צי האָבן זיי נישט אָפגעטון נאָך ערגערע זאַכן: אַריינגעריסן זיך אין די צאַרישע אַרכיוון און פאַרעפנטלעכט די געהיימע אָפמאַכן, לויט וועלכע די אַליאַנס האָט זיך געדאַרפט איינטיילן מיטן גאַנצן ערד-קוגל — אָן דעמאָקראַטיע און אָן פרייהייט פאַר די אונטערגעדריקטע פעלקער? פאַראַן אַן אַנעקדאָט וועגן פּולקאָווניק פין קענטאָקי, אַז ווען מ'האָט

אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט געהרגעט אַ מענטשן: — צי האָט ער אייך אָנגערופן ליגנער? — האָט מען אים געפרעגט, און ער האָט געענטפערט: — ערגער, ער האָט עס באַוויזן!

די גאַנצע אַמעריקאַנער פרעסע, אַ חוץ איין איינציקע צייטונג, האָט גאָרנישט דערציילט וועגן די געפונענע געהיימע אָפּמאַכן. קאָרנעליע און אַנדערע פּאַציפיסטן האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרראַט קעגן די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון די בירגער. אָבער וואָס האָבן זיי געקענט טון? דרוק-אַגיטאַציע איז געווען פאַר יעדער גרופּע אַ געפאַר, מ׳זאָל באַפאַלן דעם לאָקאַל, חרוב מאַכן דאָס מעבל; וואָרט-אַגיטאַציע האָט געדראָט, אַז מ׳זאָל געלינטשט ווערן, איינגעזעצט ווערן אין תפיסה אָדער „אינקאָמוניקאַדאָ", דאָס הייסט, אַז אַן אונטערגעהעצטער פעוול טונקט דיך איין אין סמאָלע, און קוילערט דיך אין פעדערן; אָדער געשלאָגן ווערן מיט גומענע שטעקנס — און עס זענען אַפילו געווען פאַלן, ווען מ׳האָט צוגעבונדן דעם קרבן צו אַ טעלעגראַפישן סלופּ.

ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן, דאָס וואָס מ׳האָט געוווינט אין אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל. די יורשים פון יענעם פעוול, וואָס האָט אַמאָל געפירט וויליאַם לאָיד דזשעריסאָן מיט אַ שטריק אויפן האַלז איבער די גאַסן, זענען איצט אַרויס, כדי צו פאַרטיידיקן זייערע פראַנצויזישע און ענגלישע הלוואות. דאָס וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ מערהייט אירלענדער קריסטן איז אויך נישט געווען קיין פאַרזיכערונג פאַר די בירגער, ווייל די קאַטוילישע קירך איז אויך געווען אַן אייגנטום-באַזיצערין, וואָס האָט זיך געמוזט ווערן פאַרן באָלשעוויזם. פּאָליציי, אַגענטן פון דער פעדעראַטיווער רעגירונג, אַ גאַנצע אַרמיי שפּיאָנען און פּריוואַטע דעטעקטיוון פון פאַרשידענע רייכע לייט זענען צו יעדער צייט, ביי טאָג און ביינאַכט, אַריינגעפאַלן אין הייזער און אין לאָקאַלן, אַרויסגענומען די מענטשן און געהאַלטן זיי אין תפיסה אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן נאָר געוואָלט; זיי האָבן זיך דערלויבט אויף כלערליי באַהאַלטענע פאַרברעכנס און האָבן געבראָכן די קאָנסטיטוציע, וואָס זיי האָבן אויסערלעך כלומרשט באַשיצט.

X

קאָרנעליע טאַרנוועל מיט איר אייניקל האָבן זיך ציטערנדיקע אַדורכגעשלאָגן דעם פֿינסטערן טאָל פֿון פּאַראַט. זיי פּערזענלעך האָט נישט געדראָט קיין שום געפֿאַר. די פּאַטריאָטן פֿאַרפֿאָלגן נישט קיין רייכע מענטשן, בפֿרט, אַזעלכע, וואָס האָבן הינטער זיך אַן איינפֿלוסרייכע פֿאַמיליע. אויסערלעך האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער ווייסער טעראָר איז אַ אינסטינקטיווער אויסבראָך פֿון פֿאָלקס צאָרן, און מ'האָט נישט געקענט באַמערקן, אַז ער איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך קאַלטע, כיטרע קעפּ, אַז די אויסבראָכן פֿון פּעוול זענען צוגעגרייט דורך אויסגערעכנטע דזשענטלמענער אין די קאַבינעטן. זיי וואָלטן זיך זיכער אָפּגערעכנט מיט דער אַלמנה טאַרנוועל, און געצוווּנגען זי צו שווייגן, אָבער זיי האָבן זיך נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן דורך איר אַרעסט, און דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די פֿראַגע וועגן איר האָט מען איבערגעלאָזט אויפֿן באַראָט פֿון הענרי קאַבאָט ווינטערס און רופּערט אַלווין, וועלכע האָבן אויסגעגעבן ריזיקע סומעס צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד, און זענען געזעסן אין די קאָמיסיעס, וואָס האָבן דורכגעקוקט די רשימה פֿון די פֿאַרדעכטיקע און באַשטימט די פֿאַרטיידיקונגס־פּלענער.

וואָס שייך קאָרנעליען, האָבן זיי באַשלאָסן אונטערצוקויפֿן איר דינסט, זי זאָל איבערקוקן יעדן אָוונט איר פּאַפּיר־קאָרב. איינע, אַ פֿריינדין פֿון דעם אַמאָליקן „ניי־קרייז" האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן קאָרנעליען אונטערן אויסרייד, אַז זי וויל איבערגיין צו די פּאַציפֿיסטן, זי איז אַריינגעטרעטן אין קאָרנעליעס אָרגאַניזאַציע און באַגלייט זי אויף די זיצונגען, איז אַריינגעקומען אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, און שפּעטער אָנגעשריבן גענויע באַריכטן פֿון זייער אַרבעט, אָנגעגעבן גענויע ליסטעס פֿון די מיטגלידער און סימפּאַטיקער, און צוגעשטעלט קאָפּיעס פֿון די מאַנוסקריפּטן, וואָס האָבן געזאָלט קומען פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט. צווישן די דאָזיקע אַלע אינפֿאָרמאַציעס איז אויך געווען

די ידיעה, אַז די פּרוי קאָרנעליע טאָרנוועל איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַנאַרכיסטן פון פּליימוט, און פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט איינעם פון זיי, וואָס איז אַנטלאָפן פון מיליטער-דינסט — הגם ס'איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, צו זי האָט אים געהאָלפן צו אַנטלויפן. ער האָט געשריבן צו איר אונטער דעם פּסעוודאָנים „נאָנאַ". און איינע פון די בריוו, וואָס קאָרנעליע האָט באַקומען פון וואַנצעטין איז אַריבער אין דעם אַרכיוו פון געהיימען דינסט אונטער דעם לויף-נומער 36 T 1842; דאָרטן איז געשטאַנען אַט וואָס:

„ליבע נאָנאַ!

עס וועט זיין פאַר אייך אַגרויסע בשורה, אַז עס ווערט מקוים מיין נביאות וועגן רוסלאַנד, ווו עס הויבט אָן צו זיגן די אמתע רעוואָלוציע. דאָס איז די סאַמע גרעסטע געשעעניש אין דער געשיכטע, און מען מוז עס באַטראַכטן, ווי אַן אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע. דעס איז אַן ערשטער אָנזאָג פון פריי־הייט פאַר די אַרבעטער און פויערן אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז אָבער אויך אַן האָפענונג, וואָס קען דויערן זייער קורץ, און ווענדעט זיך אָן דעם, וואָס עס וועט פאָרקומען אין אַנדערע לענדער. ווען עס וועט אויסברעכן די רעוואָלוציע אין עסטרייך, איטאַליען, פראַנקרייך, ענגלאַנד, וועט מעגלעך זיין, אויפצובויען אַן אַרבעטער-געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַ־ציע. אָבער קוים ווייזט זיך אַרויס פאַר אוממעגלעך, צו מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער, דאַן זענען די האָפענונג אויף פרייהייט אין רוסלאַנד גאַנץ שוואַכע, און מען קען נאָך זען אַ מפּלה פון די איצטיקע אַרבעטער-נצחונות. אויב רוסלאַנד וועט זיך מוזן פאַרטיידיקן אין אַ מלחמה, וועט עס זיין אַ נייער מיליטאַריזם, און ביים מיליטאַריזם איז אוממעגלעך פרייהייט. אין רוסלאַנד וועט זיך דאַן שאַפן אַ רעגירונג, וואָס וועט זיך שטיצן אויפן באַגנעט, פּונקט ווי אַנדערע מלוכות, און די רעוואָלוציע וועט זיין פאַרשפּילט. אַלץ וואָס דער אַמעריקאַנער אַרבעטער קען טון פאַר דער רעוואָלוציע, איז העלפן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, און נישט דערלאָזן, אַז

מ׳זאָל אָנפאַלן אויף זייער לאַנד. מיר קענען דאָ אין מעקסיקע גאָרנישט אויפטון, ווייל מיר קענען נישט די שפּראַך, און דערפאַר טאַקע האָבן מיר, איך און ניק, באַשלאָסן אומצוקערן זיך אין די פאַרייניקטע שטאַטן, צוליב פּראָפּאַגאַנדע.

מיט ברידערלעכען גרוסן, אייער איבערגעגעבענער פריינט,
באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי

XI

די צייט, ווען דערדאָזיקער געגנבעטער בריוו איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון רופּערט אַלווין, איז געווען פרילינג 1918, בעת דער לעצטער דייטשער אָפּענסיווע אויף פראַנקרייך. דער בריוו האָט שרעקלעך אויפגערעגט אָט דעם לאָיאַלן בירגער, ער איז אַנטשלאָסן אַוועק צו קאָרנעליען און שטוב אַריין, שטיין געבליבן אין מיטן צימער, און דערקלערט איר די געפאַר, וואָס דראָט איר, אַז מ׳זאָל זי איינזעצן פאַר עקשנותדיקע און כראָנישע אומלאָיאַליטעט. ער האָט באַפוילן בעטין, תיכף איינצופּאַקן די זאַכן און תיכף מיטפאָרן מיט אים אַהיים. ס׳האָט זיך ווידער אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס ס׳איז אַזוי שטאַרק נישט געווען אין באָסטאָנער סטיל, אַז אַלע באָסטאָנער וואָלטן זיך אָפּגעשאָקלט ביי דעם געדאַנק, וועגן אַזאַ סצענע, און מעגלעך, אַז אַזאַ סצענע וואָלט אינגאַנצן נישט געשען, ווען דער אַלטער יהושע קווינסי טאָרנוועל וואָלט נישט געווען חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פון עפּעס אַן אימיגראַנט פון אַ זומפּיק לאַנד, און נישט אַריינגעפירט אין זיין פאַמיליע די היסטעריע און שלעכטע מאַנירען.

בעטי האָט דערקלערט, אַז זי קען נישט און וועט נישט אַוועק פון דער באָבען. וואָס שטרענגער איר פאָטער האָט גערעדט צו איר, אַלץ העכער האָט זי געוויינט און אַלץ פעסטער געטוליעט זיך צו דער באָבען. אַפילו דאַן, ווען קאָרנעליע האָט איר צערטלעך געעצהט צו פאָלגן דעם טאַטן, האָט זי איר נישט אָפּגעלאָזט פון זיך און כסדר געוויינט:

— וויאַזוי קענען זיי פון מיר פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך?
וואָס גרעסער ס׳איז געווען די סכנה פאַר קאָרנעליען, אַלץ שווערער איז געווען פאַר בעטין, צו פאַרלאָזן זי. ס׳איז געווען קלאָר, אַז רופּערט האָט מגזם געווען, און זיפצנדיק און קרעכצנדיק האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז די געפאַר, אַרעס-טירט צו ווערן, איז נישט אַזוי געוואַלדיק, אַז ער וועט מיט זיין איינפלוס נישט דערלאָזן צו קיין חרפּות, און בעטי האָט געענטפערט, אַז אויב אַזוי, טאָ צו וואָס דאַרף זי זיך אומקערן אַהיים?
רופּערט האָט זיך דאַן באַנוצט מיט דעם סיסטעם פון די אַלטע פּוריטאַנישע אבות, און געגעבן אַ באַווייז אַז זיין ראַסע איז נאָך געזונט. ער האָט געזאָגט, אַז זיין טאָכטער בונטעוועט זיך קעגן די עלטערן. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין זייגערל און געגעבן איר דריי מינוט, זיך צו באַקלערן. אויב זי וועט נישט אין משך פון דער קורצער צייט נאָכגעבן איר עקשנות, וועט דער פאָטער אומקערן זיך אַהיים, אָנשרייבן אַ צוואה און אויסשליסן זי אינגאַנצן פון דער ירושה; פון איצטער אָן וועט זי נישט טאָרן אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין הויז.
דריי מינוט איז רופּערט אַזוי געשטאַנען מיטן זייגערל אין דער האַנט, און בעטי האָט זיך געטוליעט צו דער באָבען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט זי נישט געקענט אָפּרייסן. רופּערט האָט פאַרמאַכט דאָס זייגערל — דאָס איז געווען אַן אַלט גאָלדן זייגערל מיט דעקלעך אויף זאַוויעסעס — און אַ שווייגנ-דיקער אַרויס פון שטוב. בעטי האָט זייער לאַנג געוויינט, זי איז געווען טיף איבערצייגט, אַז איר פאָטער וועט האַלטן זיינע גרויזאַמע דראָונגען און זי וועט פאַרשטויסן ווערן פון דער פאַמיליע אויף אייביק.
אָבער דאָס גלעקל פון דער טיר האָט ווידער אַ קלונג געטון, ס׳איז אַריינגעקומען דבורה און הינטער איר איז גע-גאַנגען שטיל און אַביסל נידערגעשלאָגן דער פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל-באַנק. אפנים, אַז די אַלטע מעטאָדן האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט. רופּערט האָט מיט זיין אייגענער האַנט

געקענט אָנפירן דעם פאַריין פון באַנק־דירעקטאָרן, אָבער ער האָט נישט געקענט באַהערשן די שפּראַך און דעם גייסט פון זיין פרוי. זי האָט דערקלערט, אַז זי וועט נישט דערלאָזן צו דערדאָזיקער אכזריות, וואָס רופּערט האָט געדראָט דער טאָכטער. זיין פּאַטריאָטישע לאָיאַליטעט האָט אים באַפוילן צו פאַרגעסן די ליבע פון עלטערן צו אַ קינד. דבורה האָט אַפּעלירט צום רחמנות פון איר מוטער און איר טאָכטער, געבעטן זיי, אַז זיי זאָלן נישט אָנטון קיין חרפּות דער פאַמיליע און אויסמיידן תּפיסה. דאָס געוויין איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן נאָך גרעסער. בעטי האָט געוויינט, געטענהט, אַז זי ווייס נישט אין וואָס מ׳באַשולדיקט זי. וויאַזוי קענען זיי צוזאָגן צו ווערן בעסער, אַז זיי ווייסן נישט אין וואָס עס האַנדלט זיך. דאַן האָט זיי רופּערט געגעבן ערקלערונגען, וואָס האָבן שיר נישט פאַרראַטן די געהיימניש. מ׳האָט זיי דערציילט, אַז מ׳האָט זיך דערוווּסט פון זייערע באַציונגען מיט אַנאַרכיסטן און דעזערטירן.

רופּערט האָט געפאָדערט, אַז זיי זאָלן איבעררייסן מיט וואַנצעטין, אָבער זיי זענען דאָך נישט מסכּים מיט זיינע אָנשזיונגען, און וואַנצעטי ווייס עס דאָך אויך. זיי באַמיען זיך דאָך נאָך איבערצייגן אים אין דער גערעכטיקייט פון דעם אַמעריקאַנישן שטאַנדפּונקט. צי זאָל דאָס זיין דער פאַרראַט? צי טאָרן זיי נישט איבעררעדן קיין אַנאַרכיסטן אָדער באַקעמפן זיי מיט זייערע אידעען? אויב אַזוי, טאָ ווער וועט באַקעמפן די אַנאַרכיסטישע אַרגומענטן? רופּערט האָט אויסגעשאָסן, אַז דער בעסטער אַרגומענט פאַר דידאָזיקע הינט וואָלט געווען אויפצוהענגען זיי אויף די לאַמטערן, אָבער מיט אַזאַ דערקלערונג האָט ער צאָר אַרויפגעגאָסן אייל אויפן פייער, טאָ וואָס פאַר אַ נוצן האָבן מיר פון דער קאָנסטיטוציע, אויב זי האָט נישט קיין שום ווערט אין מלחמה־צייט? וואָס פאַר אַ פרייהייט פון וואָרט האָבן מיר, אויב מיר מעגן רעדן נאָר דאָס, וואָס די רעגירונג דערלויבט? אויב געזעלשאַפטלעכע פראַגן זאָלן פאַרענטפערט ווערן דורך דעם, וואָס מ׳וועט אויפהענגען

מענטשן אויף לאַמטערן, טאָ ווען מען זאָל מען הענגען און ווער זאָל זיין דער תּליון. וויאַזוי זאָל מען דאָס אַלץ פאַרשטיין? — האָט בעטי געשריגן. קאָרנעליע האָט געשריגן. דבורה האָט געשריגן. פּאָליטישע דיסקוסיעס זענען זייער אויפרייצנדיק און ווירקן זייער צעשטערנדיק אויף דעם ווייבלעכן נערוון-סיסטעם. אין דעם פאַל האָט מען געדאַרפט געבן גערעכט די מיינונגען פון קלאַרע סקאָטערברידזש, וואָס האָט נישט געוואָלט האָבן שום שייכות מיט פּאָליטיק, געווען אַ שטוב-זיצערין און געבוירן אַכט קינדער.

בעטי און קאָרנעליע האָבן אַנטוויקלט זייער טעאָריע: זיי האָבן קיינמאָל נישט אָנערקענט קיין געוואַלט און וועלן אים קיינמאָל נישט אָנערקענען. אָבער זיי וועלן אויך קיינמאָל נישט זיין פאַר קיין מלחמה. זיי וועלן כּסדר פּראָפּאַגירן פאַרן פאַרענדיקן די איצטיקע מלחמה, אונטערן תּנאַי, אַז אַלע וואָס האָבן אָנטיילגענומען זאָלן נישט באַוואָלהט ווערן, אַפילו די פעלקער, וואָס דאַרפן צאָלן אַ מלחמה-פאַרגיטיקונג. אויב אַזעלכע אידעען האַלט מען אין אַמעריקע פאַר אַ פאַרברעכן, וועט סיי די עלטערע דאַמע און סיי די יונגערע פון דער טאָרנוועל-פאַמיליע גיין אין תּפיסה אַריין. דבורה און רופערט זענען אַוועק, פונקט ווי זיי וואָלטן בייגעוווינט אַ טויט-עקזעקוציע. פינף מינוט נאָך זייער אַוועקפאָרן האָט דאָס גלעקל ווידער אַ קלונג געטון. אין דער טיר איז שטיין געבליבן אַ באַשיידענער איטאַליענישער אַרבעטער אין צו גרויסע מלבושים, מיט שלעכט-פאַרשוירענע, אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס. דאָס איז טאַקע געווען דער אַנאַרכיסט-דעזערטיר, וואָס איז געווען די סיבה פון דער נאָר-וואָס פאָרגעקומענער מוראדיקער פאַמיליען-סצענע.

XII

ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער אין דער טיר.

— איך ווייס נישט, צי קען...

— אַ פראַגע עס איז ! — און זיי האָבן אים אַריינגע־בעטן אינעווייניק.

— איך קען אייך נישט פאַרשאַפן קיין אומאָנגענעמ־לעכקייט ?

— מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין שום אומאָנ־גענעמלעכקייטן, — האָט קאָרנעליע געענטפערט, און בעטי האָט געזאָגט :

— איר מאַכט אונז זייער פריילעך. — אַזוי האָט געקענט רעדן אַ יונג מיידל, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער אוני־ווערזיטעט־לערע.

וואַנצעטיס פּנים האָט אויפגעשיינט. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געפרייט, וואָס ער זעט זיי, ער האָט אַזוי געבענקט נאָך פריינט. ער האָט אויסגעזען זייער שלעכטפון זיין פסדרדיקן אַרומוואַנדערן, נידערגעשלאָגענער ווי תמיד. די מלחמה האָט אַרויפגעלייגט שווערע שפורן אויף זיין פּנים. ער איז קוים אַלט געווען און בעטי וואָלט אים שיר נישט געקענט האַלטן פאַר אַ פאָטער פאָטער, קאָרנעליע האָט אים געהאַלטן פאַר אירס גלייכן, חגם זיי זענען זיך ביידע באַגאַנגען מיט אים, ווי מיט אַ קינד, ווי בכלל די באַציונג פון פרויען צו דיכטער און טרוימער, וואָס קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער האַרטער וועלט.

אַ גאַנץ יאָר האָט ער אַרומגעוואַנדערט און איז נישט געווען צופרידן. איצט האָט ער געוואָלט אָנהויבן אַרבעטן אין דער באַוועגונג. ער האָט געוואָלט פאַרדינען אויף חיונה, ביי וואָס עס וועט זיך אים לאָזן. ער וועט זיך אומקערן קיין פליימוט, וווינען נאָענט פון די בריגיס, נישט ביי זיי אין צימערל, ווייל די קינדער זענען שוין אונטערגעוואַקסן און זיי דאַרפן עס האָבן פאַר זיך. מ׳קען נישט זיין זיכער, אָבער קען זיין, אַז זיי וועלן אים נישט אַרעסטירן. די רעגירונג האָט דאָך געגנוג זעלנער, און חוצדעם באַדאַרף זי דאָך אַרבעטער, אויסצואַרבעטן מלחמה־אַרטיקלען. זיי האָבן אָנגע־הויבן רעדן וועגן דער אַלוועלטלעכער סיטואַציע. די פּראָפּאַ־

אַנדע פאַר אַ באַוואָפנטער אינטערווענץ קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דערגרייכט אַ גרויסן דערפאָלג.

— דאָס איז שרעקלעך, — האָט קאָרנעליע געזאָגט, אָבער צו איר איבערראַשונג האָט זי זיך באַלד איבערצייגט, אַז באַרטאָ איז שוין לחלוטין נישט באַגייסטערט מיט רוסלאַנד, ער האָט געהאַלטן די רעוואָלוציע פאַר פאַרשפּילט. ער האָט געזאָגט:

— נאָנאָ, ס'איז געשען, ווי איך האָב געזאָגט, אַלץ איז געשען פּונקט ווי איך האָב געזאָגט. דאָרט האָט זיך געשאַפן אַ נייער מיליטאַריזם, אַ רעגירונג, וואָס וועט פּונקט אַזוי אונטערדריקן דעם אַרבעטער-קלאַס. איר האָט נישט געלייענט, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געטון מיט די אַנאַרכיסטן? מ'האָט פאַרווערט זייער פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט, אַ סך פון זיי געשאָסן, איינגעזעצט זיי אין תפיסות. דאָס איז דאָך די זעלביקע, ווי אַזוי זאָל איך עס אָנרופן — טיראַניע — זיי צווינגען צו פאָלגן, צו אַרבעט, און זיי צווינגען צו גיין אין דער מלחמה.

— אָבער, חבר וואַנצעטי, זאָלן זיך, הייסט עס, די סאָוויעטן נישט פאַרטיידיקן? — האָט בעטי איבערגעריסן.

— זיי מוזן זיך פאַרטיידיקן — קאַמעראַדאָ בעטי. אָבער זיי דאַרפן זיך פאַרטיידיקן ווי פרייע מענטשן; אויב עמיצער וויל נישט קעמפן, האָט אים קיינער נישט קיין רעכט צו צווינגען. קיינער האָט נישט קיין רעכט צו מאַכן פון אַ מענטש אַ שקלאַף, פאַרווערן אים צו טראַכטן אַנדערש, ווי ער טראַכט, און אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען.

— וואָלט עס דען נישט געווען אוממעגלעך, אויסצוהאַלטן אַן אַרמיי אין אַזעלכע באַדינגונגען?

— אויב עס וועט זיין די אמתע גערעכטיקייט, וועלן זיך אייביק געפינען גענוג מענטשן צו קעמפן. אַ סך מענטשן. וואַרט נאָר, קאַמעראַדאָ בעטי, איר וועט זען, וואָס אין איטאַליען וועט פאָרקומען. עס וועלן דאָרטן פאָרקומען גרויסע געשעענישן. דאָס איז אַן אָרעם לאַנד, נאָך דער מלחמה וועט דאָרט זיין

אַ נויט, שווערע צייטן וועלן אָנקומען, ס'וועט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע — איך בין זיכער. דער איטאַליענער וועט זיך ניעט אַזוי לייכט אונטערגעבן, ווי דער רוסישער פּויער, דער איטאַליענער וועט קעמפן פאַר רעכט. ער מוז זיין אַ פרייער מענטש. איר וועט זען אינגאַנצן אַן אַנדערע רעוואָלוציע, אַן אַנדער רעגירונג. מיר דאַרפן איצט פאַרדינען אַביסל געלט אין אַמעריקע, פאַרדינען וואָס מער און שיקן קיין איטאַליען אויף אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

— איך האָב מורא, אַז איר וועט זיך פאַרשאַפן אַ סך אומאָנגענעמלעכקייטן — האָט קאָרנעליע געזאָגט, — ס'איז איצט פאַראַן אַזוי פיל שפּיאָנען, וואָס קריכן נאָך יעדן איי־נעם... זיי וויסן אַלץ, וואָס עמעצער טוט. און וואָס אַ טאָג ווערן זיי ברוטאַלער, איך האָב מורא, אַז מ'וועט אייך אַרעס־טירן.

— ס'איז גאָרנישט, נאָנאַ. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר מיר. די אויפגאַבע פון אַן אַנאַרכיסט איז צו פירן פּראָפּאַגאַנדע, ווו ער זאָל נישט זיין. גו, מוז ער אַרבעטן אומע־טום. איז ער אין דער אַרמיי, מוז ער אַגיטירן אין דער אַרמיי, איז ער אין תּפיסה, מוז ער רעדן פאַר די אַרעסטאַנטן: אַלצאיינס, אומעטום, ווו ער געפינט נאָר מענטשן. קומט ער ווידער אַרויס אויף דער פריי — פאַר אַ נייע אידעע איז אייביק דאָ אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן זי. ס'איז גאָרנישטאָ קיין מיטל אָפּצוהאַלטן זי. נישט קיין תּפיסה, קיין קוילן, קיין תּליה, קיין שום זאַך אויף דער וועלט קען זי נישט אָפּהאַלטן. דאָס איז שטאַרקער און געפערלעכער ווי דינאַמיט.

ער האָט זיך שטאַרק אַרויסגעבויגן פון שטול, אַזוי שטאַרק איז געווען זיין באַגייסטערונג. זיין פּנים האָט געצוקט, אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן יענע פונקען פון פאַנאַטיזם, וואָס קאָרנעליע האָט שוין געקענט אין אים. ער האָט זיך געווענדעט צו בעטין, צו דער יונגערער, אַלס די באַשיצערין פון אַ בעסערער צוקונפט:

— אַזוי זענען אַנאַרכיסטן, קאַמעראַדאָ בעטי, זיי זאָגן,

אַז קאַפּיטאַליזם איז אַן אומרעכט, זיי ווילן אים נישט ליידן; יאָ מיר ווילן אים צעברעכן. מיר ווילן אים באַקעמפן, מיר ווילן קיינמאָל נישט אויפהערן, קיינמאָל נישט — ווי זאָגט מען עס — אויפגעבן דעם קאַמף קעגן אים. יאָ, איך וועל ווייטער פירן מיין פּראָפּאַגאַנדע — כ׳וועל רעדן מיט די שטאַרקסטע ווערטער, שרעקן די מענטשן, צווינגען זיי צו פאַרטראַכטן זיך. מיין אידעע וועל פאַרשפּרייטן אומעטום. מען מוז מיך הערן אַפילו דאַן, ווען מ׳וועט מיך נישט ווילן הערן.

וואַנצעטי האָט פּלוצלונג איבערגעריסן, האָט זיך פאַרשעמט אַביסל. אַפילו אַן אַנאַרכיסט דאַרף זיך האַלטן ווי אַ דזשענטלמען! און אפשר פּאַסט נישט, אויפצורעגן זיך אַזוי שטאַרק אין דער שטוב פון אַ דאַמע? אפשר זעט ער איצט אויס ווי משוגע? דאָס אַלץ האָט ער געפרעגט.

קאָרנעליע האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וואַרט אַ ווײַלע, — זי איז צוגעגאַנגען צו דער ביכער־שאַנק, אויף אַ פּאָליצע, זענען געשטאַנען אַלטע ביכער, נישט אַרונטערגערוקט אונטערן בעט, זי האָט אַרויסגענומען אַ בוך — איך וויל אייך עפּעס פאָרלייענען באַרטאָ. מיר האָבן געהאַט אַ יונגן רעפאָרמאַטאָר לויטן שטייגער פון די אַלטע פּוריטאַנער; ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די מענטשלעכע שקלאַפערײַ איז אַן אומגערעכטע זאַך און אָנגעהויבן צו אַגיטירן פאַר זייער פרייהייט. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי מ׳האָט אים געלינטשט אין באָסטאָן. ער האָט געהייסן וויליאַם לאָיד דזשעריסאָן — נעמט אייך דאָס, באַרטאָ, אין זינען אַריין. דערדאָזיקער נאָמען וועט אייך דינען פאַר אַ משל אין אונזער שטאַט.

דזשעריסאָן האָט אין יאָר 1839 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג „ליבעראַטאָר", דאָס הייסט, מיט אַכטאונזיבעציק יאָר צוריק. אין דעם ערשטן נומער האָט ער אַנטוויקלט זיין פּראָגראַם. הערט אויס:

און זי האָט געלייענט:

„איך מוז זיין אַזוי האַרט, ווי דער אמת, און נישט איינגיין

אויף קאָפּראָמיסן, פּוקט ווי די גערעכטיקייט. וועגן דידאָ־
זיקע זאַכן, וועל איך נישט רעדן, נישט טראַכטן, נישט שרייבן
מעסיק. ניין, פּרווט, זאָגט דעם מענטשן, וואָס זיין הויז שטייט
אין פלאַמען, ער זאָל רופן נאָך הילף אויף אַ מעסיקן אופן,
זאָג אים, אַז ער זאָל אַרויסרייסן מ ע ס י ק זיין פרוי פון דעם
אָנפאַלערס האַנט, פּרווו זאָג אַ מאַמע, אַז זי זאָל פּ אַ מ ע ל ע ך
אַרויסציען איר קינד פון פייער, וואָס האָט עס אַרומגענומען —
אָבער רעדט מיר נישט וועגן מעסיקייט אין אַזעלכע ברענענ־
דיקע פראַגן ווי די. איך בין אויפגערעגט, איך וויל נישט
רעדן צווײדײטיק, איך וויל נישט זיין כיטרע, און וועל נישט
אָפּטרעטן אויף איין שפּאַן, און איך וועל נישט זיין געהאָכזאַם.
די גלייכגילטיקייט פון די מענטשן איז זייער גרויס און זי
דערלאָזט, אַז די געטלעכקייט זאָל אַראָפּ פון איר פּיעדעסטאַל,
און זי איז גורם, אַז טויטע זאָל אויפשטיין תחית המתים.

— וויאַזוי האָט ער געהייסן ? — האָט זיך וואַנצעטי
איבערגעפרעגט, און גוט איינגעחזרט זיין נאָמען — ווילִיאַם
לאָיד דזשעריסאָן. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט וועגן אים,
נאָר איך פיל זיך צענויפגעבונדן מיט דער נשמה פון אָט דעם
מענטשן. איך בין ענלעך צו אים. איך ווייס עס !

ווייסער טעראָר

1

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פון נצחון. ס׳האָבן געקלונגען די טענער פון דער מאַרסעליעזע. דאָס אַמעריקאַנישע מיליטער האָט אָפּגעהאַלטן דעם דייטשן אָנגריף און אָנגעהויבן אַ קאָנטעראָפענסיווע, וואָס האָט באַדאַרפט זיין דער אָנהויב פון סוף. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אַ ציטער געטון פון פרייד, דאָס גאַנצע לאַנד, אַ חוץ עטלעכע פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס זענען געווען אַזוי פאַרעקשנט, אַז זיי זענען לחלוטין נישט געווען בכוח צו טראַכטן וועגן נצחון, נאָר וועגן די מענטשן מיט צעשאָסענע אברים, און אַרויסהענגענדיקע געדערים, וועלכע האָבן זיך אַרומגעשלעפט אין די ברענענדיקע וועלדער — אָדער ווי שרעקלעך עס זענען געווען די צעפּערטלטע אַדורכגעלעכערטע לייבער, פּונקט ווי שטיקער וואַקס פון בינשטאָק.

קאָרנעליע מיט איר אייניקל זענען געפאָרן קיין פּליימוט; זיי האָבן געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן דאָרטן אַ וואָך צייט; בעטי ביי איר פריינדין לוציליע וואָלקער, און קאָרנעליע ביי די בריגס. דאָס קליינע צימער, ווו קאָרנעליע האָט געוווינט אַנדערהאַלבן יאָר, האָט פאַרנומען פע, אָבער זי האָט אים מיט פאַרגעניגן אָפּגעטראָטן. וואַנצעטי האָט געהאַט אַ צימער ביי זייער שכן, אַהין איז ער געקומען צום עסן און געבליבן דאָרטן אָוונט צו אַרבעטן. ער האָט זיך ווידער געגריבלט אין פּראָבלעמען, געלייענט ראַדיקאַלע צייטונגען, וואָס ער האָט געקענט באַקומען. דעמאָלט איז גראָד

אויסגעבראָכן אַ בונט אין דעם איטאַליענישן מיליטער; הגם ער איז געוואָרן אונטערגעדריקט, האָט ער ווייטער געטליעט אינעווייניק, און וואַנצעטי האָט כסדר געוואַרט מיט גרויס ביי־געריקייט אויף די ווייטערדיקע ידיעות.

ער האָט דערציילט קאָרנעליען וועגן זיין לעבן אין מעקסיקע, וואָס פאַר אַ טעטיקער חבר סאַקאָ איז געווען, ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף אַ בשותפותדיקער קאָלאָניע מיט נאָך איטאַליענער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער מלחמה. זיי האָבן געלעבט דאָרטן אויף קאָמוניסטישע יסודות. באַרטאָ האָט צוגעגרייט עסן פאַר אַלעמען, ער האָט געבאַקן ברויט און אויך געשפּייזט זיי גייסטיק און באַזאָרגט זיי מיט אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. אין דער גרופּע זענען געווען עט־לעכע, וואָס קאָרנעליע האָט גוט געקענט: באָדאַ, דער מאַקאַ־ראָן־פאַרקויפער, וואָס האָט זיי אַמאָל געפירט אויף דער פאָר־שטעלונג, קאָאָקי און אָרקיאַני, צוויי אַנדערע, מיט וועלכע זי האָט זיך באַקענט אויף דער פאָרשטעלונג.

נאָנאָ איז געקומען צו זיי איינמאָל אין יאָר. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסער יום-טוב. דער אַלטער בריני האָט איר געוויזן זיין גאָרטן, און קאָרנעליע האָט איבערגעזאָגט די איטאַליענישע נעמען פון דעם גרינוואַרג. בריני האָט זיך אָנ־געשטרענגט אַרויסצוזאָגן זיי אויף ענגליש און די קינדער האָבן געלאַכט פון זיין שלעכטען אַקצענט. זיי זענען געגאַנ־גען אין וואַלד שפּאַצירן, געקליבן בינטלעך בלומען, פּע און טראַנדאַ האָבן דערמאָנט די מעשיות וועגן בלומען, וואָס זיי האָבן געהערט פון באַרטאָן און ער איז געווען זייער שטאָלץ. באַרטאָ האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, צו פאַרנעמען זיך מיטן יינגל און צו זאָרגן וועגן זיין געזונט און אַנטוויקלונג. איינ־מאָל האָט זיך טראַנדאַ פאַרקילט, און באַרטאָ האָט געזאָגט, אַז דאָס בעסטע מיטל וואָלט געווען, אַז דאָס יינגל זאָל זיך דורכ־שוויצן. ער האָט אַנידערגעקניט אויף דער ערד און אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען מיט אים אויפן דיל. דער גרויסער מאַנסביל האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעצויגן אויף דער גאַנצער

לענג. דאָס ייִנגל איז געשפּרונגען פון פרייד. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דאָס ייִנגל אָנגעהויבן שטאַרק צו שוויצן. באַרטאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון, אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, נישט געלאָזט אים געבן צו עסן, אַ חוץ הייסן לימאָנאַד.

— אינדערפרי וועט ער זיין געזונט, — האָט דער „דאָקטאָר" געזאָגט.

טראַנדאַ האָט שטאַרק געוואָלט האָבן אַ פידל. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן זומער, כדי צו קאָנען קויפן אַ פידל, אָבער אומגעריכט איז דאָס געלט אויסגעגעבן געוואָרן אויף אַ גאַנץ אַנדער צוועק, ווייל די גאַנצע פאַמיליע איז קראַנק געוואָרן אויף אינפלוענציע. קאָרנעליע האָט אים געוואָלט שענקען אַ פידל, אָבער באַרטאַ האָט נישט געלאָזט. ער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע אָנשטרענגונג פון ייִנגל וואָלט געגאַנגען לאיבוד. ער דאַרף אַליין פאַרדינען, וועט ער אים וויסן, ווי אים אָפּצוהיטן. ער וועט זיך פילן גליקלעך, ווען ער וועט דערגרייכן זיין ציל און וועט האָבן צוטרוי צו זיין ענערגיע. באַלד דערנאָך איז אָנגעקומען די צייט פון יאָגדעס. ס'איז נישטאָ קיין בעסערע באַשעפטיקונג פאַר קינדער, ווי גאַנצע טעג אַרומצוגיין אין וואַלד.

טראַנדאָס באַציונגען מיט די שכנותדיקע ייִנגלעך זענען געווען זייער קאָמפּליצירט. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שפּילן מיט אים, ווייל דער גלח האָט זיי געהייסן אויסמיידן דאָס שלעכטע ייִנגל, וואָס גייט קיינמאָל נישט אין קירך אַריין און וועט זיכער אַריין אין גיהנום. די איבעריקע ייִנגלעך האָבן אים גערופן „סאָציאַליסט", און ווען ער איז געווען אַליין און געלייענט מעשהלעך אָדער געשפּילט זיך מיט די שוועסטער, האָבן זיי געחוזקט פון אים און גערופן אים „ווילדער". ס'איז געווען שווער אויסצוקומען מיט זיי. וואַנצעטי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל נאָך ווערן מוטיקער פון אַזעלכע פאַרפאָלגונגען, וואָרום נישט איין גרויסער מענטש האָט אין דער יוגנט אַדורכגעמאַכט אַזאַ גיהנום, און די וואָס לאַכן אים איצט אויס, וועלן אים נאָך מקנא זיין.

וואַנצעטי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין זיינע מיינונגען וועגן רעליגיע. אוודאי איז דאָ אַ גאָט, אַ גאָט-נאַטור, און מיר אָנערקענען זיינע געזעצן, כדי צו דערגרייכן דאָס העכסטע גליק. דערדאָזיקער גאָט האָט ליב אַלעמען גלייך און ער וויל נישט, אַז איין מענטש זאָל הערשן איבערן אַנדערן. מיר מוזן ביי אים בעטן כוח און געזונט, אָבער מיר דאַרפן נישט האָבן קיין גלחים פאַר אונזערע פאַרמיטלער. די גלחים זענען אַזוינע מענטשן פונקט ווי מיר, איינער פון זיי קען זיין אַ גאַנץ גוטער מענטש און דער אַנדערער אַ מיאוסער אויסוואורף, ווי למשל דער פאָטער אָ'ברין, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם סיסטעם, אַז די אָרעמע זאָלן זיין פאַרשקלאַפט צו די רייכע, און פון דעם נעמט זיך טאַקע די פאַרשקלאַפונג פון גייסט.

טראַנדאָ האָט זיך געוואָלט דערוויסן, ווי אַזוי מענטשן ווערן געבוירן אָדער פאַרוואָס מ'האָט חתונה. די איטאַליענישע עלטערן האָבן אַ טבע צו דערציילן זייערע קינדער, אַז מ'האָט זיי געקויפט. באַרטאָ אָבער האָט גאַנץ ערנסט גערעדט מיט דעם יינגל וועגן דעם, און געבעטן, אַז קאָרנעליע זאָל אויך רעדן מיט פע און איר אויפקלערן, ווייל קינדער דאַרפן וויסן דעם אמת, און איטאַליענישע עלטערן דערציילן זיי, צוליב עפּעס אַ נאַרישע צניעות, נישט געשטויגענע נישט געפלויגענע מעשיות. מ'מוז אויך ענטפערן אויף אַלע פראַגעס פון קינדער, און זיי זאָלן זיך שעמען בלויז דאַן, ווען זיי טוען עמעצן אַן עוולה. אין זיינע רייד איז וואַנצעטי תמיד געווען אַ קלוגער איידעלער מענטש, פול מיט דער טיפסטער פאַרשטענדעניש, אָבער ער האָט זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ לייב, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַן „אומגערעכטיקייט” — ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. עטלעכע פון די גרעסערע יינגלעך האָבן דאָס טאַקע געפילט אויף זיך, בעת זיי האָבן אויפסניי אָנגעהויבן צו פייניקן דעם קליינעם טראַנדאָ.

II

די באַציונגען צווישן בעטין מיט די וואָלקערס זענען געווען מאָדנע. די וואָלקערס זענען געווען אויסערגעוויינלעכע פּאַטריאָטן און זענען שטאַרק בייז געווען אויף בעטין און אויף איר באָבען, צוליב זייער האַלטונג. פונדעסטוועגן האָט מען זיי ליב געהאַט, און ווען בעטי זאָל קומען קיין פּליימוט און נישט אָפּשטייגן ביי זיי, וואָלטן זיי זיך געפילט שטאַרק געטראָפן. בעטיס מוטער האָט נאַטירלעך אויסגעטייטשט שלעכט זייער פריינטשאַפט. זי האָט געטענהט, אַז די וואָלקערס ווילן ליבערשט אָנהאַלטן פריינטשאַפט מיט אַ רויטער אַריסטאָקראַטין, ווי מיט עמעצן אַנדערש. אָבער בעטין האָט נישט געאַרט איר מאַמעס צאָרן, זי האָט זיך באַפריינדעט מיט לוציליען אין ראָטקליף, באַזוכט זי ביי די עלטערן אין שטוב און אויסגעמיטן יעדן שמועס, וואָס וואָלט נישט געפעלן געוואָרן לוציליעס עלטערן. אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט דאָרט פאַרבראַכט, איז וואָלקער געקומען בלויז איין מאָל. אין יעדן קנייטש פון זיין פּנים האָט מען געקענט זען זיינע גרויסע דאגות. ער איז געווען דער אמתער ביישפּיל פון דעם, וואָס די אומברחמנותדיקע קאָנקורענץ קען מאַכן פון אירע קרבנות. פרוי וואָלקער איז געווען זייער אַ באַהאַלטענע. לוציליע האָט אויך מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, אָבער בעטי האָט לסוף אַרויסגעקריגן דעם אמת: — וואָלקער איז געווען איבערצייגט, אַז אַ חברה באַסטאָנער באַנקירן האָבן באַשלאָסן צו דערפירן אים צום באַנקראָט. דער מענטש וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַלע אינטריגעס קעגן אים, איז געווען בעטיס פעטער, הענרי קאַבאָט ווינטערס. וואָלקער האָט דידאָזיקע ידיעות געקריגן פון פאַרשידענע זייטן. הענרי קאַבאָט ווינטערס, וואָס האָט גוט געקענט האַלטן די לייצעס, האָט מיט זיין הינטערקוליסן-פּאָליטיק דערפירט צו דעם קריזיס און צו די שוועריקייטן אין דער פילץ-אינדוסטרי.

— שטעל זיך פאָר — האָט לוצילע געטענהט — די אונטערנעמונג ברענגט אונז איין מיליאָן צוויי הונדערט פופציק

טויזנט רייַנעם רווח אַ יאָר, און דער אייגנטימער קען נישט באַקומען קיין האַלבן מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר אין קיין שום באַסטאָנער באַנק און נישט אפילו אין קיין נוי־יאָרקער. אַזוי האָבן זיי זיך אַלע פאַרייניקט. אויב אַ באַנק, וווּ מ׳האָט אַ קאָנטע, אָדער די דעפּאָזיטן־בענק ווילן נישט אָננעמען קיין וועקסל, טאָ פאַרוואָס זאָל אַ פרעמדע באַנק געבן קרעדיט? די פּילץ־אינדוסטריע געפינט זיך אין מאָדנע באַדינגונגען: דער פאַרקויף קומט פאָר אין אָנהייב יאָר און דאָס מזומן געלט פליסט איין אין האַרבסט, און צוליב דעם איז זייער נויטיק קרעדיט. די באַנקירן ווייסן גאַנץ גוט וועגן דעם, און וואָלקער האָט תמיד געהאַט אַן אָפענע קאָנטע. פון יאָר צו יאָר פלעגט ער זי אויטאָמאַטיש אויסנוצן, היי יאָר איז נויטיק געווען אַ גרעסערער קרעדיט, ווייל די פאַבריק האָט געדאַרפט אויספירן מלוכה־באַשטעלונגען און קריגן אַ מעגלעכקייט, צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. אָבער די באַנקירן זענען הייַנטיקס מאָל געווען אַזוי געמיין, אַז זיי האָבן אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, געהאַלטן אין איין צוזאָגן און נישט דערמאָנט וועגן קיין שום פאַרזיכערונגען ביז דער סאַמער לעצטער מינוט, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיינע וועקסלען אויף הונדערט אָדער צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר אויף דיסקאָנטע. דאַן האָבן זיי די בענק פּלוצלינג אָן אַ פאַרוואָס אָפּגעוואָרפן — עס מוז זיך דאָך זיין עפּעס אַ סיבה! — האָט לוצילע געטענהט, און וואָלקער איז געווען איבערצייגט, אַז הענרי קאַבאָט ווינטערס האָט זיך אָנגעלייגט דווקא אים צו רויִנירן.

די באַנקירן האָבן פאַרלאַנגט פון וואָלקערן, מ׳זאָל זיי פאָרשטעלן די ביכער, און פעסטגעשטעלט, אַז כדי אויסצוהאַלטן ביזן האַרבסט, וועט ער דאַרפן האָבן דריי מיליאָן דאָלאַר. זיי האָבן מסכים געווען, צו געבן אים די דאָזיקע הלוואה אויף זיבנאונצוואָנציק פּראָצענט. דער הויכער פּראָצענט האָט אים שוין נישט אַזוי געאַרט, ווייל דער ריווח וואָלט זיכער געדעקט די אויסגאַבן. אָבער ער איז נאָך נישט געווען זיכער, צי ער וועט טאַקע קריגן די דריי מיליאָן. און אינדערעמתן

האָבן זיי אים מאַקע ווידער אַראָפּגעפירט פון וועג. זיי האָבן אים ווידער אָפּגעשלעפּט מיט דער הלוואה, און לסוף האָבן זיי געפּאָדערט פון אים, ער זאָל פאַרמשכּנען די אַקציעס פון זיינע פאַבריקן. וואָלקער האָט געהאַט צוואָנציק פאַרשידענע פאַבריקן פון פאַרשידענע אינדוסטרי-אָפּטיילונגען. זיי זענען געגאַנגען ביי טאָג און ביי נאַכט, באַשעפטיקט אַכציק טויזנט מענטשן, ער האָט פּראָדוצירט אַרטיקלען פאַר דעם מלחמה-געברויך און געהאַלטן, אַז ער ברענגט אַ נוצן דעם פאָטער-לאַנד. אָבער די רעגירונג האָט אים נישט געגעבן אַפילו קיין איין דאָלאַר און נישט פאַרטיידיקט פאַר די אָנפאַלן פון די באַנקירן.

אָט די גאַנצע געשיכטע האָט בעטי דערציילט פאַר קאָר-נעליען.

— באָבעשי, צי איז עס מעגלעך? צי קען דער פעטער הענרי טון אַזוינע זאַכן?

— ליידער האָט ער אַ שם פאַר אַזעלכן.

— באָבעשי, איך וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל זיין אַזאַ שלעכטער מענטש.

— אַזעלכע מענטשן באַציען זיך אַנדערש צו זייערע פריינט און אַנדערש צו פרעמדע. דער פעטער הענרי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, — אויף ווי ווייט איך ווייס, האָט ער קיינ-מאָל גאָרנישט געטון.

— דאָס איז אַ געמיינהייט קעגן וואָלקערן

— אויף אַזאַ אופן פירן זיי די מסחרים. פערציק יאָר האָב איך מיך צוגעקוקט דערצו און געשוויגן. נישט איינ-מאָל האָב איך זיך צוגעהערט צו די שמועסן צווישן הענרי, דזשעמס, דיין טאַטן און דעם זיידן. מיין מאַן איז זיך פונקט אַזוי באַגאַנגען מיט אַנדערע און יענע האָבן געטון אַזוי מיט אים — אַמאָל האָט ער זיך אָנגעטרויט צו די גרויסע נוי-יאָרקער באַנקירן, פון דער מאָרגאַן-גרופּע, זיי האָבן געהאַט זייער אַ גוטן שם. ער האָט אַריינגעלייגט זיינע אָפּשפּאָרונגען אין די אַקציעס פון דער ניי-הייווען-באַן, און יענע באַנקירן

האָבן אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל, באַגנבעט ביז צום לעצטן גראָשן, און ווי ווייט איך געדענק, איז די גאַנצע עמיסיע גע-פאַלן פון צוויי הונדערט זעקס און פערציק דאָלאַר אויף זעכצן. כ'האָב איינמאָל געהערט, ווי דער זיידע האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַזוי פיל אַקציעס פון דער ניי-העוון-באַן, אַז ער וואָלט געקענט אָנפילן מיט זיי דעם גאַנצן זאַל, אָבער זייער ווערט קלעקט נישט צו באַצאָלן די חובות.

— און דער פעטער דזשעמס האָט טאַקע דעמאָלט אי-בערגענומען די שפּינעריי אין הילוויו?

— יאָ, ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט. אָבער צענדליקער טויזנטער מענטשן — זיי איז געווען ערגער פון אים. אַלמנות, קינדער און זקנים. די גאַנצע צרהדיקע לאַגע פון דער ניי-ענגלישער אינדוסטרי הויבט זיך טאַקע אָן פון יע-נער דאַטע, ווען מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן אויף דער מאָרגאַן-גרופּע. זי האָט אַרויסגעצויגן פון אונזער שטאַט אַן ערך פינף הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

— אָבער, באָבעשי, דאָס וואָס דער פעטער העגרי גראָבט אונטער וואָלקערן אויף אַזאַ אופן, איז דאָך עס פּשוטער רויב.

— נו, אוודאי, אָבער דו דאַרפסט עס נישט זאָגן דיין טאַטן אָדער דיין פעטער. זיי וואָלטן געהאַלטן, אַז דאָס איז פאַר אַ צוואָנציק יעריק מיידל זייער נישט פיין.

— ווי דערלעב איך שוין עלטער צו ווערן! — האָט בעטי געזאָגט.

III

ווי גיך קאָרנעליע איז צוריקגעקומען אין שטאָט, איז זי אוועק אויף אַ באַזוך צו איר איידעם אין דער ביוראָ אַריין.

— העגרי, וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה צווישן דיר און זשערי וואָלקער?

— וואָס אַזוינס האָסטו געהערט, מוטער?

— אַז דו ווילסט אים צונעמען זיינע פאַבריקן.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט — זשערי?
— ניין, אָבער בעטי איז געווען צו גאַסט ביי לוציליען און דערוווסט זיך פון זייער עגמת נפש.
— זשערי האָט עס געזאָגט זיין פרוי, זיין פרוי האָט עס געזאָגט לוציליען, ליציליע בעטין, בעטי דיר און דו מיר! — הענרי האָט געלאַכט.
— איז עס אמת, הענרי, ווילסט אים מאַכן פאַר אַ בעטלער?
— ס'הויבט זיך נישט אָן, מוטער.
— אינטערעסירסטו זיך, הייסט עס, גאָרנישט מיט זיינע עסקים?
— דאָס וועל איך נישט זאָגן. זשערי האָט זיך געווענדעט צו עטלעכע באַנקירן, צווישן זיי רופערט און דזשאָן קווינסי און געוואָלט באָרגן ביי זיי געלט. דידאָזיקע באַנקירן, מיינע קונדן, האָבן מיך געבעטן, איך זאָל אויספאָרשן זיין פינאַנסיעלן מצב, אַרויספאָדערן דעם בילאַנס און אַנדערע אינפאָרמאַציעס. און דערפאַר וואָס זשערין געפעלט נישט דער באַשלוס פון די באַנקירן, האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז איך בין אַ פאַרשווערער און מאַך פּלענער אים אונטערצוגראָבן. ס'איז דאָך אַן אומזין.
— הענרי, דו האָסט אַביסל אַ שם פאַר זייער נישט קיין איידעלען קעגנער.
הענרי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:
— ביסט אפשר געקומען, מאַמע, מאַכן מיך פאַר אַ פּאַציפיסט. לאָמיר שמועסן ערנסט. איך קען שוין אויסגעצייכנט זשערי וואָלקערן זייער לאַנג. איך בין געווען אַקציאָנער פון צוויי זיינע פילץ־פאַבריקן און אַפילו דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז זיין אופן פון פירן אַ מסחר געפעלט מיר נישט. דערפאַר האָב איך פאַרקויפט מיינע אַקציעס פאַר אַ צוגעגנליכן פּרייז און אַרויסגעטרעטן פון אונזערע בשותפותדיקע מסחרים. ער האָט פון שטענדיק אָן מורא פאַר מיר, ער ווייס, אַז איך קען זייער גוט זיין פאַרגאַנגענהייט.

- הענרי, איך האָב מיך פון שטענדיק אָן אינטערעסירט מיט זשערין, נאָך פון דעמאָלט אָן, ווען ער איז געווען אַ שיק-ייִנגל. ער איז געווען אַ פּריילעכער, קליינער חברה-מאַן, און מ'האָט געקענט זען, אַז ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן. מיין מאַן האָט אים פון אָנהויב צוגעהאָלפן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט וועגן דעם.

— יאָ, אוודאי, ס'איז אמת, אַז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. ער האָט זיך אָבער אויסגעלערנט צו שווינדלען און ער פירט זיינע מסחרים אויף גאָרנישט קיין פיינעם אופן.

— איך ווייס נישט, וויאַזוי ער פירט היינט די מסחרים.

— איך מיין אויך, אַז דו ווייסט נישט, ווייל נאָר אַ דערפאַרענער מבין קען דאָס אָפּשאַצן, און אויך ער וועט האָבן שוועריקייטן, ווייל זשערי האָט שוין באַוויזן אַ סך זאַכן צו באַהאַלטן. דאָס איז זייער אַ פאַרפלאָנטערטער ענין, איך זאָג דיר, מוטער, אַז דו טוסט זייער נישט גוט, וואָס דו גייסט פאַרטיידיקן וואָלקערן, וואָס דו הערסט אַפילו אויס זייערע דאגות. מ'טאָר אים נישט גלויבן קיין איין וואָרט.

— הענרי, און איך בין דיר טאַקע געקומען בעטן, אַז דו זאָלסט אים זיין באַהילפיק, באָרגט אים אַזוי, ווי איר באָרגט אַנדערע.

— מוטער, דאָס האָט אַ שייכות מיט באַנקירן און דו ביסט גאָר געקומען צו אַן אַדוואָקאַט. אין דער געשיכטע פון זשערי וואָלקער זענען פאַראינטערעסירט אַ גאַנצע ריי באַנקירן, און אַלע האַלטן, אַז ער פאַרלאַנגט אַ סך מער, איידער אַלע אַנדערע אינדוסטריעלער. ער וואָלט געוואָלט האָבן אַלצדינג פאַר זיך; פאַרן קרעדיט האָט ער באַשטימט אַ קליינע באַגרעניצטע סומע, אָרום צוויי פּראָצענט פון דעם, וואָס ער וואָלט געוואָלט האָבן פאַר זיך אַליין. און, חוץ דעם, וויל ער לייען פיל מער, וויפל מ'קען אים געטרויען לויט זיין פאַרמעגן.

— וויפל איך ווייס, צאָלט ער דערפאַר זייער אַ הויכן פּראָצענט.

— פאַרשטייט זיך, אַז ער מיינט אַזוי. ס'איז נישט אַזאַ

לייכטע זאַך פאַר די באַנקען אַנטקעגנצוקומען זיינע פאָדע־רונגען, ער קען זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס די באַנקען שטעלן איין.

— צי צאָלט ער באמת זיבנאונצוואַנציק פּראָצענט, העברי?

— דאָס וואָלטן זיי דיר געקענט זאָגן, די באַנקירן, איך קען נישט געבן קיין ידעות וועגן די ענינים פון מיינע קונדן. אָבער איין זאַך איז קלאָר: ס'איז זייער זעלטן, אַז צוויי מענטשן זאָלן מסכּים זיין וועגן דעם ווערט פון אַ פערד — ווען איינער וויל עס קויפן און דער אַנדערער פאַרקויפן.

— העברי, איך מוז דיר פרעגן אָפן: צי ווילסטו צו־געמען ביי זשערי וואָלקערן די פאַבריק?

— בשום אופן נישט.

— דו זאָגסט מיר דעם אמת?

— צי האָב איך דיר שוין אַמאָל אָפּגענאַרט? — דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. העברי האָט גענומען דאָס טרייבל צום אויער, זיך צוגעהערט און געזאָגט:

— יאָ, רופּערט, איך קום גלייך צוגיין. איך האָב טאַקע אַצינד אַ שמועס מיט פרוי טאָרנוועל וועגן דעם זעלביקן ענין. איך האָב איר געזאָגט, אַז דער אייגנטלעכער אויסוואורף ביסטו, דער באַנקיר.

אין אָוונט האָט קאָרנעליע אויפגעזוכט דעמדאָזיקן „אייגנטלעכן אויסוואורף". ער האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער אינזל אין אַ ים פון סטאַטיסטישע טאַבעלן און קאַרטעס, וואָס האָבן אַלע געהאַט אַ שייכות מיט דער פילץ־אינדוסטריע. ער איז געווען צו איר זייער העפלעך, אָבער ער האָט, ווייזט אויס, זייער אומ־גערן געשענקט זיין טייערע צייט. ווען זי וואָלט געקומען זיך באַראַטן מיט אים וועגן איינלייגן טויזנט דאָלאַר פון איר אייגנטום, וואָלט ער איר אָוועקגעגעבן אַ גאַנצע שעה צייט. דאָס, האָט ער געזאָגט, וואָלט ער גערן געטון צו יעדער צייט פאַר יעדן איינציקן פון דער פאַמיליע, אפילו פאַר דעם אָרעמסטן פעטער פון דער פינפטער מדרגה. אָבער ווען עס

האַנדלט זיך וועגן זשערי וואָלקער, זאָגט ער איר אָפן, אַז זי לאָזט זיך סתּם אַזוי פאַרדרייען אַ קאָפּ פון אַ שווינדלעריש געזינדל, און זי האָט בכלל אַ טעות, אויב זי מיינט, אַז רופערט האָט אַ גרעסערע שייכות מיט דעם ענין, ווי אַן אַנדער באַנקיר. ס'דאַרף טאַקע איצט פאָרקומען אַ זיצונג פון די גרויסע באַסטאָנער באַנקירן, און זיי ווילן באַשטימען דעם גורל פון דער פילם־אינדוסטריע, און ווען אפילו ער, רופערט, זאָל זיך אַרויסשטעלן און זאָגן: „מיינע הערן, איך האָב צוגעזאָגט מיין שוויגער, אַז מיר וועלן איר טון צוליב, אַז מיר וועלן זיין איינשטימיק און לייען איר אַמאָליקן שיק־יינגל אַזויפיל געלט וויפל ערער וויל נאָר, אַפילו דאַן קען אויך געשען, אַז די איבעריקע באַנקירן וועלן נישט איינשטימען — און איך אַליין, מוטער טראָג נישט אַרום קיין דריי מיליאָן דאָלאַר אין קעשענע.

IV

ביידע, סיי רופערט און סיי העגרי האָבן נישט אויסגעזאָגט קאָרנעליען דעם אמת, און אין אַ צוויי דריי וואָכן אַרום האָט זי זיך איבערצייגט אין דעם. פרוי זשערי וואָלקער איז געקומען צו קאָרנעליען אין שטוב; זי איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן און וויינענדיק דערציילט די שרעקלעכע געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט. מ'האָט צוגענומען ביי זיי דעם לעצטן דאָלאַר, וואָס זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט. און רופערט אַלווין און העגרי קאַבאָט ווינטערס זענען געווען די, וואָס האָבן אַריינגעצויגן די איבעריקע באַנקירן, אַ סך פון זיי, קעגן זייער ווילן, אַנדערע אפילו אָן זייער וויסן, אין דערדאָזיקער שפּיל. דער קרעדיט פון די דריי מיליאָן דאָלאַר איז געווען באַשטעטיקט, ווינטערס האָט נאָר געדאַרפט צוזאַמענשטעלן די דאָקומענטן; שטאָט וואָלקער האָט זיך אים צופעליק אונטערגערוקט עפעס אַ נוי־יאָרקער גרויסע באַנק נאָך אַ קרעדיט, און רופערט אַלווין איז געקומען צו גיין מיט פאָדערונגען, וועגן וועלכע די איבעריקע באַנקירן האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעה.

מיט איין וואָרט, אַ גאַנצן חודש איז דער ענין געהאָנגען אין דער לופֿטן.

זשערי נעבעך, האָט געוואָלט קריגן דערוויַיל כאָטש אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר און געמוזט איבערלאָזן דער באַנק אַלע אַקציעס. ער האָט געטראַכט, אַז זיי וועלן נאָר ליגן פֿאַר אַ משכּון. ער האָט געהאַט רעכט אַרויסצונעמען זיין פּקדון אין משך פֿון צוויי יאָר, צו יעדער צייט, ווען ער וועט אַוועקלייגן אויפֿן טיש איין מיט אַ פֿערטל מיליאָן דאָלאַר. אָבער אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס די באַנקירן האָבן אַריינגעקריגן די אַקציעס אין די הענט אַריין, האָבן זיי זיך גלייך אַ נעם געטון, מיט הענרי ווינטערס אין דער שפּיץ, צו צו רויבן די פֿאַבריקן. זיי האָבן אַריינגעזעצט זייערע אייגענע דירעקטאָרן, זיי האָבן צוגענומען ביי זשערי וואָלקערן די קאָנטראָל איבער די ביכער, און אפילו דעם צוטריט צו דער פֿאַבריקאַציע; זיי האָבן צוגענומען די אַקציעס פֿון דער פֿאַרזיכערונגס-געזעלשאַפֿט, פֿאַרוואָרפֿן די פֿירמע מיט אַלטע חובות און פֿאָדערונגען, און אומעטום, ווו ער האָט זיך געקערט און געווענדעט איז פֿון דער העלער הויט אויסגעוואַקסן עפּעס אַן אַדוואָקאַט, מיט פֿאַרשידענע תּביעות און פּראָצעסן. אַלע צאָלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דער אייגנטלעכער באַזיצער האָט נישט געקענט אַרויסקריגן קיין איין דאָלאַר, און ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, ער זאָל פֿאַרקויפֿן דאָס הויז כּדי צו האָבן פֿון וואָס צו לעבן.

אַזוי איז געווען די אמתע לאַגע. דער קרבן איז געלעגן אויף דער ערד. דער הונט האָט געטרונקען זיין בלוט. ווען קאָרנעליע האָט נאָכאַמאָל געטראָפֿן הענרין, האָט ער געזאָגט תּמימותדיק:

— אַוודאי האָב איך דיר דאַמאָלס נישט געזאָגט דעם אמת, מוטער, דו האָסט זיך דען געריכט פֿון מיר עפּעס אַנדערש?

— איך האָב זיך געריכט אויף עפּעס אַ שטיקל משפּחה-געפֿיל פֿון דיין זייט.

— דו ביסט צו קלוג מוטער, אַז דו זאָלסט זיך איינ־רעדן אַזאַ זאַך. איך האָב זייער אַ סך געפיל צו דער פאַ־מיליע, אָבער דעם מינדסטן געפיל נישט פאַר דער פאַמיליע וואָלקער. ווען דו קומסט צו מיר וועגן דעם אמת אין דיינע אייגענע ענינים, וואָלט איך דיר געזאָגט יעדער זאַך. ווען עס זאָל האַלטן דערביי, וועל איך דיר אַוועקגעבן מיין לעצטן דאָלאַר. אָבער ווען דו וועסט זיך לאָזן אויסנוצן פון זשערי וואָלקער, וואָס וויל, אַז דו זאָלסט בעת זיינעם אַ קריזיס שאַרן פאַר אים מיט דיינע הענט די קאַשטאַנעס פון פייער אַרויס, דאַן קענסטו בשום אופן נישט פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל דיר געבן עפּעס אַ ידיעה, וואָס דו זאָלסט אים קענען ברענגען. אוודאי ביסטו דאָס נישט אויסן געווען, אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז לוציליע וואָלט עס שוין געזען אַרויסצו־קריגן פון בעטין, און די פרוי וואָלקער פון לוציליען. אָט צו־ליב דעם בלויז האָבן זיי די גאַנצע יאָרן אויפגעהאַלטן די פריינטשאַפט מיט בעטין, ווען איך האָב נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך זיי איינגעבן. און איך האָב דערציילט וועגן דעם רופּערטן און דזשעמסן, זענען זיי געווען אינגאַנצן איינשטי־מיק מיט מיר, אַז מ'דאַרף דיר גאָרנישט אויסזאָגן.

— איר האָט, הייסט עס, בדעה אַרויסצושטויסן זשערי וואָלקערן פון דער פּילץ־בראַנזשע ?

— פאַרוואָס עפּעס ? ער איז צופיל באַהאַוונט אין פּילץ, און אויב ער וועט וועלן אָננעמען אַ שטעלע אַלס פירער אין איינע פון די פאַבריקן, וועלן מיר אים צאָלן אַ גאַנץ שיינעם געהאַלט. אויף פינאַנסן פאַרשטייט ער זיך גאָרנישט, און מיר האָבן בדעה צו מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל מער נישט קענען קריכן די באַסטאָנער בענק אין די ביינער אַריין.

— ער האָט דאָך אָבער אַ סך מאָל פאַרדינט אוצרות מיט געלט, הענרי.

— היינט איז אַ קאַץ אויך פעיק צו פאַרדינען געלט ; די רעגירונג קויפט יעדע זאַך און צאָלט, וואָס מ'פאַרלאַנגט נאָר פון איר. אָבער די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם, און מיר דאַרפן האָבן מענטשן, וואָס זאָלן קענען מער אויסהאַלטן, ווי זשערי וואָלקער.

דער אייפּעריקער פּילן-פאַבריקאַנט האָט זיך אַזוי לאַנג געוואָרפן אין דער פּאַסטקע, ביז זיין געזונט האָט זיך אונטערגעבראָכן: זיינע הענט האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו ציטערן, אַז ער האָט מער נישט געקענט האַלטן דאָס שעלעכל קאַווע אין דער האַנט. ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן אין צפון קאַראָלינאַ און פאַרברענגען אַ גאַנצן ווינטער מיט גאָלף. בעת זיין רייזע האָבן זיך צופויפגעטראָפן די באַנקירן מיט זיינע אַדוואָקאַטן און אויפגעוויזן זיי, אַז דער קרבן האָט מער קיין שום האַפענונג נישט. די אַדוואָקאַטן האָבן אים געעצהט, אונטערצושרייבן אַ דערקלערונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון די פּילן-פאַבריקן לטובת זיינע שונאים, וואָס גיבן אים דערפאַר זעקסהונדערט פיפאונצוואָנציק טויזנט דאָלאַר. פאַר דעמדאָזיקן פּרייז זאָגט ער זיך אָפּ פון אייגנטום-רעכט, וואָס ברענגט איין מער ווי איין מיליאָן מיט דריי פערטל דאָלאַר אַ יאָר און שטעלט פאַר מיט זיך אַ ווערט פון איבער צען מילאָן דאָלאַר. מיט די זעקסהונדערט פיפאונצוואָנציק טויזנט האָט ער געקענט אָפּדעקן אַ טייל פון זיינע חובות; כדי צו קענען באַצאָלן עפּעס מער, האָט ער פאַרקויפט זיין הויז; זיין פאַמיליע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געזעלשאַפטלעכן כבוד און איבערגעצויגן זיך אין אַ ביליקער וווינונג; זיין טאָכטער האָט מער נישט געקענט גיין אין אוניווערזיטעט, זי האָט זיך געמוזט אַרומקוקן וועגן אַרבעט.

— צי איז דאָס שיין, באָבעשי? — האָט בעטי געזאָגט. — ווען איך וועל ווערן עלטער און וועל זיך אויפפירן אָרנטלעך, וועל איך באַקומען אַ ירושה-טייל פון לוציליעס געלט, און איך וועל זי אפשר קענען צונעמען צו מיר פאַר אַ גוווערנאַנטין צו מיינע קינדער. און פּריסצילאַ וועט אויך באַקומען אַ חלק דערפון און זי וועט קענען גרינדן דערפאַר עפּעס אַ וווילטעטיקע אינסטיטוציע, למשל, אַ מושב זקנים, און טאַקע אַריינבעמען אַהין דעם הער און די פרוי וואָלקער, ווען זיי וועלן

אַלט ווערן. און מײַן קוזין יהושע (דאָס איז געווען העברי ווינטערס איינציקער זון) וועט באַקומען מער, ווי יעדער איינציקער פון אונז. און ער וועט עס אויסגעבן אויף מיידלעך—דוכט מיר, אַז דערמיט פאַרנעמט ער זיך איצט. די מומע אַליס וועט ווייטער קענען אויפהאַלטן איר יוגנטלעכן חן.

— קינד מײַנס, רעד נישט אַזעלכע זאַכן!

— איך רעד דאָך נאָר פאַר אייגענע מענטשן. מיר, דער יונגער דור, האָבן זיך, ווי דו רופסט עס אָן, אָפּגעפּריט. מיר זענען אויפגעוואַקסן אין דער מלחמה, און מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו רעדן וועגן זאַכן, ווי זיי זענען אינדערעמתן און נישט קוקן אויף זיי דורך ראָזא גלעזער. איך האָב אַנומלט געלייענט אין צײַטונג, אַז פּרוי קאַבאָט ווינטערס האָט בדעה צו גרינדן אַ קאַמער-טעאַטער, וווּ מ׳זאָל באַלד נאָך דער מלחמה אויספירן די ווערק פון אירע מיסטישע פּאָעטן. די מומע קען זיך אויסהאַלטן דעם זשעני, אויב זי וויל, אָבער צו וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרף מען אַרײַנפירן אין דער ליטעראַטור עפּעס אַ שמירער אָדער אַן אויסגעלערנטע מאַלפּע?

— גאָט מײַנער! — האָט קאָרנעליע געזאָגט — אַפּנים, אַז איך ווער שוין אַלט, ווײַל דער יונגער דור הויבט מיך אָן צו שאָקירן.

ע

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג, אין וועלכן יעדער אַמעריקאַנער, וואָס האָט נאָר געקענט רירן מיט זײַנע הענט און פיס, איז אַרויס פון שטוב און אַרויפגעפאַלן דעם ערשטן בעסטן מענטשן אויפן האַלדז, געטאַנצט, געלאַכט, געיובלט און געזונגען — אַפילו אויף דער סטעט-סטריט. דאָס איז געווען דער טאָג פון וואָפנשטילשטאַנד, וואָס די בלוי-בלוטיקע האָבן געפּייערט צוגלייך מיט שטיוול-פּיצער, און צום ערשטן מאָל, זינט אַכציק יאָר, האָבן די ציליינדערס פאַרגעסן אָן זייער חשיבות.

דאָסמאָל האָבן זיך געמעגט פרייען אפילו די פאַציפיסטן. װאָס אַן אמת, װעט די מלוכה האָבן צו באַזאָרגן אַ צװײ הונדערט טויזנט קאַליקעס, אָבער מ׳האָט זיך לפחות געקענט טרייסטן דערמיט, װאָס דערװייל װעלן נאָך טויזנטער יעדן טאָג נישט װערן קיין פרישע קאַליקעס. מען קען שוין װידער עפנטלעך אַפּעלירן צום שכל און אַרבעטן פאַר דעם, כדי צו שטערן אַ נאָענטע מלחמה און נישט פאַרלירן דערבײ די פרייהייט. דער דײַטשער קייזער איז אַװעקגעפאָרן קיין האָלאַנד. אַלע באַמיונגען פאַר דער געװוּנטשענער, אויסגעבענקטער נייער אָרדענונג זענען שוין, דאַכט זיך, פאַראַן. װאָס פאַר אַ טייערע װוּנטשן! — אַ װעלט, אין װעלכער מ׳װעט אויסקעמפן די פולקומסטע דעמאָקראַטיע, אַ װעלט, אין װעלכער די מלוכות פון דער גערעכטיקייט האָבן אין דער מלחמה אָפּגעהאַלטן אַ נצחון! אַזוי לפחות האָבן מיר עס געהערט אין באַפליגלטע װערטער, נישט װייניקער, װי איין מאָל אַ װאָך, אין משך פון גאַנצע אָנדערהאַלבן יאָר. קודם כל האָט דער פרעזידענט װילסאָן איינגעפּאַקט זיין שרייב-מאַשין און זיינע פערצן פונקטן און אַװעקגעפאָרן קיין אייראָפּע, כדי דאָרטן, ביי װערדען, אָנצוזאָגן װעגן אַ נייען פעלקער-רעכט. משמעות, אַז ער האָט שלעכט אָפּגעהיט זיין באַגאַזש, װייל אין ענגלאַנד האָט ער פאַרלאָרן איינעם פון זיינע פונקטן, דאָס אָרט, װו עס רעדט זיך װעגן דער „פרייהייט פון ימען" — און װען ער איז אַראָפּ אין פראַנקרייך, האָט ער שוין מער נישט געהאַט װי דרייצן.

דעם אַמעריקאַנער פאָלק האָט מען כסדר איינגעדעדט, אַז ער זאָל זיך נאָר פאַרלאָזן אויף זיין פרעזידענט; ער איז דער גרעסטער מענטש פון אַמעריקע, און ער האָט אויף זיכער אַ ז ע ל כ ע אינפאָרמאַציעס, װאָס זענען פאַר אַנדערע נישט צוטריטלעך — אַזוי װייניקסטנס האָט דבורה פאַרזיכערט איר מוטער. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום אינפאָרמאַציעס. אָדער — אויב ער האָט זיי יאָ געהאַט—האָט ער זיי לחלוטין נישט אויסגענוצט. אויפן בעסטן אופן, האָט ער נישט געפונען קיין שום גינציקייט צו זיך מצד

דער אַליאַנס, ס׳האָט זיך אים אפילו נישט איינגעגעבן, אַז זי זאָל מוותר זיין אויף איינע פון אירע פּאָדערונגען; עס איז שוין געווען צו שפּעט, די געפאַר איז שוין אַריבער, די אַליאַנס האָט שוין נישט געהאַט, פאַרוואָס מורא צו האָבן און געקענט טון, וואָס זי האָט געוואָלט.

דאָס איז געווען אַן אַנטוישונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אין אַלע ספערן פון דעם אַמעריקאַנישן לעבן אַ ציניש קאָ־רופּציע און דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, ווען דער פּרע־זידענט האָט אָוועקגעלייגט זיין געוועזער פאַר די דיפּלאָמאַטישע קראַנען, איבערגעלאָזט זיי דעם רויב און אַוועקגעפאָרן אַהיים, איינרעדנדיק דעם עולם, אַז דאָס טאַקע זענען געווען זיינע פערצן פּונקטן. ער האָט געטון נאָך עפּעס: ער האָט דערקלערט פאַרן סענאַט־פּרעזידיום, אַז ווען ער איז געפאָרן קיין פּאַריז, האָט ער לחלוטין נישט געוווסט פון די געהיימע אָ־מאַכן. און דער סענאַט האָט עס געמוזט אָננעמען, ווי פּאַסקאַל די לערע פון זיין קירכע: גלויבן — און דווקא דערפאַר גלויבן — ווייל ס׳איז אוממעגלעך.

VI

פונדעסטוועגן זענען געווען אין אַמעריקע אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן נישט געלייגט זייערע אַלע האָפענונגען אויף די דיפּ־לאָמאַטן אין ווערסייל: דאָס זענען געווען קודם כל די פרויען, זאָל פראַנקרייך צונעמען דעם רהיין, זאָל יאַפּאַן אָפּנעמען שאַנטונג — אָבער וואָס זאָל אָפּהאַלטן די אַמעריקאַנער פרויען, צו פאָדערן רעכט ביי זיך אינדערהיים? אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט אין אַ גאַנצע רייע שטעט. אין וואַשינגטאָן האָבן די פרויען אָנגעהויבן צו באַפאַלן סענאַטאָרן און קאָנגרעס־מיטגלידער, און אַלטע באַ־יאָרנטע מלוכה־מענער האָבן זיך דערשראָקן פאַר די דראָונגען און פשוט אַנטלאָפן. די קעמפנדיקע סופראַזשיסטינס, זענען דורכגעגאַנגען מיט פּלאַקאַטן פאַר דעם ווייסן הויז, און מ׳האָט

זיי פסדר געהאַלטן אין איין אַרעסטירן. דאָס איז געווען אַן אומאָנגענעמע זאַך, ווייל די תפיסות אין דער הויפּט-שטאָט זענען געמאַכט געוואָרן פאַר גאַסנמיידלעך און פאַר שיכּורע נעגער-ווייבער. פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון אמתע דאַמען האָט מען זיך דאָרטן נישט געזאָרגט.

עס זענען געווען צוויי מינים סופראַזשיסטינס: די שטאַרק-חשובע, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן בכּבודיקע רעדעס, גע-שיקט פּראָטעסט-נאָטעס, און באַקומען איינמאָל אין אַ חודש אַ שפּאַלט אין אַ צייטונג — און די קעמפנדיקע, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע, צו דערשיינען צווײמאָל אין טאָג אויף דער ערשטער זייט פון די צייטונגען, און דאָס איז זיי על פּי רוב געלונגען. דידאָזיקע ביידע גרופּעס זענען געווען טעטיק אין באָסטאָן, ווו עס זענען געווען אַ סך פרויען, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זייער אויפגאַבע איז צו אַרבעטן נישט נאָר פאַר אַמעריקע, נאָר צו פאַר דער גאַנצער וועלט. ביידע גרופּעס האָבן געוואָלט צוציען צו זיך קאָרנעליען מיט איר אייניקל; די קעמפנדיקע האָבן מנצח געווען, און ס'איז ווידער פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל אין דעם „ניי-קרייז" און אַ נייער עגמת-נפש פאַר אַ שיינער משפּחה.

קאָרנעליעס עלטסטע טאָכטער, בעטיס מוטער, איז געווען אַ פאַרביסענע „אַנטיפעמיניסטין". אירע שונאים פלעגן דער-ציילן, אַז איינמאָל, בעת זי האָט אָפּגעוואַרט געסט און געהאַט פאַרשידענע פליכטן, האָט זי זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער און מ'האָט מיט איר נישט געקענט רעדן קיין וואָרט, און ווען מ'האָט זי שפּעטער געפרעגט וועגן דעם, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט דאַן געשריבן אַן אַרטיקל וועגן „דער פרוי אַלס הערשערין פון הויז". אַזעלכע מינים שפּאַסן פלעגן זייער שטאַרק קרענקען דידאָזיקע „אַנטיס", ווייל זיי האָבן פאַרשטאַ-נען, אַז די שרעקלעכע טעטיקייט פון די סופראַזשיסטינס, ציט זיי אָפּ פון זייער געליבטער היים און צווינגט, זיי זיי זאָלן ווערן דווקא דאָס, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי שטאַרק מורא. יאָ, די „ווילדע ווייבער" האָבן געהאַט די מאַכט און געפרייט זיך מיט

איר. ווען די „אַנטיס” האָבן אָפּגעדונגען אַ הויז אין דער פּאַרק-גאַס און אויפגעעפנט דאָרטן ביוראָ, האָבן זיי געמוזט זען פאַר דער טיר אַ גרויסע מאַסע פרויען, וואָס האָבן מאַרשירט אַהין און צוריק, און געטראָגן אַ פאָן מיט אַ מאָדנער אויפשריפט:

די קיך איז פאַר דער פרוי דאָס אָרט,
וואָס טוען דאָ די אַנטיס פאָרט?

אַן אמתע, געטרייע „אַנטי”, איז געווען אויך קאָרנעליעס יונגסטע טאָכטער, קלאַרע טאָרנוועל סקאָטערברידזש, וואָס איז געזעסן מיט אירע קינדערלעך אינדערהיים. זי האָט ליב געהאַט, געצערטלט, אָדער זיך געבייזערט, אַמאָל געוויינט אויך, און אַכטונג געגעבן, אַז אירע דינסטן און גוווערנאַנטינס זאָלן זיי, די קינדערלעך, גוט אָפּווישן די נעזלעך. קלאַרע האָט אייגנטלעך נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס מען מיינט מיט דעם שטים-רעכט. סוף כּל סוף איז עס דאָך נישט געווען אויסגעטייטשט אין די צייטונגען! אָבער אויך אַליס טאָרנוועל ווינטערס איז געווען אַן „אַנטי”. זי האָט געדריקט מיט אירע וווּנדערבאַרע, ווייסע אַקסלען און פאַרצויגן אירע שטאָלצע ברעמען מיט פאַראַכטונג, ביים געדאַנק, אַז זי קען איינשטעלן אין קאָן איר גאַנצן ליבע-רייץ. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט אויסגעשריבן וואָס אַמאָל אָפטערע, און גרעסערע טשעקן פאַרן קאַמער-טעאַטער, וועלכע האָט אויפגעפירט די דראַמען פון שענסיי די ווילער, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַלטע, אירלענדישע לעגענדעס און מרה שחורהדיקע, שוואַרץ-האָריקע, פּאָליגאַמישע מלכים. דידאָזיקע אויפפירונגען זענען אָנערקענט געוואָרן און געקריגן אַ שם פאַר גייסטרייך און חשוב, אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די סופראַזשיסטישע פאַרזאַמלונגען.

פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויך אָפּגעקערט זיין שטרענג-פּרעסביטעריאַנער פּנים פון דעם פּראָגראַם וועגן אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. דאָס איז אַן ענין פון איינצלנע שטאַטן; אַזוי האָט ער געלאָזט וויסן פון דעם ווייסן הויז. און ווען די

פרויען-באַנדע האָט אָנגעהויבן צו געוואַלדעווען, האָט ער עס איבערגעחזרט נאָכאַמאָל. אָבער ס'האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז אַ גרויסער מלוכה-מאַן האָט געענדערט זיין מיינונג, ווען ער האָט דערזען, אַז ער האַלט שלעכט. ס'איז אַ פּאַקט, אַז אין מערב האָבן שוין די פרויען געהאַט שטים-רעכט און אויסגענוצט זי. ווודראָ ווילסאָן האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז דאָס לעצטע מאָל ביי זיינע וואַלן האָט אים קאַליפאָרניע געגעבן אַ קלאַפּ, און קען ביי די נאָענטסטע וואַלן גאַנץ גוט ברענגען אַ מפּלה זיין פּאַרטיי און זיין וועלט-פּאָליטיק. עס איז גענוג שלעכט, ווען פרויען וועלן בכלל האָבן וואַל-רעכט, אָבער ס'וועט זיין נאָך ערגער, ווען זיי וועלן נאָך ווערן רעפּובליקאַנישע ווילער.

דער פּרעזידענט איז צוריקגעקומען פון אייראָפּע אין חודש פעברואַר, און די סופראַזשיסטינס האָבן אים צוגעגרייט אַ גראַנדיעזן קבלת פּנים. מיט די גוטע בשורות, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט פאַרן סענאַט, וואָלט דאָס שוין געווען אַביסל צופיל פאַר זיינע צעטרייסלטע נערוון. אָבער אין לעצטן אויגנבליק האָט מען געענדערט דעם פּלאַן, און זיין שיף האָט זיך פאַראַנקערט אין באָסטאָן. די באָסטאָנער סופראַזשיסטינס האָבן באַדאַרפט צוגרייטן אין איין נאַכט אַ דעמאָנסטראַציע. מיט גרויס אויפרעגונג זענען זיי געקומען צולויפן צו קאָרנעליען און בעטין, אַז זיי זאָלן זיי העלפן. מען האָט געדאַרפט האָבן פּלאַקאַטן מיט קורץ-פאָרמולירטע, וויציקע, שאַרפע פאָדערונגען, וואָס האָבן געדאַרפט געטראָגן ווערן דורך דאַמען מיט פולשטענדיקן אינדיגאָ-בלויען בלוט אין די אָדערן; מ'מוז צוגיין צום פּרעזידענט, אַזוי נאָענט ווי די פּאָליציי וועט נאָר דערלויבן, אַפילו נאָך אַביסעלע נענטער.

VII

„אַלט-באָסטאָן" איז אַ שטאָט-טייל, וואָס איז אויסגע-

פלאַנעוועט געוואָרן דורך בהמות. צוערשט האָבן די סטאַדעס קי אויסגעטרעטן אַ שפּור, פון דעם שפּור איז געוואָרן אַ וועג, און היינט שטעלן פאָר דידאָזיקע וועגן שמאָלע שפּאַלטן צווישן שטיין און בעטאָן נישט צורירן, פון אָרט פאַרצייכנט אין מאַגיסטראַט אין אַקטן, פול מיט פאַרשידענע איינצלהייטן. נאָך איצט קאָן מען זען אויף בעקאָן-היל אַ הויז מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אונטער די וווינונגען, ווייל דער פאַרקויפער פון דעם שטיק באָדן האָט פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אים איבערלאָזן אויף שטענדיק דעם צוגאַנג פאַר די בהמות צו דער לאָנקע. איצט איז אָנשטאָט די בהמות צוגעפאָרן אַ שווערער אויטאָמאָביל. אינעווייניק איז געזעסן אַ הויכער דזשענטלמען, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גלח, מיט אַ פראַק און צילינדער, ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע מיליטער-לייט אין פולער פּראַכט, און די הויכע אָוואַציעס האָט ער געקענט הערן, בעת ער איז נאָך געווען, און די כוואַליעס אויפן מיטן ים. דער באָסטאָנער פּאַטריאָטיזם האָט געקענט שרייען פון באַגייסטערונג אַ גאַנצן טאָג דורכאַנאַנד. דער דעמאָקראַטישער פּאַטריאָטיזם האָט אַרומגענומען אפילו די אירלענדישע קאַטאָליקן, געשטערט געוואָרן איז ער בלויז פון צווייאונצוואַנציק לעכערלעכע, חוצפּהדיקע ווייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די באַדייטונג, וואָס אָט דער גרויסער מלוכה-מאַן האָט געגעבן דעם באַגריף פון דעמאָקראַטיע.

צווישן אָט די צווייאונצוואַנציק ווייבער איז געווען די אַלמנה נאָך יהשיע קווינסי טאָרנוועל, דעם געוועזענעם גובערנאַטאָרס פרוי, און אחוץ איר איז געווען עליזאַבעט טאָרנוועל אַלווין, די טאָכטער פון דעם פּרעזידענט פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק. ביידע נעמען זענען אויסגעמיטן געוואָרן אויף די רשימות, וואָס מ׳האָט צוגעשטעלט פאַר די צייטונגען. ווען נישט וואָלט זיי די פּאָליציי דערקענט, און זיי וואָלטן געהאַט דעם כבוד צו געניסן פון פּריווילעגיעס, און נישט זיין צוזאַמען מיט די איבעריקע פרויען. די אַלע צווייאונצוואַנציק ווייבער זענען אַרויס אויפן גאַס מיט פּלאַקאַטן אין די הענט, מ׳האָט זיי אַ נעם געטון,

אַרײַנגעשטויסן זיי אין אַ פּאָליציי־וואַגאָן און אַראָפּגעפֿירט זיי אין פּאָליציי־צירקל אויף דזשאָ־סטריט. די פּאָליציי האָט זיי שוין געהאַט — וואָס האָט זי געזאָלט טון מיט זיי? מ׳האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. די גאַנצע זאָרג פֿון דער פּאָליציי איז געווען, נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס זאָל קומען צו דער פּרעסע, אָבער גראָד דאָס האָט מען נישט געקענט שטערן. דעם גאַנצן טאָג זענען די פּרויען איבערגעזעסן הונגעריקע אין אַ צימער פֿון דעם פּאָליציי־צירקל מיט דער האָפֿנונג, אַז זייערע נעמען וועלן זײַן געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פֿון די אָוונט־בלעטער. אָוונט־צײַט האָט מען זיי אַוועקגעפֿירט אין דער פּאָליציייִשער תּפֿיסה, און זיי זענען דאָרט געשלאָפֿן אין הילצערנע נאַרעס, איבערגעדעקט מיט שוואַרצע, ברודיקע טיכער. זיי האָבן זיך אונטערגעלייגט די מאַנטלען אונטערן קאָפּ שטאָט אַ קישן און אויסגעשפּרייט צײַטונגען, כּדי נישט צו ליגן אויף די שמוציקע ברעטער. אָבער דער גרעסטער טייל שמוץ איז מסוגל זיך צו באַוועגן! קאָרנעליע האָט נישט געקענט שלאָפֿן און געוואַכט איבער דער שלאָפֿנדיקער בעטין; זי האָט איבערגעציילט אײנאונצוואַנציק קיילעכדיקע, טונקעלע ברואימלעך אויף זייערע צײַטונגען, און אויף מאָרגן זענען די פֿיס בײַ אַ סך פֿון די פֿרויען געווען אַזוי אָנגעשוואָלן, אַז זיי האָבן נישט געקענט אַרײַן אין די שיך. זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפֿן. מ׳האָט אַרײַנגעלאָזט פֿאַרשידענע ווײַבער, וואָס האָבן מיט הייזעריקע שטימען געזונגען, אַז ס׳האָט אַזש געריסן אין די אויערן: „איך האָב דיך ליב, ווי קיינמאָל נישט!‟ אויף מאָרגן האָבן זיך די דעמאָנסטראַנטינס געמוזט אויסשטעלן פֿאַר אַ פֿאַרזשאַווערטן וואַש־בעקן און אָן אויפֿהער געמוזט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע: „אַ שכּורע אָדער אַ סופֿראַזשיסטין?‟ די שכּורע ווײַבער האָבן געקענט זײַן שטאָלץ, ווײַל די פֿרימאָרגן־צײַטונגען האָבן זיי רעקלאַמירט, אפֿשר פֿאַר אַ פֿערטל מיליאָן דאָלאַר, בעת די בכּבֿודיקע סופֿראַזשיסטינס, וואָס האָבן זיך באַמיט

פֿאַרצושטעלן פֿאַרן פּרעזידענט זייער אײדעלן מעמאָריאַל, זע־בען קוים דערמאָנט געוואָרן אין די צייטונגען.

דאַן האָבן די דעמאָנסטראַנטן געדאַרפֿט געשטעלט ווערן פֿאַרן געריכט. אַלע האָבן באַשלאָסן, אָפּצוזאָגן זיך פֿון דער פֿאַרטיידיקונג און אָפּהאַלטן צווייאונצוואַנציק פּראָפּאַגאַנ־דע־רעדעס. אַזוי האָבן באַשלאָסן די אַרעסטירטע. אָבער זייערע פֿאַרפֿאָלגער האָבן אַנדערש געטראַכט: גראָד דערפֿאַר, וואָס דידאָזיקע פּרויען האָבן אַזוי געבענקט נאָך אַן עפֿנטלעכן טומל, האָט זיך די קאָנסטיטוציע לחלוטין נישט גערעכנט מיט זיי, און דאָס געריכט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען ביי פֿאַרמאַכטע טירן אין אַ קאַמער פֿון תּפֿיסה. די אַרעסטירטע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, זיי האָבן זיך שנעל באַראַטן צו אָנערקענען דאָס געריכט פֿאַר נישט געזעצלעך, כּל זמן עס וועט נישט פֿאָרקומען אַן עפֿנט־לעכע פֿאַרהאַנדלונג, וועט קיין איין פֿרוי נישט ענטפֿערן אויף די געשטעלטע פֿראַגן. דער שונא האָט נאָך אויסגעטראַכט קעגן זיי אַ נידעריקערן אופֿן פֿון פּייניקן: מ'האָט באַשלאָסן אַרויסצורייסן פֿון זיי דעם ליכטיקסטן שטערן. דער תּפֿיסה־וועכטער איז אַריינגעקומען און אַ פֿרעג געטון: — ווער פֿון אייך הייסט עליזאַבעט אַלווין? אַלע אַרעסטירטע האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן, וואָס דאָ קומט פֿאָר. דער טאַטע, דער באַנקיר, האָט אָנגעהויבן עפּעס צו טון. ער האָט אוודאי אַ דריק געטון עפּעס אַ פּאָליטיש קנעפּל, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויס־קריגן די טאָכטער אויף קויציע און באַהאַלטן זי ערגעץ, אָדער ער האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַ געמיינע אינטריגע. בעטי האָט נישט אָפּגעענטפֿערט קיין איין וואָרט, זי האָט זיך צומאָל נישט קיין ריר געטון. די איבעריקע ווייבער האָבן אויך געשוויגן. דער יונגער אירלענדישער פּאָליציאַנט, וואָס האָט דער ערש־טער אַרעסטירט בעטין און געמאַכט דעם פּראָטאָקאָל, האָט געהאַט אַ שטרענגן באַפֿעל, אַרויסצונעמען זי פֿון די אַרעסטירטע, און ער האָט אויסגעפֿירט זיין באַפֿעל מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט.

אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט זיך בעטי צופעליק אָנגעטראָפן מיט אַזאַ ענלעכן פּראָבלעם, וואָס האָט געמאַכט אויף איר אַ טיפן איינדרוק, ווי ווייט איז מעגלעך, אַז צופע-ליקע עדות זאָלן זיין באַגלויבט בעת אַ פאַרברעכן ? צי איז מעגלעך צו שילדערן דעם פאַרברעכער און צו דערקענען אים אין אַ צייט אַרום ? דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישט איינ-מאָל אָפּהענגיק אָן דער פאַרענטפערונג פון דערדאָזיקער פראַגע. ווען בעטי מיט דער באָבען האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן דערדאָזיקער פראַגע, איז זיי תמיד געקומען אויפן געדאַנק די געשעענישן אין דער אויספאָרשונגס-תפיסה : ס׳איז געקומען דערזעלביקער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אַרעסטירט עליזאַבעט אַלווין אויף דער גאַס, געפירט אַ געוויסן שטח, און בשעת מעשה געשפּאַרט זיך מיט איר, צי ער האָט געהאַט רעכט איר צו צערייסן דעם פּלאַ-קאַט און צי ער האָט געהאַט רעכט, אַ קלאַפּ צו טון זי אין אַקסל. דערנאָך האָט ער זי אַריינגעשטופּט אין וואָגן, געזעסן אַנטקעגן איר, בעת זיי זענען געפאָרן עטלעכע גאַסן צווישן אַ גרויסן המון, און בעת מעשה האָט ער געקוקט אויף איר און געטראַכט, ווי משוגע דידאָזיקע פרויען זענען, וואָס קעמפן פאַר וואַל-רעכט, בעת ער קען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער שטים פאַר צוויי דאָלאַר. אין פּאָליציי-צירקל איז ער געשטאַנען ביים שרייב-טיש און צוגעשטעלט דעם פּראָטאָ-קאָל, באַשולדיקט אין אַרומשלעפּן זיך אויף דער גאַס, נישט רויק האַלטן זיך, שטערן די עפנטלעכע רו און אַנטקעגנשטעלן זיך דער מאַכט. פאַר דידאָזיקע פאַרברעכנס איז שוין גענוג געווען איינגעזעצט צו ווערן אין תפיסה, ביז מ׳וועט אויסקלויבן דעם פּרעזידענט נאָך ווילסאָנען.

און אָט קומט צומאָרגנס אַריין דערזעלבער פּאָליציאַנט, אַרויסצונעמען דיזעלבע פאַרברעכערין פון דער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי־און־צוואַנציק פרויען. קיין איינע פון זיי איז נישט ענלעך געווען צו בעטין. עס זענען געווען דאָרטן אַלטע פרויען, ווי קאָרנעליע און דיקע אין די מיטעלע יאָרן. עס זענען דאָרט געווען הויכע און אָנזעעוודיקע מאַמעס

פון קינדער, אבער קיין איינע פון זיי איז נישט ענלעך געווען צו דער שיינער, יונגער בעטי. זי איז געווען די יונגסטע פון דער גאַנצער גרופּע. דאָס איינציקע וואָס זי האָט געטון, אַז דער פּאָליציאַנט זאָל איר נישט דערקענען — זי האָט אויסגעטון איר ברוינעם מאַנטל מיט פוטער און שטיין געבליבן אין אַ בלויז זיידן קליידל. די פרויען זענען געזעסן אָדער געשטאַנען גרופּעסווייז, און לחלוטין נישט אומגעקוקט זיך. דער פּאָליציאַנט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צעטומלטער און זיי אָנגעקוקט אין די פּנימער אַריין. ער האָט געהאַט גענוג צייט זיך מישב צו זיין, ער האָט געקענט באַנוצן אַלע סיסטעמען, און סוף כל סוף האָט ער אַרויסגעפירט אַן אַנדערע.

ער האָט אויסגעקליבן אַ יונגע, עלעגאַנטע פאַרהייראַטע פרוי, אַ מוטער פון צוויי קינדער און אַ זאָג געטון:

— דאָס איז עליזאַבעט אַלווין.

— קומט מיט מיר פריילין אַלווין — האָט דער תּפיסה־וועכטער באַפוילן. די יונגע דאַמע האָט לחלוטין נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין באַפעל. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, אַ כאַפּ געטון אונטער די קני און ווי אַ זעקל אַרויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס און אַוועקגעשטעלט זי פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער. דער תּפיסה־וועכטער איז געווען רויט און געסאַפּעט, אָבער זי האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט. זי איז געשטאַנען דרייסט, געקלאַפּט אומגעדולדיק מיט אַ פוס, אַ קוק געטון אַמאָל אויפן ריכטער, אַמאָל אויפן וועכטער, צונויפגעביילטביידע פויסטן און אויסגעשריגן:

— איך וועל נישט זאָגן מער קיין איין וואָרט ווי, אַז איך בין נישט בעטי אַלווין.

VIII

אין דערזעלביקער נאַכט, וואָס בעטי און קאָרנעליע זענען געזעסן אין תּפיסה, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער גאַנצער טאָרנוועל־פאַמיליע. די באַראַטונג איז נישט צו־

יפגערופן געוואָרן ספּעציעל, נאָר צופעליק. וואָרום יעדער טאָרנוועל, וואָס האָט זיך נאָר דערוווּסט וועגן בעטיס אַרעסט, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו קומען צו די אַלווינס אויף דער רעפּובליק־אַלעע מיט זיין הילף און עצה.

אַלע זענען געקומען צו איין אויספיר, אַז ס'האָט נישט קיין זינען צו באַפרייען פון תפיסה דידאָזיקע צוויי רענעגאַטינס, כל זמן דער פּרעזידענט פאָרט נישט אַרויס פון שטאָט, ווייל זיי קענען זיך ווידער אומקערן און אָנמאַכן אַ נייעם סקאַנדאַל. זיי זענען אויך אַלע געקומען צו איין באַשלוס, וואָס מ'דאַרף טון מיט בעטין. מ'דאַרף זי אַרויפזעצן אויף דער ערשטער בעסטער שיף און אַוועקפירן קיין אויסלאַנד. די מלחמה איז שוין פאַרענדיקט, און הגם מ'גיט נישט אַרויס קיין אויסלענדישע פּעסער אַ חוץ פאַר דיפּלאָמאַטן, וועט רופּערט גאַנץ לייכט קריגן אַ פּאַס. מ'וואָלט לייכט געקענט אָנטרויען בעטין צו אַן עלטערע קוזינע, וואָס וועט איר אַרומפירן דעם וועסטמינסטער אַבּיי, לאָנדאָנער טורם, די קאָלאָניאַל־גאַלעריע, דעם נילסאָן־דענקמאָל און שפּעטער דעם לווור און דעם אייפל־טורם. אין אַ יאָר אַרום וועט זי זיך זיכער אומקערן אַ דאַמע, ענלעך צו די איבעריקע דאַמען פון דער רעפּובליקאַנער־אַלעע פון יענער גאַס, ווו עס וווינען די בכבודיקסטע און עקסקלוסיווסטע רייכע לייט פון אַמעריקע.

וואָס שייך קאָרנעליען, זענען געווען פאַרשידענע מיינונגען. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף זיך אָפּזאָגן פון איר און פאַרגעסן, אַז זי איז דאָ אויף דער וועלט. און די איבעריקע האָבן געוואָלט, אַז מ'זאָל זי אָפּגעבן אין אַן אַנשטאַלט, ווו מ'זאָל זיך גוט באַציען צו איר, געבן איר אַלערליי באַקוועמלעכקייטן, און נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל ווייטער קאָמפּראָמיטירן די פאַמיליע. צו דידאָזיקע האָט געהערט דער פעטער אבנר. מיט זיין הוילער שטימע פון אַ טויבן האָט ער געשריגן איבערן גאַנצן זאַל:

— פאַרשפּאַרן זי!

זיי האָבן זיך באַמיט, איבערצוגעבן אים די שוועריקייטן

פון אזא פלאן. אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען:
— פאַרשפּאַרן זי!
טויבקייט האָט זיך אירע מעלות: אַ טויבן איז לייכט צו האַלטן זיך פעסט ביי זיין מיינונג. די עלטער-מומע פּריסצילליאַ האָט געהאַלטן מיט אבנרן. זי איז געווען אַ הויכע און אַ דאַרע. זי האָט געהאַט ברעכעניש אין רוקן און עס איז איר שווער אָנגעקומען צו שטיין גלייך, אָבער אין גאַנצן איז זי שטענדיק געזעסן שטייף. זי האָט געהאַט אַ לאַנג-אויסגעצויגן פּנים, ווי איר פאַרשטאָרבענער ברודער יהושע און ווי בעטיס מאַמע דבורה, פול מיט קנייטשן, אָבער איצט האָט זי צונויפגעפּרעסט די ליפּן און די קנייטשן זענען פאַרשוואונדן, מיט צונויפגעפּרעסטע ציין האָט זי צאָרנדיק געזאָגט:
— אין אַזעלכע זאַכן דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. יעדער מוז איינזען, אַז מיר קענען אַנדערש נישט האַנדלען.
— נישט יעדער, מומע פּריסציליאַ — האָט אָפּגעענטפערט העגרי קאַבאָט ווינטערס. — די סופראַזשיסטינס, למשל, באַשטימט נישט.
— איך רעד וועגן מענטשן, וואָס מ׳רעכנט זיך מיט זיי, — האָט געזאָגט די אַלטע דאַמע.
— אָבער די סופראַזשיסטינס וועלן זאָגן, אַז מ׳רודפט זיי און זיי וועלן אויפהויבן אַ טומל.
— זיי וועלן נאָך מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אונזערע פענסטער. — האָט רופערט געזאָגט.
ביי דידאָזיקע ווערטער זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן, אַ חוץ דער פעטער אבנר:
— פאַרשפּאַרן זי! — און ווען זיין זון קווינסי האָט אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין, אַז די סופראַזשיסטינס וועלן פּראָטעסטירן — האָט ער אָפּגעענטפערט, ווי די אַלטע פּוריטאַנער:
— זיי אויך פאַרשפּאַרן!
עס זענען שוין פאָרגעקומען אַ סך אַזעלכע פאַלן.

וואָס האָבן געקענט דינען פאַר אַ ביישפּיל פון דערדאָזיקער מעטאָדע. און די אַלטע משפּחה האָט נישט געהאַט קיין מוט זיי אויסצורעכענען. מ׳האָט נאָר געדאַרפט געפינען אַ ריכטער און עטלעכע דאָקטוירים, וואָס זאָלן מיטהעלפן אויספירן דעם פּלאַן. און פאַר די טאָרנוועלס וואָלט עס גאָרנישט געווען שווער אויסצופירן. דער עלטער־פעטער אחאב איז אַמאָל משוגע געוואָרן צוליב אַ ליבע. צען יאָר האָט ער געלעבט איינזאַם אין אַ זייטיקן פליגל פון דעם טאָרנוועל־פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט אַ וועכטער, וואָס האָט אים אָפּגעהיט בייטאָג און ביינאַכט. נאָך היינט טרעפט, אַז ער פאַלט אַריין אין אַזאַ צושטאַנד. אַזוינע פאַלן קומען פאָר אין אַלע בלוי־בלוטיקע פאַמיליעס — אַ פּריווילעגיע וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון גאָט אַליין. און אַלע דאָקטוירים פון די רייכע פאַמיליעס זענען שוין צו־געוווינט אונטערצושרייבן אַ באַשטעטיקונג און די ריכטער גיבן אַרויס די געהעריקע פאַראָרדנונגען.

דעמזעלבן מיטל האָט מען פאַרגעלייגט אויף דערדאָזיקער באַראַטונג, און מ׳וואָלט אים זיכער אָנגענומען, ווען עס וואָלט דאָרטן נישט געווען הענרי קאַבאָס ווינטערס, דערדאָ־זיקער גרויס־שטאָטישער, פלינקער און רייצנדיקער שוואַרצער שפּין. וואָס אַן אמת איז ער געווען בלויז אַ „צוגעקומענער״ און נישט געהאַט קיין רעכט צו דעצידירן. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— קאָרנעליע איז נאָר עקסצענטריש אָבער נישט משוגע, מיר אַלע ווייסן דאָס און אירע פריינט ווייסן דאָס אויך. איי־נער פון זיי איז דר. מאָרו.

— מאָרו? — האָט געזאָגט די עלטער־מומע פּריסציליאַ — און ווער וועט עס גיין פרעגן ביי דר. מאָרו?

— איך מיין, אַז ס׳איז זייער נאַטירלעך, אַז מ׳זאָל זיך באַראַטן מיט קאָרנעליעס דאָקטאָר מאָרו. און איך בין מער ווי זיכער, אַז ער וועט זיין קעגן אונז.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? — האָט געפרעגט דזשעמס סקאָטערברידזש, דער אייגנטימער פון דער גרויסער שפּינעריי.

וואָס האָט פּראָדוצירט עטלעכע מיליאַרד יאַרד באַנדאַזשן פֿאַר זעלנער, און אַזויווי די זעלנער האָבן שוין נישט געהאַט בדעה, צו ווערן מער פֿאַרוווּנדערט, האָט דזשעמס געהאַט זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע. ער האָט באַדאַרפֿט געבן דער רעגירונג צו פֿאַרשטיין, אַז ער האָט נישט בדעה אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיינע פֿאַרדינסטן, און אַז די רעגירונג מוז אים באַצאָלן פֿאַר די באַשטעלונגען לויט זייער אָפּמאַך. דעם הייַנטיקן אָוונט האָט ער געהאַט אַ וויכטיקע קאָנפֿערענץ וועגן דערדאָזיקער פֿראַגע, און אויב מען וויל פֿאַרשפּאָרן זיין שוויגער, טאָ זאָל מען עס מאַכן וואָס גיכער, ווייל ער איילט זיך.

העניי האָט זיך אָפּגערופֿן:

— קאָרנעליע האָט מיר געזאָגט, אַז רופּערט האָט איר שוין אַמאָל געדראָט מיט אַזעלכעס און אַז זי האָט שוין אָנגענומען געוויסע מיטלען קעגן דעם. זי האָט געשמועסט מיט דעם דר. מאָרו, דערציילט אים די געשיכטע, דערקלערט אים אירע אָנשווינגען. מאָרו האָט זי זייער פֿריינטלעך אויפֿגענומען. אַזוי, לפּחות, האָט מיר קאָרנעליע דערציילט.

— אוודאי, ער האָט זי געקענט פֿריינטלעך אויפֿנעמען.— האָט די מומע פּריסציליאַ געלאַכט—די צייטונגען קוויקן זיך דאָך מיט אירע מיינונגען, און נאָך מער די לייענער פֿון די צייטונגען. דערפֿאַר האָבן מיר געדאַרפֿט אויסהאַלטן דעם דר. מאָרו גאַנצע פֿופֿציק יאָר —

— מילא — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפֿערט — איר קענט דאָך אים נישט באַצאָלן פֿאַר אַן ערקלערונג, אַז קאָרנעליע איז געפֿערלעך משוגע. איך לפּחות גלויב נישט, אַז ער זאָל נעמען ביי אייך געלט פֿאַר אַזאַ זאַך. איך מיין, אַז ס׳וואָלט געווען צום בעסטן, מיר זאָלן פֿאַרגעסן אָן דער שוואַרצער שאָף.

— יאָ, אָבער אויב אַזוי, טאָ זאָל מען זי צווינגען, אָנצונעמען צוריק איר אייגענעם אירלענדישן נאָמען, וואָס זי האָט געהייסן מיידלווייז.

— דבורה און אַליס זענען שטאַרק בייז געוואָרן, ווייל

חוץ אַלעמען איז דידאָזיקע שוואַרצע שאָף מיטן אירלענדישן נאָמען געווען זייער מוטער. אַ ז ע ל כ ע שווערקייטן זענען פֿאַראַן ביי פֿאַמיליען־באַראַטונגען. ס׳איז אַזוי לייכט אַ טרעט צו טון אויף די היגעראויגן! ס׳איז שוין אַ סך באַקוועמער צו זיין טויב, ווי דער פעטער אבנר, למשל, און צו שרייען אָן אויפהער: — פֿאַרשפּאַרן זי!

IX

עטלעכע טעג נאָך רערדאָזיקער באַראַטונג, ביינאַכט אין אַ גרויסן שטורם, איז דער פעטער אחאב, גייענדיק אַהיים צו זיך, אומגעפאַלן און צעהאַקט דעם קאָפּ. ער איז לאַנג געלעגן אויפן שניי, איידער עמעצער האָט אים באַמערקט. אין עטלעכע שעה אַרום האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט אַ געהירן־אָנצינדונג און אויף מאָרגן איז שוין געווען דער קריזיס. די גאַנצע פֿאַמיליע איז זיך תיכף צוזאַמענגעקומען, אפילו דער ברודער אבנר, אַביסל פֿאַרשעמט, צוליב זיין דרייאונפופציקיאָריקן ברוגז מיטן קראַנקן. ער האָט זיך אפילו געפּרווט פֿאַרענטפערן, אָבער אחאב האָט שוין געגוססט. דאָס איז געווען אַ טיפּישע דראַמע פון אַלטן באָסטאָן. דער אַלטער מאַן, וואָס האָט נאָך קוים דערהערט אַ וואָרט, האָט געשריגן צום אַנדערן זקן, וואָס וועט שוין קיינמאָל מער גאָרנישט הערן. מ׳האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן דעם אין קלוב.

מ׳האָט גערעדט וועגן דער לויה, וואָס איז געווען נישט קיין קלענערע געשעעניש, ווי יהושעס לוויה. פאַר גאָט זענען די טאָרנוועלס געווען אַלע גלייך, הגם פאַר דער וועלט האָט איינער געקענט זיין אַ גובערנאַטאָר און דער אַנדערער אַ שוטה. די צערעמאָניע איז פֿאָרגעקומען אין דעם הויז, אין וועלכן אחאב האָט אַמאָל געוואָלט אויסברעכן אַ פענסטער, כדי צו אַנטלויפן פון זיין ברודער דעם טיראַן. אין דער צייט פון דער צערעמאָניע האָט מען געהערט דאָס געוויין פון עטלעכע כינעזישע הינט, וואָס האָבן דערשפּירט, אַז זייער

באַלעבאָס איז געשטאָרבן, און פאַרשפּאַרט אין אַ צימערל אינדערהיים, האָבן זיי מוראדיק געוויינט. דאָס איז געווען זייער שטימונגס-פול. ווען מ'האָט געעפנט די צוואה — האָט די פאַמיליע נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם אינהאַלט. דאָס האָט ביי אַלעמען אויפגעוועקט גרויס נייגעריקייט און די צייטונגען האָבן אין ספּעציעלע קעפּלעך אָנגעזאָגט, אַז מ'דאַרף נויטיק באַקוקן און פעסטשטעלן די צוואה. איין פונקט אין דער צוואה איז געווען: „מיינע ליבע הינטלעך שרייב איך אָפּ מיין שוועסטער פּריסצילליאַ, וואָס זאָגט, אַז זיי זען אויס ווי „נאַר-וואָס געבוירענע מייז". אין אַן אַנדער אָרט איז געשטאַנען: „מיין האַלב הויז שרייב איך אָפּ אויף אַהיים פאַר אַלטע הערן פון גוטע פאַמיליעס, וואָס ווען באַווייזן, אַז זיי זענען באַגזלט געוואָרן פון זייער משפחה". לסוף זאָל זיין הכנסה פון די אַקציעס און אָבליגאַציעס פון דער טאָרנוועלער שפּינערייען אויף צו שאַפן אַ קאַטעדרע, אין וועלכן ס'איז גייסטלעכן סעמינאַר אין ניי-ענגלאַנד, וואָס זאָל מספּים זיין צו אָרגאַניזירן אַ ציקל פאָרלעזונגען אין יעדן שול-יאָר אונטערן נאָמען: „די פונדאַציע פון אחאב עדעמס טאָרנוועל" אויף אָפּצולייקענען געננוי און גרינטלעך די אינטערפּרעטאַציע פון לימען ביטשער און זיין לערע וועגן די גיהנום-פּייניגונגען, לויט די הייליקע שריפטן. אחאָב האָט צו פינפאונצוואַנציק יאָר געהערט לימען ביטשער און געוואָרט פינפאונזעכציק יאָר, כדי צו קענען אָפּלייקענען זיין טעאָריע.

צוליב דער לויה זענען די האַרטסטע הערצער ביי דער פאַמיליע ווייך געוואָרן און די שטאָלצסטע קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן. בעטי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער עלטער-פעטער אחאָב האָט איר אַמאָל געשאָנקען אַ יונג פערדל. ער איז פאַרפאָרן אויף אים פאַר איר שטוב און זיינע לאַנגע פיס זענען אַראָפּגעהאַנגען ביז דער ערד. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו שמועסן מיט איר מוטער. זי האָט צוגעזאָגט נישט צו מישן זיך אין קיין שום עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, ביז זי וועט נישט ענדיקן איר שטודיום אין ראַטקליף. שפּע-

טער וואָלט זי פאַרבראַכט אַ יאָר אין אויסלאַנד און אָנגע־זאַפּט זיך מיט אַביסל קולטור. צי איז נישט מעגלעך, אַז די באָבע זאָל מיט איר מיטפאָרן?

זי האָט עס געפרעגט זייער אומשולדיק און דבורה האָט איר אָן אַ שום מינע צוריקגעענטפערט, אַז די משפחה האָט אַ גרויסן חוב לגבי דער קוזינע לעטיס עדעמס קווינסי, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בעטין, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, בעת זי, דבורה, איז אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

לעטיס איז געווען אַ ווייטע קוזינע; זי האָט געהערט צו יענע, וואָס זענען בעת יהושעס לוויה געקומען צו פרי און אַ גאַנצע האַלבע שעה געוואַרט אין גאָרטן, כדי נישט אָנ־צוּוואַרפן זיך. אַזאַ האַלטונג מצד אַן אָרעמע קרובה האָט באַ־דייט, אַז זי איז אַ טאַקטפולער מענטש, און איצט האָט דידאָ־זיקע אָרעמע קוזינע געקריגן אַ פאַרגיטיקונג. דבורה האָט גע־האַט מיט איר אַ שמועס און זיך פאַרזיכערט, אַז פון דעם „מאַרמאָר פאַון" האָט די קוזינע נאָך גאָרנישט געלייענט, אַ חוץ די ביולעטינען פון דער זונטיק־שול און די רעליגיעזע און גענעאַלאָגישע זונטיק־ביילאַגעס פון „טראַנסקריפּט". מיט איר איז מען געווען זיכער, אַז זי איז נישט אָנגעשטעקט מיט דער „רויטער עפּידעמיע" און אַז זי וועט זיין בעטיס ריכטיקע באַגלייטערין אויף איר ווייטער רייזע. דאָס יונגע מיידל האָט מסכים געווען מיט אַזאַ גוטן הומאָר, וואָס האָט געקענט אַרויס־רופן ביי דבורהן אַ חשד, ווען איר נאַטירלעכע שאַרפזיניקייט וואָלט נישט בטל געוואָרן אין איר שטאַרקן אייגענעם באַוווסט־זיין.

X

עס איז געווען די העכסטע צייט אַרויסצושיקן די רע־וואָלוציאָנערן פון דער פאַמיליע. דאָס איז דער משפחה קלאָרער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. דאָס אונטערשרייבן דעם וואָפנשטילשטאַנד איז בשום אופן נישט געווען דאָסזעלבע, וואָס

דער שלום. און אפילו דאָס אונטערשרייבן דעם שלום-אָפּמאַך איז נאָך נישט געווען קיין שלום. די אַמעריקאַנישע מחנות מיליטער האָבן געמוזט בלייבן אין דייטשלאַנד. נאָך ערגער, זיי האָבן געמוזט בלייבן אין סיביר און אין ארכאַנגעלסק און פירן דעם פּריוואַטן קריג פון פּרעזידענט ווילסאָן מיטן רוסישן פאָלק. די אַמעריקאַנישע אַרמיי און דער פלאָט האָבן געדינט דער וועלט, ווי פּאָליציי, אָפּצוהיטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיס-טעם. דאָס וואָס קאָרנעליע האָט געזען פון דער באַסטאָנער פּאָליציי אין פליימוט, האָט די אַרמיי באַזאָרגט אין איראָפּע און אין אַזיע, צי אונטער דעם אַמעריקאַנישער, צי אונטער דעם ענגלישן באַפעל. און יעדער איינציקער, וואָס האָט זיך נאָר דערוועגט אַרויסצורעדן אַ וואָרט קעגן דידאָזיקע מעשים, האָט באַקומען פון דער אַזויגערופענער דעפּענסיווע איבערן קאָפּ. דאָס געזעץ, וואָס מ׳האָט איינגעפירט בעת דער מלחמה קעגן פּרעמדע שפּיאָנען, האָט מען אויסגענוצט, כדי איינצוזעצן אין תפיסה די אַמעריקאַנישע בירגער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט, פאַרוואָס אַמעריקע האָט אָנגעגריפן אַ באַפריינדעט פאָלק אָן אַ מלחמה-דערקלערונג.

דאָס איז געווען דער ווייסער טעראָר, וואָס איז טייל-ווייז אויסגעפירט געוואָרן דורכן פינסטערן פעוול און טיילווייז דורך דער פּאָליציי און רעגירונגס-אַגענטן, וואָס האָבן כלומרשט געדאַרפט אָפּהיטן פון המון. פאַר זייערע שרעקלעכע צילן זענען אַלע מיטלען געווען כשר, און דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק האָט דאַן געקענט איינזען, ווו ס׳קומט אַהין זיין בלוט און פאַרמעגן. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום פאַרברעכן. ריכטער און באַשיצער פון געזעץ זענען געוואָרן אָנפירער פון די פאַרברעכער. אין נוי-יאָרק האָט מען פיר-בחורים און מיידלעך, אַלע יונגנטלעכע, וואָס האָבן זיך דער-וועגט צו פאַרשפּרייטן אַ פּראָטעסט-אויפרוף קעגן דער אַמע-ריקאַנישער אינטערווענץ אין רוסלאַנד, געכומען אין דער פּאָ-ליציי און אַזוי געפּייניקט, אַז איינער פון זיי איז געשטאָרבן.

די איבעריקע זענען געוואָרן אָנגעקלאָגט דורכן פעדעראַציאָן געריכט און באַקומען שטראָפן צו צוואַנציק יאָר תּפיסה.

אַזעלכע מעשׂיות האָט מען געהערט אין גאַנץ אַמעריקע. פאַר אַזעלכע מענטשן ווי קאָרנעליע זענען זיי געווען אַ שווע־רער נסיון, וואָרום זי איז געווען אַן אָנהענגערין פון געזעצ־לעכע מעטאָדן. ווי האָט זי איצט שוין געקענט נאָכמאָל פאַרלייגן איר פרייַנט וואַנצעטי, ער זאָל זיך אומקערן צו איר לערע, אַז די ליידן פון די אַרבעטער־מאַסן קען מען אויסהיילן דורך פּאָליטישע אַקציעס, בעת מ׳האַלט כּסדר אין איין אויסשטרייכן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן פון פּאַרלאַ־מענט, און ווען זיי ווערן שוין דערנאָך אויסגעוויילט, דער־קלערט מען זייערע מאַנדאַטן פאַר געפּסלט? וויאַזוי קען זי אים צורעדן, צו פאַרטרויען זיך אָן געזעץ, ווען די געזעצגעבער גופא און זייַנע היטער ברעכן אים? מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק האָט וואַנצעטי אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק: „די קאַפּיטאַליסטן קעמפן צום מייַנסטן אויף דער גאַנצער וועלט”. און קיינמאָל האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן נישט געגעבן אַזויפיל מי ווי הייַנט, צו באַווייַזן אַז דער אַנאַרכיסט האָט געוווסט, וואָס ער זאָגט.

די קרבנות פון ווייסן טעראָר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיידיקן. און דאָס האָבן זיי געטון בלויז אַדאַנק אַ לעקציע, וואָס זיי האָבן באַקומען. דער ערשטער מאַי איז געווען אַ געלעגנהייט צו פייַערן פאַר אַלעמען, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. און אין דעם טאָג פאַרן מאַי־יום־טוב האָט די פּאָסט געבערענגט פאַר אַ סענאַטאָר פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין דזשאָרזשיא אַ פּאַקעט, וואָס איז אויפ־געעפנט געוואָרן דורך אַ נעגערטע; דער פּאַקעט האָט עקס־פּלאָדירט און צעריסן דער שוואַרצער אויף שטיקער. מ׳האָט אָנגעהויבן אַ שנעלע אויספאָרשונג — און אין נוי־יאָרקער פּאָסט־אָפּטיילונג האָט מען געפונען אַ מאַסע אַזעלכע באָמ־בעס, וואָס זענען געווען אַדרעסירט צו פאַרשידענע העכערע פּערזענלעכקייטן, מ׳האָט זיי פאַרהאַלטן צופעליק, ווייל זיי זענען געווען נישט גענוג אָפּגעצאָלט.

בעת דידאָזיקע ידיעות זענען דערשינען אויף דער ער־שטער זייט פון די טאָג־צייטונגען, האָט מען זיך אין באָסטאָן געגרייט צו דער מאַי־פייערונג. די סאָציאַליסטן האָבן געדאַרפט אָפּהאַלטן עטלעכע מיטינגען. זיי זענען געווען אַ לעגאַלע פּאַרטיי און קיינמאָל נישט פּראָפּאַגירט קיין טעראָר און קיין שום פאָרם. אָבער די בירגערלעכע צייטונגען און די רעדל־פירער, האָבן נישט געוואָלט זען דעם אונטערשיד. און ווען דער עולם איז אַרויס פון אַ מיטינג און פאַרמירט זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע, כדי צוצוגיין צו אַן אַנדער זאַל, וואָס ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען נאָך אַ מיטינג, איז ער פאַרהאַלטן גע־וואָרן דורך דריי הונדערט פּאָליציאַנטן, מיט אַ מחנה זעלנער און מאַטראָזן, וואָס זענען אין איינעם „אינגאַנצן” אַמערי־קאַניזירט געוואָרן. די סאָציאַליסטן און אַנדערע אומשולדיקע דורכגייער, וואָס האָבן צופעליק אויסגעזען, ווי אויסלענדער, זענען צעטריבן געוואָרן איבער די גאַסן, אַרויסגעשטופּט גע־וואָרן פון די געוועלבן, ווו זיי האָבן זיך באַהעלטן און באַ־קומען קלעפּ מיט פויסטן און שטעקנס ביז חלשות. אַ סך פון זיי האָט די פּאָליציי אַריינגעשטויסן אין די פּאָליציי־וועגענער און דעם גאַנצן וועג זיי געשלאָגן איבער די קעפּ. מ׳האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון די פּאָליציי־וואָגנס אויף לאַסט־וועגן און מ׳האָט זיי איבערגעלאָזט פאַר די קאָלבעס פון די זעלנער און מאַטראָזן — עס זענען געווען אַזעלכע פאַלן, ווען די פּאָ־ליציי האָט געבאָרגט זייערע שטעקנס דעם אָנגעלאָפענעם פּעוול, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די קרבנות זענען נאָך ווייניק צע־שלאָגן, דעא פּעבל איז אָנגעפאַלן אויף אַ זאַל, ווו ס׳איז פאָרגעקומען אַ דריטער מיטינג און צעשלאָגן די פאַרזאַמלטע. די שלאַכט האָט געדויערט צוויי אָדער דריי שעה, ביז פיר מענטשן זענען געהרגעט געוואָרן און הונדערט זעכצן זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה.

אַזוי אַרום האָט קאָרנעליע ווידער געמוזט הערן דעם פייף פון די פּאָליצייאישע שטעקנס אויף מענטשלעכן פלייש און ביינער. דאָסמאָל האָט עס בעטי אויך געהערט און זיי

האָבןביידע געמוזט אַנטלויפן, כּדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן. זיי זענען אַרייַנגעשפּרונגען אין אַ טאַקסאָמעטער און אַהיימגעפאָרן. זיי האָבן אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז זיי האָבן גישט געקענט רירן מיט די הענט. זיי זענען געווען בלייך ווי די מתים, די אויגן זענען זיי געווען פול מיט טרערן, עס איז געווען אַ געמיש פון שרעק און צאָרן. זיי האָבן פאַרבראַכט לאַנגע שעהן צוזאַמען, דערנאָך האָבן זיי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, כּדי צו וויסן, ווּעמען מ'האָט דערהרגעט, וועמען מ'האָט פאַרווונדעט און איינגעזעצט. דאַן האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט מיט אַדוואָקאַטן און מיט מענטשן, וואָס האָבן געקענט איינלייגן קויציע פאַר די אַרעסטירטע — פּאַרמאַליטעטן, וואָס זענען אַזוי גוט באַקאַנט פאַר די ראַדיקאַלע, רוטינירטע טוער און אומגלויבלעך פאַר די אָנפאַנגער, וואָס גלויבן נאָך אין דעם יושר פון זייער לאַנד.

צומאָרגנס אינדערפרי איז קאָרנעליע אַוועק אין געריכט, און פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל זי אויסהערן אַלס עדות. בעטי האָט זיך געמוזט אומקערן אויפן אוניווערזיטעט מאַכן אַ שווייג, און האָפן, אַז קיינער וועט נישט אויסזאָגן אירע עלטערן וועגן איר נייער איבערלעבעניש. זי האָט נישט געטאָרט ברעכן איר שבועה, אָבער ווער האָט דען געקאָנט וויסן, אַז די באַטייליקונג אין אַ לעגאַלער דעמאָנסטראַציע איז אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכן?

דער ריכטער, וואָס האָט דורכגעפירט די גאַנצע אויספאָרשונג, איז געווען מיסטער היידען. ממש אַ מאַיעסטעטישער הער, — דידאַזיקע לייט באַמיען זיך שטענדיק אויסצוזען מאַיעסטעטיש — דאָך מחמת גרויס ליבע צו זיין לאַנד, האָט ער פאַרגעסן זיין חשיבות און אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פּייערדיקע רעדע — און טאַקע, נישט קעגן דער פּאָליציי, פאַרוואָס זי האָט אַוועקגעגעבן דעם המון די שטעקנס, צו שלאָגן די סאָציאַליסטן! ער האָט נישט באַשטראָפט קיין איינציקן פון די אָנפאַלער, נאָר אַרייַנגעזעצט די קרבנות אויף אַ קורצערע אָדער אַ לענגערע צייט אין תּפיסה אַריין.

מ׳האָט זיך געקענט ריכטן, אַז ס׳וועט אָנקומען אַ פרישע סעריע באָמבעס, וואָס איינע פון זיי וועט אויפרייסן ביים ריכטער היידען אין שטוב. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בעת דער הערשאַפט פון סולטאַן, האָט מען געשמועסט, אַז מ׳קען דערקענען די אומצופרידנקייט פון די אונטערטאַנען לויט דער צאָל שרפות, וואָס עס קומען פאָר אין שטאָט. אויב זייער צאָל איז געוואַקסן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, האָט מען אויפגעהאָנגען עטלעכע איבערגעקויפטע באַאַמטע און די שרפות זענען פונדעסטוועגן פאָרגעקומען זעלטענער. אָבער אין באָסטאָן איז דאָך נישט אַזוי לייכט געווען זיך אַן עצה צו געבן מיט זיי. באָסטאָן איז אַן אָרט פון פוריטאַנער און אירע הערשער זענען האַרטע נאַקנס. וואָס מער עס זענען פאָרגעקומען באָמבע־אויפרייסן, אַלץ מער האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רעפּרעסיעס, וואָס האָבן גורם געווען נייע באָמבע־אויפרייסן. אויף דעם אויפרייס אין דעם ריכטער היידענס הויז האָט די רעגירונג אָפּגעענטפערט מיטן אַרויסשיקן זשאַלעאַנין קיין איטאַליען און האָט אַריינגעזעצט עטלעכע שפּיאָנען צווישן די אַנאַרכיסטן.

XI

אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע אין באָסטאָן, ווען בעטי האָט זיך געזעגנט מיט אירע פריינט און מיט די אַנאַרכיסטן. בעטי מיט איר באָבן האָבן בסוד, אַז די עלטערן זאָלן נישט וויסן, באַזוכט די חברה דעספּעראַטן, וואָס זענען פאַרצייכנט געווען אין דער רשימה פון יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט, אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיידיקונגס־ליגע און אין דער פּריוואַטער דעטעקטיוו־ביוראָ, וואָס האָט אָנגעהערט צו די מיליאָנערן. די פּרויען טאָרנוועל האָבן אויך פאַרבראַכט אַן אָוונט ביי די אַנאַרכיסטן אין פּליימוט, אָנגעהערט זיך מיט וויצן וועגן די „באָמבעס די פּיסטאַציאָ״. וואַנצעטי האָט דערציילט וועגן זשאַלעאַניס אַוועקפאָרן, ווי ער האָט זיך צעשיידט מיט דעם ווייב און זיינע פיר קינדער.

דאָס איז געווען איינע פון יענע ראַפינירטע מעטאָדן, וואָס איז באַנוצט געוואָרן דורכן ווייסן טעראָר. זיי האָבן אַוועקגעפירט אַ מענטשן אין מיטן דער נאַכט, פאַרשלאָסן אים אין אַ תּפיסה־קאַמער און געפּייניקט אים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער אָנערקענט נישט די רעגירונג, אָדער אַז ער האַלט די רעגירונג פאַר אַ ווערקצייג פון טעראָר. דידאָזיקע דערקלערונג האָט מען פאַרגעשטעלט די אימיגראַציע־באַאַמטע, און זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ באַפעל, אַרויסצושיקן אים פון לאַנד. דעם קרבן האָט מען שטילערהייט אַרויפגעפירט אויפן דעק פון שיף און אַרויסגעשיקט. ווייב און קינד זענען געבליבן אויף גאָטס באַראָט און פאַרמשפּט געוואָרן אויף הונגער און נויט.

וואַנצעטי האָט אַוועקגעוואָרפן זיין אַרבעט אין פעלד. די חברים האָבן אים איבערגעצייגט, אַז דאָס איז אַ צו שווערע אַרבעט פאַר זיינעטוועגן. ער האָט באַשלאָסן, איבערצונעמען אַ פיש־האַנדל ביי אַן איטאַליענער, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. אַ פיש־האַנדל — עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אינדער־אמתן איז עס אַ בידנע האַנד־וועגעלע, אַ וואָג, און די איי־געננע פיס, אַרומצוקריכן אַהין און צוריק. איינמאָל אין דער וואָך האָט ער געקויפט אַ פעסל אָדער צוויי פעסלעך פיש, אַמאָל ביים ברעג און אַמאָל ביי דער באָסטאָנער באַן. ער איז געפאָרן מיט זיין וועגעלע, געקלונגען און געשריגן „פּי־י־י־ש ז״ אַלפאָנסינאַ האָט דערציילט, אַז דאָס געשעפט האָט האָט ער שוין אַמאָל געהאַט און אָנגעווירן דאָס גאַנצע ביסל אייגנס, ווייל ער האָט אַוועקגעגעבן די פיש אויף באָרג. דאָס־מאָל האָט ער באַשלאָסן צו פאַרקויפן נאָר פאַר מזומן. מיט אַ שמייכל האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז זייער אַ גוט געשעפט, ווייל ער האָט אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן אַלע איטאַליענישע ווייבער און קינדער פון פּליימוט, און קען מיט זיי אַ שמועס טון וועגן „גערעכטיקייט״. אַז ס׳דאַרף פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַ פּיקניק, קען קיינער נישט פאַרקויפן

מער קיין בילעטן אָדער פאַנאַנדערצוטיילן איינלאַדונגען, אײ־דער ער.

טראַנדאָ האָט אָפּגעשפּאַרט געלט און געקויפט אַ פידל, פאַר צען דאָלאַר מיט אַ גוטן בויגן צוגעפּאַסט צו זיין וווּקס. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו נעמען לעקציעס און געקענט אויסשפּילן איין מעלאָדיע. נאַטירלעך האָט ער עס געמוזט אַרויסווייזן. וואַנצעטי איז געוואָרן דער קאַפּעלמייסטער, געמאַכט מיט די הענט אַראָפּ און אַרויף, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און קריטיקירט די פאַלשע טענער, וואָס זענען גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. טראַנדאָ האָט געשפּילט דאָס אַלטע לידל, „דו אַלטער, שוואַרצער דזשאָ", אַזאַ טרויעריק ליד, אַז ביי אַלפאָנסינען אין די אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן. אפשר זענען דאָס געווען טרערן פון מוטערלעכן שטאָלץ, וואָס איר טייער קליין יינגל קען אַרויסקריגן אַזעלכע צאַרטע טענער. מיט יאָרן שפּעטער האָט טראַנדאָ געשפּילט דאָסדאָזיקע לידל פאַר וואַנצעטין, און דאָס איז געווען ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אַלע וואָס זענען פּייגעווען האָבן געוויינט.

XII

זיי זענען אַרומגעגאַנגען אויפן באַרג, געקליבן פעלד־בלומען, געקוקט אויף די זעגל־שיפן, וואָס זענען אַרומגעשוווּמען איבער דער בוכטע. אין דעם טאָג האָט זיך בעטי געזעגנט מיט וואַנצעטין. זיי זענען ביידע געווען גערירט. וואַנצעטי האָט זיך געטרייסט:

— קען זיין, אַז מיר וועלן זיך זען בקרוב אין איירןאָפּע, איך מיין, אַז איך וועל שוין דאָ לאַנג נישט זיין. זיי וועלן מיך אוודאי אָפּשיקן אַהיים. אין איטאַליען וועלן זיך אינגיכן אָנהויבן אומרוען, און די רעוואָלוציע וועט געוויס איבערשרעקן די אַמעריקאַנער, און זיי וועלן נישט וועלן האָבן ביי זיך קיין איטאַליענער.

— מילא, איר וואָלט זיך מסתמא נישט גענומען אַזוי

שטאַרק צום האַרצן, ווען מ׳זאָל אײַך אַרויסשיקן קיין איטאַ-ליען — האָט בעטי געזאָגט.

— אוודאַי נישט. כ׳וואָלט געקריגן אַן אומזיסטע רייזע. איך וואָלט געפאָרן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. כ׳בין צופרידן, וואָס איך האָב נישט קיין פאַמיליע, איבערצולאָזן דאָ אין בױט. כ׳האָב מורא פאַר ווינצענצאָן, פאַר ניק סאַקאָן. קוים שיקט מען זיי אַרויס, ווערן זייערע פאַמיליעס ליידן דחקות, אַ מאַסע שפּיאָנען דרייען זיך אַרום צווישן אונז. זיי קומען אין קלוב פון מערב-באָסטאָן, זיי קריכן אונז אומעטום נאָך. אָבער זיי זאָגן ליגן. דערציילן נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשיות פון אַנאַרכיסטן, פון באָמבעס, כדי צו דערוועקן אַ האַס ביי די מאַסן צו אונז.

וואַנצעטי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט אויף די זעגל-שיפן:

— אַזאַ פּראַכטפולער ווינקל! ס׳איז שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז ס׳קומען פאָר אויף דער וועלט אַזוינע מיאוסע זאַכן. מ׳טרעפט זיך צוזאַמען מיט אַן אַמעריקאַנער, ער איז גוט, פיין, איידל; ער לאַכט, ער זאָגט אַ וויץ, ער זעט, אַז די ביסט אַן אָרנטלעכער אויסלענדער, ער איז אָנגענעם, און אויף צומאָרגנס נעמט ער און מסרט דיך אָפּ און מען זעצט דיך איין אין תפיסה, ווו מען שלאָגט דיך מיט גומענע רימענס, מ׳הענגט דיך אויף פאַר די פינגער, און מ׳טוט דיך אָן שרעק-לעכע יסורים. ס׳איז ממש נישט צוגלייבן, אָבער אַזעלכע זאַכן קומען הײַנט אָפּט פאָר, און מ׳דערציילט וועגן זיי אין קלוב. איך זאָג אײַך: איך וואָלט מיך נישט געקענט אונטערגעבן. איך וואָלט נישט געקענט איבערטראָגן אַזעלכע ענויים. כ׳וואָלט געקעמפט, איך טראָג ביי זיך געווער. — באַרטאָ האָט זיך אַ נעם געטון פאַר דער קעשענע, פון וואַנעט עס האָט זיך אַרויסגעזען דאָס רערל פון אַ רעוואָלווער.

— צי האָט איר שוין אַמאָל אויסגעשאָסן פון דעם רע-וואָלווער? — האָט בעטי געפרעגט.

—אַוודאי, איך נעם אים מיט אין וואַלד אַריין. איך לערן זיך דאָרטן, איך שיס שוין גאָרנישט שלעכט.

— דאָס איז שוין אָפּהענגיק נישט נאָר אָן דעם געווער, נאָר אויך אין שיסער. איר מוזט זיך נאָך גיט איינאיבן, איי־דער איר וועט קענען צורעכט מאַכן אַ פּאָליציאַנט.

דאָס איז ווידער געווען די בראַווע בעטי. אָבער איר באָבע איז געווען איבערראַשט: פון וואַנעט קומען צו איר אַזעלכע אויסדריקן: ? „צערעכט מאַכן דעם פּאָליציאַנט", ווי אַזוי קען זי רעדן וועגן אַזוינע זאַכן מיט אַ שמייכל? ווי קען איר גאָר איינפאַלן אַזאַ ווילדע אידעע, ווי ווידערשטעלן זיך דער פּאָליציי? הפּנים, אַז די יונגע גענעראַציע גייט פּאָרויס מיט ריזיקע טריט, און די עלטערע מענטשן לויפן נאָך מיט אַלע כּוחות.

קאָרנעליע האָט געוווסט, אַז אויב זי וועט אָנהויבן צו מאַכן באַמערקונגען דעם יונגן דור צוליב זיינע אויסדריקן און האַנדלונגען, וועט ער נישט מאַכן קיין לאַנגע שתיות, און פאַרוואַרפן זי אין דעם פאַרשטויבטן אַלטוואַרג־קאַמער פון דער פאַרגאַנגענהייט. שטילערהייט אָבער האָט זי זיך נישט אויפ־געהערט צו גריבלען וועגן דעם, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. אפּנים, אַז בעטיס פּאַציפיסטישע איבערצייגונגען זענען נאָך נישט געווען גענוג שטאַרק, אויסצוהאַלטן דעם נסיון פון יענע מאַי־געשעענישן אין באָסטאָן.

דערווייל איז געקומען צולויפן אַ קינד מיט אַ ידיעה, אַז צו באַרטאָן זענען געקימען מענטשן. דאָס זענען געווען צוויי איטאַליע־נער, וואָס זענען געקומען צופאָרן אויף אַ מאָטאָציקל. קאָרנע־ליע האָט זיי דערקענט. זי האָט זיי געזען איינמאָל אין אָוונט אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין סטוטאָ. איצט האָט מען זיי איר ווידער פאָרגעשטעלט, קאָאַקי און אָרקיאַני, אַרבעטער און אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרן. קאָאַקי איז איצט נישט לאַנג געווען אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן, אַרויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד, אָבער מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף טויזנט דאָלאַר קויציע. זיי האָבן עפּעס גערעדט אַ ווײַלע צווישן זיך אויף

איטאַליעניש און באַלד אַוועקגעפֿאָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט באַרטאָ אַרויסגעטראָגן פֿון אַנדערן צימער אַ פּעקל, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט, און מיט אַ געלעכטער האָט ער דערציילט פֿאַר בֿעטין און קאָרנעליען, אַז אין דעם פּעקל געפֿינט זיך אַ באָמבע, אָבער יענע חברים האָבן אים געראַטן, נישט צו דערציילן וועגן דעם די אַמעריקאַנערינס, ווײַל מען ווייסט, נישט אפֿשר זענען זיי שפּיאָנעס?

דאָס פּעקל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַזאַ גרויסע באָמבע וואָלט געקענט אויפֿרײַסן די גאַנצע שטריק-פֿאַבריק. עס איז געווען זייער שווער. וואַנצעטי האָט פּאַמעלעך אויפֿגעשניטן דאָס שטריקל, געעפֿנט דאָס פּעקל און אַלע זענען איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם וויץ. וואַנצעטי האָט געמיינט אַ גײַסטיקע באָמבע: אינעווייניק זענען געלעגן צוואַנציק ביכלעך געבונדן אין רויטן לײַוונט, פֿון אַזאַ רײַסנדיקער פֿאַרב, אַז צוליב איר אַליין, וואָלט מען אין שטאָט מאַסאַטשוסעטס אײַנגעזעצט דעם לייענער אויף צען יאָר תּפֿיסה. ער האָט שטאָלץ אַרויסגענומען די ביכער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער גרופּע „אויטאָנאָמא די איסט באָסטאָן", פֿאַר וועלכע וואַנצעטי האָט זיך פֿאַרנומען מיט שאַפֿן געלט פֿאַר דערדאָזיקער אויסגאַבע. איין בוך האָט געהייסן: פֿאַקסיאַ אַ פֿאַקסיאַ קאָל נעמיקאָ — דאָס האָט באַדײַט: — פּנים אל פּנים מיטן שונא. ס'איז געווען אַ סעריע ביאָגראַפֿיעס פֿון אַנאַרכיסטישע מאַרטירער, אילוסטרירט מיט בילדער. אין דערדאָזיקער קריטישער צײַט האָט מען געדאַרפֿט דערמאַנען די חברים, ווי די אַמאָליקע העלדישע חברים זענען געווען פֿעיִק, אויסצוהאַלטן כּלערליי יסורים און פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס זענען געווען אַזוי שווער, ווי דער איצטיקער טעראָר אין אַמעריקע. וואַנצעטי האָט זיך פֿאַרפֿליכטעט, צו פֿאַרשפּרייטן אַלע עקזעמפּליאַרן צווישן די חברים אין פּליימוט. ער האָט זיי פֿאַרזיכערט:

— כ'וועל עס תּיכּף טון. איך וועל פֿאַרשפּרייטן די ביכער, אַז זיי זאָלן נישט אַרײַנפֿאַלן אין די פּאָליציייִשע הענט — זשאַמאַי!

XIII

קאָרנעליע איז צוריק אוועקגעפאָרן קיין באָסטאָן, כדי צו קלויבן אַ פאָנד, אויף צו העלפן די קרבנות פון דעם מאַי-יום-טוב. בעטי און די קוזינע ל ע ט י ס זענען אוועקגעפאָרן קיין נוי-יאָרק צוזאַמען מיט דבורה אַלוין. נאָך אַ היפּשע מאָס טרערן און פּאַכען מיטן טיכל זענען זיי אַוועק אויף זייער ווייטער נסיעה. די גאַנצע טאָרנוועל-משפּחה האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען דאָס ווילדע, אומגעהאָרכזאַמע מיידל איז שוין געווען אויפן שיף. דעם ערשטן חודש איז אַלץ געווען ווי עס דאַרף צו זיין, זי איז געווען אין לאָנדאָן און געשריבן פון דאָרט:

„ליבע מוטער! דאָ זעט אַלצדינג אויס, ווי אין באָסטאָן. ניי-ענגלאַנד האָט דאָס זעלבע פּנים, ווי דאָס אַלטע ענגלאַנד. איך קוק אַרויס פון האָטעל, און דורך אַ געדיכטן נעפּל זע איך טויזנטער געמויערטע געביידעס, שוואַרץ פון רויך, הויכע קוימענס און אַ סך שוואַרצע פענסטער, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אויף דער צפון-זייט פון בעקאָן-היל. איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין, צו וואָס כ'האָב געדאַרפט אַוועק פון באָסטאָן און קומען אַהער שעפּן קולטור. כ'האָב עס געטון, נאָר ווייל די האָסט עס געוואָלט. היינט ביינאַכט קלויב איך מיך צוגיין אויף אַן אַרבעטער-מיטינג אין אַלבערט-זאַל. איך בין זיכער, אַז די פּאָליציי וועט דאָ נישט שלאָגן מיט שטעקנס דעם עולם בייַם אַרויסגאַנג פון זאַל. איך האָף, אַז דו וועסט נישט אויסרעדן דער קוזינע לעטיס צוליב מיין „רויטקייט", זי איז אַזוי אָנגענעם, אַזוי תּממותדיק, אַז אַלצדינג הייסט ביי איר בילדונג. כ'האָב נישט בדעה אַ סך אויסצולערנען זיך דאָ, אָבער איך האָף אַז איר וועט נישט האַלטן פאַר שלעכט, וואָס איך שטודיר די לעבעדיקע מענטשן, אָנשטאָט אַמאָל די טויטע".

דאָס איז שוין געווען אַ קליינע אָנצוהערעניש אויף צרות. אָבער דאָס איז נאָך געווען גאָרנישט אַנטקעגן דער

צווייטער ידיעה, וואָס ס'האָט געשיקט אין אַ וואָך אַרום די קוזינע לעטיס.

„טייערע קוזינע דבורה! מיר פאַרברענגען די צייט אין לאָנדאָן וווּנדערבאַר. כ'וועל קיינמאָל נישט זיין בכוח אויסצודריקן מיין דאַנקבאַרקייט, נישט דיר, מיין קוזינע, און נישט דעם קוזין רופערט, וואָס איר האָט דערפילט מיין גרעסטן טרוים, — דאָס איז געווען מיין גרעסטער חלום אין די באַהעלטעניש פון מיין נשמה. בעטי איז אַ טייער מיידל, דאָס זיסטע קינד אין דער וועלט, אַן אומגעווייגלעכע חברטע, טאַקטפול אין יעדער סיטואַציע. און שטעלט אייך פאָר אונזער גליק, ווען פלוצלונג קומט נעכטן אָן קיין לאָנדאָן אונזער טייערע מומע קאָרנעליע טאַרנוועל! בעטי האָט זי דערזען די ערשטע אין וועסטיבול פון אונזער האָטעל — באָבעשי, דאָס ביסטו? — האָט זי אויסגעשריגן און נישט געהאַלט גלויבן אירע אייגענע אויגן. שטעל זיך פאָר אַזאַ צופאַל — טרעפן זיך אין ווייטן לאָנדאָן! אפנים, אַז די וועלט איז זייער קליין. די מומע קאָרנעליע איז דאָ געקומען אומגעריכט, מ'האָט זי אַרויסגערופן צוליב עפעס אַן ענין. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן צוזאַמען קיין פאַריז. מיר לייגן אָפּ דערווייל דאָס באַקוקן דעם לאָנדענער טורם און די בריק.

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער געקומען אַ בריוו:

„איך האָף, אַז דו און דער טאַטע — וועט נישט זיין בייז, וואָס די באָבע איז געקומען צו אונז קיין איראָפּע. זי זאָגט, אַז זי האָט זיך געפּי'ט אַזוי איינזאַם, אַז זי האָט זיך ממש נישט געקענט קיין עצה געבן. איך מיין, אַז דער עלטערער דור איז זייער עקשנותדיק, און ס'איז אים שווער צו דיקטירן. אָבער איך וועל זיך באַמיען אָפּצוהאַלטן זי פון יעדער זאַך, וואָס קען אייך אָנטון עגמת-נפש. די באָבע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך עטלעכע פאַרטרויאונגס-בריוו פון פאַרשידענע מלוכהמענער, נאָר מיר וועלן פריער באַזוכן דעם אייפל-טורם, ווי אַלע טוריסטן. איר האָט גאַנץ גוט געטון, וואָס איר האָט איבערגעלאָזט פאַר אונז אַליין דעם פּלאַן פון אונזער נסיעה,

און מיר וועלן טאַקע אויסנוצן אונזער פרייהייט. די אַנדערע וואָך קלויבן מיר זיך אַוועקצופאָרן קיין בודאפעשט. דאָרטן זענען פאַראַן פאַרשידענע טוער. וואָס די באָבע וויל זיך מיט זיי באַקענען, ווייל זיי וועלן אפשר אינגיכן מוזן פאַרלאָזן זייערע אַמטן, וואָרום אין אייראָפּע טוישן זיך זייער אָפט די רעגירונגען. די קוזינע לעטיס האָט געלייענט, אַז אין בודאַפּעסט איז פאַראַן זייער גוטע ציגיינער-אָרקעסטערס, און זי וויל מיט זייערע קלאַנגען קוויקן איר שטרענגע פּוריטאַנישע נשמה. איך האָף, אַז איר וועט נישט האָבן קיין טענות צו דער אָרעמער קוזינע, טאָמער האָבן מיר זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין אויף אונזער רייזע, וואָרום זי איז אַזוי גוט צו מיר. אמת טאַקע, זי איז אַביסל נאַיוו, צו אָריענטירן זיך אין דער היינטיקער וועלט-סיטואַציע. אָט אַ שטייגער פאַרבעט מען זי אויף אַ פרישטיק מיט אַן אָנגעזעענעם רעדאַקטאָר אָדער גאָר אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, און ס׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז זי זאָל פרעגן, צי דאָס זענען ראָיאַליסטן אָדער קאָמוניסטן. איינמאָל האָט זי מיר געמאַכט אַ באַמערקונג: — אַפּנים, אַז די אייראָפּעישע מלוכה-לייט האָבן נישט קיין טבע זיך צו שערן און אָפּצושניידן זיך די נעגל.— אָבער ליבע עלטערן, איר קענט זיין אייגאַנצן רויק וועגן אונז. מיר וועלן זיך דאָ אַ סך אויסלערנען.

דערדאָזיקער בריוו האָט שטאַרק איבערגעשראָקן דבורהן. אָבער נאָך שרעקלעכער איז געווען, ווען רופערט איז געקומען אַהיים איינמאָל אין אָוונט און געלייענט וועגן די געשעענישן אין אונגאַרן. דאָרטן האָט אויסגעבראָכן אַ באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, און די טוער, מיט וועלכע קאָרנעליע און בעטי זענען געפאָרן זיך באַקענען, זענען בלי ספק געווען די בלוט-דורשטיקע קאָמיסאַרן, יידן און אַנדערע געוועזענע פאַרברעכער, וואָס האָבן דערהרגעט אין עט-עכע לענדער די מענער און נאַציאָנאַליזירט זייערע פרויען. רופערט האָט דאָך גאַנץ גוט געוווּסט וועגן דעם, מ׳האָט דאָך אים פאָרגעלייגט אונטערצושטיצן די אַקציע, אַראָפּצוּוואַרפן די הערשאַפט פון יענע טוער,

כּדי אין אייראָפּע זאָל זיין רויק. ער האָט טאַקע באַדאַרפט אויספאָרשן דעם פּראָיעקט וועגן דער הלוואה פאַר דער ניי-געשאַפענער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן ווילן פון אונגאַרישן פאָלק — אין ניי-ענגלאַנד. רופּערט האָט געגעסן פרישטיק מיט אַ גרויסער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אים איבערגעגעבן די פּרטים פון דעם גאַנצן פּלאַן, און געדאַרפט צוגרייטן פאַר אים דעם פאָרשלאַג פון דער הלוואה, וואָס איז אַזוי נויטיק געווען, אונטערצוהאַלטן די אונגאַרישע-אַמעריקאַנישע באַציונגען. די סיטואַציע אויף דער וועלט איז וואָס אַמאָל געוואָרן מער קאָמפּליצירט, און די אויפגאַבן פון אַ פינאַנסיסט האָבן אים געצוווּנגען אַרומצוגיין גאַנצע נעכט און שטודירן געאָגראַפישע קאַרטעס.

— גאָט מיין איינציקער! — האָט אויסגערופן דער פאַרזאָרגטער טאַטע — איצטער פעלט שוין נישט מער, גאָר זיי זאָלן פאָרן קיין רוסלאַנד!

אָט דער גרויסער מענטש איז אַפּנים געווען אויך אַ נביא. אין צוויי וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ נייע ידיעה פון בעטין:

„איך האָב שטאַרק מורא, אַז מיינע ליבע עלטערן נעבעך, וועלן זיך דערשרעקן פון דער ידיעה. ס'איז מיר זייער טרויעריק, אָבער איך קען דערצו גאָרנישט העלפן: איך מיט דער באָבען פאָרן מיר מאָרגן קיין סאַראַטאָוו, וואָס געפינט זיך אויף דער דרום-מזרח-זייט פון רוסלאַנד. לויט די מעשיות, וואָס מ'דערציילט, האָט מען אין יענער שטאָט געזאָלט נאַציאָנאַליזירן די פרויען, פאָרן מיר טאַקע אַ קוק טון מיט די אייגענע אויגן, ווי עס זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן אַן אויסערגעוויינלעך-גליקלעכע געלעגנהייט: מיר פאָרן צו אַן אַלטן פריינט פון פּליימוט, וועלכן די באָבע האָט אַמאָל אַרומבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ, וואָס מ'האָט אים צעשלאָגן בעת אַ שטרייק אין פּליימוט. היינט איז ער פאַרקער-פאַרוואַלטער אין אַזאַ גרויסער גובערניע, ווי גאַנץ ניי-ענגלאַנד ער פאַרזיכערט אונז, אַז ער ווייסט פון אַזעלכע אונטערערדישע

דורכגענג, דורך וואַנעט ער וועט אונז אָן שום סכּנה דורכ־פירן דורך דעם אַליאַנס־מיליטער. דאָ אין אונגאַרן איז פּונקט ווי אין באָסטאָן: אַז מ׳האָט געלט קען מען אַלץ טון. איך בין זיכער, אַז דידאָזיקע נסיעה וועט מיר אַ סך אויסלערנען, און איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן וועגן אונז. די וועלט ענדערט זיך זייער גיך, און ס׳איז נישטאָ קיין אינטערעסאַנטערע זאַך, ווי צו אָבסערווירן די נייע פאָרמען פון דער פּאָליטישער אָרדנונג, אין דעם מאָמענט ווען זי ענדערט זיך. ווען דידאָזיקע ענדערונגען וועלן פאָרקומען אין אַמעריקע אויך, וועט זיי יעדער אייניציקער וועלן פאַרשטיין.

איך בעט אייך, איר זאָלט זיך נישט זאָרגן וועגן לעטיס, וואָס זיצט זיך אין בודאַפּעשט פולשטענדיק זיכער און גליק־לעך. מיר האָבן אַלצדינג אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זי איז באַשיצט פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. זי פאַרנעמט זיך צייטווייליק מיט פאַנאַנ־דערטיילן ברויטלעך פאַר די הונגעריקע קינדער פון די אַנטלאָפענע. דאָס איז פילאַנטראָפּיע, און זי טויג זיך דערצו. ביינאַכט הערט זי ציגיינער־מוזיק אין דער געזעלשאַפט פון אַן אונגאַרישן קאָמעדיע־שרייבער, וואָס רעדט פליסיק ענגליש. ער איז שטאַרק איבערגענומען מיט זיין ראָל, צו האָבן די אויפזיכט איבער אַ באָסטאָנער דאַמע. דאַכט זיך מיר, אַז מיט אַזאַ האָט ער זיך נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט, און ער האָט בדעה צו פאַראייביקן זי אין אַ קאָמעדיע, נאָר ער ווייס נישט, צו דאָס אייראָפּעישע פּובליקום וועט נישט אָננע־מען זיין געשטאַלט פאַר אַן אויסגעטראַכטע. כ׳מיין, אַז איר וועט נישט האָבן קיין פאַריבל אויף דער קוזינע לעטיס, צוליב דער באָבען. ס׳איז איר שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז דער באָ־בעס געזעלשאַפט זאָל זיין אַן עברה. נאָך אין שול האָט זי זיך געלערנט צו פאַרערן די רעוואָלוציאָנערע פרעסע פון ניי־ענגלאַנד, און איצט, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט רעוואָ־לוציאָנער שרייבער אין אייראָפּע, האַלט זי זיי פאַר זייער קלוגע און געבילדעטע מענטשן.

אין רוסלאַנד וועלן מיר, מסתּמא, פאַרבלייבן אַ חודש

אָדער צוויי. אויפן ווינטער וועט די באָבע אַהעקפאָרן צוריק קיין באָסטאָן און זי וועט אויף די אָוונט-קורסן לייענען לעקציעס וועגן די סיבות פון דער היינטיקער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אויב די פּאָליציי וועט זיי נישט פאַרווערן. איך האָב בדעה זיך אומצוקערן קיין בודאַפּעשט און אַרבעטן אין אַ אינסטיטוציע, וואָס שטיצט אונטער די קרבנות פון בירגער-קריג — אין אַזאַ אינסטיטוציע מוז אַרבעטן יעדער איינער, וואָס איז נאָר געווען אין רוסלאַנד. די צווישן-אַליאַנס-קאָמיסיע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן הילף די הונגעריקע קינדער פון רויטן אונגאַרן. דאָס איז די באַליבקע מעטאָדע פון הערבערט הווער, וואָס שטיצט אונטער בלויז די ווייסע, און דערמיט פאַרדינט ער, געשטעמפּלט צו ווערן אויף אייביקער חרפה אין דער אַמעריקאַנער און אונגאַרישער געשיכטע. איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט שטערן, אויב איך וועל פאַרדינען אויף חיונה. שווערע באַציונגען האָבן זיך איצט געשאַפן צווישן עלטערן און קינדער, הגם די עלטערן דאַרפן פאַרשטיין, אַז זייערע קינדער ווערן רייפע מענטשן. כ'וואָלט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מיר שיקן געלט, וויפל ער פאַרשטייט. איך וועל זיך נישט אָפּזאָגן אָנצונעמען אַפילו איין דאָלאַר, כל זמן מען וועט קענען פאַר אים דערהאַלטן אַן הונגעריק קינד כאָטש אַ חודש צייט. כ'האָב געזען אַזעלכע זאַכן, וואָס ווען מיר שוין קיינמאָל נישט לאָזן, אַז איך זאָל טאָלערירן לוקסוס. איר באַדאַרפט מיך און דער באָבען פאַרשטיין, און גלויבט מיר, אַז מיר האָבן אייך ליב, הגם מיר האַנדלען אַנדערש, ווי איר פאַרשטייט. מיר טוען לויט אונזער געוויסן, און ווי וואָלט אויסגעזען די געשיכטע פון ניי-ענגלאַנד, ווען זי וואָלט נישט געהאַט קיין מענטשן מיט געוויסן!

אייער הייס ליבנדיקע, איבערגעגעבענע טאָכטער

עליזאַבעט.

די טעג פון גרויש

I

רופערט אַלווין וואָלט זיך זייער שטאַרק גענומען צום האַרצן צוליב זיין טאָכטערס מעשים, ווען ער וואָלט אין זיין אייגן לאַנד נישט געהאַט אַזויפיל צרות. מ'האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע מיליאָן סאָלדאַטן פון די רעקרוטן-לאַגערן, גאַנצע פלאָטן מיט מאַטראָזן האָבן זיך אומגעקערט פון פראַנקרייך — אָבער זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט פאַרברעכער און שמוגלער, זיי האָבן אָנגעהויבן צו דעמאָנסטרירן און צו פאָדערן דעמאָבאַליזיר-געלט. בקיצור, זיי האָבן נישט געלאָזט שלאָפן די באַנקירן, און פאַרשאַפט זיי אַ סך אומרויקע נעכט. די מלחמה-אַרטיקלען, די עיקר-שטיצע פון דער פּראָספּעריטי, האָבן אויפגעהערט, און די מסחרים האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן נאָר-וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שיינעם חלום.

דער יקרות אויף לעבנסמיטל איז אין משך פון דער מלחמה שטאַרק געוואַקסן. איצט אָבער האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שטייגן מיט אַן אומגעהויערע שנעלקייט. אַלצדינג איז געווען ווייניק. אין ווייטן דרום איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל-שטרייק, וואָס איז שוין באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, בעת דאָ דערנעבן, אין לוירענס, האָט מען מיט גרויסע שוועריקייטן געמוזט אונטערדריקן אַ שטרייק: מ'האָט אַרויסגענומען די פירער און אַזוי לאַנג געשלאָגן זיי מיט בלייענע רימענס און שטעקנס, ביז זיי זענען געבליבן ליגן אין חלשות. דאָס אומגלויבלעכסטע אָבער איז געווען דער פּאָליציאַנטן-שטרייק אין באָסטאָן. די זיכערסטע „בלויע

מונדירן" פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, די אירלענדישע קאַטאָליקן, וואָס זענען אין זייערע אייגענע געמיינדע-שולן אויפגעצויגן געוואָרן אויף הכנעה און געהאָרכזאַמקייט! באמת, רופּערט אַלווינס וועלט האָט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן אונטערצוגיין.

אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָבן זיך די פּאָליציאַנטן באַקלאָגט אויף זייער לוין. אַ טייל פון זיי האָט באַקומען צו צווייאונניינציק דאָלאַר אַ חודש. וויאַזוי קען מיט אַזאַ סומע אויסקומען אַ גאַנצע פאַמיליע? זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף זייער אויסהאַלטונג. אַ סך פון זיי האָבן געוווינט אין יענע אַלטע פּאָליציי-הייזער אויף דער דזשאָ-סטריט, וואָס מ'האָט אויפגעבויט נאָך פאַרן בירגער-קריג. זיי זענען געווען שמוציק און פול מיט ווערים. זיי האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן, און די מאַכט האָט נישט אויפגעהערט זיי צוצוזאָגן. אויב מ'וועט די פּאָליציאַנטן באַצאָלן ווי עס דאַרף צו זיין, וואָס וועלן דאַן טון די פּאָליטיקער? און אויגוסט האָבן די אומצופרידענע געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע און אָנגעשלאָסן זיך אָן „דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָף לייבאָר".

צוויי גרויסע באַנק-קאָמפּאַניעס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך, צוליב דער הערשאַפט איבער באָסטאָן. אַזוי האָבן אין דער פּאַרצייטיקער פלאָרענץ געקעמפט אַמאָל די וועלפן און גיבעלינען. פּאַרקער, דזשאָן עט קאָמפּ, איינער פון דעמדאָזיקן קאָנצערן איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, און דער דעמאָקראַטישער בירגערמייסטער האָט אים איבערגעגעבן צו שאַפן אַ קאָמיטעט, כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע, די פּאָליציאַנטן זאָלן באַקומען אַן הוספה און אַלץ זאָל ווידער ווערן גוט און פיין. אָבער זיי האָבן נישט אָנגעפרעגט תיכף רופּערט אַלווינען און זיינע מענטשן פון דער נאַציאָנאַל-פּילגרים-באַנק. רופּערט איז אַריינגעפאַלן אין שטאַרקן גרימצאָרן, וואָס מ'האָט אים נישט אָנגעטון דעמדאָזיקן כבוד. און בכלל האָט דאָס גאַנצע וואָרט „אָרגאַניזאַציע" אָנגערירט זיינע הייליקסטע

איבערצייגונגען. פאַר דער מלוכה איז אַ סכּנה, אַז פּאָליציאַנטן זאָלן זיך אָרגאַניזירן און צווינגען מיט דראָונגען אונטערצוהאַנדלען מיט זיי. אויב אַ דעמאָקראַטישער בירגערמייסטער דערוועגט זיך אונטערצוהאַנדלען מיט דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פירער און אַרויסוואַרפן שטאָטיש געלט פאַר די שאַנטאַזשיסטן, וועט דער רעפּובליקאַנער רופּערט תיכּף אַוועקוואַרפן זיין אַמט, צו הערשן איבער מאַסאַטשוסעטס און גאַנץ אייראָפּע!

קודם כּל האָט ער זיך, ווי תּמיד, באַראַטן מיט הענרי קאַבאָט ווינטערס, דאַן האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע לייט און אויפגעוויקלט פאַר זיי זיין פּלאַן. קיין בעסערע געלעגנהייט צו געבן אַ לעקציע די דעקאָנסטרוקטיווע עלעמענטן וועט מען נישט האָבן. די פּאָליציאַנטן־אָרגאַניזאַציע מוז צעקלאַפּט ווערן. די פירער דאַרף מען אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, און קיינער פון די שטרייקנדיקע דאַרף נישט באַקומען אַ פּאָסטן אין שטאָט. רופּערט האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. מ'האָט צוגעצויגן די פירער פון דער האַנדלס־קאַמער און איבערצייגט זיי, דאַן האָט מען געלאָזט רופן דעם פּאָליציי־שעף און אים מודיע געווען דעם באַשלוס. צום גליק האָט דעמדאָזיקן באַאַמטן באַשטימט נישט דער בירגערמייסטער נאָר דער גובערנאַטאָר. ער איז, הייסט עס, געווען אַ בלוי־בלוטיקער און נישט קיין דעמאַגאָג.

די שטאָטישע סוחרים האָבן געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, צו שיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. דער רעקטאָר פון דעם האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, האָט צוגעשטעלט טויזנט סטודענטן, און דידאָזיקע פרייוויליקע מחנה איז געווען גרייט אויף יעדן מאָמענט, ווען מ'וועט זיי רופן, צו טון די אַרבעט אָנשטאָט פּאָליציי. די פּאָליציאַנטן האָבן גלייכצייטיק מודיע געווען, אַז נאָכמיטאָג דעם 9־טן סעפּטעמבער אַרום 5 אַזייגער וועלן זיי אָנהויבן דעם שטרייק, אָבער זיי האָבן בדעה איבערצולאָזן נאָך פיר הונדערט פון זייערע עלטערע קאָלעגן אויף די וויכטיקסטע פּאָסטנס. רופּערט אָבער האָט געוואָלט ווייזן באַשיינפּערלעך דער שטאָט און דעם גאַנצן לאַנד, וואָס עס הייסט אַזוינס,

ווען מ׳דערלאָזט, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן זיך שאַפן אַן אָר־גאַניזאַציע. צוליב דעם האָט ער דידאָזיקע פיר הונדערט פּאָ־ליציאַנטן פאַרשפּאַרט ביים פּאָליציי־פּרעזידיום און די פּריוואַ־ליקע גערופן ערשט אויף מאָרגן 9 אַזייגער אינדערפרי; אַ גאַנצע נאַכט זאָל באָסטאָן נישט האָבן קיין שום פּאָליציייאישן שוץ. און כדי צו גיין אויף אַ זיכערן וועג, האָט מען זיך געהייסן שיקן עטלעכע מענטשן פון די גרויסע דעטעקטיוו־אַגענטורן, וואָס זאָלן אַריינוואַרפן אַ פּאָר שטיינער אין די שויב־פענסטער. אַ זוי אַרום האָט מען געלאָזט די מאַשין אין גאַנג. וואָס אַן אמת, האָט מען נישט אויפגעוויזן, אַז די פּראָוואָקאַטאָרן האָבן דאָס געטון, אָבער מ׳קען זיך אין אַ סך זאַכן פאַרלאָזן אויף די שמועסן פון די „בלוי־בלוטיקדי״ אין די קלובן, וואָס זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן דידאָזיקע מיטלען נישט אויסגעמיטן. און אין עטלעכע יאָר אַרום ווען באָסטאָן האָט געזען אירע פירנדיקע באַנקירן אויפטרעטן אַלס עדות אין דעם פּראָצעס פון זשערי וואָלקער און אויסגעהערט זייערע ליגנס וועגן די מעטאָדן, ווי אַזוי זיי האָבן אַריינגעקריגן אין זייערע הענט די ניי־ענגלישע פילץ־אינדוסטריע — איז זי, באָסטאָן, געווען גרייט, אויף אירע באַנקירן צו גלויבן אַלצדינג!

II

אַלציינס, ווער דאָס האָט געטון — מען האָט אויסגעהאַקט די שויבן, מאַנסלייט און אונטערגעוואַקסענע יונגען האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די חרוב־געוואָרענע פענסטער און גענומען, וואָס ס׳איז געקומען אונטער די הענט. מ׳האָט געקענט זען ווייבער, וואָס זענען געזעסן אויף די בריקלעך און אָנגעטון די טייערסטע שיך. אין דער נאַכט זענען געווען אַ געוואַלדיקע צאָל רויב־אָנפאַלן און עטלעכע פאַרגוואַלטיגונגען.

די שטאָטישע סוחרים האָבן געלעבט אין אַ שרעקלע־כער אימה, זיי האָבן זיך געשטעלט באַריקאַדן פאַר די טירן פון

זייערע קראָמען, באַוואָפנט זייערע אָנגעשטעלטע און פאַרבראַכט די נאַכט, ווי אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג. דאָס בילד פון דער ציטערנדיקער באָסטאָן אין די הענט פון זיינע פאַרברעכערישע עלעמענטן האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם גאַנצן לאַנד. די באָסטאָנער פרעסע האָט אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן טומל און די פּאַטריאָטישע צייטונגס־אַגענטורן האָבן געטון אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געקענט, צו פאַרשפּרייטן די פּאַניק. רופּערטס לעקציע האָט געהאַט דעם געווונטשן דערפאָלג. עס איז פּונקט די ריכטיקע צייט, הייסט עס, צו ראַטעווען די שטאָט. דער בירגערמייסטער האָט גערופן אַ טייל פון דער שטאָט־מיליץ. אויף דעם גרונט פון אַן אַלטן געזעץ, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו מאָביליזירן די באָסטאָנער אָפּטיילונג. ער האָט געוואָלט אויספאָדערן אויך די איבעריקע מחנות, אָבער דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן דעם באַפעל פון גובערנאַטאָר. און דאָ האָט זיך אומגעריכט אַרויסגעוויזן, אַז דער פּראָגראַם פון די „געזעצן" און דער „אָרדענונג" האָט אַ טשוואָק אין זיך.

דער פּאָרטרעטער פון די אַנגלאָזאַקסישע הויכע לייט אין די רעגירונגס־געביידעס, איז געווען אַ הער, וואָס האָט געהייסן קאַלווין קולידזש. „קאַל", אַ פאַרשלאָסן קליין מענטשעלע מיט דינע ליפּן, אַן אומבאַדייטנדיקער אַדוואָקאַט און אינקאַסענט פון מערב־מאַסאַטשוסעטסער באַנק, איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט און געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אַמעריקאַנישע באָסן, ווייל ער האָט אייביק געטון דאָס, וואָס מ'האָט געהייסן און קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס האָט געקענט פאַרשוויגן ווערן. אויב אַ פּאָליטיקער וועט האָבן אַ מיינונג, וועט זיך תמיד געפינען עמעצער, וואָס וועט זיך פילן באַליידיקט, דעריבער איז אַ סך גלייכער, אינגאַנצן נישט צו האָבן קיין מיינונג אין קיין שום פראַגע. ס'איז מאָדנע, וואָס פ א ר דעם „פּאָרזיכטיקן קאַל" איז עס נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן.

דער מענטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער

רעפּובּליקאַנישער מלוכה-מאַשין, איז געווען אַ מולטי-מיליאָנער ; סענאַטאָר מורי גרען. פאַר זיינע פּאָליטישע אָנהענגער האָט ער געשאַפן דעם אַזוי גערופענעם „ראָל-טרעפּ-סיסטעם" אָדער די אַזוי גערופענע „פירער פון מאַסאַטשוסעט". כל זמן זיי זענען געווען געהאָרכזאַם און אויסגענומען אין די אויגן פון זייערע וויילער, האָט ער זיי געשטויסן כסדר, וואָס אַמאָל אויף אַ העכערע מדרגה. דאָס איז געווען אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, און איידער מ'איז צוגעקומען צום שפּיץ, איז מען געווען אַן אַלטער מאַן. דאָס אָבער האָט מאַסאַטשוסעט ליב, ווייל מאַסאַטשוסעט אַליין איז אויך אַלט. אָבער אין דעם פאַל איז פאָרגעקומען ממש אַ נס, דאָס אַזוי גערופענע „קולידזש-גליק": עס האָט אויסגעזען, פּונקט ווי דער שיקזאַל וואָלט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס, און דעם גרעסטן פּחדן און דעם שוואַכסטן מענטשן אַרויפצושטויסן אויף דעם העכסטן אָרט פון דער מלוכה. צווישן די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, וואָס האָבן געשטרעבט צו ווערן מיטגלידער פון סענאַט, האָט עקזיסטירט אַ מין הקפות ; עס איז נישט געווען קיין שום קאָנקורענץ. יעדער איינציקער האָט באַקומען זיין כּיבוד לויט דער רייע נאָך. אָבער דער, וואָס איז געווען פריער פ א ר קולידזשן, איז געשטאָרבן, און קולידזש האָט פאַרנומען זיין אָרט. און דאַן, ווען ער איז געוואָרן מיטגליד פון סענאַט, ווו ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין רעדע, האָט ער זיך דערוווסט, אַז דער, וואָס האָט געדאַרפט קומען לויט דער ריי אויפן פּאָסטן פון סענאַט-פּאָרזיצער, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פרויען-וואַל-רעכט. ווען די פרויען-פּרייַנט האָבן קאַלווינען געפרעגט זיין מיינונג, האָט ער צוגעמאַכט זיינע צוויי בייזע און דינסטע ליפּן אין מאַסאַטשוסעט. די פרויען האָבן זיך פאַרייניקט קעגן יענעם, וואָס האָט געצאָלט זיין סענאַט-פּאָרזיצער און האָבן גורם געווען, אַז ער זאָל דורכפאַלן. קאַלווין האָט דורכגעפירט ביי זיין באַלעבאָס, אַז ער זאָל ווערן דער פּאָרזיצער פון סענאַט.

דאַן איז געשען, אַז דער קאַנדידאַט אויף דעם פּאָסטן פון וויצע-גובערנאַטאָר איז באַגאַנגען דעם פעלער און אַרויס-

בעזאָגט זיך פֿאַר דער פּראָהיבישאָן. קאַלווין קולידזש האָט ווידער געשוויגן. דאָס אַלקאָהאָל-קאַפּיטאַל האָט זיך איבערגעוואָרפֿן צו אים און ער איז געוואָרן וויצע-גובערנאַטאָר. צוויי דינסט-פּעריאָדן איז ער געווען אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן, אין אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז שוין געווען זאַט פֿון דער פּאָליטיק און געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון אַ מענטשן, וואָס זאָגט גאָרנישט און טוט גאָרנישט. פֿאַר אַ דאַנק האָבן זיי אים אָפּגעגעבן דעם פּאָסטן פֿון גובערנאַטאָר. און דאָ איז אָנגעקומען דער קריזיס: צוויי גרויסע באַנק-קאָמפּאַניעס-האָבן אים געצויגן איןביידע זייטן! עס איז אים נישט איבערגעבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי כיטרע אַרויסצודרייען זיך: גאַנצע פֿיראוצוואָנציק שעה האָט קיינער נישט געוווּסט, ווו דער גובערנאַטאָר איז אַהינגעקומען.

קוים מיט צרות האָט אים רופּערט אויסגעזוכט — אין דער ווילֿיע פֿון מור גרען, וואָס האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן וועג. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נאַכטיקע זיצונג, און קאַלווין האָט געמוזט אויסהערן אַזעלכע זאַכן, וואָס מ'קען בשום אופֿן נישט אַריינשטעלן אין קיין בוך. און ווען ס'איז געקומען דערצו, אַז מ'האָט געדאַרפֿט רופֿן די שטאָט-מיליץ, האָט ער געטון, וואָס מ'האָט אים געהייסן. מ'האָט אַרויסגענומען די פּולימיאָטן און אויסגעשאָסן אַ סאַלווע, וואָס דער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען אויף דער גאַנצער וועלט.

קאַלווין גופֿא האָט געוואַרט אַ שפּאָר שטיקל צייט, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רופּערטס סטראַטעגיע איז געווען אַ גוטע. די עפֿנטלעכע מיינונג איז געווען קעגן די שטרייקענדיקע. און דאַן האָט קאַלווין צוגענומען די האַנט פֿון האַרצן און אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו דעם אַמעריקאַנישער אָרגאַניזאַציע-פֿאַרייניקונג, אַז „קיינער האָט נישט קיין רעכט צו שטרייקן קעגן דער עפֿנטלעכער זיכערקייט, ווו און ווער עס זאָל נישט זיין ז" דאָס איז געווען פּונקט דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט גראָד געוואָלט.

דערדאָזיקער פּאָליצי-שטרייק האָט געקאָסט דער געמיינדע

דריי מיליאן דאלאר. חוצדעם האט די געמיינדע נישט געקענט אויסמיידן א שאדן אנטקעגן די גוינען פאר דער פאליצייי. ווייל זי האט געמוזט געבן די נייע מענטשן מער, ווי זיי האבן זיך אפגעזאגט צו געבן די אלטע. דאס אבער איז רופערט אלוינען אויסגעקומען גאנץ נאטירלעך. ערשטנס איז עס נישט געווען זיין געלט, און צווייטנס איז עס געגאנגען נישט אין געלט נאר אין דעם „פרינציפ", ווי ער האט עס אנגערופן, דאס הייסט אין דעם רעכט פון די באנקירן, אויסצופירן אלצדינג וואס זיי ווילן. דאס „פעולה" האט פאקטיש באקומען א ריכטיקע לעקציע.

III

אויב די קאפיטאליסטישע פרעסע האט נישט געוואלט הערן פון די אינפארמאציעס, וואס פרוי קארנעליע קווינסי טארנוועל האט געבראכט פון איר רייזע קיין רוסלאנד, האבן זיך געפונען א סך סאציאליסטן, קאמוניסטן און אנארכיסטן, וואס האבן זיך זייער אינטערעסירט מיט אירע דערפארונגען. פארשידענע גרופעס האבן גענומען איינלאדן קארנעליען, זי זאל קומען צו זיי רעדן. מען האט איר פארגעלייגט אויפצושרייבן אירע איינדרוקן פון איר רייזע און ארויסצוגעבן זיי אין א בראשור. און ווען זי האט דעם פארשלאג אנגענומען, האט דערדאזיקער שריט געהייסן, אז זי האט זיך אנטגילטיק אנערקענט פאר א „רויטע", און אין די פערזאן-אקטן פון דעם יוסטיץ-דעפארטאמענט איז זי רעגיסטרירט געווארן פאר אן אקטיווע באלשעוויסטין. אין חודש נאוועמבער האט די פאליציי מיט גרויס טומל געמאכט א רעוויזיע אין א ביורא פון א רויטן קאמיטעט. די מיטגלידער, וואס מ'האט געטראפן דארטן, זענען ארעסטירט און באשטימט געווארן ארויסגעשיקט צו ווערן פון לאנד. צווישן דער קאנפיסקירטער ליטעראטור, וואס מ'האט אויפגעלאדעוועט אויף א וואגן, איז געווען קארנעליעס בראשור. רופערט האט נאך באוויזן צו פועלן, אז מ'זאל עס

נישט פאַרעפנטלעכן. מיט אַזאַ ידיעה איז ער געקומען צו דער איבערגעשראָקענער פאַמיליע, און דבורה האָט געגעבן צו וויסן איר מוטער, אַז זי איז אין דער סכּנה אַרעסטירט צו ווערן, און אַז די פאַמיליע וועט שוין מער נישט טון קיין טאַנט אין קאַלט וואַסער זיך אָנצונעמען פאַר איר.

וואַנצעטי האָט פאַרבראַכט אַן אָוונט אין דער קליינער וווינונג און אויסגעהערט אַלצדינג, וואָס קאַרנעליע האָט גע-האַט צו דערציילן, ער האָט איר געשטעלט הונדערטער פראַגן און דערנאָך אירע ענטפערן איבערגעבן דער פליימוטער „גרוּ-פּאַ" און דעם „קלוב" פון איסט-באָסטאָן. די אַנאַרכיסטן האָבן געפירט ליידנשאַפטלעכע וויכּוחים וועגן דער שטעלונג, וועלכע מ'דאַרף אָננעמען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אַזוי שנעל. טייל פון זיי זענען געווען גרייט, אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע אַנטי-מלוכהשע גרונט-הנחות. דער מלוכהשער געוואַלט איז שלעכט נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער איז אַן אינסטרומענט, אונטערצודריקן דעם אַרבעטער-קלאַס, אָבער פון דער מינוט אָן, ווען ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָרגאַ-ניזם, אונטערצודריקן די קאָנטער רעוואָלוציע — דאַן איז שווער זיך אַרויסצוזאָגן קעגן אים, אָבער אַזעלכע „אינדיווידואַליסטאָס", ווי וואַנצעטי, זענען געבליבן פעסט ביי ס'זייעריקע און אַ סך פון זיי זענען אין רוסלאַנד טאַקע אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער, עטלעכע פון זיי האָט מען דערשאָסן און אַנדערע אַריינגעזעצט אין תּפיסה. דער סוף איז געווען, אַז וואַנצעטי האָט פיינט געקריגן דער רוסישער רעגירונג, פּונקט ווי דער אַמעריקאַנישער און געהאַט צרות פון יעדן וואָרט, וואָס קאַרנעליע האָט אַרויסגעזאָגט לטובת דער רוסישער סאָוויעטן-מאַכט.

ס'איז געווען זייער אַ כאַאָטישער צושטאַנד! קאַרנעליע אָבער האָט זיך שוין פיר יאָר צייט פאַרנומען מיט דער ראַ-דיקאַלער באַוועגונג, זי האָט שוין געקענט די שפּראַך פון די פאַרשידענע גרופּעס און תּופס געווען זייערע הנחות. דאָס איז געווען אַ סך מער, ווי ס'האָט באַוויזן די קאַפּיטאַליסטישע

פּרעסע, אָדער פּאָליציי, די אַגענטן פֿון דעם יוסטיץ-מיניסטעריום, די געריכטן און אַלע לייט, וואָס האָבן זיך אין דעמדאָזיקן קריזיס צוגעהערט צו דער עפֿנטלעכקייט.

מ׳האָט זיך פֿאַרנומען פֿאַר יעדן פּרייז די רויטע „אָפּ-צירוימען”. דער קאָנגרעס האָט באַשטימט אַ פּאָר מיליאָן דאָלאַר, — די שטענדיקע מעטאָדע אין אַמעריקע, ווען מ׳וויל עפּעס טון. לויט דעם באַריכט פֿון דעם יוסטיץ-מיניסטער פֿאַר דער קאָנגרעס-פֿאַרוואַלטונג, האָבן שוין די געהיימע אַקטן פֿון פֿאַרדעכטיקע, געהאַלטן ביי אַ קיילעכדיקע צאָל פֿון צוויי הונדערט טויזנט נעמען. דערדאָזיקער הער איז גראָד געווען אַ קוואַקער. און אונטער דער פֿאָן פֿון יעזוס קריסטוס, האָט ער אַנטוויקלט אַזאַ געוואַלדיקע טעראָר-אַקציע, וואָס אַמעריקע האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט.

די געפֿאַנגענע, וואָס מ׳האָט אַרעסטירט בעת דער רעוויזיע אין נאָוועמבער, זענען אַלע צוזאַמען אַרויסגעזעצט געוואָרן אויף אַן אַלטע רעגירונגס שיף, און דעם 21-טן דעצעמבער 1919 איז דידאָזיקע עקספּעדיציע, וואָס איז דורך די צייטונגען באַצייכנט געוואָרן פֿאַר „באָלשעוויקעס” אָפּגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד. עס איז געווען דער אָנהויב פֿון יענעם פּראָגראַם, וואָס עס האָבן אַנטוויקלט אַלע פּאַטריאָטישע רעדנער:

— אויב עס געפֿעלט זיי נישט דאָס לאַנד, זאָל זיי גיין אַהין, פֿונוואַנעט זיי זענען געקומען.

דאָ און דאָרט זענען געווען נאָך היציקערע פֿאַרשוינען, ווי למשל יענער מלוכה-מאַן, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיי אַוועקשיקן אויף אַ שטיינערנער שיף מיט בלייענע זעגלען. אַזוי האָט אויסגעזען אין אַמעריקע דער ווייַנאַכטס-יום-טוב, אַ יאָר נאָך דעם, ווען מ׳האָט פֿאַרענדיקט די מלחמה, וואָס האָט געדאַרפֿט אַ סוף מאַכן צו אַלע מלחמות.

IV

„ליבע נאָנאַ!” — האָט געשריבן וואַנצעטי פֿון פּליימוט —

„קומט אַביסל צו גאַסט אויף די ווייַנאַכטן. אַלע איטאַליע־נישע „אַנאַרכיסטאָ״ זענען אומגליקלעך און האָבן מורא, אַז איצט, נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די רוסן, וועט מען זיך אַ נעם טון צו אונז. מיר האָבן נישט איצט קיין „קראַנאַקאַ״ און קיין שום פירער אין ניי ענגלאַנד, זינט מ׳האָט אַרויסגעשיקט זשאַלעאַנין. וואָלט געווען דעריבער גוט, ווען איר קומט און איר ווייזט אונז, אַז אַן אַמעריקאַנישע דאַמע פילט מיט מיטן אַרבעטער און האָט נישט קיין מורא צו רעדן מיט זיי. ווינצענצאָ האָט עטלעכע פלעשער גוטן, רויטן דאַגאָ אין קעלער, זיי זענען פאַרווערט, ווייל זיי זע־נען שוין דאָ פון פריער. טראַנדאַ האָט זיך אויסגעלערנט אַ נייען נגון צו שפּילן אויפן פידל, דאָס ליד „ווען מיר ביידע, מאַניע, זענען יונג געווען״. אַלפאָנסינאַ אַרבעט איצט אין דער שטריק־פאַבריק. און איך האָף צו מאַכן גוטע געשעפטן אויף ווייַנאַכט. עס איז די צייט, ווען אַלע איטאַליענער עסן אַאַל־פיש און איך האָב באַשטעלט אין באָסטאָן אַ גאַנצע פאַס לע־בעדיקע אַאַלן. פון מיר אייער טיף־פאַרערנדיקער פריינט

בּאַרטאָלאָמיי וואַנצעטי״

דער ווייַנאַכט אָוונט איז אויסגעפאַלן פרייטיק. קאָרנעליע האָט געענטפערט, אַז זי וועט נישט קענען קומען. זי וועט קומען שבת אינדערפרי און בלייבן איבער דעם זונטיקדיקן טאָג. קיין שום זאַך האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן דער טאַר־נוועל משפחה, איינצולאַדן זי אויף די חגאות צו זיך און וואָלט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, ווען זי זאָל נישט קומען. קלאַרע, וואָס האָט געהאַט דעם מאַנאָפּאָל אויף קליינע קינדער, איז געוואָרן די באַלעבאָסטע און מ׳האָט זיך פאַרזאַמלט אין הילוויו. עס איז געווען אייגע פון יענע פאַמיליען פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכער די משפחה־מיטגלידער האָבן אויסגעדריקט מיט זייער קעגנוואַרט די געפילן, וואָס זיי האָבן נישט געקענט אויסדריקן מיט קיין ווערטער. אַחאָבן וועט מען שוין מער קיינמאָל נישט זען, די עלטער־מומע פּריטצילאַ האָט געמוזט פאַרבלייבן

אין שטוב צוליב איר ברעכעניש אין רוקן, נישט גע-קוקט אויף דער באַדייטונג פון דעם ווייַנאַכט-יום-טוב, אין וועלכן די גאַנצע משפּחה פּלעגט זיך תּמיד צונויפֿקומען. בעטי איז געווען אין בודאַפּעשט, ווו זי האָט געטיילט ברויט די קינדער פון די היימלאָזע.

„הילוויו" האָט זיך זינט די פיר יאָר, זינט קאָרנעליע איז אַנטלאָפן פון דאָרטן, שטאַרק פאַרענדערט. זשערי האָט געהאַלטן זיין צוזאָג, דעם אַלטן פליגל נישט צו רירן, אָבער ער האָט צוגעבויט פון הינטן אַ נייען פליגל, אַ ריזיקע גע-ביידע פאַר די אַכט קינדער מיט זייערע אָן אַ שיר אַמען, גוווערנאַנטינס און באַדינערס און פאַר געסט. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אַ לוקסוס-האָטעל. די קינדער האָבן אַרומגע-רוישט אין גאַנצן הויז, אַרומגעיאָגט זיך מיט קולות אַהין און צוריק, געקערט זיך מיט די קעפּ אויף דעם האַרטן פּאַרקעט, האָבן צעטרעטן ניס און ראָזשינקעס אויף די טייערע טעפּיכער, און אויסגעשמירט דעם ווייסן בראָקאַט פון די גע-בעטע שטולן מיט שאָקאָלאַד. נאָר איינמאָל אין יאָר איז ווייַנאַכט, און מען דאַרף עס זיי מוחל זיין. מ'האָט זיך גע-מוזט קושן מיט זייערע קלעפּיקע מיילכלעך און באַוווּנדערן אַ ווייַנאַכט-בוים, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גע-גרייכט ביזן צווייטן שטאָק. דערדאָזיקער בוים איז געשטאַנען אין דעם קיילעכדיקן חלל צווישן די געדרייטע טרעפּ, ער האָט געפינקלט מיט טויזנט קליינע, רויטע, גרינע, געלע און בלויע ליכטלעך, און אונטן איז געלעגן אַ ריזיקע מאַסע טייערע שפּיל-צייג, אמתע וווּנדער פון דערפינדונגען און אויס-אַרבעטונגען, וואָס זענען אין משך פון איין חודש צעבראָכן געוואָרן אויף פּיץ-פּיצלעך און אַרומגעוואַלגערט זיך אויפן מיסט, אָדער געלעגן פאַרשטויבטע אין אַ בוידעם-ווינקל.

מ'האָט זיך געמוזט קושן מיט די דערוואַקסענע אויך. קלאַרע איז געוואָרן זייער דיק. זי האָט זיך געקלאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ספּעציאַליסט, וואָס זאָל איר מאַכן דינער אַ ביסל, דזשעמס איז געווען סאָליד און זאַכלעך; ער האָט זיך גע-

פרעגלט פון חנאה, צוליב זיין ריזיקן פאַרמעגן און זיין ראָל אַלס מכניס אורח. פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר וואָלט ער עס נישט אַרויסגעזאָגט הויך אויפן קול, אָבער אין זיין גאַנצער האַל-טונג האָט מען געקענט דערקענען, אַז „הילוויו" איז שוין איצט נישט מער „טאָרנוועל" נאָר סקאָטערברידזש. דבורה האָט זיך פיין אויסגעפוצט אין עפּעס אַ שפּאָגל-ניי-מאָדיש קלייד פון פּורפּור-רויטן סאַמעט; רופּערט האָט געטראָגן אַן אָנצוג, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צום קאָליר פון זיין ווייבס קלייד. ער איז געווען צו קאָרנעליען אַזוי לאַקריץ-זיס, פּונקט ווי ס'וואָלט גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעקומען קיין שום זאַך צווישן אים מיט דער שוויגער. אַליס טאָרנוועל ווינטערס, וואָס איר עלעגאַנץ און חן האָבן בשום אופן נישט געשטימט מיט אירע יאָרן; העגרי קאַבאָט ווינטערס, שאַרפזיניק און מונטער; זייער זון יהושע, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין וואַקסן, עטוואָס בלייך — מסתמא פון צופיל שטודירן, ווי ס'האָט געטענהט זיין צערטלעכע מוטער, מסתמא פון דער „פּרויען-יעגעריי", ווי בעטי האָט זיך ליב געהאַט אויסצודריקן. ווייטער איז גע-ווען דבורהס עלטערע טעכטער פּריסצילע, אַ הויכע און אַ בפבודיקע יונגע דאַמע; שוין אַ סך יאָרן אַוועק, זינט זי האָט צוגערויבט דעם טעפּיך, און מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן דער עברה.

קיין שום וואָרט וועגן בעטין, און קיין שום וואָרט, וואָס קאָרנעליע זאָל זיך קענען פילן געקרענקט צוליב דעם, אָדער וואָס זאָל איר דערמאָנען אָן אירע מעשים! דער איינציקער אויסנאַם איז געווען דער עלטער-פעטער אבנר, וואָס האָט גע-לייענט דעם „טראַנסקריפּט" און געמאַכט באַמערקונגען אויף אַ ראַדיאָ-טעלעגראַמע וועגן די אַרויסגעשיקטע באָלשעוויקעס, וואָס זענען שוין פיר טאָג צייט געווען אויפן ים.

— מען שרייבט, אַז ס'איז אַ גרויסער שטורם און די פּאַסאַזשירן ליידן אויף דער ים-קראַנקהייט.

דאָס הוילע קול פון דעם טויבן פעטער אבנר האָט

געקלונגען דורך דער טיר פון דער ביבליאָטעק און אָפּגע־הילכט אין די אונטערשטע צימערן:

— ווען מ'לאָזט מיך, וואָלט איך זיי שוין איינמאָל אויסגעהיילט!

— דאָס הייסט, אַז ס'איז גאָרנישטאָ קיין רפואה צו דעם? — האָט גשריגן אבנרס זון קווינסי.

— קיין רפואה? — אבנרס שטימע האָט אָנגעהויבן צו זידן און איבערגעגאַנגען אין אַ קלאָגערײַ — איך וואָלט שוין אייסגעטראַכט פאַר זיי אַ רפואה. איך וואָלט דידאָזיקע צוויי הונדערט נײַנאונפערציק הולטייעס אַריבערגעהאָרפן איבערן שיף־באַריער, און אין צוויי מינוט זענען זיי אויסגעהיילט!

ס'איז שטיל געוואָרן, מ'האָט נאָר געהערט, ווי דער אַל־טער מאַן האָט געבלעטערט די צײַטונג. ווען ער האָט ווי־דער אָנגעהויבן צו רעדן, האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דער „פאַרברעכער־עפּידעמיע", די אומפאַרמיידלעכע טעמע אין אַלע ביי־ענגלישע געזעלשאַפטן.

— דאָס איז אַן אמתע אָנשיקעניש! איר האָט גע־לייענט וועגן דעם איבערפאַל אין ברידזשוואָטער? אַ שיינע זאַך, כ'לעבן, ווען אַ שיף־פאַבריק קען שוין נישט דורכפירן איר געלט פון דער באַנק, אַז מ'זאָל איר נישט באַפאַלן אין מיטן גאַס מיט אַ שיסערײַ! איר האָט געלייענט?

— אין מיטן אויף דער ברעד־גאַס, ביים עק האַלע. דו קענסט די געגנט?

— יאָ, איך קען זי.

— אַ לאַנגע, ברייטע גאַס, בוימער ביי די זייטן און אין מיטן אַ טראַמוויי־ליניע. און שטעל זיך פאָר, ווי עס קומען צוויי באַנדיטן אויף אַן אויטאָמאָביל און עפענען־אויף אַ שיסערײַ אויף דעם געלט־אויטאָ. נעכטן גאַנץ פרי, האַלב זיבן אַ זייגער! דער „טראַנסקריפּט" שרײַבט, אַז די פּאָליצײַ האָט נאָך נישט אויסגעפונען קיין שום שפּור פון די פאַברעכער. כ'וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, צו וואָס מיר דאַרפן די פּאָליצײַ!

— כדי צו שטרייקן, טאַטע.

— תּמיד די אויסלענדער ! — און דער פּעטער אבנר האָט זיך גוט צוגעבויגן צו זיין זונס אויער, כאָטש ער איז לחלוטין נישט געווען טויב — מיר האָבן אַריינגעלאָזט אין לאַנד צו וויסטע באַנדע אויסלענדער, וואָס ווילן אונז חרוב מאַכן דאָס לאַנד. זעכציק יאָר האָב איך דאָס געטנהט צו יהושען — און ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. צוערשט די אירלענדער דערנאָך די יידן, די איטאַליענער, די אונגאַרן, דערנאָך גאָט ווייס וואָס ! זיי האָבן אונז צוגענומען דאָס לאַנד. די אַלטע פאַמיליעס דאַרפן שוין באַלד אַוועק פון דאַנעט. זיי נעמען אונז צו אַלצדינג, וואָס מיר האָבן. מען מוז זיי אַרויפזעצן אויף די דאַמפּפערס, אויף וועלכע זיי זענען אַהערגעקומען און אומבאַדינגט אַרויסשיקן פון דאַנעט. אָט דאָס איז מיין מיינונג !

צי האָט דער פּעטער אבנר געוווסט, אַז קאָרנעליע איז געווען אין דעם קינדער-צימער לעבן דער ביבליאָטעק, און געהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אויסגעשריגן? אפשר האָט ער דוקא געשריגן, ווייל ער איז געווען אַ כיטרער, אַלטער הולטיי, און אויף העפלעכקייט האָסטו זיך געקענט ריכטן פון אים נאָר דאַן, ווען דו האָסט געוווסט, אַז אַנדערע הערן זיך צו צו דיר?

— מען דאַרף זיי שיקן אַהין, פון וואַנעט זיי זענען געקומען, און די אַלע סענטימענטאַלע מענטשן, וואָס בונטעווען זיי, דאַרף מען מיטשיקן מיט זיי ! — האָט דער אַלטער געשריגן.

ט

קאָרנעליע איז אַרויס פון פאַלאַץ טאָרנוועל און סקאָטערברידזש און אַוועק אין דעם באַשיידענעם הייזל אין צפון-פּליימוט. דאָ האָט מען אויך געפייערט ווייַנאַכט, אָבער אין באַשיידענערע גרענעצן. דער בוים האָט נישט דערלאַנגט אַפילו צו קאָרנעליעס אַקסלען, און ער איז געווען פאַרפּוצט אינגאַנצן מיט אַ האַלבן טוץ רויטע און געלע גלעזערנע קוילן, אַביסל לאַמעטע, אַ שטיק רויטן באַנד פון אַ פּאַקעט, וואָס קאָרנעליע

האָט געשיקט און ענדלעך, אַ פּאָר גלאַנצנדיקע קייטעלעך[3] דריי קליינע אָבער הונגעריקע מײַלער האָבן געוואַרט, אַז קאָרנעליע זאָל אָנקוקן דעמדאָזיקן פּראַכט, און זיי זאָלן זיך שוין קענען נעמען צו דער צעשטערונגס־אַרבעט. די עטלעכע מתּנות, וואָס זענען געלעגן, אָנצוקוקן, אונטער דעם בוים, זענען געווען שרעקלעך ביליקע שפּילצייג — מיטן אויסנאַם פון דריי שיינע מעשה־ביכעלעך, וואָס זענען אָנגעקומען פון באָסטאָן. מ'האָט זיי אַוועקגעלייגט באַזונדער אויף אַן אָנגעזען אָרט. און דריי גליקלעכע קינדערלעך — טראַנדאָ, פּע און דאָלי, האָבן זיך געפרייט מיט אַגויסן טומל.

דידאָזיקע טעג האָבן זיי געמאַכט וווּנדערבאַרע סעודות. אַלפאָנסינאַ האָט געקאָכט אַ מאכל פון אַרבעס, וואָס וואַנצעטי איז געווען „משוגע” אויף דעם — ער האָט עס אַליין מודה געווען. ווייטער האָט זי געמאַכט בודינאָ, אַ מין פּודינג פון אייער־שוים און טאָרטיליני, אַ מאכל פון פלייש מיט געקאָכטע לאָקשן. וואַנצעטי איז אַפילו געווען אַ וועגעטאַריער, ווייל ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַברעך צו הרגענען חיות אויף שפּייז. פונדעסטוועגן האָט ער פון צייט צו צייט אַ לעקגעטון די מאכלים, און שולדיק איז געווען בלויז דער טאָרטיליני. די חיה איז דאָך שוין סיי ווי סיי טויט, האָט געזאָגט טראַנדאָ; אָבער באַרטאָ האָט זיך מיט דעמדאָזיקן סאָפיזם נישט געוואָלט רעכענען, — ווען מיר וועלן עסן דאָס פלייש — האָט ער געזאָגט, וועלן מיר גורם זיין, אַז ערגעץ ווו זאָל מען הרגענען אַן אַנדער בעל חי אויף זיין אָרט; דאָס איז דער געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט. ער פלעגט רעדן פון די בעלי חיים, ווי פון „ברידערלעכע באַשעפענישן”, און די קינדער האָבן שטאַרק געלאַכט דערפון. זיי פלעגן” ברענגען צוטראָגן אַ ראַק אָדער אַמאָל אַ גרויסע שפּין אין שטוב אַריין און גערופן זיי „באַרטאָס ברידערלעכע באַשעפענישן”. אָבער דאָס איז פאַר אָט דעם פילאָזאָף נישט געווען קיין שום שטערונג. ער פלעגט אויסנוצן די געלעגנהייט, צו האַלטן אַ פאַרלעזונג וועגן די וווּנדער פון דער נאַטור. דידאָזיקע אַלע

זעלטענע ברואים, האָבן באמת אַזאַ לעבן ווי מיר, לפּחות אין אונזער אָנהויב. יעדער איינציקער ווייס אַלצדינג, וואָס ער מוז וויסן, כּדי זיך אַליין צו באַזאָרגן, און פאַראַנען מענטשן, וואָס זענען ווייט נישט אַזוי קלוג ווי זיי.

ווינצענצאָ האָט געשעקט זיין פרוי לכּבוד וויינאַכט אַ קליינע גלאָז מיט דריי גאָלדענע פישעלעך. די קליינע גלאָז איז איצט שוין געשטאַנען אין דעם קליינעם צימער אויף אַ טיש לעבן פענסטער, און די ליכטיקייט האָט דורכגעשימערט דורך איר. באַרטאָ איז געווען גאָר אַנטציקט פון דידאָזיקע באַשע־פענישן. ער איז געשטאַנען אַ גאַנצע שעה און נישט אַראָפּ־גענומען קיין אויג פון זיי. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאָרצו־שטעלן, וואָס ער וואָלט געטון, ווען ער גופא זאָל זיין אַ גאָלדן פישעלע. ווען מ׳וואַרפט אַריין שפּייז אין דער גלאָז, דערפילן עס די פישעלעך תּיכּף, און עפּעגען אויף די מיילער, אויב עס איז נישט די ריכטיקע שפּייז, שפּייען זיי עס תּיכּף אויס. ווער האָט זיי דאָס געזאָגט? ווער האָט זיי עס געלערנט, נישט צו אַנטלויפן פון אַ מענטשן, אין דער צייט, וואָס אַלע פיש אַנטלויפן? צי ווייסן די פיש, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן? און וואָס טראַכטן זיי וועגן די מענטשן? מאָדנע פראַגעס, וואָס די נאַטור האָט פאַרהוילן פאַר אונז.

טראַנדאָ האָט אַרויסגענומען זיין פידל און געשפּילט:
„ווען מיר ביידע, מאַגיע, זענען יונג געווען". ס׳זענען פאַראַן אַזויפיל שיינע לידער, וואָס מאַכן טרויעריק אויפן האַרצן! דאָס קליינע יינגל האָט עס געשפּילט אַ סך מאָל און באַרטאָ האָט צוגעבראַמט די ווערטער, וואָס די קינדער האָבן אים אויסגעלערנט. די בריניס זענען געווען אַזוי שטאָלץ; אין זייער לעבן האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן עפּעס שיינס, עטוואָס בעסערס איידער „תּמיד אַרבעטן אין דער שטריק־פאַבריק". עטוואָס בעסערס איידער „לעבן ווי די חזרים", ווי די אַמע־ריקאַנער פלעגן זיך אויסדריקן וועגן זיי.

— אפשר וועלן מיר ווען עס איז באַקומען אַ פּיאַנאָ

איך — האָט געזאָגט באַרטאָ—פּע לערנט זיך אויך שפּילן. מיר וועלן האָבן אַ גאַנצן אָרקעסטער.

— אָ, געוויס, מיר וועלן האָבן אַ פּיאַנאָ — האָט טראַנדאָ געזאָגט און צוגעגעבן: — דאָס וועט זיין פּונקט אַזויווי מיטן פערד, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט קויפן.—ער האָט זיך געווענדעט צו קאָרנעליען: — ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז צו ווייניאַכט וועל איך אָנטרייבן פאַר אים אַ פערד. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע פאַס אַאַל־פיש צו פאַרקויפן און איך האָב אים געזאָלט העלפן, און צוויי וואָכן לאַנג האָט ער מיר כסדר דערציילט, אַז איך וועל קריגן אַ פערד און וואָגן אָנצוטרייבן, און איך האָב וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט אַחוץ וועגן פערד און וואָגן. אָבער אַט איז שוין ווייניאַכט און ער האָט נאָך אַלץ דאָס האַנט־וועגעלע.

— עס איז דעם בעקערס פערד און וואָגן, — האָט וואַנצעטי געזאָגט — ער האָט מיר צוגעזאָגט צו לייען אויף אַ טאָג. אָבער ער האָט נישט געקענט, און מיר האָבן געמוזט שטופן דאָס האַנט־וועגל, ווי שטענדיק. טראַנדאָ האָט שוין געזען — ווי זאָגט מען עס — גאַנצע וויזיאָנע: אַז ער זיצט אויף דער קע,נע און ער קנאַקט הויך מיט דער בייטש אַ, נאָנאַ? אַ גאַנצער פריץ! אַלע קליינע איטאַליענישע מיידלעך קומען קוקן און זאָגן, אַז דאָס איז וווּנדערבאַר! אָבער שטאָט צו קנאַקן מיט דער בייטש, האָט ער געמוזט טראָגן די קוישלעך מיט די פיש. ער האָט אַביסל מורא געהאַט, ווייל די אַאַלן זענען געווען לעבעדיק און געציטערט. ווי זאָגט מען עס?

— געוואָרפן זיך, — האָט אים פּע אונטערגעזאָגט.

— יאָ, געוואָרפן זיך. אַזאַ קליין ייִנגל האָט געטראַכט, אַז ער וועט אַרויס פון קוישל און אַ ביס טון.

— ניין, איך האָב נישט געהאַט קיין מורא — האָט טראַנדאָ געזאָגט — אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען מיינע „ברידעלעכע באַשעפעניש", און איך האָב נישט געקענט צוקוקן, ווי מ׳פאַרקויפט זיי צום עסן.

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. אַפילו ווינצענצאָ,

וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וויץ אויף ענגליש. וואַנצעטי מיט זיין וועגעטאַרישן אַני מאַמין האָט געהאַט פיל מי, איידער ער האָט זיך געקענט ווי עס איז פאַרענטפערן. צי האָט ער זיך דען נישט געהייסן צושיקן אַ פולע פאַס מיט לעבעדיקע ברייִ־דערלעכע באַשעפעניש אויף פראַכט, און דערנאָך זיי איבער־געענטפערט אין די אַכזריותדיקע הענט פון אַ טוץ איטאַלי־יענישע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן לעבעדיקערהייט זיי אָפּגע־שינדן די הויט און איינגעזאַלצן זיי אויף מאָרגן לכבוד יום טוב?

VI

זונטיק נאָכמיטאָג האָבן זיי געמאַכט אַ שפּאַציר — דורך די גאַסן, ווייל די פעלדער זענען געווען באַשנייט. גייענדיק אַהיים האָט וואַנצעטי געקויפט אַ באָסטאָנער צייטונג. ער האָט געוואָלט אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך אין אי־טאַליען. קאָרנעליע האָט אים פאַרגעלייענט אַ קורצע נאָטיץ, ווו מ'האָט צוויסן געטון, אַז די איטאַליענישע אַרבעטער האָבן געגרינדעט פאַבריק־ראַטן און גרייטן זיך, צו אָפּצונעמען די פאַבריקן ביי די קאַפּיטאַליסטן. זיי האָבן געשמועסט וועגן דער־דאָזיקער נייעס און אַרומגערעדט די באַדינגונגען אין פאַר־שידענע לענדער. וואַנצעטי האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג אין פּליימוט.

— איך בין געצוווּנגען געווען צו פאַרטרעטן דעם רעד־נער — האָט ער דערקלערט, — ווייל דער, וואָס האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אַלס רעדנער, האָט געהאַט זייער פאַלשע מיינונגען. וואַנצעטי האָט געוווּסט, אַז יעדערער, וואָס דערוועגט זיך אין די־דאָזיקע קריטישע טעג, אַרויסצוזאָגן אַנאַרכיסטישע געדאַנקען פאַר דער עפנטלעכקייט, ריזיקירט אומבאַדינגט אַרויסגעשיקט צו ווערן אָדער נאָך ערגער. אָבער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּהאַלטן פון רעדן, און קאָרנעליע האָט דאָס געוווּסט, און זי האָט אים אַפילו נישט געפּרוווט וואָרענען.

— אַנאַרכיסטן מוזן מאַכן פּראָפּאַגאַנדע — האָט ער געזאָגט.

די צייטונג האָט אויך געבראַכט פּרטים וועגן דעם נישט געלונגענעם רויב־אָנפאַל אין ברידזשוועטער, וואָס אבנר טאַרנ־וועל האָט גערעדט וועגן דעם אין קאָרנעליעס קעגנוואַרט. ברידזשוועטער איז געווען בלויז צווייאונצוואַנציק מייל פון פּליימוט, אין דעם זעלביקן קרייז, און מ'האָט זייער פיל גע־רעדט וועגן דעם. און איצט האָט די שיך־פאַבריק פאָרגעלייגט אַ באַלוינונג פון טויזנט דאָלאַר פאַר כאַפּן די אָנפאַלער. וואַנצעטי האָט באַמערקט:

— מ'לייגט פאָר אַ סך געלט, אַז מ'זאָל כאַפּן די מענטשן. צי פעלן שוין פּאָליציאַנטן, וואָס זאָלן אויסזוכן די אָרעמע מענטשן, אַריינצוזעצן אין תּפיסה אַריין?

ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי נאַריש דאָס איז, וואָס מענטשן וווּנדערן זיך אויף דער אָנפאַל־עפּידעמיע.

— מיליאָנען מענטשן שיקט מען אַוועק קיין איי־ראָפּע, מען מאַכט זיי פאַר זעלנער, מ'גיט זיי ביקסן אין די הענט אַריין, און מ'הייסט זיי גיין הרגענען. דערנאָך ברענגט מען זיי צוריק. ער קומט אין שטוב אַריין, טרעפט אַן אַנדער יונג, וואָס האָט אים צוגענומען זיין אַרבעט, צוגענומען זיין מיידל. ער זוכט אַרבעט און געפינט נישט, הונגעריק איז ער, איז וואָס מיינט איר — וועט ער נישט גנבענען? ס'איז דאָך פּשוט אַן אומזין, נישט צו פאַרשטיין. די מענטשן ווילן נישט פאַרשטיין.

— איר גלויבט, אַז די פאַרברעכנס האָבן תּמיד עקאָנאָ־מישע סיבות?

— געוויס, נאָנאַ. איך מיין נישט, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך. אַנדערע זענען שטאַרק און אַנדערע האָבן, ווי רופט מען עס — —

— כאַראַקטער.

— ער וויל נישט באַגיין קיין פאַרברעכן, ער וויל בע־

סער שטאַרבן, איידער ער זאָל באַגיין אַ פאַרברעכן. אָבער אַנדערע זענען שוואַך, די צוציונג איז צו גרויס. ער זעט, אַז אַ פריינד איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און האָט געלט. ער פרוווט עס אויך, מ'כאַפּט אים און מ'זעצט אים איין אין תפיסה. די תפיסה איז דאָס ערגסטע אָרט, אויסצובעסערן פאַרברעכער, די תפיסה איז אַ שולע, אויסצולערנען באַגיין פאַרברעכנס. זיי גייען אַרום, אַ שטייגער ווי איך, באָנאָ. זיי אַרבעטן די אַרבעט אָדער אַן אַנדער אַרבעט. באַגעגענען הונדערטערטויזנטער אַרבעטער, טרעפן זיך מיט אַ סך יונגע פאַרברעכער, יונגע חברה־לייט, וואַגאַלאָריאָזאָ (שטאָלץ) אויף זייערע מעשים; האַלטן זיך פאַר געריבענע יונגען; איך הער זיך אָפּטמאָל צו צו זייערע שמועסן. איך ווייס, וויאַזוי עס ווערן פאַרברעכער; איך אַ שטייגער בין אַ גרויסער רייכער מאַן, גיב אויס אַ מאַסע געלט — אויטאָמאָבילן, שיינע קליידער, פיינע דאַמען — ווי הייסט עס? — לוסאָ — לוקסוס. אָבער דערדאָזיקער אָרעמאַן, ער זעט דאָס אַלצדינג, ער וואָלט נעבעך אויך געוואָלט אַזוי לעבן, וויל האָבן געלט, וויל האָבן אַ פרוי. ער זאָגט, פאַרוואָס דאַרף דער רייכער מאַן האָבן אַלצדינג, פאַרוואָס? פונוואַנעט האָט ער באַלד פון אָנהויב באַקומען אַזויפיל געלט? איז דער רייכער מאַן ערלעך? איז דאָס אַן ערליכער סיסטעם? אומעטום זעט ער גרויסע גנבים, וואָס פאַרדינען אַ סך געלט און ווערן קיינמאָל נישט באַשטראָפט. ער זעט, אַז ווען מען גנבעט צו טויזנט דאָלאַר, רופט מען באַנדיט, און ווען מען גנבעט צו אַ מיליאָן דאָלאַר, רופט מען אים באַנקיר. איז עס נישט אמת, באָנאָ?

קאָרנעליע האָט זיך דערמאָנט אָן זשערי וואָלקערס פילץ־פאַבריקן.

— אַ סך מאָל איז עס אמת — האָט זי געזאָגט.

דאָס איז בלויז דער הונגער. כל זמן ס'וועט זיין הונגער אויף דער וועלט, אַזוי לאַנג וועט זיין פאַברעכן. אָבער די רייכע לייט ווילן נישט הערן פון אַזעלכע זאַכן. פאַר אים איז בעסער צו זידלען, צו שעלטן, מען שאַפט אַ פאָליציי, און מ'טוט

זיי אָן אין בלויע מונדירן. מ'גיט זיי גרויסע רימענס, מ'הייסט זיי גיין שלאָגן די קבצנים איבער די קעפּ, און איינ־זעצן אין תּפיסה אריין. און איצט שאַפן זיי נאָך גרעסערע פאַרברעכנס. זיי שאַפן מער פּאָליציי, טויזנטער דאָלאַר — ווי רופן זיי עס — באַלוינונג — עס וועלן צוקומען נייע שווינד־לער. איר פאַרשטייט?

— יאָ, איך ווייס, וואָס איר מיינט.

— שטענדיק וועט זיך אָפּזוכן עפּעס אַ דענערווירטער פאַרשוין, וואָס וועט פאַר געלט פאַרקויפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, וועט שווערן פאַלש, וועט אַריינברענגען עמעצן אין קאַטאָרגע. יעדער פּאָליציאַנט וואָלט תּמיד געוואָרט עמעצן פּאַקן, יעדער צייטונג וויל תּמיד עמעצן פּאַקן, כּדי אָנצופילן די טורמעס, אַזוי אַז דער רייכער זאָל זיך פילן זיכער און גליקלעך; דאָס רופט מען אָן געזעץ און אָרדענונג. וואַרט נאָר, נאָנאָ, איר וועט זען: טויזנט דאָלאַר איז אַ זיכער מיטל צו כאַפּן די ברידזשוועטער באַנדיטן.

VII

יאָ, קאָרנעליע האָט אויך געהאַט אירע זאָרגן.

באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך ניי־יאָר, האָט איבער באָס־טאָן און איבערן גאַנצן לאַנד אויסגעבראָכן אַן אמתער שטורם, וואָס מ'האָט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן גירוש־פיבער. דעם יוסטיץ־מיניסטער, דעם קוואַקער, איז איינגעפאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק: אַז פאַר זיינע העלדישע מעשׂים אין קאַמף קעגן די רויטע, וועט ער דערגרייכן די קאַנדידאַטור פאַר אַ פּרעזי־דענט.

אָט דערדאָזיקער ערפינדערישער קוואַקער פלעגט פאַר־נאַרן זיינע קרבנות אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, דערנאָך פלעגט ער פלוצלונג אַריינשיקן פּאָליציי, פאַרשפּאַרן די אַריינ־גענג, אויפזוכן אַלע אויסלענדער און אַרויפזעצן זיי אויף די פּאָ־ליציי־אויטאָמאָבילן. די פראַגע, וויאַזוי צו פּאַקן אַלע

אויסלענדער אין איין אָוונט אויף אַ פאַרזאַמלונג, איז געווען פשוט. די רעגירונג האָט אַריינגעשיקט אין די ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס אַ מאַסע שפּיאָנעס, וואָס פלעגן זיך אויסקלויבן פאַר פונקציאָנאַרן און האָבן געהאַט די געלעגנהייט צונויפצורופן פאַרזאַמלונגען, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט. זיי האָבן אויך געקענט צוזאַמשטעלן רעזאָלוציעס און מאַניפעסטן אין אַזאַ אָנגעבלאָזענער שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געזעצלעכע סיבה, אַרויסצושיקן פון לאַנד. דער ריכטער אַנדערסען אין באָסטאָן האָט אַליין ערקלערט, בעת די פאַקטן זענען געקומען פאַר זיין געריכט, אַז:

„לויט די מאַטעריאַלן וואָס ליגן פאַר אונז, שאַפט זיך לחלוטין דער איינדרוק, אַז לפּחות איין דריטל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי שטייט אין דינסט פון דער רעגירונג און ווערט אָנגעפירט דורך איר".

די אַבלאַוועס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 2-טן יאַנואַר 1920 אין אָוונט, און האָבן געבראַכט אַן ערך פון פיר טויזנט געפאַנגענע. צוואָנציק גרויסע שטעט און שטעטלעך אין ניי-ענגלאַנד האָבן געגעבן פון זייער זייט אַ קיילעכדיקן טויזנט, צווישן זיי ניינאונדרייסיק פּערזאָן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען, כדי צו גרינדן אַ בשותּפותדיקע קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. די אַרעסטירטע האָט מען פאַרשפּאַרט אין די פּאָליציייִשע וואַש-צימערן, די דעטעקטיוון האָבן זיי באַזוכט און דורכגעטרייסלט, און אָן שום פאַרטיידיקונג אָדער אַפילו אַ דאָלמעטשער האָט מען זיי באַלד אויפן אָרט אָפּגעשיקט אין דעם אימיגראַנטן-דעפּאַרטאַמענט. דאַן האָט מען זיי אַרויפגעזעצט אויף משא-אויטאָמאָבילן און אַוועקגעפירט אויף דער איינוואַנדערונגס-סטאַציע קיין באָסטאָן, און פון דאָרט אין דער תּפיסה פון דיר איסלאַנד. און כדי דער יוסטיץ-מיניסטער, דער קוואַקער, זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו באַווייזן פאַר די וואַלן, האָט מען די קרבנות פאָרוויין געלאָזט שליסן אין קייטן און געטריבן אין אַ יום-טובדיקער פּראָצעסיע איבער דער סטעט-סטריט. דער דאָזיקער נייער אויפטו האָט צוגעצויגן אַ געוואַלדיקע מחנה

צייטונגס-פּאָטאָגראַפּיסטן, און די אויפנאַמעס האָבן אַ שפּאָר שטיקל צייט באַשיינט די ערשטע זייטן פון די זשורנאַלן. עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן ביז איצט, אַז אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּרעזידענט זאָל מאַכן פאַר זיך אַזאַ פּרעכטיקע רעקלאַמע.

אָבער אַ חוצדעם האָבן די יוסטיץ-אַגענטן צוגעשטעלט צו די פּאָטאָגראַפיעס אויסגעצייכנטע טעקסטן. בלויז אויף איין איינציקער פאַרזאַמלונג האָט מען געפונען פיר באָמבעס. די-דאָזיקע פיר באָמבעס האָט מען געברענגט צוטראָגן אין די צירקלען און אַריינגעלייגט אין אַ עמער וואַסער. אפנים, אַז זיי זענען אין וואַסער צעגאַנגען געוואָרן, ווייל אין געריכט האָט מען זיי נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט. צווישן די געפערלעכע אַנטדעקטע אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך געפונען אַ טעאַטער-פאַריין, וואָס האָט זיך געהאַט אַמאָל געבאָרגט עטלעכע אַלטע ביקסן אויף אַ פאָרשטעלונג. די צייטונגען האָבן מודיע געווען וועגן אַ „רויטן אַרסענאַל”. חוץ דעם ביכע-רעקוויזיט האָט די פּאָליצײ קאָנפיסקירט פיר רעוואָלווערן. צוליב דעם האָבן זיי דורכגעזוכט פיר טויזנט מענטשן, איבערגעקערט זייערע ווינונגען און אויפגעבראָכן זייערע שאַפעס. סוף-כל-סוף האָבן זיי פאַר זייער דעפּאָרטאַציע אויסגעזוכט די פרידלעכסטע מענטשן פון גאַנץ אַמעריקע.

קאָרנעליע טאָרנוועל האָט שטאַרק געליטן דערפון: פיר הונדערט מאַנסלייט און פרויען זענען געזעסן צונויפגעשטופּט אין די תפיסה-קאַמערן פון דיר-איסלאַנד, מיט אויסגעבראָכענע פענסטער אין מיטן פון ניי-ענגלישן ווינטער, אָן קאָלדרעס, אָן מאַטראַצן, אָן קלאָזעטן. מענער, וואָס מ׳האָט אָפּגעריסן פון זייערע פרויען, מאַמעס, וואָס מ׳האָט אָפּגעריסן פון זייערע קליינע קינדער — און די אַלע זאָגט מען אָפּ יעדע רעכטלעכע פאַרטיידיקונג און יעדע ידיעה וועגן זייער שיקזאַל. איינע אַ פרוי, וואָס איז געווען מיט אירס אַ קליין מיידעלע אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין צירקל אַריין, און דאָס קינד האָט אַ גאַנצע ווינטערדיקע נאַכט, איינע אַליין אַרומגע-

בלאָנדזשעט איבער די באָסטאָנער גאַסן. איינער האָט זיך אין די אויגן פון די איבעריקע אַרעסטירטע אַראָפּגעוואָרפן פון פינפטן שטאָק און געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. איינער איז משוגע געוואָרן, די איבעריקע זענען געווען נאָענט פון משוגעת. די צייטונגען האָבן אָט די אַלע יסורים נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט. און דער, וואָס האָט זיך דערוועגט צו פּראָטעסטירן, איז ממש פאַרוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער.

גאַנצע שעהן האָט קאָרנעליע געמוזט זיצן ביים טעלע־פאָן און רעדן מיט אירע פריינט, זי האָט געמוזט לויפן אויף קאָמיטעט־זיצונגען און דיקטירן בריוו פאַר אַ מאַשין־שרייבע־רין און באַצאָלן פאַר לאַנגע טעלעגראַמעס צו קאָנגרעס־מיט־גלידער און סענאַטאָרן אין נוי־יאָרק און אין וואַשינגטאָן. זי האָט געמוזט פועלן ביי די קלוב־דאַמען, זיי זאָלן איר לאָזן רעדן ביי איר אין קלוב. זי האָט געמוזט אויפנעמען צייטונגס־רעפּאָרטערן און געבן לאַנגע אינטערוויוען, וואָס זענען קיינ־מאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. זי האָט געמוזט שטיין און וואַרטן פאַר קאַנצעלאַריעס און באַפאַלן אויפן גאַס די באַאַמטע, וואָס האָבן זיך שטענדיק געמאַכט נישט זעענדיק זי. זי האָט געמוזט אָרגאַניזירן אַ געלד־זאַמלונג, אַרומלויפן, ווי אַ מיידל פון אַ ווילטעטיקער אינסטיטוציע, מיט אַ ליסטע אין דער האַנט, אויסשנאָרן געלט ביי די באַנקירן, אַדוואָקאַטן און סוחרים, און באַלעסטיקן זייערע ווייבער און טעכטער פון דעם „ביי־קרייז", דערנידעריקן ביי זיי איר כבוד און איר סאָציאַלע שטעלונג אויף אַ שענדלעכן אופן, אַרומדרייען זיך אַרום די לייט און דערציילן זיי אַזעלכע האַרצרייסנדיקע געשיכטעס, אַז זיי זאָלן אַרויסנעמען זייער געלט פון זייערע איידעלע אַריס־טאָקראַטישע קעשענעס, כדי צו קויפן קאָלדרעס פאַר די באָלשע־וויקעס און מילך פאַר הונגעריקע קינדער, וואָס זייערע מוטערס און פאָטערס האָבן געטון די עבירה און אָנגעהערט צו פּאָלי־טישע פּאַרטייען, וועלכע זענען געשטאַנען צו דער דיספּאָזיצ־יע פון דעם יוסטיץ־מיניסטער און אָנגעפירט געוואָרן דורך אים.

און דאָס אַלץ האָט נישט געדויערט קיין טעג, נאָר גאַנצע

חדשים. דער פּרעזידענט-קאַנדידאַט, דער קוואַקער, האָט גע-דאַרפט האָבן זייער אַ לאַנגע צייט, כּדי איינצוזען, אַז קעגן גאַנצע אַכציק פּראָצענט פון די אַרעסטירטע האָט ער נישט קיין שום באַווייזן. אַדאַנק אַן אומגליקלעכן צופאַל איז נאָך אין באָסטאָן געבליבן איינער, עפּעס אַ ריכטער, וואָס האָט גע-האַלטן, אַז די געזעץ-געבער און די געזעץ-היטער דאַרפן קודם כּל אַליין פאָלגן דאָס געזעץ, וואָס זיי גיבן און היטן אָפּ פאַר אַנדערע. אויף אַן עפנטלעכער זיצונג האָט ער גע-זאָגט, אַז דער פּעוול איז פּעוול אפילו דאַן, ווען ער באַשטייט פון אַגענטן פון יוסטיץ-מיניסטעריום. איין אַרעסטירטן נאָכן אַנדערן האָט ער געהייסן ברענגען פאַר זיך, און ווען ס'זענען אָנגעקומען פאַר אים די ריכטיקע פּאַפּירן, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער בירגער אָדער אַז ער געהערט נישט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דער רעגירונג, איז ער באַפרייט געוואָרן. אָבער דאָס אַלצדינג האָט געפאָדערט צייט. דערווייל האָט מען גערדאַרפט דערנערן אַ פּאָר טויזנט קינדער און אָפּלייקענען טויזנטער שקרים. און דידאָזיקע גאַנצע אַרבעט איז געלעגן אויף די פּלייצעס פון אַ קליינער גרופּע רעוואָ-לוציאָנערע פירער.

VIII

דעמדאָזיקן ווינטער איז וואַנצעטי כּמעט יעדן זונטיק געקומען קיין באָסטאָן. זיין פיש-געשעפט איז געגאַנגען גאַנץ גוט, און אין דער פרייער צייט פלעגט ער אַרבעטן ביים קערן דעם שניי אָדער ביים האַקן אייז, און ער האָט געהאַט גענוג געלט אַרומצופאָרן אויף זיינע פּראָפּאַגאַנדע-רייזעס. נישט גע-קוקט אויף אַלע רדיפות מצד דער רעגירונג, האָט ער באַ-שלאָסן, אַז די „אַנאַרכיסטאַס" מוזן האָבן אַן אייגענע צייטונג. ער האָט צוזאַמענגעשלאָגן די זיבן הונדערט און פופציק דאָ-לאַר, וואָס איז געווען נויטיק צו קויפן אַן אַלטע לינאָטיפּ-מאַשין. ער האָט אפילו אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען, וואָס

האָבן געדאַרפט אַריין אין דער נייער צייטונג, און געאַרבעט מיט גרויס התמדה אויף זיך אַליין, לערנענדיק איטאַליעניש און ענגליש. איינמאָל אין אַן אָוונט איז ער געווען ביי קאָרנעליען צום עסן. ווען זי האָט זיך דערוועגט צו מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דער געפערלעכקייט פון זיין וועג, האָט ער געענטפערט, אַז די צייטן פון אַקטיוויטעט זענען תמיד צייטן פון געפאַר, — אין דעם קען מען זיך שוין אויף די קאַפּיטאַליסטן פאַרלאָזן — האָט ער געזאָגט.

אַ סך פון דער זשאַלעאַני-גרופּע האָט מען אַרויסגעשיקט פון אַמעריקע, קאָאַקין האָט מען אַרעסטירט. די גרופּע האָט ערב געווען פאַר אים מיט טויזנט דאָלאַר און איצט איז קאָאַקי פאַר-אורטיילט געוואָרן אויף פאַרשיקונג. ניק סאַקאָ האָט אויך בדעה געהאַט אַוועקצופאָרן מיט דער פאַמיליע צוריק קיין איטאַליע. גרויסע נייעס זענען דאָרטן אין דעמדאָזיקן זומער פאָרגעקומען, און ניק, ווי אַ מענטש פון מעשים, האָט געוואָלט זיין דערביי.

יאָ, גראָד איצט וואָלט נישט אויסגעמאַכט, ווען מ׳שיקט עמעצן צוריק קיין איטאַליען! אָבער צום אומגליק איז מען נישט תמיד געקומען אהין! וואַנצעטי האָט דערציילט די שרעקלעכע געשיכטע פון קאַמפּאַניאָ מאַרוקאָ, וואָס מען האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און פון דאַן אָן הערט מען נישט פון אים קיין וואָרט. אַלע אַנאַרכיסטן זענען געווען זיכער, אַז מ׳האָט אים אונטערוועגס אַרויסגעוואָרפן פון דער שיף אין ים אַריין, ווייל ער האָט אויסגעגעבן עטלעכע רעגירונגס.שפּיאָנען, וואָס זענען געווען טעטיק אין דער גרופּע. נאָך איינער אַ חבר האָט זיך אויפגעהאָנגען אין דער תפיסה. צי האָט ער עס טאַקע אַליין געטון, אָדער צי האָט עס אים עמעצער צוגעדינט? מ׳האָט געמוזט האָבן אייזערנע נערוון, כדי צו קענען פּנים אל פּנים מיט אַזעלכע מעשיות ווייטער פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָפּאַגאַנדע.

וואַנצעטי האָט דערציילט אַז קאַרלאָ טרעסקא האָט אין נוי-יאָרק דעמאַסקירט אַ שפּיאָן, אַ געוויסן רעוואַריני, וואָס

איז לאַנגע חדשים געווען אַן אַנאַרכיסט פון דעם געפערלעכסטן מין, געשפּילט די ראָל פון אַן אַגענטער פון ראַוואַכאָל און פאָרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן ווידער די צייטונג „קראַנאַקאַ סאָווערסיוואַ". ראַוועריני האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן דאָס געלט און געוואָלט, אַז וואַנצעטי זאָל זיין דער אַרויסגעבער. באַרטאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפאַר, וואָס ער איז געווען צו ווייניק געבילדעט.

אָט דער רעוואַריני האָט געפרווט אונטערצורוקן די זשאַלעאַני-אָנהענגער אַ באָמבע-אַטענטאַט. די רעגירונגס-אַגענטן זענען געווען אפנים איבערצייגט, אַז דידאָזיקע גרופּע איז שולדיק אין דעם. וואַנצעטי האָט געזאָגט, אַז אפילו דיסקוסירן וועגן אַזאַ געדאַנק איז דער גרעסטער אומזין פון דער וועלט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז ביי אַלע הונדערטער אַרעסטן פון אַנאַרכיסטן האָט די פּאָליציי דורכגענישטערט זייערע וווינונגען און אין ערגעץ נישט געפונען אַזאַ מין זאַך, וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ שייכות מיט באָמבעס. סיי ווי סיי וועט ווען עס איז קלאָר ווערן דער אמת. די אמתע אינספּיראַנטן זענען די געהיים-אַגענטן — פינסטערע נפשות, וואָס ווערן רייך פון דער יאַגד אויף אַנאַרכיסטאַס.

— איר גלויבט, הייסט עס, אַז די אַגענטן ברענגען אום אומשולדיקע מענטשן ? — האָט געפרעגט קאָרנעליע.

-- ס׳קומען נישט אום קיין סך מענטשן, באָנאַ ! די באָמבעס צעשפּרינגען אויף קליינע שטיקלעך אין דער לופט, אַסך מאָל ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב אָדער מ׳שלאָפט אינדערהויך אויף ערשטן אָדער צווייטן שטאָק און קיינער ווערט נישט פאַרווונדעט. צו ווען עמעצן דערהרגענען איז נישט אַזוי שווער. אַ סך מענטשן הרגענען תמיד, אַ סך איטאַליענער הרגענען פאַר גאַנץ ביליק — ווי רופט מען עס ? — „שוואַרצע האַנט". איך קען אַזע׳כע נפשות, אַ גאַנצע מאַסע, איך הער זיך צו צו זייערעשמועסן אין קאַפע, וואַנאַגלאָבאַזאַ (שטאָלץ) מיט דעם, וואָס ער טוט. ער זאָגט : נישטאָ אַזאַ גרויסער מערדער אין גאַנץ מאַסאַטשוסעט. קיינער שיסט נישט אַזוי שנעל. אַזוי זיכער.

מ׳באַצאָלט אים הונדערט דאָלאַר. די צווייטע נאַכט ווערט יענער, אייער נעמיקאָ זיין קאַלט. צו וואָס דען מאַכן גרויסע באָמבעס, אַ גרויסן ליאַרם?

— אָבער מ׳האָט געשיקט באָמבעס דורך דער פּאָסט, באַרטאָ.

— זיכער געשיקט דורך פּאָסט, אָבער מ׳האָט נישט אַרויפגעקלעפּט געוויס מאַרקעס, און די פּאָסט האָט זיי נישט אָנגענומען. וואָס פּאַראַ פּאַליאַ, נאָנאַ! טוט נאָר אַ טראַכט, אַמיקאָ מיאַ, ווי לייכט מ׳קען אויסגעפינען, ווער ס׳האָט עס געשיקט! מ׳דאַרף נישט טראָגן קיין באָמבעס אין דער פּאָסט, מ׳דאַרף נישט אַזוי ריזיקירן. ניין, מ׳גייט אין פּאָסט־ערגעץ אין אַ שטאָט און מ׳זאָגט, אַז מ׳וויל באַלייגן אַ פּאַרטאָ פון פינף פונט, צען פונט, צוואַנציק פונט. מ׳זאָגט, ווהין דער פּאַקעט דאַרף גיין, צי קיין נוי־יאָרק צי קיין טשיקאַגאָ, אָדער ערגעץ אַנדערש. מ׳דאַרף נישט גיין אַליין, מ׳שיקט אַן אַנדערן, מ׳קען שיקן אַ קינד ברענגען אַ פּאָסט־מאַרקע, אַ מיליאָן מענטשן קויפן מאַרקעס. אָבער טוט אַ קוק, נאָנאַ, דער אַנאַרכיסט איז אַזאַ נאַר, אַז ער נעמט דינאַמיט, ער באַצאָלט געלט, ער מאַכט צוואָנציק באָמבעס, שרייבט אויף אַדרעסן, שיקט צו דעם, שיקט צו יענעם, שיקט קיין באָסטאָן, לאָורענץ, פּאַסאיק, אומעטום — און עס קלעקט אים נישט צו קויפן אַ ריכטיקע מאַרקע! ער איז ממש משוגע, נאָנאַ, ער איז אימבעקיליטאַ!

— איר גלויבט, אַז דאָס האָבן געטון די רעגירונגס־אַגענטן?

— נישט די רעגירונג, נאָר די, וואָס מען רופט אָן אַגענטן פון דעטעקטיוו־אַגענטור — גרויסע פירמעס, מאַכן מיליאָנען דאָלאַר. זיי מאַכן אַ גרויסן ליאַרם, דער קאָנגרעס זאָל באַשטימען געלט, די גרויסע באַנקירן הויבן זיך אָן צו שרעקן, זיי גיבן געלט, זיי זאָגן, אַז זיי ראַטעווען זיי דאָס לעבן, זיי כאַפּן אַנאַרכיסטן און זעצן זיי איין אין טורמע, אַז זיי זאָלן נישט אויפרייסן די בענק אין דער לופטן, ער זאָל נישט דערהרגענען די באַנקירן. טוט אַ קוק, אַמיקאָ מיאַ, איר לייענט

די צייטונג. איר זעט היינט אינדערפרי גרויסע אַנאָנסן — די באַנקירן גיבן גרויסע — ווי רופט מען עס — נאָטיציאַ — אָוויסאָ —

— אַנאָנסן.

— אַנאָנסן, גאַנצע זייטן, שרעקן איבער מענטשן, זיי זאָגן, די פּאָליצײ מוז אַרעסטירן די רויטע, די באָמבע־וואַרפער, די אַנאַרכיסטן. מ׳מוז זיי אַרויסשיקן און איינזעצן אין תפיסה. דאָס איז פּאַטריאָטיזמאָ, מיליטאַריזמאָ — איר האָט געלייענט אין צייטונג?

יאָ, קאַרנעליע האָט עס געלייענט און נישט צום ערשטן מאָל. עס איז פּשוט געוואָרן אַ מאָדע־זאַך ביי געווויסע קרייזן, ביי די אָנגעזעענע, די באַנקירן, סוחרים, מיטגלידער פון האַנדלס־קאַמער אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, צו וואָרענען דעם עולם אין גאַנצע זייטן אויף די צייטונגען וועגן דער געפאַר פון אומרוען און אויפשטאַנדן.

— יאָ איך האָב עס געלייענט — האָט זי געזאָגט — אָבער זי האָט זיך געשעמט צוצוגעבן, אַז צווישן די אונטער־געשריבענע נעמען אונטערן היינטיקן אויפרוף, האָבן זיך גע־פונען איר איידעם רופערט אַלווין און דזשאָן קווינסי טאָרנ־וועל, איר פּלימעניק.

IX

ס׳איז שוין כמעט דורך אַ יאָר צייט, זינט מ׳האָט יענע „באָמבעס פון ערשטן מאַי״ אָפּגעגעבן אויף דער פּאָסט און די פּאָליציי האָט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוגעפינען כאָטש איין מענטשן פון אָפּשיקער. וואָס פאַראַ צוועק האָט געהאַט דער ריזיקער, מיט אויסערגעוויינלעכע סומעס געלט אויפגעבויעטער ױעהיים־אַפּאַראַט? די רעגירונגס־טרייע צייטונגס־אַרויסגעבער האָבן אויסגעמיטן אויסצודריקן עפנטלעך זייער אומגעדולד. אָבער צווישן זיך זענען זיי געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. אַן ערשטקלאַסיקע פּאַניק פון רויטע האָט געהייסן אַ פּאַרגרעסערטער

טיראַזש אין מיליאָנען. וויאַזוי אָבער זאָלן אַפילו די סאַמע
פעיקסטע, סענסאַציאָנעלסטע רעדאַקטאָרן און רעפּאָרטערן אָנ-
האַלטן כּסדר די שפּאַנונג, אַז ס'זאָל זיך נישט אויסלעשן
דער אינטערעס, אָן כאָטש עטלעכע אמתע פאַקטן?

דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום האָט זיך כּסדר געהאַלטן ביי
איין זאַך: אַ באָמבע האָט אויפגעריסן אין דעם הויז פון יוס-
טיץ-מיניסטער, פון יענעם קוואַקער, וואָס האָט געוואָלט, מ'זאָל
אים אַריינזעצן אין ווייסן-הויז; זי האָט דאָס פאָדערהויז פאַר-
וואַנדלט אין אַ חורבה, און דער פאַרברעכער איז אַפּנים צע-
ריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. די באַאַמטע האָבן געטענהט,
אַז דער צעריסענער קערפּער האָט געהערט צו איינעם אַן
אַנאַרכיסט פון דער זשאַלעאַני-גרופּע, וואָס האָט געהייסן וואַל-
דינאָקי. ער האָט געטראָגן סאַנדאַלן און אין קעשענע האָט
מען געפונען עטלעכע פלוג-בלעטלעך, וואָס זענען אָנגעשריבן
געוואָרן אין אַן אומבאַהאָלפענעם ענגליש און פּראָפּאַגירט
אַנאַרכיסטישע אידעען. דער שפּיאָן רעוואַריני האָט באַקומען
דעם באַפעל אויסצוזוכן די דרוקעריי, וווּ מ'האָט אָפּגעדרוקט
דאָסדאָזיקע פלוג-בלעטל.

ראַוואַריני האָט געשיקט געלט צו מאַלאַטעסטאַ קיין אי-
טאַליען און דערהאַלטן פון אים בריוו. און דאַן איז ער פלוצ-
לונג אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך צווישן די חברים
אין באָסטאָן און אין נוי-יאָרק פאַר אַ פייערדיקן רעוואָ-
לוציאָנער מיט אַ מאַסע ליטעראַטור גלייכצייטיק און מיט געניצ-
פלענער, אויסצוזוכן די דרוקעריי. גאַנצע וואָכן האָט ער זיך
אַרומגעשלעפּט אין עפּעס אַן אַנאַרכיסטישער דרוקעריי, גע-
לאָזט אַלעמאָל אָנפילן זיין ליטעראַרישן פּאַק מיט פרישן מאַ-
טעריאַל אָדער אַליין געגאַנגען און אויסגעקליבן זיך ליטעראַטור.
אויף אַזאַ אופן האָט ער באַקומען דאָס גאַנצע דרוק-מאַטער-
יאַל פון אַ סך זעצערייען צו באַקוקן. און לסוף האָט ער אין
אַ דרוקעריי אויסגעפונען (אָדער געזאָגט, אַז ער האָט געפונען)
דעם דרוק, וואָס האָט לויט דער מיינונג פון יוסטיץ-
מיניסטער, געדרוקט וואַלדינאָקיס פלוג-בלעטלעך. עס

איז געווען די דרוק פון אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג „איל דאָ־מאַני" — „דער מאָרגן". די זעצער פון דערדאָזיקער צייטונג, צוויי איטאַליענער, סאַלסעדאָ און עליאַ זענען אַרעסטירט גע־וואָרן און מ'האָט זיי געהאַלטן אין די קאַמערן פון יוסטיץ־מיניסטעריום אין פּאַרק־ראָו־בילדינג.

פון דעם מנהג, צוגעבן די אַרעסטירטע דעם „דריטן גראַד", דאָס הייסט, צו פּייניקן זיי אַזוי לאַנג, ביז מען וועט נישט אַרויסקריגן פון זיי, אַז זיי זענען זיך מודה, האָבן געוווסט אַלע ריכטער און אַדוואָקאַטן אין אַמעריקע, אָבער זיי האָבן זיך אַלע געמאַכט נישט וויסנדיק דערפון. און ווען פאַרן געריכט פלעגט ליגן דער באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל, וואָס מ'האָט אַרויסגעקריגן דורך קערפּערלעכע יסורים, פלעגן עס אַלע ריכ־טער און אַדוואָקאַטן אָננעמען ווי אַ גוטע מטבע און אָנגענו־מען זיך פאַר דעם מחברים־רעכט פון די אָנגעקלאָגטע. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער סיסטעם פון אומגלייכער פאַרטיילונג פון אייגנטום, דער סיסטעם פון אָרעם און רייך, קען נישט אויפגעהאַלטן ווערן אויף קיין אַנדער אופן. און יעדער, וואָס האָט געפּרוווט פּאָלעמיזירן קעגן דעם „דריטן גראַד", איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם חשד, אַז ער איז אַ „רויטער".

דריי וואָכן צייט זענען סאַלסעדאָ און עליאַ געהאַלטן געוואָרן, אָן אַ געזעצלעכן באַפעל צו אַרעסטירן, אין די בנינים פון יוסטיץ־מיניסטעריום. לסוף האָט זיך סאַלסע־דאָ איינגעגעבן אַרויסצושמוגלען אַ בריוו צו וואַנצעטין, וואָס וואַנצעטי האָט געבראַכט צו דעם באָסטאָנער אַנאַרכיסטישן קרייז. מען האָט געוווסט, כאָטש קיינער האָט עס זיי נישט גע־זאָגט, אַז סאַלסעדאָ און עליאַ ווערן דאָרטן געפּייניקט, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי די נעמען פון די איבעריקע אַנאַרכיסטן; זונטיק, דעם פינפאונצוואָנציקסטן אַפּריל, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער גרופּע, און מ'האָט באַשלאָסן, אַז עמעץ מוז פאָרן קיין נוי־יאָרק, כדי זיך באַראַטן מיט די דאָרטיקע חברים וואָס מ'זאָל טון פאַר די אומגליקלעכע. דער גורל איז אויס־געפאַלן אויף וואַנצעטין, ער איז אַוועקגעפאָרן קיין נוי־יאָרק

און געגאַנגען צום רעדאַקטאָר פון „איל מאַרטעלאָ״, וועלכן ער האָט נאָך ביז איצט נישט געזען.

— דו קענסט מיך נישט, קאַרלאָ? — האָט ער געפרעגט מילד. — איך בין וואַנצעטי.

ער פלעגט אָפטמאָל שיקן געלט, וואָס ער האָט געזאַמלט פאַר דער צייטונג, און פון צייט צו צייט געשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ. טרעסטאָ האָט אים אַריינגענומען אין די אָרעמס און לויטן איטאַליענישן מנהג אים געקושט אין ביידע באַקן.

טרעסטאַ און וואַנצעטי זענען אַוועק צו אַן איטאַליענישן אַדוואָקאַט, וואָס האָט באַקומען די פולמאַכט צו פאַרטיידיקן סאַלסעדאָן און עליאַן. זיין ביוראָ האָט זיך געפונען דירעקט אונטער די צימערן פון יוסטיץ-מיניסטעריום, ס׳איז געווען „אַ צופאַל״, וואָס איז טרעסטאָן אויסגעקומען אַביסל פאַרדעכטיק. אָבער ס׳איז געווען שווער צו טוישן איצט דעם אַדוואָקאַט, ווייל דער צוטריט צו די אַרעסטירטע איז נישט געווען דערלויבט, און סאַלסעדאָס פרוי איז אַזוי נאָכשפּיאָנירט געוואָרן פון די געהיים-אַגענטן, אַז זי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זי האָט גערעדט מיטן אַדוואָקאַט, טרעסטאָ האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר שורות צו די אַרעסטירטע, דער אַדוואָקאַט האָט אַרויפגעטראָגן דעם צעטל, און ווען ער איז אַראָפּגעקומען האָט ער מודיע געווען, אַז עליאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט אים איבערצולייענען, בעת סאַלסעדאָ „ווערט משוגע״ און ענטפערט נישט אויף קיין שום פראַגן. דערמיט זענען זייערע ערגסטע חשדים באַשטעטיקט געוואָרן. זיי האָבן זיך תיכף געווענדעט זאָרגן צו אַן אַמעריקאַנישן אַדוואָקאַט, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער וועט פאַרלאַנגען אַ שמועס מיט זיי. וואַנצעטי האָט צוגעזאָגט צו שיקן פופציק דאָלאַר פון זיין אייגענעם געלט און צו שאַפן דאָס איבעריקע, צו באַצאָלן דעם אַדוואָקאַט.

אָבער אין נוי-יאָרק האָט ער געוואָלט נאָך עפּעס: אָנקוקן דער פרייהייטס-סטאַטוע. בעת ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער פאַרשפּעטיקט זי צו זען, ווייל זיין שיף איז אָנגעקומען צום ברעג אין אַ געדיכטן נעפּל. און הגם אַמעריקע

האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די אידעאַלן, וואָס די סטאַטוע פאַרקערפּערט, איז זי פאַר וואַנצעטין נאָך אַלץ געווען דער סימבאָל פון דער אידעע, פאַר וואָס ער האָט מקריב געווען זיין לעבן. אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דעם האַפן איז שוין געווען צו שפּעט און וואַנצעטי איז געווען אַזוי אַנטוישט, אַז אין די אויגן זענען אים אַזש געשטאַנען טרערן.

— אַלע יאָרן האָב איך כּסדר געחלומט צו זען די פרייהייטס-סטאַטוע! — האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער

X

אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס וואַנצעטי איז אַוועקגעפאָרן, האָט קאָרנעליע איינגעפּאַקט איר רייזע-טאַש. בעטי האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע פון ווין:

„לעטיס פּלוצלונג בודאַפּעשט חתונה-געהאַט, קום תּיכף באַשטימט. זומער ביים איטאַליענישן ים ענטפער האָטעל ראַיאַל".

קאָרנעליע האָט עס מודיע געווען דבורהן דורכן טעלעפאָן, כּדי איר איבערצוגעבן די ידיעה. דבורה האָט אויסגעדריקט איר שטאַרקע אַנטוישונג צוליב דעם פאַרראַט פון אַן אָרעמער קרובה און איר עגמת-נפש, וואָס איר טאָכטער איז געבליבן אַליין אָן שום אויפזיכט אין דערדאָזיקער באַרימטער, צרהדיקער שטאָט, דערנאָך האָט זי איר געפרעגט, וואָס זי, קאָרנעליע, האָט בדעה צו טון און איר פאָרגעלייגט ממש צו פאָרן צו בעטין. צו אַזאַ מצב האָבן פיר יאָר מפּלות געבראַכט זי און איר פאַמיליע.

קאָרנעליע האָט זיך אין די לעצטע צייטן אָנגעשטרענגט איבער אירע פּוחות. זי איז איצט געווען אַלט פינפאונזעכציק יאָר — ווי איר טאָכטער פלעגט אָפט זאָגן — און זיבעט פיר חדשים האָט זי זיך נישט אָפּגערוט קיין איין טאָג. אַ זומער ביי דעם איטאַליענישן ים אין בעטיס געזעלשאַפט איז געווען

זייער צוציענדיק פאַר איר. זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן. דבורה האָט זיך באַמיט צו פועלן ביי איר מאַן, ער זאָל זען, אַז קאַר־נעליע זאָל גלייך באַקומען אַ ספּעציעלן פּאַס, אַן אָרט אויף דער שיף און אפילו אויף רייזע־הוצאות. קאָרנעליע און בעטי זאָלן צוריק אַריינגענומען ווערן אין דער פאַמיליע און באַקומען די רעקאָמענדאַציע צו די מעכטיקסטע מענער פון דער וועלט, אַז ווו זיי וועלן זיין, זאָלן זיין פאַר זיי אָפן אַלע וועגן.

די „פלאָריטאַנאַ" האָט געדאַרפט אָפּגיין פון נוי־יאָרק שבת נאָכמיטאָג. פרייטיק אינדערפרי האָט וואַנצעטי געקלונגען צו קאָרנעליען, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין באָסטאָן. ער איז נאָר־וואָס געקומען פון נוי־יאָרק און געוואָלט איר דער־ציילן נייעס. זי האָט אים פאַרבעטן צום עסן און דערוווסט זיך פון דער שרעקלעכער געשיכטע פון סאַלסעדאָ און עליא. זי האָט געקענט סאַלסעדאָן. ער האָט אַמאָל געאַרבעט אין באָסטאָן אין אַ זעצעריי און פלעגט קומען אויף די „פּיקניקס". אַ צעבראָכענער, קליינער, שווינדזוכטיקער מענטש.

— עס איז זייער שלעכט מיט אים, — האָט געזאָגט וואַנצעטי — זיין פרוי זאָגט, אַז זיי וועלן אים דערהרגענען.

אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן איז וואַנצעטי שוין געווען אין דער שפּאָר־קאַסע, אָפּגענומען פופציק דאָלאַר, און לויט זיין צוזאָג, אָפּגעשיקט זיי צו טרעסצאַן. קאָרנעליע האָט זיך אויך תיכף באַשטייערט מיט פופציק דאָלאַר. זי האָט זיך איצט באַטראַכט פאַר אַ גבירטע, האָבנדיק ביי זיך אין טאַש אַ שפּאָר ביסל רופּערטס באַנק־טשעקן.

ס'איז, דאַכט זיך, געווען אַ חרפּה, אין אַזאַ מין קריזיס אָוועקצופאָרן אויף אַ לוסט־רייזע. אָבער וואַנצעטי האָט איר באַלד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף נישט לאָזן באַהערשן פון אַזעלכע געדאַנקען. ער איז געווען איינשטימיק מיט אירע טעכטער אין דעם פּרט, אַז זי איז אַן עלטערע פרוי און דאַרף זיך אָפּרוען. און קיין שום זאַך דאַרף איר

נישט שטערן. ער האָט גערעדט וועגן דעם איטאַליעניש ים, זיין געבוירט־אָרט איז געלעגן נישט ווייט פון ברעג.

— אַזאַ פּרעכטיקע געגנט! גוטע מענטשן דאָרט, אַרבעטן געשמאַק, לעבן פּשוט, נאַטוראַלע. איר וועט זיך פילן גליק־לעך, איר וועט אַרומשפּאַצירן אויף דער פריי, גיין אין וואַלד אַריין, רייסן קליינע בלומעלעך און מיר שיקן. איך וועל דאָ רייסן מאַי־בלומעלעך און שיקן אייך אין בריוו.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— אפשר וועל איך נאָך אויך קומען אַהין. מיר וועלן נעמען אַ קליין שיפל אויפן איטאַליענישן ים. חברטע בעטי וועט זינגען לידער. איך מיין, איך וואָלט שטאַרק געוואָלט, מ'זאָל מיך פאַרשיקן.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן — האָט קאָרנעליע גע־זאָגט — אויב איר ווילט פאָרן אַהין, טאָ פאָרט בעסער אַלס צאָלנדיקער פּאַסאַזשיר, און נישט ווי אַ בחינם־פאָרנדיקער פאַר־שיקטער, וואָרום איר וועט קיינמאָל נישט קענען צו־ריקקומען.

וואַנצעטי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געענטפערט, ווי תמיד:

— אַנאַרכיסטן מוזן פירן פּראָפּאַגאַנדע.

זי האָט זיך דערוווּסט, אַז נישט געקוקט אויף דער גרוי־סער סכנה, האָט ער נישט אויפגעהערט צו אָרגאַניזירן און צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט נאָך איינעם, אַן איטאַליענער, באָדאַ.

— איר קענט אים — האָט וואַנצעטי געזאָגט — אַ מאַקאַראָן־הענדלער. ער איז איינמאָל געפאָרן מיט אונז צו־זאַמען אויף דער פאָרשטעלונג, מיר זענען דעמאָלט אַלע צו־זאַמען געגאַנגען צו סאַקאָן.

— יאָ, איך דערמאָן זיך.

— ער האָט נאָך אַלץ דאָס אייגענע וועגעלע. ווינטער איז עס געוועזן קאַליע, אָבער אַצינד וועט מען עס צורעכט־מאַכן, ער וועט ווידער קענען פאָרן, דאַן וועלן מיר פאַנאַנדערפירן

די ביכער — ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, ווי אַ צעלאָזן יינגל — ביכלעך און רויטן איינבאַנד, וואָס פּאָליציאַנטן שרעקן זיך אַזוי איבער צוליב זיי — איר געדענקט נישט די ביכער, וואָס קאַאַקי און אָרקיאַני האָבן געבראַכט אין פּלימוט ?

— יאָ, זייער גוט.

— זייער געפערלעכע ביכער. מאַלטאָ פּעריקאָלאָסאָ, מיט רויטע אַנאַרכיסטישע טאָוולען. פּאַצקיאַ אַ פּאַצקיאַ קאָל בעמיקאָ. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס מ'האָט קאַאַקין פאַרשיקט. מ'האָט געפונען ביי אים זעקס עקזעמפּליאַרן. ער זאָגט, אַז צוליב דעם. שוין צוויי וואָכן, ווי ער איז אַוועק. ער מוז שוין זיין אין איטאַליען. איך האָב זיין — ווי זאָגט מען — זיין אַדרעס. — זיין פרוי און קינדער זענען איבערגעבליבן אין בראָקטאָן. איר וועט אים אפשר זען אין איטאַליע.

— איר האָט ביי זיך אינדערהיים דידאָזיקע ביכער ?

— אַוודאי, צוויי אָדער דריי עקזעמפּליאַרן. כ'וועל זיי ביי אַ געלעגנהייט פאַרקויפן. ניק האָט נישט קיין מורא, ער פאָרט סיי ווי סיי, ער האָט שוין אַ פּאַס, אַ בילעט, פיקס און פאַרטיק. ניקן וועט איר אין איטאַליען נישט זען, ווייל ער וווינט אין דרום, ווייטער אַראָפּ, ביים, ווי איר רופט עס, אויסגוס. ער וועט זיין אַ גליקלעכער מענטש. ער וועט פאָרן קיין איטאַליע. ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק פופצן הונדערט דאָלאַר. די פרוי אַליין האָט אים אָפּגעשפּאָרט צען דאָלאַר אַ וואָך. ערשט פאָרן זיי זיך צוקוקן צו דער רעוואָלוציע, און אפשר מיטהעלפן, ער איז אַ יונגער מענטש, קען נישט בלייבן דאָ, ווען ס'קומט אָן אַזאַ גרויסע צייט. קען זיך נישט צופרידן שטעל מיט שניידן זוילן צו די שיינע שיך פאַר רייכע.

— איר גלויבט באמת, אַז איטאַליען האַלט פאַר אַ רעוואָלוציע ?

— גיט אַכטונג. איר וועט זי אפשר זען מיט די אייגענע

אויגן. גרויסע פאָרשטעלונג פאַר אַן אַמעריקאַנער דאַמע — מ'וועט אייך גאָרניט טון. איטאַליענישע אַרבעטער מיינען, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד, אַ גוט לאַנד — זיי האָבן בדעה צו מאַכן פון איטאַליען אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע! זיי ווייסן נישט, וואָס די אָרעמע וואָפן שטייען אויס אין מאַסאַטשוסעט. זיי לייענען נישט אין בלאַט, ווי דעם יוסטיץ-מיניסטערס אַגענטן נעמען אַ דרוקער, פייניקן אים, שלאָגן אים, אַז ער זאָל זיך מודה זיין אין דעם, וואָס די אַגענטן ווילן פון אים.

אָט דאָס איז געווען מיט וואַנצעטין, — מ'האָט נישט געקענט מיט אים פלוידערן אָדער רעדן וועגן רייזעס, ווייל וואָס אַמאָל איז ער אויפסניי אַרויפגעקומען אויף דידאָזיקע גרויזאַמע געשעענישן. וואַנצעטי האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען אין אַן אַנדער וועלט. זיינע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט אין דער ווייט, און קאָרנעליע האָט געוווסט, אַז ער געפינט זיך ערשט אין דעם פערצנטן שטאָק פון פּאַרק-ראָו-געביידע אין נוי-יאָרק, ווו מ'האָט אפשר גראָד אין דעם אויגנבליק אויפ-געהאָנגען זיינע צוויי חברים פאַר די פינגער אָדער פאַרבונדן די הענט אויפן רוקן, אינדעראמתן האָט מען זיי איצט טאַקע געשלאָגן מיט בלוט-באַשמירטע שיך אין פנים אַריין. דידאָזיקע שיך האָט, לויט זייערע רייד, געטראָגן דער אָנפאַלער, וואָס איז צוריסן געוואָרן אין הויז פון דעם יוסטיץ-מיניסטער, דעם קוואַקער. עס איז געווען, נאַטירלעך, אַ צו שווערע זאַך פאַר אַן אומגעבילדעטן איטאַליענער, פאָרצוזען אַזאַ איידעלען פאָר-שריט פון די פּאָליצייאישע מעטאָדן.

XI

דעמזעלבן אָוונט האָט רופּערט אַלוין איינגעלאַדן אַ גאַנצע געזעלשאַפט אין טעאַטער, כדי צו ווייזן פאַר דער וועלט, אַז צווישן אים און זיין שוויגער איז אַלץ אין אָרדע-נונג. די גאַנצע פאַמיליע אין איר לאָזשע האָט געמוזט צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. קאָרנעליע, רופּערט און דבורה,

איר טאָכטער פּריסצילאַ, קאָרנעליעס פּלימעניק קווינסי טאָרנוועל, און איר צווייטע טאָכטער, אַליס טאָרנוועל ווינטערס, וואָס האָט דאָסמאָל נאָכגעגעבן דער פאַמיליע, אַוועקגעשיקט איר לעצטן געליבטן און אויף אַזאַ עפנטלעכן אופן באַקומען איר סאַטיספאַקציע. די פּיעסע, וואָס מ׳האָט אויפגעפירט אויף דער בינע איז געווען אַ רייך אויסגעשטאַטע און גייסטרייכע קאָמעדיע פון נוי־יאָרק. די האַנדלונג און די פּערזאָנען זענען געווען פון זייער אייגענער אַריסטאָקראַטישע סביבה, וואָס קענען זיך פון קיין שום זאַך נישט אָפּזאָגן, אַפילו פון יענעמס ווייב. ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, איז אַלווינס אויטאָ אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל, און קאָרנעליע מיט דבורהן זענען אַרויפגעזעסן אויף אַ באַנאַכטיקן צוג קיין נוי־יאָרק.

צומאָרגנס האָבן זיי ביידע געדונגען אַ טאַקסאָמעטער, אַרומגעגאַנגען די שענסטע געשעפטן, און דבורה האָט איינגעקויפט עטלעכע זאַכן. זיי האָבן זיך אָפּגערוט אין איינעם פון די עלעגאַנטסטע האָטעלן, און שפּעטער ווידער גענומען אַ טאַקסאָמעטער צו דער שיף. אויפן וועג האָט קאָרנעליע געפרעגט דעם שאָפער:

— ווו איז דער פּאַרק ראַו בילדינג?

—ווייטער אונטערן שטאָט צו, מאַדאַם, ביים סיטי־האָלפּאַרק.

— מיר פאָרן נישט פאַרביי?

— אויב מיר ווילן נישט מאַכן קיין אומוועג?

— נישט נויטיק — האָט געענטפערט קאָרנעליע. און איר טאָכטער האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס עפּעס אינטערעסירסטו זיך מיט פּאַרק ראַו בילדינג?

— אָ, גאָרנישט, עטלעכע פון מיינע פריינט ווערן דאָרט געפייניקט, זינט עטלעכע וואָכן.

— אַזוי איז איצט געווען קאָרנעליע,—ס׳איז איר אומעגלעך געווען צו פירן אַ העפלעכן שמועס, אָדער צו האָבן הנאה פון אַ פרייען טאָג. דבורה האָט פעסט צוזאַמענגעפּרעסט אירע ליפּן, און געמאַכט זיך, ווי זי וואָלט נישט געהערט. און

אָט איז מען שוין צוגעקומען צו דער ריזיקער שיף מיט דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע נאָענטע. מ׳האָט געפּלאַטערט מיט די טאַשן-טיכלעך, און געשריגן, מ׳זאָל אַכטונג געבן אויף זיך, מ׳זאָל באַלד שרייבן, מ׳זאָל גריסן דעם און יענעם. דערנאָך עטלעכע טרערן, די בריקלעך ווערן צוגענומען, די גרויסע שיף הויבט זיך אָן צו באַוועגן, געצויגן פון שלעפּ-דאַמפּער, אין דעם אָפענעם ים. דערנאָך די לאַנגע פּאַנאָראַמע פון שטייגנדיקע ווייסע און גרויע הייזער, מענטשהענס מאַגישע סילועטן...

אָבער קאָנערליע הערט נישט אויף צו טראַכטן.

— ווו איז דער פּאַרק ראָו בילדונג? און ווו איז דער פערצנטער שטאָק?

זי האָט קיינעם נישט געקענט פרעגן וועגן דעם, און באַלד זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די סילועטן פון מענהעטענס, און אָט פאָרן זיי פאַרביי דער פרייהייטס-סטאַטוע; קאָרנעליע האָט אַ טראַכט געטון וועגן וואַנצעטין, וואָס פאַר אים באַדייט אָט די סטאַטוע. שפּעטער, אויפן מיטן אָקעאַן, האָט זיך די שיף אָנגעהויבן צו וואַרפן, און קאָרנעליע האָט געמוזט צוויי טעג בלייבן אין איר קאַיוטע. ווען זי איז ווידער אַרויפגעקומען אויפן דעק, האָט זי דערזען די שיף-צייטונג, וואָס איז פאַרן פאַרגעניגן פון די אויבערשטע צען טויזנט צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די ידיעות, וועלכע מ׳האָט באַקומען דורכן דראָטלאָזן טעלעגראַף. און קאָרנעליע האָט געלייענט, אַז דעם דריטן מאַי, דריי אַ זייגער פאַרטאָג, איז איינער, אַן איטאַליענישער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען סאַלסעדאָ, וועלכן דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום האָט פאַרהאַלטן אַלס מיטלשולדיקן אין דעם באָמבע-אויפרייס ביים יוסטיץ-מיניסטער, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַראָפּוואַרפנדיק זיך פון פערצנטן שטאָק פון דעם נוי-יאָרקער פּאַרק ראָו בילדונג אויף די שטיינער.

קיין שום ווייטערדיקע פּרטים וועגן דערדאָזיקער שרעקלעכער געשעעניש זענען נישט געווען, וואָס זאָלן שטערן די עלעגאַנטע און צופרידענע פּאַסאַזשירן פון „פלאָריטאַנאַ”. מיט

צוויי טאָג שפּעטער האָט די שיף-ציייטונג ווידער געבראַכט אַ ידיעה, דאָסמאָל פון בראָקטאָן אין מאַסאַטשוסעט: צוויי אַז איטאַליענער, אָנפירער פון אַ רויבער-באַנדע, זענען אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. מ׳באַשולדיקט זיי אין דעם מאָרד פון דעם געלט-פירער און פון דעם וועכטער פון דער שיך-פאַבריק סלעטער עט מאָריל אין זיד-ברייִנטרי און אין אַ גנבה פון זעכצן טויזנט דאָלאַר. מ׳גלויבט, אַז דידאָזיקע באַנדע האָט שוין אונטער זיך אַ גאַנצע רייע רויב-אָנפאַלן אויף טראַנספּאָרטן פון לוין-געלט אין מזרח מאַסאַטשוסעט, אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, און אַז די פּאָליציי האָפט צו פאַקן אין משך פון אַ פּאָר שעה די איבעריקע מיטגלידער פון דער באַנדע. קאָרנעליע האָט געלייענט דידאָזיקע ידיעה מיט אַ קנאַפּן אינטערעס, ווייל עס איז כמעט נישט אַריבער אַ טאָג, אַז די ציייטונגען זאָלן נישט זיין פול מיט ידיעות, וועגן רויב-אָנפאַלן אין פאַרשידענע טיילן פון אַמעריקע. אין אָט דעם פאַל האָט די טעלעגראַפן-אַגענטור נישט געהאַלטן פאַר נויטיק, צו מעלדן, אַז די נעמען פון דידאָזיקע צוויי אַרעסטירטע זענען ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי.

סוף פון ערשטן בוך

פאַרלאַג י. א. צוקער ווארשע

דאָס צווייטע בוך „באָסטאָן", ראָמאַן, וואו ס'ווערט גע-
שילדערט די סאַקאָ-וואַנצעטי טראַגעדיע דערשיינט
דעם קומענדיקן חודש

שוין דערשינען:

1) „דער געהיימנישפולער פאַברעכער" פון באַרימטן
ענגלישן שריפטשטעלער עדגאַר אוּאָלעס, העכסט
סענסאַציאָנעלער שפּאַנענדער ראָמאַן. יעדעס זייטל לייענט
זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. די ערשטע יידישע איבער-
זעצונג פון וועלט-באַרימטן אואָלעס.

2) „די ווילד-בליענדיקע יוגנט" פון באַרימט גע-
וואָרענעם אַמעריקאַנישן שריפטשטעלער ראָבערט
ס. קאַר. אַ ראָמאן וואָס באַלויכט מיט אַ העלן שיין
די נשמות פון דער אונטערוואַקסנדיקער מאָדערנער יוגנט.
דער לעבהאַפטיקער סטיל פון דאָזיקן יונגען אייגנאַר-
טיקן שריפטשטעלער און די אַקטועלע טעמע פאַזיכערן
דעם בוך אַ געוואַלדיקן דערפאָלג.

3) **פ. א. לאַנגע „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם"**
דערשינען צום ערשטן מאָל אין יידיש
באַרימט פּאָפּולער בוך פון באַרימטן דענקער. אַ האַנט-
בוך פאַרן באַוואוסטזיניקן לעזער, אַן אוצר פון וויסן
און אַ לייכטער אָנציענדער פאָרם.

— פרייז 7.50 זל. —

אַדרעס פון פאַרלאַג:

Księg. Sz. Cukier, Warszawa, Dzielna 18
konto czek. P. K. O. 2.992.